STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05592

# IDISHER ARBEYTER YOHR-BUKH UN ALMANAKH 1927

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אידישער
# ארבייטער יאהר-בוך
# און אלמאנאך

## 1927

רעדאגירט פון
**א. וואהלינער.**

**JEWISH LABOR YEAR BOOK AND ALMANAC**

Published by the
POALE ZION
32 Union Square, New York

Copyright 1927
By the Poale Zion

200

אַפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ., 476 בראָדוויי, ניו יאָרק.

# אַ פּערזענליכע אײַנלאַדונג

— פון —

## „דער עלטסטער אידישער באנק"

עם וועט פיל ביישטייערען צו
אייער פּערזענליכען גליק, אויב
איהר וועט אזוי ארראנזשירען
אַייערע אויסגאבען איהר זאָלט
יעדע וואך קענען רעגעלמעסיג
אָפּשפּאָרען א באַשטימטע סומע
אין דעם טהריפט דעפּארטמענט

— פון —

# די סטייט באַנק

וועלכע האָט איצט פערצעהן
ברענטשעס אין אלע טיילען פון
גרייטער ניו יאָרק. איינע פון דיזע
ברענטשעס געפינען זיך לעבען אַייך.

**די סטייט באַנק צאָהלט**
**קאמפּאונד אינטערעסט**
**יעדע דריי חדשים.**

דער גרוים פּארמעגען פון די
סטייט באנק באטרעפט איבער

# 125 מיליאָן דאָלאר

## וואָס די סטייט באַנק קען טהאָן פאר אייך

### אינטערעסט דעפּארטמענט

דעפּאזיטס אויף אינטערעסט
אקאונטס קענען געמאכט ווערען
אין הויפּט אָפּיס אדער אין די
ברענטש אָפּיסעס, ביז 8 אוהר ביי־
נאכט. 4 מאָל א יאָהר ווערט גע־
צאָרגט קאָמפּאונד אינטערעסט.

### פאָרעין דעפּאַרטמענט

די סטייט באַנק האָט קאָ־
רעספּאָנדענטען אין יעדער הויפּט
שטאָדט פון דער וועלט, און צאָלט
אוים אמעריקאנער דאָלארען אין
גאנץ פּוילען, אין סאָוועט־רוסלאנד,
דייטשלאנד, רומעניען, פּאלעסטינא
און אלע אנדערע לענדער, צו די
ביליגסטע פּרייזען.

אונזערע טרעוועלערס לעטערס
און קרעדיט ווערען אויסגעצאָלט
אין אלע וויכטיגסטע שטעדט אין
דער וועלט.

אונזערע קאָמערציעלע לע־
טערס און קרעדיט פאַרלייכ־
טערען דעם אימפּאָרט און עקס־
פּאָרט פון וואָרע. בילס און עקס־
טשיינדזש ווערען קאָלעקטירט.

אונזערע בעאמטע זיינען אימער
גרייט אייך צו ראטען אין אלצ־
דינג וואס האָט צו טאָן מיט'ן
אויסלענדישען האנדעל.

### אינוועסטמענט דעפּארטמענט

דיזער דעפּארטמענט איז אָר־
גאניזירט פאר'ן אויסשליסליכען
צוועק צו געבען אונזערע קאָסטי־
מערס און פריינד די בעסטע און
נייעסטע אינפארמאציעס און ראָט
וועגען באָנדס און סטאָקס, יונײַ־
טעד סטייטס און מיוניסיפּאָל
סעקיוריטיס. מיר זיינען גרייט
פאר אייך צו קויפען און פאר־
קויפען אלערליי סעקיוריטיס.

### טראָסט דעפּארטמענט

די סטייט באנק איז אויטאָ־
ריזירט צו זיין אנפארטרויט אלס
טראָסיט, עקזעקיוטאָר, אדמיניסט־
ראטאָר, רעדזשיסטראר פון סטאָקס
און באָנדס, און אז. וו.

### סייף דעפּאָזיט וואָלטס

# THE STATE BANK

MEMBER NEW YORK CLEARING HOUSE ASSOCIATION

Main Office:

**374-378 Grand Street, New York, N. Y.**

MANHATTAN

100 Essex Street
Fifth Ave. & 30th Street
Fifth Ave. and 115th Strtet

BRONX

Westchester Ave. & 158th St.
1046 Southern Boulevard
822-4 East Tremont Ave.
1510 Westchester Ave.

BROOKLYN

Pitkin and Stone Aves.
Graham Ave. & Varet Street
Blake & Van Sicklen Aves.
1455 St. Johns Place
49th Street and 13th Avenue
18th Ave. & 60th Street

CONEY ISLAND

Mermaid Ave. and 27th Street

# אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר

## פאַר אַרבייט און אויפבוי אין ארץ־ישראל!

### דער ארבייטער קאמפיין

פאַר אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר, וועלכער איז פּראָקלאמירט געוואָרען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און אַנדערע אַרבייטער אָרגאניזאַציעס, קומט צו באַפעסטיגען און פאַרברייטערען די וואונדערבאַרע אַרבייט פון דער „הסתדרות“ מיט איהרע פילע קאָאָפּעראטיווע אינסטיטוציעס אין שטאָדט און אין דאָרף

### דער ארבייטער קאמפיין

העלפט בויען און שאפען די ארבייטער געזעלשאַפט אין אר״ן ישראל אויף קאָאָפּעראטיווע און סאָציאַליסטישע יסודות

### יעדער דאָלאר פאר אונזער קאמפיין

ווערט פארוועגדט אויף א קאָנסטרוקטיווען אופן און שטאַרקט די פּאָזיציעס פון דעם אידישען אַרבייטער אין ארץ־ישראל.

וואָס גרעסער די רעזולטאַטען — אַלץ קרעפטיגער דער אַרביי־טער־כח אין ארץ־ישראל.

**באַטייליגט זיך אין דער גרויסער היסטאָרישער ארבייט! ווערט אן אקטיווער טוער און וואלונטיר אין אונזער קאמפיין! טראָגט צו א ציגעל צום הערליכען בנין פון דער „הסתדרות“!**

שיקט אריין אייער בייטראג צום
טרעזשורער פון קאמפיין־קאָמיטעט:

MAX ZUCKERMAN, Treasurer

**PALESTINE LABOR CAMPAIGN**

32 Union Square
New York City

# אינהאַלט


לוח.

פאָרוואָרט.

צו דער געשיכטע פון פועלי־ציוניסטישען געדאַנק — פון יצחק זאַר — — — — — 11

צוואַנציג יאָהר פועלי־ציוניזם — פון ב. לאָקער — — — — — — — — — 32

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא — פון ברוך צוקערמאַן — 43

די פועלי־ציון פּאַרטיי אין אַמעריקא — פון ה. עהרענרייך — — — — — — 50

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא — פון ה. סילווער — — — — — — 59

ד פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען — פון מאַקס פּיין — — — — — — 69

די אידישע יוניאָנס — פון ז. שער — — — — — — — — — — — — 74

אידישע אָרדענס אין אַמעריקא — פון מאיר בראַון — — — — — — — 87

דער העברעאישער שול־וועזען אין אַמעריקא — פון אברהם לעווין — — — — 101

די אידישע פאָלק־שול — פון ש. שאַפּיראָ — — — — — — — — — — 106

אידישע פאַרמעריי אין אַמעריקא — פון י. קאַצאָוויטש — — — — — — 114

אידישע ערד־אַרבייט אין אַנדערע לענדער — — — — — — — — — 117

דאַס אידישע לעבען אין קאַנאַדע — פון א. ריינוויין — — — — — — — 118

אַמעריקאַנער בירגער און בירגערשאַפט — פון ראובן פינק — — — — — — 121

אַלוועלטליכע אַרבייטער־באַוועגונג:

אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פאַרשידענע לענדער — — — — — — — — 128

טרייד־יוניאָנס לויט ריכטונגען — — — — — — — — — — — — — 130

מיטגלידערשאַפט פון אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — 133

אַרבייטער־פאַרדינסטען נאָך דער מלחמה — — — — — — — — — — 133

וואוקס פון פאַרדינסטען און לעבענס־קאָסטען — — — — — — — — — 136

דורכשניטליכע אַרבייטער־פאַרדינסטען — — — — — — — — — — — 136

קאָאָפּעראַטיווען:

קאָאָפּעראַטיווען אין אַמעריקא — — — — — — — — — — — — — — 137

קאָאָפּעראַטיווען אין אַנדערע לענדער — — — — — — — — — — — 138

אידישע קאָאָפּעראַטיוויין — — — — — — — — — — — — — — — — 142

אידישע אַרבייטער אין רוסלאַנד — — — — — — — — — — — — — — 143

די צאָל אידען אויף דער וועלט:

צאָל אידען לויט קאָנטינענטען — — — — — — — — — — — — — — 144

אידען אין אייראָפּא — — — — — — — — — — — — — — — — — — 144

אידען אין אַזיע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 145

אידען אין אויסטראַלעזיע — — — — — — — — — — — — — — — — 146

אידען אין אַפריקא — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 147

אידען אין דער ענגלישער איבפּעריע — — — — — — — — — — — — — 148

אידען אין מעקסיקאָ — — — — — — — — — — — — — — — — — — 149

אידען אין רוסלאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — — — 149

אידען אין פראַנקרייך — — — — — — — — — — — — — — — — — 149

אידען אין פאַרשידענע שטעדט — — — — — — — — — — — — — — 150

אידען אין אַמעריקא:

אָפּשאַצונג פון דער אידישער באַפעלקערונג — — — — — — — — — — — 151

אידישע באַפעלקערונג אין די שטאַטען — — — — — — — — — — — — 151

אַמעריקאַנער שטעדט מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון 1,000 און מעהר — — 152

אידישע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק — — — — — — — — — — — — — 154

10 אַמעריקאַנער שטעדט מיט דער גרעסטער צאָל אידען — — — — — — — 154

אידיש און העברעאיש — מוטער־שפּראַכען אין אַמעריקא — — — — — — — 155

אידען אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס — — — — — — — — — — — — — — 156

אידישע אימיגראציע:

אידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקא, 1881—1925 — 158

אידישע אימיגראַציע, 1881—1898 — 158

אידישע אימיגראַציע, 1899—1907 — 158

אידישע אימיגראַציע, 1908—1924 — 159

דעפּאָרטירטע און צוריקגעשיקטע אימיגראַנטען — 160

אידישע איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינא — 160

אידישע אימיגראַציע קיין קאַנאַדע — 161

קענעדער שטעדט מיט אַ אידישער באַפעלקערונג איבער 500 — 161

אידישע באַפעלקערונג אין קאַנאַדע — 162

אידישע באַפעלקערונג אין פּראָווינצען פון קאַנאַדע — 162

אמעריקא:

די שטאַטען פון אַמעריקא — 163

באַפעלקערונג פון אַמעריקא — 165

צאַל מענער און פרויען — 165

באַפעלקערונג לויט ראַסען — 166

אַמעריקאַנער בירגער — 166

פרעמד־געבאָרענע — 166

ווי אייניגע אַמעריקאַנער שטעדט זיינען געוואַקסען — 167

וואוקס פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג זינט 1920 — 168

שטערבליכקייט אין אַמעריקא — 170

אַנאַלפאַבעטען אין אַמעריקא — 170

פאַרדינער אין אַמעריקא — 171

קינדער־אַרבייט אין אַמעריקא — 171

פאַבריק־אַרבייטער און אַנגעשטעלטע — 172

פאַרדינער לויט ראַסע און נאַציאָנאַליטעט — 173

ארבייטער־באנקען אין אמעריקא — 173

ארגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקא — 175

וואוקס פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר — 175

אַרגאַניזירטע אַרבייטער אין דער „פעדעריישאַן" — 175

די יוניאָנס פון דער „פעדעריישאַן" — 175

יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען ניט צו דער „פעדעריישאַן" — 176

אומגליקען אין אַמעריקאַנער קוילען־גרובענס — 176

סטרייקס און לאָק־אויטס — 176

דאס ניו יארקער געזעץ וועגען באגיטיגונג פאר געשעדיגטע ארבייטער — 177

אַרבייטער־פאַרדינסטען אין אַמעריקא — 179

הכנסה־שטייערען — 179

פאַרם־אייגענטום אין אַמעריקא — 180

ווערטה פון פאַרם־פּראָדוקטען — 180

פאַרדינסטען פון פאַרם־אַרבייטער — 180

דורכשניטליכע הכנסה — 181

ווי עס לעבט אַ פאַמיליע מיט דריי קינדער — 182

לעבענס־קאָסטען — 183

שכירות און לעבענס־קאָסטען — 184

נאַציאָנאַלע פאַרקען — 184

אימיגראציע קיין אמעריקא:

אַלגעמיינע אימיגראַציע — 185

צוריקגעשיקטע און דעפּאָרטירטע — 186

אימיגראַציע דורך פאַרשידענע פּאָרטען — 186

אימיגראַציע אין 1926 — 186

נאַטוראַליזירונג — 187

אימיגראַציע־קוואָטאָס — 188
די נײַ־געפּלאַנטע קוואָטאַ — 189
דאָס נאַציאָנאַלע רײַכטום פון אַמעריקאַ — 190
דאָס נאַציאָנאַלע רײַכטום פון אַנדערע לענדער — 191
אַמעריקאַנער עקספּאָרט און אימפּאָרט — 191
פּרעזידענטען פון אַמעריקאַ — 192
צאָל קאָנגרעסלײַט — 193
הכנסות און הוצאות פון דער רעגירונג — 193
ווײַטקייט צווישען אַמעריקאַנער שטעדט — 194
געזעצליכע ימים טובים — 195
די שטאָדט ניו יאָרק — 197
קוואַליפיקאַציעס פאַר שטימען — 198

## ארץ־ישראל:

געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל — 202
יורידישער סטאַטוס פון ארץ־ישראל — 204
געריכטען אין ארץ־ישראל — 207
הוצאות און הכנסות פון דער ארץ־ישראל רעגירונג — 210
שטח פון ארץ־ישראל באָדען — 212
וואוקס פון אידישען ישוב — 213
באַפעלקערונג לויט ראַסען און רעליגיע — 213
באַפעלקערונג לויט געשלעכט — 213
שטאָדטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג — 213
געבורטען און שטערבליכקייט — 213
נאַטירליכער צואוואוקס צו דער באַפעלקערונג — 214
שטאָדטישע באַפעלקערונג אין 1925 — 214
אײַנוואַנדערונג ביז יולי, 1926 — 214
אימיגראַנטען פון פאַרשידענע לענדער — 215
פּראָפעסיעס פון די אײַנגעוואַנדערטע — 216
אימיגראַנטען לויט זייער קענטשאַפט פון העברעאיש — 217
פאַרטיילונג פון אימיגראַנטען אין שטאָדט און דאָרף — 218
אימיגראַנטען מיט הסתדרות־סערטיפיקאַטען — 218
טוריסטען־באַוועגונג — 219
אימפּאָרט און עקספּאָרט — 219
ווערטה פון אידישע אינדוסטריען אין ארץ־ישראל — 221
בוי־באַוועגונג — 221
ווערטה פון אידישע ווירטשאַפטען אין די קאָלאָניעס — 222
אײַזענבאַן־ליניען — 222
ארץ־ישראל׳ער שולעס — 223

## די ארבייטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל:

הסתדרות הכללית — 225
הסתדרות לויט פּראָפעסיעס — 226
אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער לויט פּלעצער — 226
אַנשטאַלטען פון הסתדרות — 226
קאָאָפּעראַטיווען פון הסתדרות — 227
די קבוצה און מושב־עובדים — 228
אַגריקולטורעלע אַרבייטער־ווירטשאַפטען — 230
לאַנדווירטשאַפטליכע לוין־אַרבייטער — 232
אַרבייטסלאָזיגקייט — 233
סטרייק־באַוועגונג — 234
אַרבייטער־אימיגראַציע — 235
די פאַכען פון די אַרבייטער אין חוץ־לארץ און אין ארץ־ישראל — 236

ארבייטס־צייט — 237
פאליטישע גרופירונגען — 238
בילדונג פון דער ארץ־ישראל ארבייטערשאפט — 239
המשביר — 240
הכנסות פון פאלעסטינא ארבייטער־פאנד — 241
אינוועסטירונגען פון פאלעסטינא ארבייטער־פאנד — 242
ארבייטער־באנק — 243
סולל־בונה — 244
קולטורעלע און געזעלאפטליכע ארגאניזאציעס — 245
פאליטישע פארטייען אין ארץ־ישראל — 245
ארץ־ישראל פרעסע — 247
פארלאגען און ביבליאטעקען — 249
האנדעלס אנשטאלטען — 249
פאבריקען און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — 250
פאליטישע און געזעלשאפטליכע אנשטאלטען — 252
ארץ־ישראל'דיגע ציוניסטישע עקזעקוטיווע — 256
הדסה — 258
קופת חולים — 258
שפיטאלען — 258
קאלאניעס און דערפער — 259
טייכען און אזיעראס — 269
טהאלען — 270
בערג — 271
בוכטעס — 272
היסטארישע פלעצער — 272
פועלי־ציון לאנד־פארטייען — 273
דער איצטיגער מצב פון דער פועלי־ציון פארטיי — פון י. העמלין — 287
דער אידיש־נאציאנאלער ארבייטער־פארבאנד — פון סיגאל — 291
ציון־אפיעל — פון דר. גיטלין — 295
אידישע ארגאניזאציעס אין אמעריקא — 296
אידישע פעריאדישע אויסגאבען אין אמעריקא — 300
סאציאליסטישע פארטייען — 304
אלוועלטליכער פועלי־ציון פארבאנד — 307

היסטארישע און ביאגראפישע דאטען:

אלגעמיינע — 310
פון דער אידישער געשיכטע — 313
פון דער אידיש־אמעריקאנישער געשיכטע — 317
פון דער סאציאליסטישער און ארבייטער־באוועגונג — 319

די וועלט און די מענשען:

די באפעלקערונג פון דער וועלט — 353
די באפעלקערונג לויט ראסען — 354
די שפראכען פון דער וועלט — 355
די באפעלקערונג לויט רעליגיעס — 356
לענדער, מלוכות און הויפטשטעדט — 357
שטעדט מיט א באפעלקערונג פון 200,000 און מעהר — 372
דירעקטארי — 375

## JANUARY—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | 1 |
| 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 |
| 9 | 10 | 11 | 12 | 13 | 14 | 15 |
| 16 | 17 | 18 | 19 | 20 | 21 | 22 |
| 23/30 | 24/31 | 25 | 26 | 27 | 28 | 29 |

## FEBRUARY—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 |
| 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |
| 13 | 14 | 15 | 16 | 17 | 18 | 19 |
| 20 | 21 | 22 | 23 | 24 | 25 | 26 |
| 27 | 28 | | | | | |

## MARCH—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 |
| 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |
| 13 | 14 | 15 | 16 | 17 | 18 | 19 |
| 20 | 21 | 22 | 23 | 24 | 25 | 26 |
| 27 | 28 | 29 | 30 | 31 | | |

## APRIL—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 1 | 2 |
| 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 |
| 10 | 11 | 12 | 13 | 14 | 15 | 16 |
| 17 | 18 | 19 | 20 | 21 | 22 | 23 |
| 24 | 25 | 26 | 27 | 28 | 29 | 30 |

## MAY—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |
| 8 | 9 | 10 | 11 | 12 | 13 | 14 |
| 15 | 16 | 17 | 18 | 19 | 20 | 21 |
| 22 | 23 | 24 | 25 | 26 | 27 | 28 |
| 29 | 30 | 31 | | | | |

## JUNE—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | 1 | 2 | 3 | 4 |
| 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 11 |
| 12 | 13 | 14 | 15 | 16 | 17 | 18 |
| 19 | 20 | 21 | 22 | 23 | 24 | 25 |
| 26 | 27 | 28 | 29 | 30 | | |

## JULY—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 1 | 2 |
| 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 |
| 10 | 11 | 12 | 13 | 14 | 15 | 16 |
| 17 | 18 | 19 | 20 | 21 | 22 | 23 |
| 24/31 | 25 | 26 | 27 | 28 | 29 | 30 |

## AUGUST—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |
| 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 | 13 |
| 14 | 15 | 16 | 17 | 18 | 19 | 20 |
| 21 | 22 | 23 | 24 | 25 | 26 | 27 |
| 28 | 29 | 30 | 31 | | | |

## SEPTEMBER—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 1 | 2 | 3 |
| 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 |
| 11 | 12 | 13 | 14 | 15 | 16 | 17 |
| 18 | 19 | 20 | 21 | 22 | 23 | 24 |
| 25 | 26 | 27 | 28 | 29 | 30 | |

## OCTOBER—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | 1 |
| 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 |
| 9 | 10 | 11 | 12 | 13 | 14 | 15 |
| 16 | 17 | 18 | 19 | 20 | 21 | 22 |
| 23/30 | 24/31 | 25 | 26 | 27 | 28 | 29 |

## NOVEMBER—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 |
| 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |
| 13 | 14 | 15 | 16 | 17 | 18 | 19 |
| 20 | 21 | 22 | 23 | 24 | 25 | 26 |
| 27 | 28 | 29 | 30 | | | |

## DECEMBER—1927

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | 1 | 2 | 3 |
| 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 |
| 11 | 12 | 13 | 14 | 15 | 16 | 17 |
| 18 | 19 | 20 | 21 | 22 | 23 | 24 |
| 25 | 26 | 27 | 28 | 29 | 30 | 31 |

## אידישע יום טובים:

פורים — דעם 18טען מערץ.
פסח — אפריל 17 ביז 24.
שבועות 6טער און 7טער יוני.
ראש־השנה — סעפטעמבער 27 און 28.

יום כפור — דעם 6טען אָקטאָבער.
סכות — דעם 11טען אָקטאָבער ביז דעם 19טען אָקטאָבער.
חנוכה — דעצעמבער 19 ביז 26.

# פאָרוואָרט

דער „אידישער ארבייטער אַלמאַנאַך" איז געקומען צו דערפילען א נויטיגע באדערפניש אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. עס פיהלט זיך שוין לאנג די נויטיגקייט פון א יאָהר־בוך, וואָס זאָל מיט דער נויטיגער גלייכגעוויכט ארומנעמען אַלע פאזען פון דעם אידישען ארבייטער־לעבען און אַלע צווייגען פון אונזער קולטור. מיר האָבען זיך באמיהט צו געבען אַלזייטיגע און פולע אינפאָרמאציע פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער און ארבייטער־באוועגונג, פון דעם אידישען לעבען אין אַלע לענדער, פון דער היגער ארבייטער־באוועגונג און פון אונזערע געזעלשאפטליך־קולטורעלע אינסטיטוציעס. אונזער אַלמאַנאַך איז באזונדערס רייך אין סטאַטיסטישע מאַטעריאַלען און אין ברייטער אינפאָרמאציע וועגען די פארצווייגטע און אייגענאַרטיגע ארבייטער־אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל.

אויסער דעם רייכען אינפאָרמאטיווען טייל, אנטהאַלט דער „אידישער ארבייטער אַלמאַנאַך" באַלעהרענדע באַלייכטונגען און אָפּשאַצונגען איבער די וויכטיגסטע ארבייטער־פּראָבלעמען, געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס.

עס וועט ניט זיין קיין זינד געגען דער באשיידענהייט, ווען מיר וועלען זאָגען, אז דער „אידישער ארבייטער אַלמאַנאַך" איז א וויכטיגער בייטראג צו דער אידישער ארבייטער־ליטעראַטור און איז א רייכער קוואַל פון אינפארמאציע, באַלייכטונג און אויפקלעהרונג.

מיר זיינען דעריבער זיכער, אז ער וועט ווארים און מיט גרויס אינטערעס אויפגענומען ווערען פון די אידישע פאָלקס־מאַסען, פארשפרייט און געלעזען ווערען פון גרויסע שיכטען, און דורך דעם העלפען אונז נאָך אינהאַלטרייכער און שעהנער מאכען די קומענדיגע אויסגאַבען פון דעם „אידישען ארבייטער אַלמאַנאַך", וועלכער וועט פון איצט אָן ווערען א פערמאַנענטע, יעהרליכע אינסטיטוציע פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער וועלט.

**צענטראַל קאָמיטעט**
**פון דער אידישער סאָציאַליסטישער**
**אַרבייטער פּאַרטיי „פּועלי ציון".**

# צו דער געשיכטע פון פועלי־ציוניסטישען געדאַנק

פון יצחק זאר

דער פועלי־ציוניזם איז די אידעאָלאָגישע פאַרבינדונג פון דעם סאָציאַליזם אַלס אידעאַל פון אַל־מענשליכער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַפרייאונג און דעם ציוניזם אַלס אידעאַל פון דער פּאָליטיש־טעריטאָריאַלער ווידערגעבורט פון אידישען פאָלק. ער האָט זיין פּאָליטישען פּנים אין דער פּראָגראַם און טעטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט דעם אייגענטליכען נאָמען „פּועלי־ציון" שוין איבער 25 יאָהר. אָבער די געשיכטע פון דעם פועלי־ציוניסטישען געדאַנק ענט־האַלט א רייהע פון שטופּען און אויסדרוקס־פאָרמען, וועלכע גרייכען א סך טי־פער אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי א פערטעל יאָהרהונדערט און א סך ברייטער ווי די אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט דעם אייגענטליכען נאָמען.

די געשיכטע פון דער פועלי־ציוניסטישער פּ אַ ר ט י י מוז זיך אָנ־הויבען מיט'ן יאָהר 1906, ווען זי איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרען אין פּאָל־טאַווא, רוסלאַנד, און אַלץ, וואָס איז געשעהן ביז יענעם היסטאָרישען דאַ־טום געהערט צו דער פאָרגעשיכטע פון דער פּאַרטיי.

די געשיכטע פון דער פּועלי־ציוניסטישער ב אַ וו ע ג ו נ ג מוז זיך אָנהויבען פון יענעם יאָהר און מיט יענע גרופּען, ווען און וועלכע האָבען צוערשט זיך פאַרבונדען מיט א באַשטימטען פּראָגראַם אין די אינטערעסען פון ציוניזם און סאָציאַליזם, — אין וועלכער פאָרם און אונטער וועלכען נאָמען דאָס זאָל ניט האָבען געשעהן. דעם אָנפאַנג פון דער באַוועגונג וואָלט מען געדאַרפט זוכען א סך פריהער ווי אין דער הערצל תקופה פון ציוניזם, — וואַרשיינליך שוין אין די 80־ער יאָהרען, ווען עס זיינען ענטשטאַנען סטודענטישע גרופּען פון חובבי־ציון אין די רייהען פון די קרייזען, וואו דער סאָציאַליזם האָט געוואָר־נען א געוויסען איינפלוס.

זיכער איז אָבער, אַז די געשיכטע פון דער פועלי־ציוניסטישער א י ד ע ל אָ־ג י ע הויבט זיך אָן נאָך פריהער ווי די פּאַרטיי אָדער די באַוועגונג. זי פאַלט צוזאַמען מיט דער תקופה, ווען דער סאָציאַליסטישער געדאַנק — אָדער קאָ־מוניסטישער, ווי ער האָט דאַן אויך געהייסען — האָט גענומען פאַרכאַפּען איינ־צעלנע אידישע מוחות.

דער ערשטער, וויכטיגסטער און גרעסטער, איז משה העס, וועלכער ווערט מיט רעכט געהאַלטען פאַר דעם ערשטען טעאָרעטיקער פון ציוניזם, אין דעם זין, וואָס ער האָט פאַרבונדען דעם ציוניזם מיט זיין אויפפאַסונג פון דער מענש־ליכער ענטוויקלונג בכלל. זיין ציוניזם איז א ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ש ע ר. ער זעהט אין דעם אידישען פאָלק דעם אורקוואַל פון דער מאָראַלישער און רע־ליגיעזער ענטוויקלונג פון אַלע פעלקער און ארץ ישראל איז ביי איהם דאָס לאַנד, וואָס וועט באַנייען דעם אידישען גייסט און טרייבען פאָרווערטס די

גאַנצע מענשהײט. אין יענע צײטען, בײ דער װיגעלע פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג, איז קאָסמאָפּאָליטיזם געװען אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער אידעאַל, װען דער פּאַרקעמפער פון אַ פאָלקס רעכט האָט געדאַרפט זיך און אַנדערע איבער־ציײגען, אַז ניט נאָר איז מותר און נוצליך פאַר דער מענשהײט, אַז דאָס באַ־טרעפענדע פאָלק זאָל זײן פרײ, נאָר אַז דאָס פאָלק האָט אַ באַשטימטע מיסיע אין דער װעלט דורכצופיהרען. אין דער ריכטונג האָט מאַדזיני געפיהרט זײן פּראָפּאַגאַנדא פאַר דער באַפרײאונג פון איטאַליען. העס איז געגאַנגען אַ ביסעל װײטער און געזוכט צו דערװײזען, אַז אָהן ציוניזם איז כלל ניט מעגליך קײן פּראָגרעס פאַר דער גאַנצער װעלט. ער איז געװען מיט דער מײנונג, אַז אַלע פרײהײטען, אײנגעשלאָסען די פּרינציפּען פון דער פראַנצױזישער רעװאָלוציע, האָבען זײער ערשטען מקור אין אידענטום.

העס איז געװען אַ סאָציאַליסט, און סאָציאַליזם פאַר איהם האָט געמײנט דער גאַנצער סכום פון פרײהײטען און גליק, װאָס מען קען נאָר פאַרלאַנגען פון דער מענשהײט און אַזױ װי ער האָט אין ציוניזם געזעהן דעם מקור פון דער װעלט־קולטור אין עטישען זין, קומט אױס, אַז דער ציוניזם איז בײ איהם דער מקור און פונדאַמענט פון סאָציאַליזם.

אַזױ װײט אָדער אַזױ הױך איז קײנער ניט געגאַנגען, ניט פאַר איהם און ניט נאָך איהם. ער שטעהט גאַנץ אַלײן אין דעם פאַרנעהם פון זײן ציוניזם אַלס גרונט און פאַקטאָר פון װעלט־קולטור אָדער סאָציאַליזם. אַלע טעאָריעס נאָך איהם האָבען זיך געדרעהט אַרום האַרמאָניזירען סאָציאַליזם מיט ציוניזם און אַרום דעם ציוניזם אַלס נױטװענדיגקײט אָדער לאָגישער פועל־יוצא פון סאָציאַליזם צוגעפּאַסט צו אידען.

אין קורצען הײסט עס דעריבער, אַז די געשיכטע פון ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ־ ש ע ן ציוניזם האָט איהרע װאָרצלען אין דעם צ י ו נ י ס ט י ש ע ן סאָציאַליזם פון מאָזעס העס. אױסער דעם אונטערשײדען זיך זײנע נאָכפאָלגער אױף דעם געביט פון פועלי־ציוניזם מיט דעם, װאָס זײער פילאָזאָפיע איז מעהר אָדער װײניגער געפאַרבט מאַטעריאַליסטיש און זײער סאָציאָלאָגיע מעהר אָדער װײ־ניגער מאַרקסיסטיש. העס אָבער, װעלכער איז געװען עלטער פאַר מאַרקס׳ן אין יאָהרען, האָט אױך געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אױפפאַסונג פון דער װעלט און דער געשיכטע. ער איז געװען אַ ג ע ג נ ע ר פון מאַטעריאַליזם אַלס פילאָזאָפיע און שטאַרק געהאַלטען פון עטיק און פון ג אָ ט ה י י ט — אין דער העכערער מעטאַ־פיזישער פאָרם, זײענדיג אין דערזעלבער צײט אַ געגנער פון רעליגיעזען אבערגלױבען.

מעגליך, אַז אין דעם דאָזיגען אונטערשײד אין דער פילאָזאָפישער און סאָציאָלאָגישער גרונטלאַגע צװישען העס און מאַרקס ליגט די ערקלערונג, פאַר־װאָס העס איז געבליבען אָהן װירקונג אױף דער ענטשטעהונג און אױסבילדונג פון דער פועלי־ציוניסטישער באַװעגונג, װעלכע איז געקנאָטען און געװױקט אין דער פילאָזאָפיע פון מאַטעריאַליזם און מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע אפילו בײ יענע, װעלכע, װי דער שרײבער, למשל, האָבען קײנמאָל ניט אָנגענומען דעם מאַרקסיזם אַלס גרונט־ריכטונג. און אַזױ איז אַ גלענצענדער אָנפאַנג אין די יאָהרען 1862 און 1864 אַװעק אָהן דעם געהעריגען אײנפלוס. די ערשײנונג

אויף דער וועלט־אַרענא פון דאַרווינ'ען און מאַרקס'ן האָט פאַרצויגען דעם פאַר־האַנג — פאַר אַ לאַנגע ווײַלע — איבער אַלע דיינקער פון דער פאַר־פעריאָדע.

לאָמיר אָבער אויך ניט פאַרגעסען, אַז עס האָט גענומען אַ שעהן בינטעל יאָהרען ביז עס איז אויסגעוואַקסען אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון באַדיי־טונג אויף די יסודות פון מאַרקסיזם — אָדער אירגענד וועלכע יסודות. הגם מאַרקס האָט געשריבען דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט און דעם אינאַוגוראַל־אַדרעס פון ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, קען מען ריידען וועגען אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג ערשט אָנפאַנג די אַכציגער יאָהרען, אַ באַוועגונג וואָס האָט אין 1889 געגרינדעט דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל און געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווי אונזער דור קען זי.

דער ציוניזם פון די 60־ער יאָהרען דורך דער חיבת ציון עפּאָכע ביז הערצל'ן האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער אַרענא פון אייראָפּעאישען ליבעראַליזם און סאָ־ציאַליזם. עס האָט זיך געמוזט עפענען דער האָריזאָנט בכלל איידער איינצעלנע אידען האָבען געקענט נעהמען טראַכטען וועגען זייער באַפרייאונג. עס האָבען געמוזט באַפרייט ווערען איינצעלנע אידישע קבוצים איידער דאָס גרויסע רוסי־שע אידענטום זאָל אָנהויבען דענקען פון זיין באַפרייאונג און די לאַגע אין רוס־לאַנד, וועלכע האָט זיך פאַר אידען פאַרערגערט האָט געדאַרפט צוזאַמענפאַלען מיט די אָנגעגרייטע, אַזוי צו זאָגען, אידעאָלאָגישע ריכטונגען, אַז דער ערוואַכטער גייסט זאָל זיך קענען אַ קירעווע טאָן אין דער ריכטונג פון ליבעראַליזם און סאָ־ציאַליזם.

און דערפון נעהמט זיך די השכלה־באַוועגונג, דאַן די חיבת ציון באַוועגונג און דאַן אָדער צו דערזעלבער צייט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביי די אידען. אָט פאַרוואָס מאָזעס העס, ווי קאַרל מאַרקס זיינען געבליבען אָפּגעטיילט פאַר אַ געוויסער צייט פון די באַוועגונגען, וועלכע האָבען ערשט שפּעטער זיך ענט־וויקעלט און ארייגענומען די יסודות פון זייער אידעאָלאָגיע אין דער טעאָרע־טישער פּראָגראַם.

רוסלאַנד איז שפּעטער פון אַלע לענדער אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם שטראָם פון ליבעראַליזם — אין דעם ווייטסטען זין פון וואָרט. ערשט נאָך דעם קרימער קריג מיט זיינע ערשיטערונגען איז געקומען די אָפּשאַפונג פון לייב־אייגענטום און דאַן די ערוואַכונג אין דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט געפיהרט אין די 70־ער יאָהרען צו דער באַוועגונג, וועלכע איז באַקאַנט אַלס נאַראָדאַ־אָדער זעמלע־וואָלטשעסקע. און אונטערשיידעט זיך פון די פריהערדיגע פאַרזו־כען מצד קלענערע גרופּען דורך איהר סאָציאַל־עקאָנאָמישען אינהאַלט — און סאָציאַליסטישער פאַרבונג. אויפקלערען און צוגרייטען דאָס פאָלק („געהן אין פאָלק") און טעראָריסטישער קאַמף נעגען איינצעלנע אונטערדריקער זיינען די צוויי הויפּט־סמנים פון דער באַוועגונג, וועלכע איז געווען דער אָנפאַנג און די פאָרגענגערין פון די שפּעטערדיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען.

אַזוי ווי אידען קענען אין בעסטען פאַל נאָכגעהן נאָך דער אויסערער וועלט, קען מען ניט ערוואַרטען קיין אידען רעוואָלוציאָנערען, אין אירגענד וועלכער פאָרם, סיידען ווי אין דער פּעריאָדע פון דער ערוואַכונג אין

רוסלאנד. און אידישע רעוואלוציאנערען ערשיינען אויף דער אידישער גאס אין דערזעלבער צייט, יחידים און דאן קלענערע קרייזלאך. די השכלה פון איין זייט און די רעוואלוציאנערע געדאנקען אויף דער רוסישער גאס — פון דער צווייטער האבען געקענט דא און דארט פיהרען צו דער אויסבילדונג פון א אידישען רעוואלוציאנער.

דער דאזיגער רעוואלוציאנער האט געשטעקט מיט זיין נשמה אין אי־דענטום און ער האט געזוכט צו אגיטירען זיינע נייע אידעען צווישען איהם עהנליכע עלעמענטען. מיר האבען אויף אזא אופן צוויי טיפען. דער וואס האט געקראגען ערציהונג אין דער אוניווערזיטעט — אונטער דעם אידיש־ליבעראלען רעזשים פון אלעקסאנדער דעם צווייטען, פון 1856 ביז 1881, דאס איז דער טיפ פון אסימילירטען אידישען רעוואלוציאנער. דער צווייטער איז געקומען פון דער ישיבה און השכלה און הגם קאסמאפאליטיש אין אידעאל, איז ער דאך געווען נאציאנאל אין נשמה און דענקונגס־ארט.

## דער העברעאישער סאציאליזם.

אונז אינטערעסירט ניט דא דער ערשטער טיפ, וועלכער ליגט מחוץ למחנה און איז אידיש בלויז אין ראסען־זין. אונז אינטערעסירט די אידעאלאגישע ענטוויקלונג פון דעם אידישען רעוואלוציאנער, וועלכער האט געארבייט צווישען אידען, און דא שטויסען מיר זיך אן אויף דעם העברעאישען סאציאליזם אלס דעם סאמע אנפאנג פון א אידישער סאציאליסטישער באוועגונג, וועלכע האט פון זיך געגעהרט סיי דעם „בונד“ און סיי דעם פועלי־ציוניזם.

עס איז געווען נאטירליך, אז דער רעוואלוציאנער וואס וויל גרייכען די אידישע אינטעליגענץ, כדי ערשט דורך איהר צו ווירקען אויף דעם המון, זאל שרייבען העברעאיש. רוסיש האבען געקענט יחידי־סגולה און אידיש איז נאך געווען דער „זשארגאן“, אויף וועלכען קיין אינטעליגענטער מענש האט גאר ניט געטראכט, אז מען קען זיך אויסדריקען ווי געהעריג. די ערשטע אידישע רעוואלוציאנערען האבען זיך ערצויגען אויף דער השכלה־ליטעראטור, ווידער־אמאל אין העברעאיש — און דערפאר זיינען די סטאטוטען פון ערשטען אידישען סאציאליסטישען פאראיין, וואס איז געגרינדעט געווארען פון רוסישע עמי־גראנטען, אין לאנדאן, אין יאהר 1876, געווען אין העברעאיש און דער ערש־טער אידישער סאציאליסטישער זשורנאל איז אויך געווען אין העברעאיש, דער „אמת“.

דעם סאציאליזם האט מען דאן אויפגעפאסט קאסמאפאליטיש און אין די יסודות פון דעם דערמאנטען פאראיין ווערט אוועקגעלייגט אזא דרייפאכער פרינציפ: „אזוי לאנג עס וועט זיין פריוואט אייגענטום, וועט ניט אויפהערען דער עקאנאמישער עלענד; אזוי לאנג די מענשען וועלען זיין געטיילט אין פעלקער און משפחות („כל אשר יחלקו האנשים לגוים ומשפחות לא תסוף האיבה מביניהם) וועט זיין שנאה צווישען זיי און אזוי לאנג עס וועלען הערשען די גייסטליכע איבער'ן פאלק וועט זיין רעליגיאנס־האס“. איהר זעהט, אז די עקזיסטענץ פון פעלקער און ראסען ווערט באטראכט אלס א צרה גלייך ווי פריוואט אייגענטום און קלעריקאליזם.

די אידישע באפרייאונג ווערט געזוכט אין דער אלגעמיינער באפרייאונג: „ווייל מיר אידען זיינען א טייל פון דער מענשהייט, קענען מיר געהאלפען ווערען נאר דורך דער ערלייזונג פון דער גאנצער מענשהייט", — ווערט געזאגט אין דער פרינציפען־ערקלערונג פון יענער „אגודת הסציאליסתים העברים בלונדון".

און דאך איז דער טעארעטיקער און גרינדער פון דער ערשטער אידישער סאציאליסטישער ארגאניזאציע, אהרן שמואל ליבערמאן, א נאציאנאלער איד מיט א שטארקער בענקשאפט נאך אידישער זעלבסטשטענדיגקייט. ער איז געווען געגען אפהאלטען א זיצונג פון דעם פאראיין, וועלכע איז גראד אויסגעפאלען תשעה באב און ער האט עס מאטיווירט (איך ציטיר לויט ש. ל. ציטראנ'ס „דריי ליטעראַרישע דורות", 2טער באנד, ז. 21): „ביים איצטיגען טאג — האט ליבערמאן געזאגט — האט תשעה־באב פאר אונז, אידישע סאציאליסטען, דיזעלבע באדייטונג וואס פאר אלע אנדערע אידען. כל זמן עס איז נאך ניט ענטשטאנען די סאציאלע רעוואלוציע, האט די פאליטישע אומאפהענגיגקייט א גרויסען ווערט פאר יעדען פאלק. דער טאג פון תשעה־באב דערמאנט אונז, אז די אידען האבען פארלארען זייער פאליטישע אומאפהענגיגקייט, און אלענפאלס דארף אונזער פארבאנד האלטען די דאזיגע געשעהעניש אויף אזוי פיל וויכטיג, אז עס איז כדאי אפצולייגען צוליב איהם די זיצונג אויף אן אנדער טאג".

ליבערמאן טרויערט אויף דעם פארלוסט פון אונזער זעלבסטשטענדיגקייט און, ניט קוקענדיג אויף זיין סאציאליסטישען קאסמאפאליטיזם, האט פאר איהם די פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פון יעדען פאלק „א גרויסען ווערט", — „כל זמן עס איז ניט ענטשטאנען די סאציאלע רעוואלוציע". ווי עהנליך דאס איז צו דער אויפפאסונג פון ציוניזם אלס נויטווענדיגקייט ביז דער סאציאלער רעוואלוציע, וועלכע איז געווען זעהר פארשפרייט אין די ערשטע יאהרען פון פועלי־ציוניזם אלס באוועגונג און פארטיי. מען קען זיך משער זיין, ווי ליבערמאן וואלט געהאנדעלט, ווען ציוניזם האט א שטיקעל פנים אין זיין צייט.

די טראגעדיע פון די ערשטע אידישע סאציאליסטען איז געווען דער קאסמאפאליטישער טשאד פון דעם אל־מענשליכען אידעאל. ביי זיי איז געווען ענטוועדער סאציאליזם אדער נאציאנאליזם, און ווען עס איז געקומען די פאגראם־כוואליע און די אנטיסעמיטישע פאליטיק פון די נאראדאוואלצעס, האבען זיך פילע אידישע רעוואלוציאנערען אפגעטרייסעלט פון סאציאליזם. די מייסטע אידישע רעוואלוציאנערען פון יענער תקופה זיינען אוועק פון שלאכטפעלד, ווער קיין ארץ ישראל, ווער קיין אמעריקע מיט דעם „עם־עולם" און ווער אין דער חיבת־ציון באוועגונג. ציטראן דערציילט, אז אפילו אקסעלראד, דער באריהמטער סאציאל־דעמאקראט, איז אונטער דעם שרעקליכען איינדרוק פון די פאגראמען און דער פאליטיק פון די נאראדאוואלצעס, געווארען געשטימט ציוניסטיש און געוואלט געהן נאך ארץ ישראל, צוזאמען מיט אראנסאנ'ען, גורעוויטש'ן און אנדערע. אבער דער פראנצויזישער געאגראף רעקליו — זיי זיינען אלע געווען דאן אין דער שווייץ — האט זיי אפגערעדט, ווייל דאס לאנד איז וויסט און חרוב און עס וועט זיין פאר זיי שווער זיך דארט איינצוארדענען. די נאראדנאוואלצעס, וועלכע האבען איינגעזעהן, אז מיט אויפקלערען דאס פאלק וועלען זיי

ווייט ניט אוועקגעהן אין זייער פּאָליטישער ארבייט; אז די פּויערים פארשטעהען אפילו ניט, וואָס מען זאָגט זיי, זיינען געפאַלען אויף דעם געדאנק אויפצוהעצען דעם המון און האָבען גענומען דערצעהלען די פּויערים מעשיות וועגען דער גוטסקייט פון צאר און די בייזע כונות פון די פּריצים און די רייכע, וועלכע לאָזען ניט דעם צאר באגליקען זיינע פּויערים. אויף דעם אופן האָבען זיי גע־וואָלט ארויסרופען אונרוהען, וועלכע זיי האָבען געהאָפט זיי וועלען שפּעטער קענען קאָנטראָלירען פאר די צוועקען פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער רעוואָלו־ציע. די שנאה געגען אידען איז בכן אויך געווען א „גוטער" העץ־מיטעל, — א מיטעל, וועלכער האָט אָבער געווירקט פּונקט להיפוך: האָט נאָך מעהר פארטעמפּט די מוחות פון די פּויערים; האָט צוריקגעשטויסען די אידען פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג און האָט פארשטאַרקט די רוסישע רע־אַקציע. עס איז געקומען אַלעקסאַנדער דער דריטער, און עס האָט זיך אָנגע־הויבען א תקופה פון פינסטערען ווילקיר אין רוסלאַנד בכלל און בנוגע די אידען בפרט. די „נאַראָדנאַיא וואָליא" איז פארניכטעט געוואָרען. איהר לעצטער גסיסה־אויסברוך איז געווען דער אומגעלונגענער אַטענטאַט אויף אַלעק־סאַנדער דעם דריטען, אין 1887, און זי איז אראָפּ פון דער סצענע.

## די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונגען

ערשט אין די 90־ער יאָהרען, נאָך דעם שרעקליכען הונגער, וועלכער האָט פארכאַפּט א צוואַנציג גובערניעס און געבראכט מיט זיך אן עפּידעמיע פון כאָ־לערא און אויסברוכען פון די ווילדע און הונגעריגע פּויערים דאָ און דאָרט, הויבט זיך ווידער אָן באוועגען אין רוסלאַנד. די יוגענט האָט זיך ווידער גע־לאָזען אין פאָלק, — צו העלפען די הונגערענדע און קראַנקע און שוין פאר איין וועג פּראָפּאַגאַנדירען דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. ביסלעכווייז, דאָ און דאָרט ערשיינען גרופּען פון סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַל־דע־מאָקראַטען און די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג הויבט זיך אָן פון דאָס ניי, אָבער שוין אין ברייטען מאסשטאב. דאָס זיינען געווען אַלץ איינצעלנע גרופּען, צווישען זיך ניט פארבונדענע. די רוסישע שטרעקעס זיינען גרויס, און דער פּאָליציי־רעזשים איז אונטער ניקאָלאַי׳ען ניט געוואָרען בעסער, און עס זיינען דעריבער ספּאָנטאַן ענטשטאַנען גרופּען דאָ און דאָרט. אין סאראַטאָוו גרינדעט זיך אין 1893 די „פּאַרטיא נאַראָדנאָוואַ פּראַוואַ" — די פּאַרטיי פון פאָלקס־רעכט. אין קיעוו ענטשטעהט, אין 1896, דער „סאָיוז סאָציאַליסטאָוו־רעוואָ־לוציאָנעראָוו" — דער פארבאַנד סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען. אין פּע־טערבורג גרינדעט זיך, אין 1897, אן אָרגאַניזאַציע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָ־נערען און דאָסזעלבע, אין זעלבען יאָהר, אין מינסק, וועלכע אונטער דער ליי־טונג פון אפרים האַלפּערין און דער מיטווירקונג פון גערשוני׳ן, פארשפּרייט זיך באלד אין פילע אנדערע פּלעצער פון אידישען תחום. די רוסלענדישע פּאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, וואָס נעהמט ארום אַלע גרופּען, ווערט פאר־מירט ערשט אין 1902.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באוועגונג, וועלכע איז ארויסגעוואַקסען פון

דעמזועלבען אַלגעמיינעם זעמלעוואָלטשעסקען וואָרצעל, איז געגאַנגען אָנפאַנגס לאַנגזאַמער, אָבער אין די 90־ער יאָהרען שוין פיל שנעלער ווי די סאָצ.־רעוואָלוציאָנערען. פּלעכאַנאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „זעמליא אי וואָליא", איז אוועק פון דער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך גענומען רופען „נאַראָדנאַיא וואָליא" און צוזאַמען מיט ל. דייטש'ן, סטעפּאַנאָוויטש'ן און וו. זאַסוליטש געגרינדעט אַ גרופּע „טשיאָרני פּערעדעל". אין יאָהר 1883 גרינדען פּלעכאַנאָוו, דייטש, זאַסוליטש, איגנאַטאָוו און פּ. אַקסעלראָד, „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" אין אויסלאַנד, וועלכע רעכענט זיך פאַר דער מוטער פון דער רוסישער סאָצ. דעמאָקראַטיע, אָבער ערשט אין 1898 קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָהר, אין מינסק.

צוזאַמען מיט דער באַנייאונג און אויסברייטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל, הויבט זיך אָן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויך אויף דער אידישער גאַס. עס איז שוין דאָ אַ גרעסערע אידישע וועלט־ליכע אינטעליגענץ. עס זיינען שוין דאָ מעהר אידישע אַרבייטער און דער ציוניזם איז שוין מעהר אַריינגעדרונגען אין דעם המון. די מאַסע הויבט אָן דערוואַכען, און איהרע פיהרער זוכען צו הויבען איהר קולטורעלען און גייסטיגען מצב אַלס פאַרבאַרייטונג צו דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ אָדער פּאַראַלעל מיט איהר.

סיי צווישען די פיהרער און סיי צווישען די מיטגלידער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס קרייזלעך זיינען געווען ציוניסטען, אָדער חובבי־ציון, ווי זיי האָבען זיך דאַן גערופען. דער קאָסמאָפּאָליטיזם איז שוין ניט געווען דער דאָמינירענדער שטריך פון סאָציאַליזם. זינט דער גרינדונג פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, אין 1889, וואו עס האָבען זיך פאַראייניגט פּאַרטייען און ניט סתם מיטגלידער פון פאַרשידענע פעלקער, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל, אין 1864, האָט זיך שוין גענומען אויסווייזען אַלס גאַנץ מעגליך צו פאַרבינדען די אַל־מענשליכע פאַראייניגונג מיט דער פריי־הייט פון יעדען איינצעלנעם פאָלק. דער סאָציאַליזם האָט גענומען ווערען אינטערנאַציאָנאַל, עס הייסט אַ צווישען־פעלקערליכע פאַרברידערונג און ניט אַנטי־נאַציאָנאַל ווי פריהער. די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אין די 90־ער יאָהרען גענומען שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע אין דער עסטרייך־אונגאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט געמוזט זוכען אַ וועג, ווי אַזוי פּראַקטיש־פּאָליטיש אָנצוהאַלטען דעם שלום צווישען די פאַרשידענע פעלקער פון דער מלוכה. אַזוי האָט ביסלעכווייז דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ זיך גענומען דורכ־שלאָגען אַ וועג אין די רייהען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אומעטום, און דער ביזהעריגער שטער אויפ'ן וועג פון דער פּועלי־ציוניסטישער אידעאָ־לאָגיע און באַוועגונג האָט גענומען פאַרשווינדען. דער ציוניזם איז שוין אין דער טעאָריע ניט מעהר געווען דער היפוך פון סאָציאַליזם, ווי ער האָט עס געשיינט צו זיין פאַר די ערשטע חובבי־ציון פון איין זייט, און די אידישע סאָ־ציאַליסטען, פון דער אַנדערער זייט. און אין איינצעלנע פעלע, האָט שוין לייכט גע־קענט הויזען אין דער נשמה פון רעוואָלוציאָנער די ליבע צו ארץ ישראל מיט דער ליבע צו דער „מענשהייט".

די נײַנציגער יאָהרען זיינען דער פּעריאָד אין דער אידיש־רעוואָלוציאָנערער

תקופה, ווען סיי דער „בונד“ און סיי דער פּועלי־ציוניזם הויבט אָן קומען צום אויסדרוק. דער אנטי־נאַציאָנאַליזם איזביידען געשטאַנען אין וועג. און דער אנטי־נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט געקענט זיין דער אידעאַל בלויז פון איינ־צעלנע אידעאַליסטען, אָפּגעריסען פון פאָלק, אָהן קאָנטאַקט מיט דער מאַסע. קוים איז דער סאָציאַליזם געוואָרען אַ מאַסען־באַוועגונג ביי די אומות העולם איז דער נאַציאָנאַליזם געוואָרען כשר. און קוים איז מען געקומען אין באַצי־הונג מיט דעם אידישען המון, איז נאַציאָנאַליזם, סיי אין זיין גלות און סיי אין זיין ארץ ישראל פאָרם, געוואָרען מותר.

א. ליטוואַק, אין „רויטען פּנקס“, ערשטער באַנד, דערמאָנט ראובן אַמ־סטערדאַם און האַצקעל אוסישקין, צוויי וויכטיגע טוער אין ווילנע, וועלכע זיי־נען אַהין געקומען אין 1896 און וועלכע זיינען נאָך פון פריהער געווען חובבי־ציון. „זיין (אַמסטערדאַמ'ס) וועלט־אנשויאונג איז געווען אַ געמיש פון השכלה, חיבת־ציון און סאָציאַליזם, אַ געמיש, וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטאַנען, ניט סינטעזירט“. ליטוואַר דערצעהלט אויך, אין זיינע זכרונות, אַז „אויף די פאַרזאַמלונגען פון קאָמיטעט פאַר אויפקלערען די יוגענט און צוגרייטען אַגי־טאַטאָרען סאָציאַליסטען, פלעגען אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אפילו יונגע חובבי־ציון“.

אין דעם זעלבען „פּנקס“ דערצעהלט אַן אַנדער בונדיסט, ב. מיכאַלעוויטש, װעגען אַ מערקווירדיגען רעפעראַט, וואָס דער פאַרשטאָרבענער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פיהרער מאַרטאָוו־צעדערבוים האָט געהאַלטען פאַר 40 אַגיטאַטאָ־רען אין ווילנע, אין 1895: „דער יעניגער אַרבייטער קלאַס, וועלכער איז צו־פרידען מיט'ן גורל פון אַ נידעריגסטען פאָלק, וועט אויך ניט אַרויסטרעטען געגען דעם גורל פון אַ נידעריגסטען קלאַס. דערפאַר מוז ביים אידישען אַר־בייטער געהן די נאַציאָנאַלע און קלאַסען־באַוועגונג האַנט אין האַנט“.

ווען דאָס זאָל ניט איבערגעגעבען ווערען פון אַ „בונדיסט“ און ווען די ווערטער וואָלט ניט געזאָגט דער מאַן, וועמען עס איז שפּעטער געוואָרען איינג אַפילו אין „בונד“, וואָלט איך זיי אָנגענומען אַלס אַ שטיק פון דעם פּועלי־ציוניסטישען געדאַנק, אַלס זיין אייגענטליכען יסוד. זיי דריקען אויס די שטימונג אויף דער אידישער גאַס נאָך פאַר דער ענטשטעהונג פון הערצל־ציוניזם און פאַר דער גרינדונג פון „בונד“. איך גלויב, אַז ווען די שפּעטערדיגע בונדיסטען וואָלטען ניט מורא געהאַט — ווי די היינטיגע יעווסעקען — אַז דער ציוניזם וועט אָפּציהען די רעוואָלוציאָנערע אידישע ענערגיע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבייט אויפ'ן אָרט, אין רוסלאַנד, וואָלט דער פּועלי־ציוניזם געוואָרען די אידעאָלאָגיע פון אַלע אידישע סאָציאַליסטען. פאַרטייען און פראַקציעס זיינען אין רוסלאַנד — ווי אומעטום — ענטשטאַנען ניט בלויז אויפ'ן גרונט פון ענטגעגענגעזעצטע אינטערעסען, נאָר צוליב אָפט מינדערוויכ־טיגע מיינונגס־פאַרשידענהייטען אין דער טעאָריע אָדער אין דער טאַקטיק, כאָטש זיי זיינען געווען אידעאָלאָגיש פאַרבונדען אין די וויכטיגסטע עיקרים.

דער „בונד“ איז דעריבער, אין דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטי־שער אידישער אידעאָלאָגיע, אַ ניט־דערגאַנצטער אויסדרוק פון פּועלי־ציוניזם, אַן אָפּצווייגונג, וועלכע האָט געקעמפט געגען איינענעם מקור צוליב טעמים פון

שטימונג, טאַקטיק און מעטאָדע. פונקט ווי עס האָבען שפּעטער צווישען זיך געקעמפט די פאַרשידענע גרופּירונגען פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם, כאָטש אַלע האָבען געהאַט אַלס אידעאַל די נאַציאָנאַלע ווידעראויפריכטונג און דעם סאָציאַליזם אַלס זייערע יסודות.

דער באָלשעוויזם און מענשעוויזם, למשל, וועלכע זיינען היינט צו טאָג די גרעסטע שונאים אין רוסלאַנד, זיינען דאָך צוויי ברידער, וועלכע האָבען זיך צוקריגט צוליב א קליינינקייט, הגם די דאָזיגע קליינינקייט איז געוואָרען די אורזאַכע פון קאָלאָסאַלע געשעהעניש און שרעקליכע ליידען פאַר מענשען־מאַסען. דער „בונד", וועמעס פּראָגראַם איז ניט מעהר ווי א קליינער טייל פון סאָציאַליזם, איז געבליבען שטעהן, ווערענד די אידיש־סאָציאַליסטישע ענטוויקלונג איז געגאַנגען ווייטער, אין דער טיף און אין דער ברייט.

פון די ביז איצט באַקאַנטע מאַגערע דאַטען איז צו זעהן, אַז דער ציוניזם האָט פאַרנומען א וויכטיגען פּלאַץ אין די דיסקוסיעס פון די אידישע סאָציאַ־ליסטען פון סאַמע אָנפאַנג אָן, און ווען מען דיסקוטירט, מוז דאָך זיין א צד, וועלכער פאַרטיידיגט איהם. אין די דאָזיגע דיסקוסיעס האָט זיך אויסגעאַר־בייט די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד" און די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם פון די חובבי־ציון. די פּאָליטיש אינדיפערענטע ציוניסטען האָבען באַקעמפט די „אומזיסטע" ענערגיע־פאַרשווענדונג פון די סאָציאַליסטען און די נאַציאָנאַל אינ־דיפערענטע סאָציאַליסטען האָבען באַקעמפט די „אָפּשוואַכונג" פון רעוואָלוציאָ־נערען גייסט דורך דעם ציוניזם, ביז עס האָט געמוזט ענטשטעהן אירגענד וועל־כע קאָמבינאַציע פון דיביידע עלעמענטען, — און אין פילע קעפּ, אין פילע פּלעצער, ניט צוזאַמענגערעדט און ניט פאַראייניגט, האָט זיך געפּלאָנטערט, גע־וואַקסען און ענטוויקעלט דער געדאַנקען־גאַנג, וועלכער האָט זיך שפּעטער אויס־געגאָסען אין די פאַרשידענע פּראָגראַמען פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם.

## די הערצל־תקופה און דער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליזם

ווען הערצל האָט זיך באַוויזען אויפ'ן אידישען הימעל מיט זיין „יודענ־שטאַט", האָט דער ציוניזם געקראָגען אַן אַנדער פּנים און ארומגעכאַפּט ברייטע שיכטען פון פאָלק. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס מיט דער באַ־וועלער פּראָגראַם איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1897 און אויף איהם זיינען גע־ווען פאַרטראָטען די פּיאָנערען פון דעם פּראָלעטאַרישען ציוניזם.

דר. נחמן סירקין, אין זיינע ערינערונגען (זעה געזאַמעלטע שריפטען, ערשטער באַנד, ז. 130־131), דערצעהלט, אַז:

„אויף דעם ערשטען ציוניסטען־קאָנגרעס אין 1897 אין באַזעל זיינען זיך צונויפגעקומען א גאַנץ היבשע צאָהל פון סאָציאַליסטען־נאַציאָנאַליסטען פון פאַר־שידענע אוניווערזיטעט פּלעצער און, געוויינליך, פון פאַרשידענע קאָלירען. איי־גענטליך האָבען זיך דיזע ראַדיקאַלען געדאַרפט צונויפקומען נאָך פריהער אויף א צוזאַמענפאָהר אָדער קאָנגרעס, וואָרים נאָך פאַר הערצל'ן האָט מען שוין גע־רעדט און דיסקוטירט וועגען א קאָנגרעס". און אויף אַן אַנדער שטעלע:

„עס זיינען געקומען ראַדיקאַלען פון בערלין. מאָנפּעליע, ציוריך, בערן און

די קליינע גאלערי (פון קאנגרעס) איז באשטאנען כמעט אינגאנצען פון אייגענע חברים פון די קאלאניעס, כאטש נעהם און ערקלער גלייך די סאציאלע רעוואלוציאן אין ציוניזם".

ערשט מיט א מאנאט שפעטער, אין סעפטעמבער 1897, קומט פאר די גרינדונג פון דעם „בונד".

יעדע סאציאלע באוועגונג, וועלכע נעהמט ארוםברייטערע שיכטען פון פאלק, מוז, ווי שוין געזאגט, באקומען א נאציאנאלען כאראקטער. און דאס זעלבע האט געמוזט פאסירען מיט'ן סאציאליזם. שוין צו דער באנייאונג פון דעם אינטערנאציאנאל, אין 1889, זיינען געווען גרויסע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס און פארשידענע שטרעמונגען אין דער ארבייטערשאפט. די אינדוסטריע האט געמאכט ריזען־פארטשריט אין דער וועלט און עס איז אויסגעוואקסען א גרויסער פראלעטאריאט מיט א פארצווייגטער טרייד־יוניאן באוועגונג. עס האט שוין ניט געקענט געמאלט זיין א קאסמאפאליטישע אויפפאסונג פון סאציאליזם. נאך מעהר, די נאציאנאלע מינאריטעטען אין די אייראפעאישע לענדער, וועלכע האבען אויפגעהויבען דעם קאפ און גענומען פארלאנגען זייערע רעכט, האבען גענומען פארלאנגען פון אינטערנאציאנאל א תשובה אויף דער נאציאנאלער פראגע. און דער פערטער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס, אין לאנדאן, פון 27טען יולי ביז'ן ערשטען אויגוסט, 1896, האט גענומען א שטעלונג צו דער פראגע און זי פארמולירט אין דער פאלגענדער רעזאלוציע:

„דער קאנגרעס ערקלערט, אז ער שטעלט זיך איין פאר דעם פולען זעלבסט־באשטימונגס רעכט פון אלע נאציעס און סימפאטיזירט מיט די ארבייטער פון יעדען לאנד, וועלכע ליידען אונטער דעם יאך פון מיליטערישען, נאציאנאלען אדער אירגענד וועלכען דעספאטיזם און פאדערט אויף די ארבייטער פון אלע לענדער אריינצוטרעטען אין די רייהען פון די קלאסענבאוואוסטע ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, כדי געמיינזאם צו קעמפען פאר דער איבערווינדונג פון אינטערנאציאנאלען קאפיטאליזם און דורכצוזעצען די צילען פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטיע".

אין דעם דאמאלסט קלאסישען נאציאנאליטעטען־לאנד, עסטרייך־אונגארן, איז שוין מיט א יאהר שפעטער, אויפ'ן זעקסטען פארטיי־טאג פון דער עסטרייכישער סאציאל־דעמאקראטיע, אין וויען, 1897, געלייגט געווארען דער פונדאמענט פאר דעם אויפבוי פון דער סאציאליסטישער ארגאניזאציע אויף נאציאנאלע יסודות. דר. וויקטאר אדלער, אין זיין רעפעראט וועגען דער פראגע, שטעלט זיך אפ אויף דער ענדערונג בנוגע דעם נאציאנאליזם, וואס איז ענטשטאנען אין די סאציאליסטישע רייהען: אז דער סאציאליזם, וואס איז פריהער געווען א נ ט י־נאציאנאל, איז געווארען א י נ ט ע ר־נאציאנאל און אז „די נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט און אינטערנאציאנאלע געשלאסענהייט" זיינען די גרונט־פרינציפען פון אונזער ארגאניזאציע".

מיט א יאהר שפעטער, אין 1898, האט דער ערשטער צוזאמענפאהר פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטיע, אין מינסק, אנגענומען דעם פרינציפ פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג. די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען (און די פאלקס־סאציאליסטען) זיינען שוין פון פריהער געווען פאר דעם פרינציפ. זיי

זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און זיך אַרויסגע־זאָגט פאַר אַ פעדעראַטיווען רוסלאַנד, וואו יעדע נאַציע זאָל האָבען די ברייטסטע אויטאָנאָמיע און זעלבסטפאַרוואַלטונג. די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען עלטער, ערפאַהרענער און פּראַקטישער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, און זייער בליק אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז דעריבער געווען דורכגעטראַכטער און ווייטגעהענדער, אָבער וואָס איז וויכטיג צו וויסען, איז דאָס דער רוסישער סאָציאַליזם האָט אָנערקענט נאַציעס און זיך ערקלערט פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג. און מיט אַ יאָהר שפּעטער, אין 1899, איז אין ברין, מעהרען, אָנגענומען געוואָרען די באַריהמטע „נאַציאָנאַליטעטען פּראָגראַם" פון דער עסט־רייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואו דער טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלער פּרינציפּ ווערט דורכגעפיהרט ביז זיין לאָגישען סוף. פאָלגענדע זיינען די פּונקטען פון דער באַריהמטער פּראָגראַם:

1) עסטרייך דאַרף אויסגעבילדעט ווערען אין אַ דעמאָקראַטישען נאַ־ציאָנאַליטעטען־שטאַאַט.

2) אויף דעם פּלאַץ פון די היסטאָרישע קרוינלענדער ווערען געבילדעט נאַציאָנאַל־אָפּגעגרענעצטע זעלבסטפאַרוואַלטונגס קערפּערשאַפטען, וועמעס געזעצ־געבונג און פאַרוואַלטונג ווערען באַזאָרגט דורך נאַציאָנאַלע קאַמערען דעמאָקראַ־טיש געוויילט.

3) אַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־געביטען פון איין און דערזעלבער נאַציע שטע־לען צוזאַמען איין איינהייטליכען נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד, וועלכער באַזאָרגט אינגאַנצען אויטאָנאָם זיינע נאַציאָנאַלע אַנגעלעגעהייטען.

4) דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען ווערט רעגולירט דורך אַ ספּעציעלען געזעץ פון דעם רייכס־פּאַרלאַמענט.

5) מיר אָנערקענען ניט קיין נאַציאָנאַלע איבער־רעכט און פאַרוואַרפען דעריבער די פאָדערונג פון איין שטאַאַטס־שפּראַך. אויף ווי ווייט אַ פאַרמיט־לונגס־שפּראַך איז נויטיג, וועט וועגען דעם באַשטימען דער רייכספּאַרלאַמענט". (זעה לודוויג בריגעל, געשיכטע דער עסטרייכישען סאָציאַלדעמאָקראַטיע, פערטער באַנד, ז. 339).

דער זיג פון נאַציאָנאַלען פּריוויטעטס־פּרינציפּ איבער דעם קאָסמאָפּאָליטיזם האָט געעפענט אַ ברייטען שליאַך פאַר דעם פּועלי־ציוניסטישען געדאַנק אויף דער אידישער גאַס. דער ציוניזם האָט שוין ניט געקענט מעהר באַטראַכט ווערען אַלס דורכאויס געגנעריש צום סאָציאַליזם, און די פראַגע איז געוואָרען צי מעג דער א י ד י ש ע ר סאָציאַליזם זיין נאַציאָנאַל. אין אַנדערע ווערטער, אַנשטאָט נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם בכלל איז די פראַגע געוואָרען נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם ביי אידען, און די רעוואָלוציאָנערע אידישע באַוועגונג ווערט איינגעטיילט אין דריי חלקים: אַ טייל, וועלכע האַלט, אַז אידען זיינען ניט קיין נאַציע — באַוואוסטזיניגע אַסימילאַנטען; אַ טייל, וואָס פיהלט זיך געצוואונגען די אידישע נאַציע ווי זי איז צו אָנערקענען — די בונדיסטען, און אַ טייל, וועלכ׳ פאַרלאַנגט פאַר אידען, וואָס איז מותר פאַר די ניט־אידישע פעלקער — די פּועלי־ציון. אַרום דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און דער גלות ארבייט ווערט גע־פיהרט דער קאַמף. די אידישע מיטגלידער פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטיע; פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דער אוקראַינישער א. ז. וו.„ זעהען פאר זיך ניט קיין אידיש פאָלק, און די בונדיסטען זעהען ניט פאר זיך קיין אַנדער זאַך אויסער דעם קאַמף פאר עטוואס אויטאָנאָמיע, און דאָס אויך אין יאָהרען ארום. דער דריטער צוזאַמענפאָהר פון „בונד“, אין 1900, האָט דעם פּרינציפּ פון אידיש־נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג פארוואָרפען מיט אַ גרויסער מעהרהייט. און אפילו דער פערטער צוזאמענפאָהר, אין 1901, וועלכער האָט אָנגענומען די מאָגערע פּראָגראם פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע האָט מורא געהאט ארויסצוקומען פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג. די ניט־אידישע סאָציאַליסטישע וועלט האָט זיך אין דער אידישער פראגע געהאַלטען אן דעם אַסימילאַטאָרישען און אַנט־ציוניסטישען בליק, וועלכער האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער מערקווירדיגער רעזאָלוציע פון צווייטען אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס, אויגוסט 16־22, 1891, אין בריסעל, בעלגיען. אויף יענעם קאָנגרעס האָבען אידען־סאָציאַליסטען פון אַמעריקא פאַרלאַנגט, מען זאָל נעהמען שטעלונג צו דער אידענפראַגע, און דער קאָנגרעס איז אַריבער צום סדר־היום מיט דער פאָלגענדער ערקלעהרונג:

„נעהמענדיג אין אכט, אז אין די פּרינציפּען און פּראגראַמען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער איז שוין פון לאַנג קלאָר געמאַכט געווארען, אז זיי אנערקענען ניט קיין גגעגענזאַץ און קיין קאמף פון נאַציעס אָדער ראסען, נאָר פיהרען דעם קלאסענקאמף פון פּראָלעטאַריאַט פון אלע לענדער און ראסען;

„און אַז פאַר די פּראָלעטאַריער פון דער אידישער ראַסע און שפּראַך איז ניטאָ קיין אַנדער מיטעל צו עמאַנציפּאַציע, ווי דער אָנשלוס אין די ארבייטער אָרגאַניזאציעס פון די באַטרעפענדע לענדער;

„האַלט דער קאָנגרעס, וועלכער קוקט אויף די אַנטיסעמיטישע און פילאסעמיטישע העצערייען אלס אַ מאַנעוור פון די קאַפּיטאַליסטען און דער פּאָליטישער רעאקציע, כדי צו שפּאַלטען די ארבייטער רייהען און אָפּצואווענדען די סאציאַליסטישע באַוועגונג פון איהר ציל, פאר איבעריג אריינצוגעהן אין דעם פּונקט פון דער טאגעסאָרדענונג, וואס די אַמעריקאנער אידיש־שפּרעכענדע גענאָסען האָבען פארגעשלאָגען — „די באַציהונג פון די ארבייטער אָרגאַניזאציעס פון אלע לענדער צו דער אידענפראגע“ — און געהט איבער צום סדר היום“. (זעה בריגעל, ז. 178. באַנד 4.)

אנטיסעמיטיזם און חיבת ציון ווערען ערקלערט אלס מאַכינאַציעס פון קאַפּיטאַליסטען און רעאקציאָנערען. חיבת ציון ווערט געקרוינט מיט דעם זיסען נאָמען „פילאסעמיטישע העצערייען“; קיין אידען־פּראגע איז ניטאָ, און די ישועה פון די אידישע ארבייטער ליגט אין אָנשליסען זיך אָן די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאציעס פון די לענדער. און אָט דער רויהער, האַלב־קאָסמאָפּאָליטישער און גאַנץ אידיש־אַסימילאַטאָרישער שטאַנדפּונקט פון אינטערנאציאנאַלען אָרגאַניזירטען סאָציאַליזם, האָט אין צעהן יאהר ארום נאָך געהאַלטען געפּענטעט די צונג פון דעם „בונד“, — כאָטש די נאַציאָנאַלע סענטימענטען פון דער „בונד“־מאַסע זיינען געגאַנגען אַ סך טיפער און ברייטער, ווי די פיהרערשאפט האָט געהאַלטען פאַר פּאָליטיש־קלוג אויסצודריקען.

קוים איז אָבער, ווי שוין באַמערקט, דער קאַמף אַרום דער אידען־פּראַגע אַריבערגעטראָגען געווארען אין דער ספערע פון אנווענדען דעם א י נ ט ע ר־נאַציאָ־

נאַליזם אויף דער אידישער גאס, האָט דער פול־בלוטיגער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליזם געמוזט זיך דורכברעכען א ברייטען וועג און אָנפאַנגען זיין זיגרייכען קאמף געגען דער אסימילאַציע פון איין זייט און דעם דיפּלאָמאַטישען נאַציאָנאַליזם, פון דער אנדערער זייט. און די לעצטע פאָר יאָהר פון 19טען יאָהרהונדערט און די ערשטע יאָהרען פון צוואנציגסטען זיינען די יאָהרען פון דער פועלי־ציוניסטישער באוועגונג. דער „בונד" ווערט אויך פאַרכאַפּט פון דעם ציוניזם און די רעזאָלוציע פון פערטען צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז געווען געמיינט צו זיין געגען ציוניזם, איז געשיכטליך באַטראַכט, א שריט צ ו ם ציוניזם. די רעזאָלוציע לעזט זיך ווי פאָלגט (זעה סירקין, „דער ציוניזם און דער בונד", ערשטער באַנד, געקליבענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטען, ז. 26):

„דער צוזאַמענפאָהר האַלט דעם ציוניזם פאַר א רעאַקציאָן פון די בורזשואַזע קלאַסען געגען דעם אנטיסעמיטיזם און דער ניט־נאָרמאַלער רעכטליכער לאַגע פון אידישען פאָלק. דער צוזאַמענפאָהר האַלט דעם ענדציל פון פּאָליטישען ציוניזם — שאַפען א לאַנד פאַר דעם אידישען פאָלק — אויף וויפיל מען ווערט אין דעם לאַנד קענען באַזעצען נאָר א קליינעם טייל פון אידישען פאָלק, פאַר א זאַך, וואָס האָט ניט קיין גרויסע באַדייטונג און וועלכע מאַכט ניט קיין סוף פון דער „אידען־פראַגע"; און אויף וויפיל דער ציוניזם מיינט צו באַזעצען אויף דיזען לאַנד דאָס ג א נ צ ע אידישע פאָלק אדער א ג ר ו י ס ע ן טייל פון איהם, פאַר אַן אונאויספיהרליכען חלום, פאַר אַן אוטאָפּיע". דער ציוניזם מוז שוין האַלטען ווייט מיט איינעם, ווען דער ארגומענט געגען איז בלויז זיין אונדורכפיהרבארקייט אדער ניט גענוג ווייטגעהענדער נוצען. מיט דער רעזאָלוציע האָט דער „בונד" קאַפּיטולירט פאַר'ן פּועלי־ציוניזם, און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז דיזעלבע רעזאָלוציע געפינט פאַר נויטיג, „מען זאָל אויף קיין שום אופן ניט צולאָזען ציוניסטען ניט אין די עקאָנאָמישע און ניט אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס". אויף אַזוי ווייט איז געווען די מורא אָנגעשטעקט צו ווערען נאָך מעהר פון דעם ציוניזם!

## דער „פּאָליטישער קאַמף" און די „מינסקער" פּועלי־ציון

איין מאָל ארויף אויף דעם ברייטען וועג, הויבט אָן דער פּועלי־ציוניסטישער געדאַנק זיך צו פאַרטיפען, געשטאַלטען און דיפערענצירען לויט פאַרשידענע אויפפאַסונגען פון דער אלגעמיינער סיטואַציע און די אונמיטעלבאַרע פּראָבלעמען פון אידישען לעבען. פאַר דער אָפּשאַצונג פון יענער צייט, מוז מען האָבען אין זין, דאָס די טעאָריעס זיינען געשאַפען געוואָרען און די דיסקוסיעס געפיהרט געוואָרען הויפטזעכליך בעל פּה. די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג בכלל האָט שטאַרק געליטען צוליב דעם מאַנגעל אין פּרעסע, און אַן איינהייטליכע דערצו ביי קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אונמעגליך. גענוג צו דערמאָנען, אז די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען ערשט אין 1902 געגרינדעט אַן אַלרוסלענדישע פּאַרטיי און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען געהאַט זייער ערשטען צוזאַמענפאָהר פון די גרעסערע אָרגאַניזאַציעס אין 1898, האָט אייגענטליך ניט פונקציאָנירט אלס פּאַרטיי ביז דעם אַזוי־גערופענעם צווייטען צוזאַמענפאָהר פון 1903, אין אויסלאַנד. צעהנדליגע יאָהרען איז אָנגעגאַנגען א גרויסע

באוועגונג און דאַך זיינען די אָרגאַניזאַציעס געבליבען ניט פאַרבונדען צווישען זיך. דער פּאָליציי רעזשים האָט געוואַלטיג פאַרשוועכט דאָס צונויפקומען זיך, און מאַנאַטען פלעגען אריבער איידער מען האָט געקענט אָרגאַניזירען כאָטש אַ ראַיאָן קאָנפערענץ. אונטער אַזעלכע אומשטענדען קען מען ניט ערוואַרטען קיין אייני־הייטליכקייט אין די מיינונגען. דער וואונדער איז, וואָס אין רוסלאַנד זיינען געווען אַזוי ווייניג פראַקציעס אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

אַ סך אינטערעסאַנטע און ווערטפולע מיינונגען, אויפפאַסונגען און אפשר אָרי־גינעלע פרוכטבאַרע געדאַנקען וועלען געהן פאַרפאַלען פאַר דער געשיכטע פּשוט, ווייל זיי זיינען ניט פארשריבען געוואָרען און די דענקער גופא האָבען זיי שוין אפשר פאַרגעסען אָדער פאַרוואָרפען אָדער מיטגענומען אין קבר. וואָס עס איז געבליבען איז דער סכום פון ליטעראַטור, וועלכען מען האָט געקענט ארויסגעבען און יענע הויפּט פּונקטען, וועלכע זיינען געווען די קענטיגסטע שטריכען פון די פאַרשידענע טעאָריעס אָדער שטעלונגען צו די פאַרשידענע פראַגען.

דער פּועלי־ציוניזם איז נאַטירליכערווייזע פארשטאַנען געוואָרען פאַרשידען ניט נאָר לויט פּערזאָן און אָרט, נאָר לויט די פּראָבלעמען, אויף וועלכע מען האָט גע־דאַרפט געבען אַן ענטפער און צוליב וועלכע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך איינע פון די אַנדערע אָפּגעטיילט, אַזוי ווייט אָפּגעטיילט אויף'ן מאָמענט, אַז עס זיינען ענט־שטאַנען פאַרשידענע גרופּירונגען און שפּעטער פּאַרטייען אין די ראַהמען פון אַל־געמיינעם פּראָלעטאַרישען ציוניזם.

דער וויכטיגסטער פּונקט, וועלכער האָט געדינט אלס שטרייט־פראַגע ביי פּועלי־ציון און אלס היסטאָרישע אורזאַכע פון דעם אַנטאַגאָניזם צווישען ציוניסטען און סאָציאַליסטען אין אָנהויב, איז געווען די שטעלונג צום „פּאָליטישען קאַמף".

די געשיכטע פון סאָציאַליזם האָט צו פאַרצייכענען אין יעדען לאַנד גרופּען אָדער פּאַרטייען, וועלכע זיינען געווען געגען פּאָליטישען קאַמף, געגען פּאַרלאַ־מענטאַריזם, געגען מישען זיך אין דער פּאָליטיק. אפילו אין דער רוסישער סאָ־ציאַליסטישער באוועגונג זיינען מאַנכע פון די שפּעטערדיגע פיהרער פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע געווען געגען פּאָליטיק. דער „טשאָרני פּערעדעל", למשל, עס הייסט, די פראַקציע, וועלכע האָט זיך אפּגעשפּאָלטען פון דער „זעמליא אי וואָליא" אָרגאַניזאַציע, ווען יענע האָט זיך, אין 1879, פאַרוואַנדעלט אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא", איז געווען געגען פּאָליטיק. פּלעכאַנאָוו, דייטש, סטעפּאַ־נאָוויטש און וועראַ זאַסוליטש, וועלכע האָבען דעם „טשאָרני פּערעדעל" געגרינדעט, האָבען געהאַלטען פון אויפקלעהרען דאָס פּאָלק, פון עקאָנאָמישער טעטיגקייט, אָבער ניט פון באַלדיגען קאַמף געגען דער זעלבסטהערשאַפט. ערשט מיט יאָהרען שפּעטער האָבען די רוסישע מאַרקסיסטען גענומען אָנערקענען דעם פּאָליטישען קאַמף און זאָגאַר געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר'ן טעראָר פון די נאַראָדאָוואָלצעס.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אויך ביי אידען איז געווען אַ שיטה, וועלכע האָט געהאַלטען, אַז דער קאַמף געגען צאַריזם איז אונטער די אומ־שטענדען ארויסגעוואָרפענע אדער אַ גאַנץ איבעריגע ארבייט. אויב אַזוי שפּעט ווי אין 1901 האָט זיך אין מינסק געקענט פאָרמירען אַן „אונאָפּהענגיגע ארבייטער פּאַרטיי", וועלכע האָט געהאַלטען פון זובאַטאָוו'ס טעאָריע וועגען בעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ארבייטער אין די גרענעצען און זאָגאַר מיט דער שטיצע

פון דעם צאַריזם ,איז דאָך געווען נאַטירליך, אַז נאָך פריהער, אין די 80־ער יאָהרען, זאָל דער חיבת־ציון געדאַנק אינגאַנצען אַפּלייקענען דעם ווערט פון גלות און פון יעדען פּאָליטישען קאַמף פאַר דער בעסערונג פון דער אידישער לאַגע אויפ׳ן אָרט. ביי אַ סך איז דער דאַמאָלסדיגער ציוניזם געווען אַן איבערברוך מיט׳ן סאָציאַ־ליזם, דער רעזולטאַט פון פאַרלירען יעדען גלויבען אין דער מעגליכקייט פון פריי־הייט פאַר אידען אין רוסלאַנד. שפּעטער, ווען הערצל׳ס פּאָליטישער ציוניזם האָט פאַרכאַפּט די אידישע מאַסען, האָט דער אינדעפערענטיזם צום גלות אַלץ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אויפפאַסונג פון דער אידען־פראַגע. אויסער דעם האָט דאָ געווירקט דער פּסיכאָלאָגישער געזעץ, לויט וועלכען יעדע נייע אידעע זוכט מבטל צו מאַכען אַלע אַנדערע און ווערען די אַליינהערשענדע. עס האָט זיך גע־דוכט, אַז יעדע זאַך, וואָס האָט ניט קיין דירעקטען נוצען פאַר׳ן ציוניזם, איז אַ שעדליכע פאַרשווענדונג פון ענערגיע, — און דעם נוצען האָט מען פאַרשטאַנען אין זעהר ענגע ראַמען, — אוועק פון גלות.

די דאָזיגע אויפפאַסונג פון ציוניזם האָט געוואונען אָנהענגער אויך צווישען די ארבייטער און דער אינטעליגענץ, און עס האָט זיך אויסגעארבייט אַ טעאָריע, אַז דער גלות קען אַבסאָלוט גאַר נישט געבען די אידען און אַז די לאַגע פון די אידען וועט ניט בעסער ווערען אונטער אירגענד וועלכען רעזשים. די מורא איז נאָך געווען, אַז אידען קענען שאַדען דער רעוואָלוציע, ווייל מען וועט זי ערקלעהרען אַלס אַ אידישע זאַך און אָפּווענדען דעם פּאָלקס צאָרן געגען צאַריזם אויף די קעפּ פון די אידען, — ווי מען האָט עס אין פאַרשידענע צייטען און לענדער טאַקע געטאָן.

די ריכטונג אין פּועלי־ציוניזם איז געווען באַקאַנט אַלס די „מינסקער". אין מינסק איז געווען איהר צענטער. יענע שטאָדט האָט זיך, אין סוף פון די 90־ער יאָהרען און אין אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט אויסגעצייכענט אַלס הויפּט־פּונקט פון אַלע שטרעמונגען ביי אידען, — די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע (דאָרט איז געווען דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדער ס. ד. אין 1898), פון דער ציוניסטישער (די „מינסקער אסיפה" פון 1902), פון דער אונאָפּהענגיגער (צווישען 1901 און 1903) און דער פּועלי־ציוניס־טישער. און דערפאַר מסתמא האָט די נעגאַטיווע שטעלונג צום פּאָליטישען קאַמף געקראָגען דעם נאָמען „מינסקער". אגב האָט זי דאָרט אַמלענגסטען אָנגעהאַלטען, — ביז 1907, ווען די „מינסקער" האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט די ס. ס.

אָבער דער אַפּאָליטיזם האָט געהאַט זיינע אָנהענגער אויך אַנדערשוואו און ניט בלויז אין מינסק. פון דער אַנדערער זייט, זיינען אין מינסק גופא און אין „מינ־סקער ראַיאָן" געווען אָנהענגער פון פּאָליטישען קאַמף. מיר איז אויסגעקומען אין דעם ראַיאָן צו זיין אין 1904 און 1905 און איך ווייס פון פּערזענליכער ער־פאַהרונג, אַז די צאָהל „פּאָליטישע קעמפּער" איז געווען זעהר גרויס אין פאַרגלייך מיט די געגנער. עס שיינט מיר, אַז די „מינסקער" ריכטונג האָט קאָמפּלעקטירט איהרע אָנהענגער הויפּטזעכליך צווישען די, וועלכע זיינען פריהער געווען אַלגע־מיינע ציוניסטען. די, וועלכע זיינען געקומען צום פּועלי־ציוניזם פון דער רעוואָ־לוציאָנער געשטימטער מאַסע בכלל און פון „בונד" בפרט, האָבען במילא געבראַכט אין דער באַוועגונג די קאַמף־שטימונג, אפילו ווען אין דער טעאָריע איז מאַנכע געווען שווער צונויפצופּאַרען די אַבסאָלוטע פאַרניינונג פון גלות, וואָס דער ציוניזם האָט

פון אָנפאַנג, על פּי מענשליכער טבע און לאָגיק געמוזט פּרעדיגען, מיט דער אַלגע־מיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די גאַס האָט געווירקט, ניט קוקענדיג אויף אַלע אינערליכע סתירות, — די גאַס און די פּאָליציי. ווארים עס איז געווען פּונקט אַזוי אונמעגליך צו האָבען א פּועלי־ציון פאַרזאַמלונג ווי אירגענד אן אַנדערע. אויב איך האָב ניט קיין טעות, בין איך צום ערשטען מאָל אַרעטירט געוואָרען כמעט אויף מאָרגען נאָך דעם, ווי איך האָב זיך ענדגילטיג אָנגעשלאָסען צו די פּועלי־ציון (אין 1902 אין סמאָרגאָן) און גראַד ווען איך האָב געהאַלטען אין ריידען איבער סאָציאַליזם. די טעמע האָט מען מיר צוגעטיילט, ווי איך פאַרשטעה, ווייל איך בין געקומען פון דער אַלגע־מיינער גאַס און געווען וואָס מען פלעגט דאַן רופען א „לעקטאָר” אין א רעוואָ־לוציאָנערער גרופּע, — איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער „מינסקער” ריכטונג ערשט מיט א צוויי יאָהר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין מינסקער ראַיאָן, אין 1904 און 1905. אָבער אפילו דאָרט איז מיר ניט אויסגעקומען זיך צו פאַרמעסטען אין כחות אין דער פראַגע מיט א פאַרטרעטער פון דער ריכטונג. אברהם רובענטשיק, דער פיהרער פון יענער ריכטונג, איז אַמאָל געקומען אין סטויבץ מיך צו באַזיגען אין מיין „הויפּט־שטאָדט”. אָבער איך גלויב, אַז דער שווערפּונקט האָט געזאָלט זיין פּאַלעסטינא אָדער אוגאַנדא און ניט דער פּאָליטישער קאַמף. איך זאָג „געזאָלט”, ווייל איך בין, ליידער, געווען ניט געזונט, ווען רובענטשיק איז געקומען, און איך האָב, בכן, ניט געהאַט דאָס פאַרגעניגען פון א דעבאַטע מיט איהם. מיר שיינט דעריבער, אַז אין דער געשיכטע פון דער פּועלי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע קומט דער „מינסקער” ריכטונג א פּלאַץ ניט אַזוי צוליב דער צאָל אָנהענגער, ווי צוליב איהר סימפּטאָמאַטישער באַדייטונג אַלס עקסטרעמער אַנטי־גלות׳יזם. און אין דעם פּרט האָט זי, אין שאַרפער און איינזייטיגער פאָרם, אויסגעדריקט מיט זיך א שווערע פּועלי־ציוניסטישע פּראָבלעם, —א פּראָבלעם, וועלכע איז געווען א טעאָרעטישע פאַר יענע פאַרנײנער פון גלות, וועלכע זיינען דאָך פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער סביבה, און א פּסיכאָלאָגישע פאַר די מייסטע פּועלי־ציון פון יענער צייט, פאַר וועמען עס איז געווען שווער אין איין און דערזעלבער צייט האָבען קאָפּ און הארץ אין ציון און פיהרען א קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע אין צאַרען־לאַנד. עס האָט נאָך געפעהלט דאַן די פאַרבינדונג מיט׳ן גלות. די דאָזיגע פאַרבינדונג, אין פאַרשידענער אויפפאַסונג, איז געקומען מיט דער אַנטשטעהונג פון די „סיימיסטען”, פון איין זייט, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון, פון דער צווייטער זייט. יענע פראַקציע אָבער פון פּועלי־ציוניזם, וועלכע האָט זיך שפּעטער אויסגעטיילט אַלס „ס. ס.”, האָט ט עאָ ר ע ט י ש די פּראָבלעם קיינמאָל ניט געלייזט. זי איז געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט, האָט געפיהרט א פּאָליטישען קאַמף, אבער ניט אַלס פּועל־יוצא אָדער פון איהר אויפפאַסונג פון דער אידישער ווירקליכקייט און דעם טעריטאָריאַליסטישען אידעאַל.

דער „מינסקער” גייסט, אין וועלכער פאָרם ער האָט זיך ניט אויסגעדריקט, איז געווען יענער היסטאָריש־אומפאַרמיידליכער שטער אויפ׳ן וועג פון פּועלי־ציוניזם, וואָס האָט איהם אָפּגעצוימט דעם וועג צו די ברייטערע מאַסען און גע־געבען דעם „בונד” א מעגליכקייט זיך צו אַנטוויקלען. דערפאַר טאַקע איז דער

פועלי־ציוניזם געוואָרען אַ מאַסען־באַוועגונג אין רוסלאַנד ערשט דאַן, ווען די רעוואָלוציע איז שוין געווען ביים שוועל, און די פאַרטייען „ס. ס.“, „סיים“ און „פועלי־ציון“ האָבען זיך פאָרמירט אין דער רעוואָלוציאָנס־פעריאָדע פון 1905 און 1906, ווען די אידישע מאַסע האָט געקענט געפינען אַ פּלאַץ פאַר איהר פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער ענערגיע אין יעדען טייל פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם.

דער געגענזאַץ צו דער מינסקער ריכטונג איז געווען די סיימיסטישע, וועלכע האָט זיך אויסגעשיילט אין אַ טעאָריע ערשט אין 1903. די „סיימיסטען“, וועלכע זיינען אויך געווען באַקאַנט אַלס „סערפּיסטען“ (דער נאָמען פון זייער זאַמעלבוך) און „וואָזראָזשדענצעס“ (צוליב זייער טעאָריע פון אויפלעבונג אין גלות), האָבען געהאַלטען, אַז דער טעריטאָריאַליזם (דאָס איז שוין געווען נאָך דער צוטיילונג פון די ציוניסטישע רייהען אויף „פּאַלעסטינצעס“ אָדער ציוני־ציון און אוגאַנדיסטען אָדער טעריטאָריאַליסטען) קומט צום סוף פון אַ דויערענדען, דורות־לאַנגען פּראָצעס פון קאַמף פון די אידישע מאַסען פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער, וואו זיי וואוינען, צוזאַמען מיט די אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. די דאָזיגע פאָרמולירונג, וועלכע שטופּט אָפּ די פאַרווירקליכונג פון טעריטאָריאַליזם אין דער ווייטער און נעבעלהאַפטער צוקונפט „דאַן און דאָרט, וואו און ווען עס וועלען רייף ווערען די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען“ (זעה, מ. זילבערפאַרב, אין „רויטען פּנקס“, ערשטער באַנד), וועלכע שטעלט אין דער ערשטער רייהע דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע סיימען אין אַלע לענדער פון אידישען מאַסען־ישוב, האָט לאָגישערוויזע קיין טעאָרעטישע אָדער פּסיכאָלאָגישע שוועריגקייטען ניט געהאַט און ניט געקענט האָבען פאַר דער אנערקענונג און באַטייליגונג אין פּאָליטישען קאַמף. עס האָט געפעהלט אין דער קאָנצעפּציע די פּאַקטישע אַרבייט פאַר'ן טעריטאָריאַליזם און זי איז געווען איינזייטיג צוליב דער אומוויסענשאַפטליכער פאַנאַנדערגרענעצונג פון צוקונפט און געגענוואַרט. עס האָט געפעהלט יעדער בליק אויפ'ן היינט און מאָרגען אַלס איין גוס פון צייט, אָבער דער היינט איז געווען גרויס און וויכטיג גענוג צו קעמפען מיט דעם גרעסטען ברען פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון רוסלאַנד.

די דיפערענצירונג פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם האָט אָנגענומען באַשטימטע פאָרמען ערשט נאָך דעם אוגאַנדאַ פּראָיעקט, וועלכע האָט צוטיילט די ציוניסטישע וועלט אין צוויי לאַגערען, פּאַלעסטינצעס און אוגאַנדיסטען, שפּעטער טעריטאָריאַליסטען. די חלוקי־דעות, וועלכע האָבען פריהער געהויזט אונטער איין דאַך און וואָלטען אפשר זיך מיט דער צייט אויסקריסטאַליזירט אין איין איינהייטליכער טעאָריע און פּראָגראַם, האָבען נאָך דער צוטיילונג אָנגענומען שאַרפע פאָרמען, — ווי עס פּאַסירט נאָך אַ שפּאַלטונג. און אין פאַרלויף פון די דעבאַטען האָט מען זיך פאַרטיפט אין פאַרשידענע זייטיגע און אָפט מינדערוויכטיגע אָדער גאָר נוצלאָזע און פאַלשע פּלפּולים. יעדע פראַקציע, אָדער פּאַרטיי, פון פועלי־ציוניזם האָט געזוכט צו ווייזען, אַז זי איז די איינציג ריכטיגע טרעגערין פון אידישען סאָציאַליזם, כאָטש אין תוך אַריין האָבען אַלע געהאַלטען פון די וויכטיגע אמת'ן, וועלכע ליגען אין גרונד פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם. און אַזוי אַרום איז ענטשטאַנען אַ לאַגע, וואו איין טייל, „די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי“ („סיימיסטען“) האָבען אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונד און גלענצענד פאַרטיידיגט די נאַציאָנאַלע זייט פון דער פּראָבלעם,

וועהרענד די ס. ס. (סיאָניסטען־טעריטאָריאַליסטען) האָבען געשטעלט דעם טראָפּ אויף די נעגאַטיווע זייטען פון גלות, געשטעלט אין צענטער פון זייער אידעאָלאָגיע די אוננאָרמאַלע לאַגע פון דער אידישער עקאָנאָמיק, וועלכע האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט דעם אויסדרוק „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע“, אָדער „ניט־אינדוסטריאַליזאַציע“, ריהמענדיג זיך דאַבּיי, אין זייער נאַאיוויטעט, אַז זיי קומען אויס אין זייער טעאָריע אינגאַנצען אָהן דעם נאַציאָנאַליזם. פאַר זיי איז געווען גענוג אָנצואווייזען, אַז די אידען ווערען אַרויסגעשטופּט אָדער ניט צוגעלאָזען צו דער גרויס־אינדוסטריע אַלס אַרבּייטער און אַז זיי מוזען מיט דער צייט ענטוועדער אויסשטאַרבען אָדער עמיגרירען און אַז אין דער דאָזיגער עמיגראַציע ליגט דער כח, וואָס פיהרט צו איהר קאָנצענטראַציע, פאַר וועלכער מען דאַרף נאָר די פּאַסיגע טעריטאָריע מיט די גע־העריגע רעכט. פאַר די ס. ס. איז די טעריטאָריע געווען ניט דער שלום פון אַ לאַנגען פּראָצעס פון זאַמלען כחות אין גלות, ווי די סיימיסטען האָבען געפּרעדיגט, נאָר אַן אונמיטעלבּאַרע נויטווענדיגקייט, אַ זאַך, וואָס מען טאָר ניט אָפּלעגען. דערפאַר האָבען די ס. ס. אָנגעהאַלטען די פאַרבינדונג מיט די בירגערליכע טעריטאָריאַליסטען און געזוכט אַ טעריטאָריע, וועהרענד די סיימיסטען האָבען די דאגה ניט געהאַט. ביז מען וועט האָבען סיימען אין אַלע לענדער פון אידישען מאַסען ישוב, ביז די סיימען וועלען עראָבּערט ווערען — אַלץ דורך קלאַסען־קאַמף, נאַטירליך — פאַר'ן טעריטאָריאַליזם און דאַן אַלע צוזאַמען די טעריטאָריע נעמען זוכען און קאָלאָניזירען, וועט דויערען אַ היבש ביסעל צייט, און עס לוינט ניט דערווייל אפילו צו טראַכטען וועגען דעם.

## דער „קלאַסען קאַמף“

אַ גרויסע ראָלע, כמעט אַן ענטשיידענדע, האָט געשפּילט אין דעם פּאַרטייען־קאָנפליקט אויף דער אידישער גאַס די אידעע פון קלאַסען־קאַמף. עס האָט געהייסען, אַז צוליב דער אוננאָרמאַלער לאַגע אין גלות קען דער קלאַסען־קאַמף ביי אידען ניט זיין קיין געזונטער און אַז די וויכטיגסטע מיסיע פון טעריטאָריאַליזם איז צו באַשאַפען די געהעריגע באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַלען קלאַסען־קאַמף. אויף דעם פּונקט האָט געלעגט גרויס געוויכט אויך די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון פּאַרטיי. באָראָכאָוו, וועלכער האָט באַגרינדעט די פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי, האָט גע־האַלטען, אַז דער ציוניזם באַקומט זיין באַזונדערע חשיבות, ווייל ער נאָרמאַליזירט די „סטראַטעגישע באַזע“ פון אידישען פּראָלעטאַריאַט. אָבער ביי באָראָכאָוו'ן איז עס אַ לאָגישע פאָלגע פון דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון ציוניזם אַלס סטיכישען פּראָצעס. עס האָט ביי איהם ניט געהייסען, אַז מען דאַרף אַ לאַנד זוכען און באַזעצען כדי עס זאָל דאָרט ווערען אַ געזונטער פּראָלעטאַריאַט מיט אַ געזונטען קלאַסענקאַמף, נאָר אַז דער היסטאָרישער פּראָצעס, וועלכער רעאַליזירט די טעריטאָריאַלע אידישע אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינא, נאָרמאַליזירט שוין במילא די סטראַטעגישע באַזע פון קלאַסען־קאַמף.

די באַגרינדונג פון ציוניזם אַלס סטיכישען פּראָצעס האָט פאַרענטפערט די פראַגע, פאַרוואָס דוקא פּאַלעסטינא און ניט סתם אַ טעריטאָריע. נאָך דעם אוגאַנדאַ פּראָיעקט זיינען די פּועלי־ציון געווען צוטיילט אויף „פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס“, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז ארץ ישראל, וועלכע האָט אַ געוואַלטיגע באַדייטונג

דורך איהר פאַרבונדענקייט מיט דעם פאָלק פאַר יאָהרטויזענטע, איז דאָס איינציגע לאַנד, וואוהין אידען וועלען געהן בויען זייער טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע; און אויף „פּראַקטישע פּאַלעסטינצעס“, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז ארץ ישראל איז געאָגראַפיש נאָהענט און קלימאַטיש צוגעפּאַסט פאַר די וואַנדערענדע אידען און דעריבער פּאַסט זי זיך בעסער. באָראָכאָוו האָט געגעבען דער פּאַרטיי דעם „פּראָגנאָסטישען פּאַלעסטיניזם“, וועלכער מיינט, אַז דער סטיכישער פּראָצעס פיהרט במילא נאָך ארץ ישראל.

„אונזער פּאַלעסטיניזם איז ניט קיין פּרינציפּיעלער, ווייל ער איז לחלוטין ניט פאַרבונדען מיט אַלטע טראַדיציעס. אונזער פּאַלעסטיניזם איז ניט קיין פּראַקטישער, ווייל אין אונזער פּראָגראַם איז ניטאָ קיין טעריטאָריע בכלל איידער עס איז דאָ פּאַלעסטינא... די פּראַקטישע אָנהענגער פון פּאַלעסטינא באַהויפּטען, אַז פּרינציפּיעל זיינען זיי טעריטאָריאַליסטען און קאָנקרעט — פאַר פּאַלעסטינא. ביי אונז, ווידער, ווערט דער פּרינציפּיעלער טעריטאָריאַליזם ניט אָפּגעטיילט פון׳ם קאָנקרעטען, ווייל די קאָנצענטרירטע אידישע אימיגראַציע וועט זיך ריכטען ניט סתם נאָך אַ טעריטאָריע, נאָר נאָך פּאַלעסטינא. מיר זאָגען ניט, אַז פּאַלעסטינא איז די בעסטע אָדער איינציגע טעריטאָריע; מיר ווייזען אָן, אַז פּאַלעסטינא איז די טעריטאָריע, וואו עס וועט עראָבערט ווערען טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. אונזער פּאַלעסטיניזם איז ניט קיין פּרינציפּיעלער און ניט קיין פּראַקטישער, נאָר אַ „פּראָגנאָסטישער“ (זעה ב. באָראָכאָוו, „אונזער פּלאַטפאָרם“, געזאַמעלטע שריפטען, ז. 294).

אויפ׳ן גרונד פון אַזאַ אויפפאַסונג פון ציוניזם אַלס פּראָצעס, וועלכער פיהרט צו זיין פאַרווירקליכונג צוליב און דורך די כחות אין אידישען און אַרומיגען לעבען, איז פאַרשטענדליך, פאַרוואָס די פּועלי־ציון זיינען ארויס פאַר דער מעגליכסט ברייטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין גלות און פאַרוואָס זיי האָבען געלעגט געוויכט אויף דעם קלאַסען־קאַמף אַלס מיטעל דעם ציוניזם דורכצופיהרען. עס איז ניטאָ קיין אָפּגעזונדערטע היינט און מאָרגען און קיין איבערגעהאַקטע דאָ און דאָרט, נאָר איין פּראָצעס, אין וועלכען דער שווער־פּונקט פון אידישען לעבען ווערט ביסלעכווייז איבערגעטראָגען נאָך פּאַלעסטינא. די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע שאַפט זיך דורך דער קאָנצענטרירטער איינוואַנדערונג, וועלכע מוז נאָך פּאַלעסטינא געהן און וועלכע ענדערט די באַשעפטיגונגען, אָבער ניט דעם קלאַסען כאַראַקטער פון דער אימיגראַציע במילא בלייבט דער קלאַסען־אנטאַגאָניזם און דער קלאַסען־קאַמף. און ווער עס האַלט, אַז דער קלאַסען־קאַמף שעפּט מיט זיך אויס די געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג, מוז אויך האַלטען, אַז די אידישע אויטאָנאָמיע, אָדער שטאַט, אין ארץ ישראל וועט אויך זיין דער רעזולטאַט פון קלאַסען־קאַמף. די איינהייטליכקייט פון פּראָצעס ווערט גלענצענד אויסגעדריקט אין „אונזער פּלאַטפאָרם“ (זעה באָראָכאָוו׳ס שריפטען, ז. 318) אויף דעם פאָלגענדען אופן:

„פאַר אונז עקזיסטירט ניט די פראַגע וועגען אַ פאַרבינדונג און וועגען אַ בריק, ווייל מיר שטעהען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון׳ם סטיכישען פּראָצעס.

„די אידישע פּראָלעטאַריער לעבען דאָ און קעמפּען דאָ פאַר זייערע טאָגטעגליכע נויטען. צווישען די דאָזיגע פאַרשידענע דאָ׳איגע נויטען געפינט זיך אויך די טאָג־טעגליכע פאַראינטערעסירטקייט אין דער פרייהייט פון אימיגראַציע,

אין דער אומגעשטערטקייט פון דעם אריינפאר ד א ר ט און אין דער לעבענס־באקוועמליכקייט ד א ר ט. די סטיכישע פראצעסען טרייבען די אידישע פראלע־טאריער א ה י ן און לעבענדיג ד א ר ט, קעמפען זיי ד א ר ט. לויט די געזעצען פון דעם סטיכישען פראצעס איז אלץ לייכטער צו באקומען פרייהייט ד א ר ט, וואס פרייער און פולבארעכטיגטער עס איז דאס לעבען ד א, און וואס מעהר פרייהייט ד א ר ט, אלץ מעהר רעאלע גאראנטיען באקומען אונזערע רעכט ד א. צוליב צוויי אורזאכען זיינען מיר פאראינטערעסירט אין דער פארבעסערונג פונ'ם לעבען ד א: ערשטענס, ווייל מיר לעבען דא, אין גלות; צווייטענס, ווייל די פארבעסערונג דא מאכט גרינגער אויסצוקעמפען די רעכט דארט, אין פאלעסטינא, וואוהין דער סטיכישער פראצעס טראגט ביסלעכווייז אריבער דעם שווער־פונקט פון אונזער לעבען און ווידער טאקע צוליב צוויי אורזאכען זיינען מיר פאראינטערעסירט אין דער אויסבעסערונג פונ'ם לעבען דארט: ווייל אהין טראגט זיך סטיכיש אריבער דער שווער־פונקט פון אונזער לעבען און ווייל די באפעסטיגונג פון אונזערע פאזיציעס דארט איז א גאראנטיע פאר אונזערע רעכט דא."

ביי די ס. ס. און די „סיימיסטען", ווי ביי יעדען, וועלכער קוקט אויפ'ן ציוניזם אלס א ווילענס־אקט בלויז, איז געווען א הארבע שאלה, ווי אזוי צו בויען דאס לאנד, קאפיטאליסטיש אדער סאציאליסטיש. ווי קען א סאציאליסטישע פארטיי בויען א קאפיטאליסטישע ארדנונג? אבער ווי קען מען באוועגען די בורזשואזיע צו בויען א סאציאליסטישען שטאט? דר. סירקין, למשל, וועלכער האט געהאלטען, אז די אידען ווערען אין גלות אוים פראלעטאריער און געהען איבער אין די פרייע לענדער צו די בורזשואזע קלאסען, און פאר וועמען דער ציוניזם אלס מיטעל געגען דער געפאהר פון בורזשואזירונג האט געמוזט זיין דורכאוים סאציאליסטיש, האט געגלויבט, אז דער „המון" — דער פראלעטאריאט און די אנדערע ארימע פאלקס־שיכטען — וועט דורך קאמף באקומען אין זיין רשות די נויטיגע קאפיטאלען פון איק"א און בויען א סאציאליסטישען אדער קאמוניסטישען שטאט. די „סיימיסטען" האבען געגלויבט דורך עראבערונג פון די צוקונפטיגע אידישע נאציאנאלע אויטאנאמע קערפערשאפטען זיך שאפען די מיטלען פאר א סאציאליסטישער טעריטאריע.

די איבערוועגענדע מעהרהייט האט אבער געהאלטען, אז די קאלאניזאציע וועט מוזען זיין א קאפיטאליסטישע, און אז די אויפגאבע פון אידישען פראלעטא־ריאט דארף זיין וואס מעהר סאציאליסטישע עלעמענטען אריינצוברענגען אין דער קאלאניזאציאנס־ארבייט. דער בליק איז אויך געווען דער סאציאל־דעמאקראטיש־פועלי־ציוניסטישער, מיט דעם אונטערשיד לגבי די אנדערע פראקציעס, וואס די פראגע איז געשטאנען, ניט ו ו י דאס לאנד צו בויען, נאר צו רעגולירען די פראצעסען, וועלכע פיהרען סיי־ווי צו דער דורכפיהרונג פון ציוניזם. מען באטייליגט זיך אין א היסטארישען פראצעס, אין וועלכען יעדער קלאס טראגט אריין זיינס, און וועלכען קיין קלאס איז ניט מחויב אליין אנצופיהרען. די ארבייטער וועלען דארט טאן, וואס זיי וועלען קענען, און ניט וואס די אבסטראקטע טעאריע שרייבט פאר. זיי וועלען בויען סאציאליסטיש וואו און וואס זיי וועלען קענען; זיי וועלען ווערען א טייל פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט, וואו זיי וועלען עס מוזען, און דורך קאמף און ארבייט אויף אלע געביטען זיך דערשלאגען צו אלץ בעסערע באדינגונגען.

# דער ציוניסטישער קאנגרעס.

אויף דעם אופן איז אויך פארענטפערט געווארען די פראגע וועגען אונזער שטעלונג צום ציוניסטישען קאנגרעס. אין פראצעס פון ציוניסטישער פארווירקלי־כונג טרעפען זיך די קלאסען אין אידישען פאלק פנים־אל־פנים אויף אלע געביטען, וועלכע האבען א שייכות צו דעם פראצעס, דאס מיינט, נאטירליך, אויך אין די אינסטיטוציעס, וועלכע ווערען באשאפען צו רעגולירען דעם פראצעס. ניט געהן צום קאנגרעס וואלט געהייסען אפשוואכען אונזער פאזיציע לגבי די אנדערע עלעמענ־טען אינ׳ם בויענדען ציוניזם.

ביז דעם זיבעטען ציוניסטישען קאנגרעס פון 1905, וואו דער ציוניסטישער לאגער האט זיך ענדגילטיג געשפאלטען אויף ציוניסטען און טעריטאריאליסטען, איז די פראגע גארניט געשטעלט געווארען אונטער א ספק. נאך דעם זיבעטען קאנ־גרעס זיינען די ס. ס. אוועק מיט די בירגערליכע טעריטאריאליסטען און די אייגענט־ליכע פועלי־ציון זיינען געבליבען אין ציוניסטישען לאגער. אבער נאך דער רוסישער רעוואלוציע פון 1905, ווען די באיקאט־שטימונג איז געווען זעהר שטארק ביי די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען און די סאציאל־דעמאקראטען און מען האט די דומא ניט געוואלט אנערקענען, האט זיך אויף דער אידישער גאס ארייגנעכאפט א ספק וועגען ציוניסטישען קאנגרעס. די ערשטע שלאכט האבען די „קאנגרע־סיסטען" געוואונען. דער פארטיי־צוזאמענפאהר אין קראקע האט באשלאסען צום קאנגרעס ווייטער צו געהן, און די רוסישע פועלי־ציון זיינען געווען צווישען די דעלעגאטען פון אכטען ציוניסטישען קאנגרעס, אין האאג, 1907.

מיט צוויי יאהר שפעטער האבען די פועלי־ציון, אויף א פארטיי־בעראטונג, ווידער אין קראקע, באשלאסען אין ציוניסטישען קאנגרעס מעהר ניט צו געהן. אזוי ווי איך בין פון זיבעטען קאנגרעס אפגעפאהרען נאך אמעריקא — אויף דער איינלאדונג פון די היגע חברים — ווייס איך ניט פון פערזענליכער ערפאהרונג, וועלכע מאטיווען האבען געשפילט די הויפט־ראלע אין דער ענדערונג פון דער ביז דאן זעלבסטפארשטענדליכער כמעט שטעלונג צום ציוניסטישען קאנגרעס.

אין זיין עטוואס־צו־הומאריסטיש געשריבענע זכרונות זאגט ניר (זעה „רויטער פנקס", צווייטער באנד, ז. 78־79), אז „נאך אויפ׳ן זיבעטען קאנגרעס האבען מיר כמעט אלע אנגעהויבען פיהלען, אז מיר זיינען דא אויף א פרעמדער חתונה און ביי יעדען פון אונז האט אנגעהויבען גריבלען דער געדאנק, אז מיר מוזען רעווידירען אונזער שטעלונג צום ציוניסטישען קאנגרעס. מיר האבען באשיינפערליך זיך איבער־צייגט, אז ניט נאר צוליב אונזער קליינער צאל האבען מיר ניט געהאט קיין שאנסען צו האבען א השפעה אויפ׳ן קאנגרעס, נאר פון דער באציהונג צו אונז האבען מיר זיך איבערצייגט, אז מען דארף אונז אויפ׳ן קאנגרעס נאר אלס דעקאראציע, ווייל דער גאנצער קאנגרעס איז געווען ניט מעהר ווי א שעהנע דעמאנסטראציע — אלץ פלעגט ווערען אפגעטאן הינטער די קוליסען נאך פאר׳ן קאנגרעס און, פאר־שטעהט זיך, אז צוליב אזא דעקאראציע, ווי מיר זיינען געווען, וועט דאס ציוני־סטישע בירגערטום קיין סך ניט מקריב זיין".

ניר דערצעהלט אויך, אז „אונזער ראלע אויף דעם קאנגרעס איז געווען באמת א קלעגליכע", אז זיי האבען געהאט שלעכטע זיץ־פלעצער, האבען ניט פארשטאנען די שפראכען פון קאנגרעס און ניט געוואוסט ווי צו פיהרען זיך פארלאמענטאריש".

הגם איך בין געווען אויף יענעם קאנגרעס, פון דער רוסישער פארטיי, און דער קאנגרעס האט אויף מיר אזא איינדרוק ניט געמאכט, איז אבער מעגליך, אז די שטימונג, וועלכע ניר כאראקטעריזירט, זאל האבען ענטשידען דעם קאמף צווישען די קאנגרעסיסטען און די אנטי־קאנגרעסיסטען ביי די רוסישע פועלי־ציון מיט א צוויי יאהר שפעטער.

---

די פועלי־ציוניסטישע אידעאלאגיע איז ניט פארענדיגט — און קען ניט זיין פארענדיגט, ווייל זי זוכט צו געבען אן ענטפער אויף דאס פליסענדע אידישע לעבען און די אלע פראבלעמען, וועלכע די צייט שטעלט ארויס. אבער אויף איהר לאנגען וועג פון אבסטראקט־אוניווערסאלען ציוניזם ביי העס'ן ביז דער ברייטער קאנצעפציע פון היינט, וועלכע נעהמט אריין די איינצעל־אמת'ן פון די פארשידענע סאציאליסטישע פראקציעס ביי אידען, האט זי געפונען יענע צופאסונג צו דער ווירקליכקייט, וועלכע פאדערט און ערלויבט אן אלזייטיגען און פרייען אויסדרוק פון געדאנק און טאט, וואס קענען פיהרען צו בעסערונג פון דער אידישער לאגע און דער גלייכשטעלונג פון אונזער פאלק אין א וועלט פון פאליטישער און אינ־דוסטריעלער דעמאקראטיע.

# צוואנציג יאהר פועלי־ציוניזם

פון ב. לאקער.

I.

פאר א באוועגונג, נאך מעהר ווי פאר'ן יחיד, איז א יובל נישט בלויז א געלעגענהייט פון שמחה, פון פרעהען זיך איבער דער דערגרייכטער עלטער, נאר קודם־כל א מאמענט פון חשבון הנפש, פון ווארפען א בליק אויף צוריק, כדי זיך קלאר צו מאכען, צי און אויף ווי ווייט די באוועגונג האט זיך דערנענטערט צו דעם ציל וואס זי האט אנגעשריבען אויף איהר פאן.

אין דעם מאמענט, ווען עס ענדיגט זיך דאס פייערען דעם צוואנציגסטען יאהר זינט דער ענדגילטיגער קאנסטיטואירונג פון דער רוסלענדישער פועלי־ציון־פארטיי אויפ'ן פאלטאווער צוזאמענפאר — די אנהויבען פון דער באוועגונג גרייכען צוריק עטלאכע יאהר פאר פאלטאווע — און מיר טרעטען אריין אין'ם צוואנציגסטען יאהר פון דער עקזיסטענץ פון אונזער וועלט־פארבאנד, איז דעריבער אויך אונזער ערשטער חוב, צו מאכען אונזער חשבון הנפש, אונזער סך־הכל. וואס האט די באוועגונג אויפגעטאן אין משך פון די דאזיגע יאהרען? אין וועלכער מאס האט זי משפיע געווען דאס לעבען? ווי ווייט האט זיך איהר איינגעגעבען מקיים צו זיין מארקס'עס געבאט, אז בעת די פילאזאפען ווילען די וועלט גאר דערקלערען, מוזען די רעוואלוציאנערען זי איבערצאנדערשען?

אויפ'ן ערשטען בליק איז דער אידעאישער אויפטו פון'ם פועלי־ציוניזם נישט קיין זעהר אריגינעלער. ער האט גענומען צוויי אידעען, וואס האבען עקזיסטירט פאר איהם, דעם סאציאליסטישען געדאנק פון באפרייאונג פון דער מענשהייט

פון׳ם יאָך פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און דעם ציוניסטישען פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון׳ם אידישען פאָלק — צוויי אידעען, וואָס זיינען ביז צום פּועלי־ציוניזם געשטאַנען אין אַ שאַרפען געגענזייטיגען קאַמף — און געמאַכט שלום צווישען זיי. מען טענה׳ט: ניטאָ אין דעם קיין אייגענס, קיין אָריגינאַליטעט. און דאָך איז די צונויפגיסונג פון די צוויי אידעען נישט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר דאָס לעבען אַליין האָט זי געפאָדערט. און דאָך איז דער פּועלי־ציוניזם נישט נאָר אַן אָריגינעלער געדאַנק, נאָר — און דאָס איז וויכטיגער — אַ היסטאָרישע טהאַט. כדי דאָס קלאָר צו מאַכען, איז נויטיג צו געבען אַ קורצען איבערבליק אויף אַ האַלבען יאָהרהונדערט אַנטוויקלונג פון׳ם אַלגעמיינעם און אידישען לעבען אין מזרח־אייראָפּאַ.

## .II

די צווייטע העלפט פון׳ם ניינצענטען יאָהרהונדערט פיהרט אריין דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אין די לענדער פון׳ם אידישען מאַסען־ישוב. דער פעאָדאַליזם ווערט צוטרייסעלט, עס ווערט אָפּגעשאַפט דאָס לייב־אייגענטום, עס ווערט רעוואָלוציאָניזירט די קאָמוניקאַציע דורך דער איינפיהרונג פון דער אייזענבאַהן, וואָס מאַכט מעגלאָך דאָס שנעלע אריבערוואַרפען פון מענשען און סחורות אין ווייטע געגענדען. דעם אָרט פון די ענגע ווירטשאַפטס־געביטען, וואָס האָבען ארומגענומען דעם קליינעם שטח פון איינער אָדער עטלאַכע שטעדט מיט זייער נאָהענטסטע סביבה, פאַרנעמט איצט דער גרויסער שטח פון דער גאַנצער מלוכה, — יאָ, פון גאַנץ אייראָפּאַ און ווייט איבער אייראָפּאַ. עס בייט זיך דער אופן פון פּראָדוקציע. דעם אָרט פון דער פּרימיטיווער האַנט־אַרבייט פאַרנעמט אַלץ מעהר און מעהר די מאַשין, דעם אָרט פון דער אַרבייט, בעיקר פאַר׳ן אייגענעם פאַרברויך פון׳ם פּראָדוצענט, פאַרנעמט די פּראָדוקציע פון סחורות פאַר׳ן מאַרק. עס אַנטשטעהט די מאָדערנע אינדוסטריע, וואָס ציהט אריין פון איין זייט די קאַפּיטאַלען פון די אַמאָליגע פעאָדאַלען, אָנגעזאַמעלט אין יאָהרהונדערטער פון פויערים־עקספּלואַטאַציע, און פון דער צווייטער — די „פרייע“ אַרבייט פון די גרויסע מאַסען פויערים, וואָס זיינען באַפרייט פון פּאַנשטשיזנע, אָבער אויך פון ערד, און שטראָמען אין די שטעדט, זוכענדיג צו פאַרקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט אין דער יונגער אינדוסטריע. אַזוי וואַקסען ארויס לעבען פריצים און פויערים די צוויי קלאַסען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. עס וואַקסט ארויס אַן אינטעליגענץ, וואָס פאַרנעמט די פונקציעס פון דער אויסגעוואַקסענער, גרעסערער און קליינער ביוראָקראַטיע. גרויסע טיילען פון דער ארויסגעשטויסענער פויערשער באַפעלקערונג זוכען באַשעפטיגונג אין דער מלאכה און אין קליינעם האַנדעל.

ווי אַזוי שפּיגעלט זיך אָפּ די דאָזיגע אַנטוויקלונג אויף דער אידישער גאַס? יאָהר־הונדערטער לאַנג האָט דאָס אידישע פאָלק פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ כמעט איינהייטליכע מאַסע, אין וועלכער עס זיינען אַפילו פאַראַן געווען סאָציאַלע חילוקים פון אָרים און רייך, המון און יחוס, עם־הארצים און למדנים, וועלכע איז אָבער דאָך, בפרט אין איהרע באַציהונגען צו דער סביבה, געווען אַן איינהייט. אין דער פעאָדאַלער און פאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע זיינען די אידען געווען די

טרעגער פון דער געלט־ווירטשאַפט, ד. ה. זיי האָבען אויסגעפילט יענעם קליינעם שטח פון אויסטויש און קרעדיט־פונקציעס, אין וועלכען אויך די דאַמאָלסדיגע ווירטשאַפט האָט זיך גענויטיגט. זיי זיינען געווען די פאַכטער פון פריצישע גיטער; זיי האָבען אויפגעקויפט די תבואה אוים די פריצישע שפייכלערס און געבראַכט זי אין די שטעדט און אויך אויפ׳ן אויסלענדישען מאַרק; זיי האָבען, פון דער צווייטער זייט, געבראַכט זייד, איידעל־שטיינער און אַנדערע לוקסוס־זאַכען פון אַנדערע מדינות פאַר די באַדערפנישען פון די פריצישע הויפען; זיי האָבען אָפּגע־קויפט ביים פויער דאָס ביסעל תבואה, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין אָרימער ווירטשאַפט, און פאַרקויפט איהם אַרבייטס־מכשירים און אַנדערע שטאָדטישע פּראָדוקטען, וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט אויסאַרבייטען. האַנדעל, פאַר־מיטלעריי, שענקעריי — דאָס זיינען געווען די עיקר־פּרנסות ביי אידען, וועלכע האָבען געלעבט, לויט מאַרקס׳ אַ וואָרט, אין די שפּאַרונעס פון דער אַרומיגער ווירטשאַפט.

מיט׳ן אַריינדרינגען פון׳ם קאַפּיטאַליזם אין די געביטען פון׳ם אידישען מאַסען־ישוב הויבען זיך אָן צוויי פּאַראַלעלע פּראָצעסען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון׳ם אידישען לעבען. פון איין זייט קומט פאַר אין דער אידישער גאַס אַ פּראָצעס פון אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַלער דיפערענצירונג, פון דער צווייטער זייט גייט אָן אַן אַלץ שאַרפער ווערענדיגער קאָנקורענץ־קאַמף מצד די פאַרשידענע נייע שיכטען פון דער נישט־אידישער געזעלשאַפט אַנטקעגען די שייכות׳דיגע שיכטען פון׳ם אידישען פאָלק.

דער קאַפּיטאַליזם עפענט קודם־כל אַ ברייט פעלד פאַר דער אויסשפּרייטונג פון׳ם אידישען האַנדעל. דער וואוקס פון׳ם האַנדעל רופט אַרויס די אַנטשטעהונג פון אַ גרויסען אידישען האַנדעלס־פּראָלעטאַריאַט — פּריקאַזטשיקעס, בוכהאַלטערס און אַנדערע אָנגעשטעלטע. דער אָנגעזאַמעלטער אין די פריהערדיגע יאָהרען אידישער באַוועגליכער קאַפּיטאַל דרינגט אָבער אויך אַריין אין פאַרקערס־וועזען און אינדוסטריע. עס ווערט געבוירען די מאָדערנע אידישע בורזשואַזיע.

גלייכצייטיג הויבט זיך אָן ביי דער ברייטער אידישער מאַסע אַ פּראָצעס פון עקאָנאָמישער איבערשיכטונג. די הענדלערישע און פאַרמיטלערישע פּרנסה־צווייגען ווערען אַלץ ענגער פאַר די אידישע מאַסען. אַ טייל פון דער פויערשער מאַסע, וואָס שטראָמט אין די שטעדט און שטעטלאַך, הויבט זיך אָן אַריינצוגיסען אויך אין קליינעם האַנדעל, וועלכער איז ביז איצט געווען אַ אידישער מאָנאָפּאָל. „די קריסטען זיינען געוואָרען אידען" — אַזוי באַצייכענט מאַרקס דעם פאַקט פון׳ם איבערנעמען די אידישע געלט־פונקציעס דורך די נישט־אידען מיט׳ן אָנהויב פון׳ם קאַפּיטאַליזם. און פאַר דער אידישער מאַסע שטעהט די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט צו ווערען אין עקאָנאָמישען זין „קריסטען", ד. ה. אָפּצוזאָגען זיך פון דער עקאָנאָ־מישער איינזייטיגקייט און איבערצוגעהן צו פּראָדוקטיווער אַרבייט.

וואָלט דער דאָזיגער פּראָצעס זיך אַנטוויקעלט נאָרמאַל, ד. ה. וואָלטען אידען אַריינגעדרונגען גלייכמעסיג אין אַלע צווייגען פון אַרבייט, אין לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, קאָמוניקאַציע, א. אַז. וו., וואָלט אפשר די אידישע פראַגע, אַלענפאַלס אין עקאָנאָמישען זין, דערמיט פאַרענטפערט געוואָרען. אָבער אַ גאַנצע שורה סיבות האָט גורם געווען דערצו, אַז דאָס זאָל נישט אַזוי געשעהן.

קודם־כל: עס איז פאַרשטענדליך, אַז בעת אידען האָבען אין גרויסע מאַסען געמוזט איבערגעהן צו אַרבייט, האָבען זיי זיך דאָס ערשטע געוואָרפען אויף יענע צווייגען פון אַרבייט, וואָס זיינען אויך פריהער — הגם אין אַ באַגרעניצטער מאָס — געווען פאַרטראָטען אין דער אידישער גאַס. אויך פריהער האָט געמוזט זיין אַ אידישער בעקער, אַ אידישער קצב, אַ אידישער שניידער (צוליב דער באַזונדערער אידישער קליידונג און שעטנז). דער גאָלדשמיד, מעש־גיסער, טישלער א. א. האָבען געפונען זייערע קונים צווישען אידען. און אַזוי איז דער ערשטער מאַסענהאַפטער איבערגאַנג צו אַרבייט אויף אַ נאַטירליכען אופן פאָרגעקומען אויף דעם דאָזיגען ענגען שטח פון שוין ביז־דאַמאָלסדיגע „אידישע מלאכות“. בפרט, אַז פאַר אַ הענדלער איז אויך לייכטער צו ווערען, למשל, אַ שניידער, ווי אַן אינדוסטריע־אַרבייטער. אַזוי האָט זיך די ירושה פון די פריהערדיגע עפּאָכען אַריבערגעטראָגען אויך אין׳ם פּראָצעס פון פּראָדוקטיווירונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע גופא. עס איז אַנטשטאַנען אַ אידיש האַנדווערקטום און אַ אידישער האַנדווערקערישער פּראָלעטאַריאַט אין די באַקאַנטע אידישע פאַכען, וואָס דינען דעם דירעקטען געברויך, קודם־כל באַקליידונג און דערנערונג.

פון דער גרויסער אינדוסטריע אָבער, פון קוילען־גרובען און נאַפט־אינדוסטריע, פון מעטאַל־ און מאַשינען־אינדוסטריע, פון אייזענבאַהן און שיפס־פאַרקעהר, פּונקט ווי פון דער לאַנדווירטשאַפט איז די אידישע אַרבייט כמעט אינגאַנצען געבליבען אויסגעשלאָסען. אַ חוץ דעם דערמאָנטען טעם, וואָס דערקלערט פּסיכאָלאָגיש דעם אָנהויב פון׳ם פּראָצעס, זיינען דאָ אַ גאַנצע שורה אַנדערע.

קודם כל דאָס, וואָס דער אידישער שטאָדט־עלעמענט איז פיזיש שוואַכער און ווייניגער צוגעפּאַסט צו שווערער אַרבייט, ווי די פּויערים־מאַסע, וואָס קומט אין דער פאַבריק גלייך פון׳ם דאָרף. די העבערע באַדערפנישען (אין דער ערשטער צייט) פון׳ם אידישען אַרבייטער; זיין שטאַרקע נטיה צו אָרגאַניזאַציע, סטרייקען און זיין „דעמאָראַליזירענדע“ ווירקונג אויף די אַרבייטס־חברים; ביי אַ טייל דאָס נישט וועלען אַרבייטען שבת — דאָס אַלץ מאַכט די אַרבייטס־קראַפט פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריער ווייניגער ראוי צו קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע אין די אויגען פון דער בורזשואַזיע, אויך דער אידישער.

ס׳איז אָבער דאָ נאָך אַ סבה, די טיפסטע פאַר דער דאָזיגער מאָדערנער, פאַר׳ן אידישען אַרבייטער־קלאַס באמת טראַגישער ערשיינונג.

מיט דער אידישער בורזשואַזיע איז אויך געבאָרען געוואָרען איהר פּאָליטישע אידעע — די אַסימילאַציע.

די יונגע אידישע בורזשואַזיע שטויסט זיך אָן שוין ביי איהרע ערשטע שריט אויף דער קאָנקורענץ פון דער נישט־אידישער, וואָס שטרעבט צו אַ מאָנאָפּאָל אויף אַלע מעגליכקייטען פון קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטען אין „איהר“ לאַנד. אין דעם דאָזיגען קאָנקורענץ־קאַמף באַנוצט זיך די נישט־אידישע בורזשואַזיע מיט אַלע מיטלען, וואָס קענען געווינען פאַר איהר די ברייטע קונים־מאַסע, וואָס איז דאָך אַ נישט־אידישע. זי שטרייכט דעריבער שטענדיג אונטער איהר נאַציאָנאַלען — רוסישען, פּוילישען א. א. וו. — כאַראַקטער, און וואַרפט דעם לאָזונג: קויפט נישט ביי אידען, סוואָי דאָ סוועגאָ! אַנדערש די אידישע בורזשואַזיע. זי איז פאַראינטערעסירט, אַז די נישט־אידישע קונים׳שאַפט זאָל וואָס ווייניגער דערזעהען

איהר אידישען פּרצוף, און זי באמיהט זיך מיט אלע מיטלען, איהם צו באהאלטען. דעריבער איז די נישט־אידישע בורזשואזיע נאַציאָנאַליסטיש, די אידישע — „קאָסמאָפּאָליטיש", אסימילאטאריש.

און דאָ ליגט, לויט מיין מיינונג, אויך די טיפסטע סבה פון'ם פאַקטישען באָיקאָט פון דער אידישער ארבייט, וואָס מיר באגעגענען דורך די אלע יאהרען נישט נאָר אין די נישט־אידישע, נאָר אויך אין די „אידישע" פאבריקען, א באָיקאָט, וואָס שליסט אויס דעם אידישען ארבייטער אלץ מעהר, וואָס גרעסער עס איז די אונטערנעמונג און וואָס העכער עס איז די טעכניק פון איהרע פּראָדוקציע־מיטלען.

און די דאָזיגע דערשיינונג, וואָס דער פּראָדוקטיווירונגס־ און פּראָלעטאריזירונגס־פּראָצעס האָט זיך אָנגעשטויסען אין אזעלכע שווערע מניעות, וואָס האָבען איהם אין א הויכער מאָס איינגעענגט און אפילו לגמרי געשטערט, האָט געבראַכט צו דער גרויסער אידישער עמיגראַציע, וואָס איז נישט עפּעס אנדערש, ווי דער איבערגאַנג צו ארבייט דורך אריבערטראָגען זיך אין אנדערע לענדער.

## III.

מיט די דאָזיגע אלע פּראָצעסען, אין וועמעס רעזולטאט מיר האָבען פאַר זיך די היינטיגע אידישע גאַס מיט איהר עקאָנאָמישען פּרצוף און קלאסען־דיפערענצירונג, האָבען זיך אָנגעהויבען ארויסקריסטאַליזירען די ערשטע קערנדלאַך פון די פארשידענע אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען ערשט שפּעטער אויסגעוואקסען צו פּאָליטישע ריכטונגען.

די בורזשואזיע — ווי געזאָגט — האָט ארויסגערוקט די אידעאָלאָגיע פון אסימילאַציע. אין דער ברייטער קליינבירגערליכער מאסע, וואָס איז געטריבען געוואָרען צום איבערגאַנג צו ארבייט און האָט געטראָפען דעם וועג צו איהר פול מיט די שווערסטע מניעות, און וואָס האָט אמשאַרפּסטען דערפילט די בייטש פון אנטיסעמיטיזם, רדיפות און פּאָגראָמען, איז די אלטע, טויזענט־יאָהריגע בענקשאפט ווידער געוואָרען לעבעדיג אין דער אידעע פון חבת ציון. דער יונגער פּראָלעטאריאט האָט געמאַכט די ערשטע שריט צו אָרגאַניזירונג פון זיינע כחות, די ערשטע ארויסטרעטונגען אין סטרייקען און לוין־באוועגונגען. די אינטעליגענץ האָט די אלע אידעען געגעבען זייערע וואָרט־פיהרער. מיר זעהען זי אלס די פארקעמפערין פון דער אסימילאַציע; מיר זעהען זי אין די שורות פון דער השכלה, ווי זי פּרעדיגט א מין קאָמפּראָמיס צווישען אסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם: היה אדם בצאתך ויהודי באהליך. זי איז די עיקר־טרעגערין פון'ם ביל"ו־געדאַנק: בית יעקב לכו ונלכה — לאָמיר אנטלויפען! אָבער דאָס איז נישט נאָר אן אנטלויפען פון מזרח־אייראָפּא אין א"י, נאָר אויך אן אנטלויפען פון די אידישע לופט־פּרנסות צו ערד־ארבייט; א טייל פון דער אינטעליגענץ נעמט אויך שוין אויף דעם סאָציאַליזם. אָבער דאָס איז ביי איהר פארבונדען מיט אנטלויפען פון דער אידישער גאַס, אין וועלכער זי זעהט נישט קיין כח, וואָס זאָל זיין ביכולת צו קעמפען פאַר א בעסער לעבען. זי זעהט אין דער אידישער גאַס א טשערעדע, וואָס פארמאָגט נישט קיין פעסטען עקאָנאָמישען באָדען אונטער די פיס.

אזוי זיינען געבוירען געוואָרען די צוויי גרויסע אידעען, וואָס באהערשען זייט

30 יאָהר דאָס פּאָליטישע דענקען פון דער אידישער גאַס: דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם. ביידע מיט וואָרצלען אין עבר, אין די משיח־באַוועגונגען און אין די סאָציאַלע אידעען פון די נביאים ביז חסידיזם און השכלה, ביידע אין זייער נייער געשטאַלט קינדער פון קאַפּיטאַליזם אויף דער אַלגעמיינער און אידישער גאַס. אָבער יעדע דערווייל דער איינזייטיגער אויסדרוק פון צוויי פאַרשידענע זייטען פון דערזעלבער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. דער ציוניזם — דער אויסדרוק פון'ם קאָנפליקט צווישען דער פאַרשאַרפטער באַדערפניש איבערצואַנדערשען די עקאָנאָמישע יסודות פון'ם אידישען לעבען און דער אוממעגליכקייט דאָס דורכצופיהרען ראַדיקאַל דאָ אויפ'ן אָרט; דער סאָציאַליזם — דער אויסדרוק פון דער פאָרגעקומענער קלאַסען־דיפערענצירונג און פון'ם קלאַסען־קאַמף אויף דער אידישער גאַס.

קיין חידוש ניט דעריבער, וואָס ביידע אידעען האָבען אין דעמזעלבען יאָהר, אין 1897, צום ערשטען מאָל געפונען זייער אויסדרוק אין אָרגאַניזירטע פּאָליטישע מאַסען־באַוועגונגען (אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין'ם „בונד“) און וואָס די דאָזיגע באַוועגונגען האָבען באַלד פאַרנומען אַ שאַרפע פיינדלאַכע שטעלונג איינע צו דער אַנדערער.

וואָרים יעדע פון די צוויי באַוועגונגען איז אין יענער צייט געווען געטראָגען פון צוויי פאַרשידענע קלאַסען. אויפ'ן ציוניזם האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם דאָס קליינבירגערטום. ער איז געווען אַ קינד פון דער פאַרצווייפלונג פון די ברייטע קליינבירגערליכע מאַסען אין דער מעגלאַכקייט פון וועלכער עס איז פאַרבעסערונג פון זייער גורל דאָ, אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּאַ. זיין סימן מובהק איז געווען פּעסימיזם, אומגלויבען אין די אייגענע כחות און — אין רוסלאַנד — אויך אין'ם כח פון דער רעוואָלוציע. דעריבער אפילו ביי אַ פולער מענשלאַכער סימפּאַטיע צו די נישט־אידישע רעוואָלוציאָנערען, אַ נישט־פּאַראינטערעסירטקייט, אַ פּאַסיוויטעט לגבי די געשעהענישען דאָ, אָן אָפענע אָדער באַהאַלטענע אַנטיפּאַטיע נעגען דער באַטייליגונג פון אידען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס קאָן ברענגען אומגליק אויף אידען, צעשפּליטערט די אידישע כחות דורך אַ כלומרשט נישט פאַראַנענער קלאַסען־צוטיילונג און ציהט אָפּ די כחות פון דער איינציגער עיקר־אויפגאַבע, דעם ציוניזם.

די דאָזיגע שטימונג פון „שלילת הגלות“ האָט אַ חוץ דעם אויך געבראַכט צו אַ נישט־דערשאַצונג אפילו פון די נאַציאָנאַלע אויפגאַבען און דעם נאַציאָנאַלען קאַמף אין די גלות־לענדער.

דער סאָציאַליזם, פון דער צווייטער זייט, געטראָגען פון'ם יונגען אידישען אַרבייטער קלאַס, וועלכער האָט נאָך נישט באַוויזען צו דערקענען די גרעניצען פון זיין אייגענעם כח, שטעהענדיג מיט ביידע פיס דאָ, פול מיט אָפּטימיסטישען גלויבען אין דער רעוואָלוציע. ער זעהט נאָר דעם קלאַסען־קאַמף, נעגירט דעם גלות אין אַ היפּוכ'דיגען זין: נישטאָ קיין גלות, נישטאָ קיין ספּעציפישע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פאַר'ן אידישען סאָציאַליזם. און ווער עס רופט צו אַזעלכע, פאַרטונקעלט דעם קלאַסענבאַוואוסטזיין און ציהט נאָר אָפּ כוחות פון דער איינציגער עיקר־אויפגאַבע — דער רעוואָלוציע, דעם קלאַסען־קאַמף.

## IV.

עטלאכע יאָהר לאנג האָט זיך צופלאַקערט א קאַמף אויף טויט און לעבען צווישען די צוויי לעגיטימע צווילונגס־אידעען פון דער מאָדערנער אידישער ווירקליכקייט, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען איין־אויגיג, יעדעס אויג געווענדעט צו אַנאַנדער זייט פון'ם אידישען לעבען. ביז דער פועלי־ציוניזם האָט נישט נאָר שלום געמאכט צווישען זיי און זיי סינטעטיזירט, נאָר אָרגאַניש פאראייניגט זיי צו איין האַרמאָנישער גאַנצקייט.

שוין אין די ערשטע יאָהרען פון'ם פּאָליטישען ציוניזם האָבען זיך דאָ און דאָרט געפונען יחידים און אפילו גאַנצע גרופּען, וואָס האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז דער פאַרביסענער קאַמף צווישען סאָציאַליזם און ציוניזם איז נישט קיין נאַטירליכע זאַך. האָבען דאָך אין זייערע אייגענע מוחות און הערצער געפונען פּלאַץ איינע לעבען דער אַנדערער ביידע אידעען. זיי זיינען געווען גוטע ציוניסטען, אָבער זייער נאַציאָנאַלער געפיהל האָט זיי אויך נישט טויב געמאַכט פאַר די ליידען פון די געפּלאָגטע און אונטערדריקטע מאַסען פון די אַנדערע פעלקער. זייער ציוניסטישע איבערצייגונג האָט זיי נישט געמאַכט גלייכגילטיג צו די געשעהענישען אויפ'ן אָרט. און זיי האָבען געפיהלט, אַז נישט קוקענדיג אויף דער געמיינזאַמער ציוניסטישער איבערצייגונג טיילט זיי דאָך אָפּ פון די איבעריגע ציוניסטען א תהום אין זייער אַלגעמיינעם בליק אויפ'ן לעבען און אַז נישט קוקענדיג אויף דער שאַרפער געגנערשאַפט איז דאָך פאַראַן עפּעס, וואָס פאַרבינדעט זיי מיט'ן „פיינדליכען" סאָציאַליסטישען לאַגער. אַזוי זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע ארבייטער גרופּען אין די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי זיינען שוין אין די סאַמע ערשטע יאָהרען פון'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט געשאַפען געוואָרען די ערשטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך שוין אָנגערופען ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש, יאָ, וואָס האָבען זיך שוין באַנוצט מיט'ן נאָמען פועלי־ציון, אָבער ערשט נאָך עטליכע יאָהר פון זוכעניש און אומקלאַרקייט האָט זיך אַרויסגעקריסטאַליזירט פון דעם אַלעמען די באַוועגונג, אין וועלכער סאָציאַליזם און ציוניזם דוהען שוין ניט בלויז בשלום איינער נעבען דעם אַנדערען, נאָר זיינען צונויפגעשמאָלצען אָרגאַניש צו איין אידעע, צום אידישען סאָציאַליזם, צום פועלי־ציוניזם.

איצט, ווען די באַוועגונג האָט שוין הינטער זיך צוויי יאָהר־צעהנדליג, קאָן מען ערשט ריכטיג אָפּשאַצען די באַדייטונג פון איהר אויפטו.

עס איז געווען קודם כל א מאָראַלישער אויפטו. ווייל ביידע אידעען זיינען דורך איהם ערשט אָפּגערייניגט געוואָרען פון א פּגם און האָבען אַזוי באַקומען זייער אמת'ען תיקון.

סאָציאַליזם איז נישט קיין איינזייטיגע באַוועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשהייט פון עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט. ער איז די אוניווערסאַלע אידעע פון דער אַלזייטיגער מענשליכער באַפרייאונג און דערהויבונג. דעריבער פאַרטראָגט נישט דער סאָציאַליזם קיין שום אונטערדריקונג, ובפרט נישט די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פון וועלכען עס איז פאָלק. אדרבא, עס ליגט אין מהות פון'ם סאָציאַליזם צו שטרעבען צו אַזא צושטאַנד, אין וועלכען יעדעס פאָלק זאָל האָבען די גלייכע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור און פערזענליכקייט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. דעם דאָזיגען פּרינציפּ האָט שוין

אָנגעצייכענט דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל אין׳ם באַריהמטען אינאַגוראַל־אַדרעס, וועלכער ערקלערט, אַז עס איז די אויפגאַבע פון׳ם פּראָלעטאַריאַט צו פּראָקלאַמירען די איינפאַכע געזעצען פון מאָראַל און יושר, וואָס פּונקט ווי זיי דאַרפען באַהערשען די באַציהונגען צווישען פּריוואַטע מענשען, אַזוי מוזען זיי גילטען אַלס די העכסטע געזעצען אין׳ם פאַרקער צווישען די נאַציעס.

אמת, נישט שטענדיג איז דער אינטערנאַציאָנאַל אין די שפּעטערע יאָהרען אין אַ פולער מאָס געבליבען געטריי דער דאָזיגער אויפגאַבע. ער האָט אָנגעווענדט דעם דערמאָנטען פּרינציפּ בעיקר אויף די צווישען־מלוכה׳שע באַציהונגען. די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג האָט איהם אינטערעסירט נאָר אין באַשטימטע, באַזונדערס בולט׳ע פאַלען, ווי ביים דערדריקטען פּוילישען פאָלק און ביי דער עקספּלואַטאַציע פון מחוץ־אייראָפּעאישע פעלקער דורך דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. ער האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין געהעריגען אינטערעס פאַר׳ן גורל פון די אונטערדריקטע קלענערע פעלקער אין אייראָפּא, ובפרט פאַר׳ן לעבענס־קאַמף פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטען. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון׳ם פאַקט, וואָס דעם חותם אויפ׳ן דענקען און דער טעטיגקייט פון׳ם אינטערנאַציאָנאַל האָבען אַרויפגעלייגט די פּאַרטייען פון די גרויסע מערב־אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס זיינען געווען ווייט פון די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און האָבען נאַטירליכערווייזע געהאַט די נטיה נישט ריכטיג אָפּצושאַצען דעם נאַציאָנאַלען באַפרייאונגס־קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער.

דער פּועלי־ציוניזם האָט אין דעם זין דערפילט אַ דאָפּעלטע שליחות. ער האָט קודם כל דעם אידישען סאָציאַליזם באַפרייט פון זיין קינדער־קראַנקהייט, פון זיין פּגם פון גלייכגילטיגקייט, זיין געגנערשאַפט צו דער נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונגס־באַוועגונג פון׳ם אידישען פאָלק. ער האָט געוויזען דעם אידישען סאָ־ציאַליזם, אַז דווקא דער ציוניזם איז דער וועג פאַר דער פולער רעאַליזירונג פון די סאָציאַליסטישע אידעען אין׳ם אידישען לעבען, ער האָט אָבער פון דער צווייטער זייט אַ גרויסען חלק אין דער נייער אָריענטירונג פון׳ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע. נישט נאָר האָט די פּועלי־ציוניסטישע פּובליציסטיק שוין אין די ערשטע יאָהרען פון איהר אַנטוויקלונג דורך איהר וויכטיגסטען פאַרטרעטער, ב. באָראָכאָוו, צוגעטראָגען עיקר׳דיגע ציגעל־שטיינער צו דער וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונג פון׳ם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם און דעם קלאַסען־כאַראַקטער פון די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון פאַרשידענע שיכטען, נאָר דער פּועלי־ציוניזם איז אין אַלע די יאָהרען נישט מיד געוואָרען צו וועקען דעם געוויסען פון׳ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם בנוגע דער נאַציאָנאַלער, ובפּרט דער אידישער פראַגע. אַז ער האָט דערביי דערגרייכט באַדייטענדע ערפאָלגען, בפרט בעת און נאָך דער מלחמה, איז באַקאַנט.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר מעגליך געווען דורך דעם, וואָס גלייכצייטיג האָט דער פּועלי־ציוניזם אויך דעם ציוניסטישען געדאַנק אָפּגערייניגט פון אַ שורה קינדער־קראַנקהייטען, וואָס האָבען זיך געגומען נישט פון זיין טיפערען מהות, נאָר דערפון, וואָס בעת זיין געבוירען ווערען אַלס מאַסען־באַוועגונג, איז ער געטראָגען געוואָרען בעיקר פון אַ באַשטימטען קלאַס, דעם קליינבירגערליכען. דער פּועלי־ציוניזם האָט נישט נאָר טעאָרעטיש ליקווידירט די געגנערשאַפט צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם, באַפרייט דעם ציוניזם פון׳ם פּגם פון געגנערשאַפט צום

העכסטען באפרייאונגס־אידעאל פון דער גאנצער מענשהייט און איהם דערמיט ערשט אריינגעשטעלט אין דער שורה פון די פראגרעסיווע נאציאנאלע באוועגונגען. ער האט אויך עמאנציפירט דעם ציוניזם פון דעם פאלשען און שעדליכען געדאנק פון שלילת־הגלות, פון אבסאלוטען פעסימיזם בנוגע יעדער מעגלאכקייט פון פאר־בעסערען דעם מצב פון די אידישע מאסען דא אין די לענדער פון'ם איצטיגען מאסען־ישוב, וואס האט פארפירט זיינע אנהענגער צו א גלייכגילטיגקייט בנוגע דעם פאליטישען און סאציאלען קאמף דא, יא צו א אידעאלאגיע פון פאסיוויטעט, פון „וואס ערגער, אלץ בעסער", און אין דער וויטערער קאנסעקווענץ צו א געגנערשאפט בנוגע דער באטייליגונג פון אידען אין דער פאליטישער און רעוואלו־ציאנערער באוועגונג דא. אזוי האט דער פועלי־ציוניזם באפרייט דעם סאמע נאציאנאלסטען און סאמע רעוואלוציאנערסטען געדאנק אין דער אידישער גאס פון דער געפאהר פון נאציאנאלען פארראט און קאנטער־רעוואלוציע.

## V.

די דאזיגע אלע אויפטועון דארף מען פארשטעהן אין א דאפעלטען זין. ערשטענס, אין א אידעאיש־טעארעטישען. אויך פאר'ן פועלי־ציוניזם איז געווען ביי אונז א ציוניסטישע און סאציאליסטישע ליטעראטור. אבער די ציוניסטישע איז געווען א זאמלונג פון טיפיש קליינבירגערליכע קינות איבער'ן ביטערען גורל פון'ם אידישען פאלק, איבער'ן עלענד פון די אידישע מאסען, רדיפות, פאגראמען און פון סענטימענטאלע מליצה'דיגע שילדערונגען פון'ם אייביגען בונד צווישען ציון און דער אידישער אומה. קיין ערנסטע אויספארשונג פון דער אמת'ער לאגע פון די אידישע מאסען, פון די פאקטארען און טענדענצען פון'ם אידישען לעבען, פון די סבות, וואס טרייבען צו דער רעאליזירונג פון'ם ציוניזם איז נישט געווען בנמצא.

די סאציאליסטישע ליטעראטור ווידער איז געווען אידיש נאר לויט דער שפראך און די מענשען, צו וועלבע זי איז געווען געווענדט. אבער זי איז באשטאנען על־פי־רוב פון איבערזעצונגען, און די וויינינע אריגינעלע שריפטען זיינען געווען געדאנקען־ארעמע אגיטאציע־בראשורען, וואס האבען גערופען דעם אידישען ארבייטער קלאס און די אידישע מאסען צום קאמף געגען דער אומגע־רעכטיגקייט אויף דער וועלט, געגען צאריזם און קאפיטאליזם. אבער קיין פרואוו צו באלויכטען מיט'ן ליכט פון דער סאציאליסטישער תורה די אידישע ווירקליכקייט, און אודאי ניט קיין פרואוו אויפ'ן יסוד פון דער דאזיגער ווירקליכקייט צו שטעלען דעם אידישען סאציאליזם ספעציפיש־אידישע אויפגאבען.

נאר יחידים האבען זיך דערוועגט ארויפצוגעהן פון „דרך הישר" פון'ם „אלץ איז איינפאך און קלאר" און צוצוגעהן צום אידישען לעבען, ווי צו אן אייגענארטיגען קאמפלעקס פון עקאנאמישע און היסטארישע ערשיינונגען, אויסצופארשען און אויפצואווייזען זייערע אומנארמאלקייטען,—האבען זיי זיך טאקע נישט אריינגעפאסט אין'ם קאזיאנעם חדר און די לופט איז זיי באלד דארט געווארען ענג. די וויכטיגסטע צווישען די דאזיגע וויניגע זיינען חיים זשיטלאווסקי, וועלכער איז שוין אין זיין פאר־בונדישען און בונדישען פעריאד, לויט זיין גאנצען קוק אויף די פראבלעמען פון'ם אידישען סאציאליזם, געווען א פארלויפער פון אונזער

באוועגונג, און נחמן סירקין, וועלכער האָט דעם גרעסטען חלק אין׳ם פאַרשיטען דעם מאָראַלישען תהום צווישען סאָציאַליזם און ציוניזם.

אויך די אַנדערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטען האָבען זייער חלק אין דער גרויסער גייסטיגער ארבייט, וואָס איז נויטיג געווען, כדי אויפצושטעלען דעם בנין פון׳ם אידישען סאָציאַליזם. די טעאָרעטיקער פון די ס. ס. האָבען גרויסע פאַרדינסטען אין׳ם אויפווייזען דעם עקאָנאָמישען כאַראַקטער פון׳ם אידישען פּראָבלעם, די גרעניצען פון׳ם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען כח פון׳ם אידישען ארבייטער־קלאַס און די טרייבענדיגע כוחות פון דער אידישער עמיגראַציע. די סיימיסטען האָבען אַנטקעגענגעשטעלט דער שלילת הגלות דעם פּאַטאָס פון׳ם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערען פרייהייטס־קאַמף פון די אידישע מאסען דאָ אויפ׳ן אָרט. אָבער ערשט דער פּועלי־ציוניזם, בפרט זיין וויכטיגסטער טעאָרעטישער וואָרט־פיהרער, באָראָכאָוו, האָט אויסגעבויט די דאָזיגע אָנהויבען צו אַ וויסענשאפטליכען סיסטעם, געשאַפען די גרונד־יסודות פאַר׳ן אַלזייטיגען טעאָרעטישען בנין, אין וועלכען די עיקר־ערשיינונגען פון׳ם אידישען לעבען ווערען גרינדליך אַנאַליזירט פון׳ם עקאָנאָמיש־סאָציאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, פריי פון איינזייטיגקייט און איבערטרייבונגען, און עס ווערט אויך אַנטפּלעקט זייער דינאַמיק, די טענדענצען פון דער ווייטערער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

וויכטיגער אָבער פון דעם אידעאיש־טעאָרעטישען אויפטו איז, וואָס דער פּועלי־ציוניזם איז פון׳ם ערשטען מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ געווען און געבליבען אַ באוועגונג פון לעבעדיגער טהאַט, פון מקיים זיין תיכף אין דער טאָג־טעגליכער ארבייט דאָס, וואָס ער האָט געפּרעדיגט אין דער טעאָריע. ער האָט שטענדיג מיט מעשים באַוויזען, אַז דער סינטעז צווישען סאָציאַליזם און ציוניזם, צווישען דאָ און דאָרט, איז נישט קיין קונציגע געדאַנקען־קאָנסטרוקציע, נאָר דער בלוט־פולער אויסדרוק פון׳ם אַזוי פילזייטיגען, סתירות־פולען אידישען ארבייטער לעבען גופא. ער האָט פאַרבונדען דעם מוטיגסטען קרבנות־פולען קאַמף אין די שורות פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מיט׳ן אוועקגעבען די בעסטע און אַקטיווסטע אוים זיינע אייגענע שורות דער צווייטער עליה קיין ארץ ישראל; ער האָט אויפגענומען אין דער פולער ברייט די לאָזונגען פון׳ם נאַציאָנאַלען סיים און אויפ׳ן שאַרפסטען אופן באקעמפט די ארץ־ישראל ליקווידאַציע פון׳ם סיימיזם. ער האָט אין עסטרייך זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון׳ם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ער איז געווען דער אָנפיהרער און געטרייסטער טרעגער פון׳ם פּאָזיטיווסטען קאַמף פאַר רעכט און לעבען אין גלות, און האָט גלייכצייטיג אום׳ברחמנות׳דיג אויפגעדעקט די הוילקייט און זעלבסטצופרידענהייט פון׳ם אויבענאויפיגסטען טיפּ פון׳ם בונדישען נאָר־גלות׳יזם, דעם גאַליצישען. ער איז אין אַמעריקע אַלס ערשטער אין דער אידישער ארבייטער וועלט איבערגעגאַנגען צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון מעשים אינ׳ם רעוואָלוציאָניזירען סאָציאַל און נאַציאָנאַל די דערציהונג פון׳ם יונגען דור דורך די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען. ער האָט שוין אין די ערשטע יאָהרען פון זיין זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ געקעמפט אין אַלגעמיינעם ציוניזם פאַר תיכף׳דיגער פּראַקטישער ארבייט אין ארץ־ישראל און דורכגעזעצט דעם פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, און האָט גלייכצייטיג געלייגט דעם יסוד פאַר דער זעלבסשטענדיגער פּראָלעטאַרישער

אויפבוי־אַרבייט אין לאַנד דורכ'ן שאַפען דעם ערשטען סאָציאַליסטישען פינאַנץ־אינסטרומענט, דעם פּאַלעסטינאַ אַרבייטער פאָנד. ער האָט אין ארץ־ישראל די ערשטע גרונט־שטיינער געלייגט פאַר דער גאַנצער אַזוי פאַרצווייגטער בויאונגס־אַרבייט פון דער ארץ־ישראל'דיגער אַרבייטערשאַפט, וואָס איז איצט קאָנצענטרירט אין דער הסתדרות, וועמענס פאָנען־טרעגער ס'איז אויך היינט די פּאַרטיי פון אונזער וועלט־פאַרבאַנד „אחדות־העבודה".

נאָך אַ זאַך דאַרף פאַרצייכענט ווערען: דער פּועלי־ציוניזם האָט קיינמאָל ניט באַטראַכט די אָרגאַניזאַציע, דעם אַפּאַראַט, פאַר'ן עיקר, פאַר וועמענס דערהאַלטונג ס'זאָל כדאי זיין צו ברענגען אידעאישע קרבנות. דער עיקר איז שטענדיג געבליבען די ריינקייט פון דער אידעע און די אַקציאָנס־פעהיגקייט פון דער באַוועגונג. דעריבער האָט דער פּועלי־ציוניזם אָהן רחמנות אַרויסגעשטויסען די האַלב־סאָציאַליסטישע, קליינבירגערליך־ראַדיקאַלע אומצופרידענע אינטעליגענץ, וואָס האָט צו איהם פאַרבלאָנדזשעט אין די גרינדונגס־יאָהרען; דעריבער האָט ער זיך אין אַ קייט פון שפּאַלטונגען צושיידט מיט אַלע עלעמענטען, וואָס האָבען צוליב אַ טעריטאָריאַליזם פון גיכער הילף, אָדער צוליב איינזייטיגע פּעסימיסטישע האָפנונגען ליקווידירט די ארץ־ישראל־אידעע און די ארץ־ישראל־טהאַט. און אַזוי האָט ער אויך אין דער צייט פון טראַגישע בלאָנדזשענישען און שפּאַלטונגען פון דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג נאָך דער וועלט־מלחמה, ווידער אַמאָל אויסגעזונדערט אַלע וואַקעלדיג געוואָרענע, וואָס האָבען פאַר לויטער וועלט־רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס זיך אָפּען אָדער פאַרשעמט אָפּגעזאָגט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס דאָס אַרבייטענדיגע ארץ־ישראל טראָגט שוין איצט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר אַריין אין אונזער לעבען.

און דעריבער האָט ער אויך אין'ם ריכטיגען מאָמענט דורכגעפיהרט די צונויפגיסונג מיט דער אינגערער שוועסטער־באַוועגונג, דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישען וועלט־פאַרבאַנד, פון וועמענס שורות עס זיינען אין'ם לעצטען האַלב יאָהר־צעהנדליג אַ סך טויזענטער באַגייסטערטע יונגע סאָציאַליסטען אַריינגעשטראָמט אין'ם אידישען אַרבייטער קלאַס אין ארץ־ישראל, און וועמענס פּאַרטיי — איצט אונזער פּאַרטיי — אין רוסלאַנד איז היינט צו טאָג דער איינציגער פּאַקטישער טרעגער פון'ם רעוואָלוציאָנערען אידישען סאָציאַליסטישען געדאַנק, פון'ם פּועלי־ציוניזם, אין דעם דאָזיגען לאַנד.

* * *

אַזוי פאַלט אויס אונזער חשבון־הנפש לגמרי פּאָזיטיוו. עס קעמפען נאָך אויך היינט ציוניסטען אין נאָמען פון ציוניזם געגען סאָציאַליזם. עס זיינען נאָך היינט אידישע סאָציאַליסטען איינגע'עקשנט אין זייער אַבסאָלוטער נעגאַציע פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו ארץ־ישראל. אָבער די פּאַקטען פון לעבען ריידען אַ קלאָרע שפּראַך: דער איינציגער ציוניזם פון טהאַט איז אונזער ציוניזם, דער ציוניזם פון אַרבייט, דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, און זיין העכסטען רעאַלען שאַפונגס־כח דערגרייכט דער אידישער סאָציאַליזם שוין היינט דורך דער באַהעפטונג מיט ארץ־ישראל.

דער דאָזיגער חשבון־הנפש זאָגט אונז, אַז מיר זיינען אויפ'ן ריכטיגען וועג לאָמיר אויף איהם ווייטער געהן מיט באַגייסטערונג און קרבנות־גרייטקייט ביז'ן פולען נצחון.

# די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא

פון ברוך צוקערמאַן.

עס ווערט שוין באַלד 25 יאָהר זינט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבען פונקציאָנירען אויף אַן אָרגאַניזירטען אופן. די באַוועגונג האָט, אָהן ספק, איבערגעלאָזען א רושם אין דעם אַמעריקאַנעם אידישען לעבען. שוין צייט געשיכטליך אויסצופאָרשען דעם דאָזיגען רושם: ווי טיף איז ער געגאַנגען? צי איז ער געווען בלויז פאַרבייגעהענדיג, אויבערפלעכליך, אָדער דויערהאַפטיג, טיף־געדרונגען? צי האָט די באַוועגונג איהרע צילען דערגרייכט אינגאַנצען, טיילווייז, אָדער גאָרניט? און וואו האַלט עס מיט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג איצט? וואָס זיינען איהרע אויסזיכטען אויף ווייטער? דאַרף מען זי בכלל האָבען? האָט זי נאָך אַ פונקציע אין דעם לעבען? און אויב יע — וואָס איז אַזוינס איהר פונקציע?

אין דעם ערשטען נומער פון „אַלמאַנאַך” וויל איך מאַכען אַ פאַרזוך אָנצוצייכענען בלויז אייניגע אַלגעמיינע שטריכען פון דער באַוועגונג, געבען, אַזוי צו זאָגען, די ראַהם פאַר'ן קומענדיגען בילד.

---

אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיינען געווען איינגעשלאָסען פאַרשידענע שטרעמונגען, אַפילו באַזונדער אָרגאַניזירטע אָפּצווייגונגען, וועלכע האָבען אָפט געפיהרט אַ שאַרפען געגענזייטיגען קאַמף. זיי אַלע האָבען אָבער געהערט צו דער זעלביגער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. וואָס, אַלזאָ, האָט זיי אַלעמען פאַרבונדען? וואָס איז אַזוינס געווען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער צד־השוה פאַר אַלעמען פון זיי?

מיר דאַכט, אַז דער צד־השוה איז באַשטאַנען אין פאָלגענדע, פאַר־זיי־אַלעמען גילטיגע יסודות:

ערשטענס — דאָס שטרעבען צו באַפעסטיגען דעם קיום פון דער אידישער נאַציע, דורך איבערבויען איהר עקאָנאָמישען לעבען אויף געזונטע פּראָדוקטיווע יסודות און דורך באַפעסטיגען און אויפהויבען איהר קולטור־מצב, באַשאַפען פאַר איהר די מעגליכקייט אויסצולעבען זיך אין איהר אייגענע אידיש־וועלטליכע קולטור זעלבסטשטענדיג.

צווייטענס, פאַרשטאַרקען די פּאָזיציעס פון די אידישע ארבייטער אין דער אידישער נאַציע; דערהויבען דעם סאָציאַליזם צום הערשענדען שטרעבען פון די אידישע מאַסען פון אונזער דור, כדי אונזערע מאַסען זאָלען דערפיהרען אונזער נאַציע, צוזאַמען מיט אַלע נאַציעס פון דער וועלט, צו יענעם טאָג, ווען דער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקליכט ווערען, און אין דער מענשהייט וועט ענטשטעהן יענע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג פון פעלקער, וואָס באַזירט זיך אויף דער אַנערקענונג פון דעם רעכט פון יעדען פאָלק צו לעבען און שאַפען זעלבסטשטענדיג.

און באפרייט פון עקאנאמישען הויקער וואס דער קאפיטאליזם האט ארויפגעלייגט אויף די פּלייצעס פון דער מענשהייט, ענטוויקעלט יעדע נאציע דאס בעסטע, וואס זי פארמאגט אין זיך, בארייכערט מיט איהרע שאפונגען אלע אנדערע נאציעס און געניסט, ווי א באזונדערער ארגאניזם פון אלע קולטור־דופטען וואס אנדערע נאציעס גיבען פון זיך ארויס.

דאס זיינען געווען די צוויי פרינציפּיעלע יסודות, אויף וועלכע די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג האט זיך געהאלטען. ווער עס האט זיך פון איינעם פון די צוויי יסודות אפּגעזאגט, יענער האט שוין דערמיט זיך אויסגעשלאסען פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג. די אינוועניגסטע שטרייטיגקייטען האבען געהאט צו טאן מיט די מעטאדען, ווי אזוי די דאזיגע צילען צו דערגרייכען. די גרונט־יסודות זיינען אבער געבליבען פאר אלעמען און שטענדיג די זעלביגע.

---

צוויי שטריכען האבען כאראקטעריזירט די אמעריקאנער נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג אין איהרע האנדלונגען. ערשטענס האט זי כסדר געצויגען איהר גייסטיגע חיונה פון אינוועניג פון דעם אידישען לעבען גופא. איהר איז געווען דערווידער דאס אריינברענגען פארטיגע מאס און וואג צו מעסטען און וועגען די ענטוויקלונגען און ערשיינונגען פון אונזער לעבען. זי איז געשטאנען מיטביידע פיס און מיט הארץ און קאפּ אין דער אידישער וועלט. איהר אויסגאנג־פונקט איז שטענדיג געווען — דאס אידישע לעבען. אין דאס אידישע לעבען האט זי געזעהן ניט נאר א פעלד פאר דער אגיטאציע פון אבסטראקטע געדאנקען אדער אפילו אידעאלען, נאר איהר אייגען לעבען גופא. ניט לערנען איז זי געקומען די אידישע מאסען, נאר מ י ט ל ע ב ע ן מיט זיי. און איהרע געדאנקען און אידעאלען האט זי געזייהעט אין דער אידישער מאסע ניט ווי א פרעמדע תורה, מיט וועלכער מען דארף מזכה זיין די אומוויסענדע, נאר ווי מיטלען אויסצושענערען דאס לעבען פון דער אידישער מאסע, פון וועלכער זי אליין איז אן ארגאנישער טייל.

צווייטענס, האט זי כסדר געזוכט צו דערגרונטעווען זיך ביז צום סאמע מקור פון אונזערע עקאנאמישע און קולטורעלע פראבלעמען. האלבקייטען האט די באוועגונג ניט געקאנט דולדען. צי עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ארגאניזירען דאס אמעריקאנער אידענטום, צי פאר רעליף פאר דעם טייל פון דער נאציע, וועלכען די מלחמה האט רואינירט; צי עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ציוניזם, צי וועגען אידישער ערציהונג אין אמעריקא; צי עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער וואנדערונג־פראגע, צי וועגען טרייד־יוניאניזם — שטענדיג האט דער נאציאנאל־סאציאליסטישער געדאנק געזוכט צו דערגרונטעווען זיך צום סאמע מקור פון פראבלעם און האט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט פּאליאטיוועז. די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג איז דורכדעם געווארען די שטארקסטע מאנערין, די שטענדיגע פארלאנגערין, די אייביג ניט־צופרידענע, די עקסטרעמע פאדערער.

האט מען געדארפט פארמולירען די פאדערונג פון אמעריקאנער אידענטום צום פרידענס־קאנגרעס, האבען אלע אנדערע עלעמענטען אין אמעריקאנער אידענטום געזוכט אראפּצודינגען עפּעס. פאר איינע איז די פאדערונג פון נאציאנאלע מינאריטעטען־רעכט געווען צו נייע און צו געוואגט; פאר אנדערע איז די פאדערונג פון א אידישער רעפּובליק אין ארץ־ישראל געווען צו חוצפה'דיג; פאר נאך אנדערע

איז אפילו דאס סאמע אויפטרעטען פון דער אידישער נאציע ווי א נאציע געווען א געפעהרליכע זאך. די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג אליין איז געשטאנען שטאל און אייזען פאר שטעלען צו דער וועלט א ל ע אונזערע פאדערונגען אין דער גאנצער וועלט.

האט מען גענדארפט פארמולירען פאר אונז אליין א מין קאנסטיטוציע פאר דער אינערער ארגאניזירונג אונזערער, פאר דער ארגאניזירונג פון דעם גאנצען אידישען פאלק — האט די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג ארויסגעשטעלט די מאקסימאלסטע פאדערונגען: א אידישען וועלט־קאנגרעס מיט לאנדעס־קאנגרעסען אלס זייערע אפטיילונגען, וואס נעהמט אויף זיך סיי כלפי פנים, סיי כלפי חוץ אלע יענע אויפגאבען, וואס האבען אן אלוועלטליך־אידישע באדייטונג.

צי מיר זיינען געווען קלוג מיט אונזער מאקסימאליזם אדער נאריש — וועגען דעם זאל משפט'ן די צוקונפט. אבער ווי א כאראקטעריסטיק פון אונזער באוועגונג בלייבט עס לעולם־ועד, אז מיר האבען שטענדיג געמאנט און געפאדערט מעהר ווי אירגענד אן אנדער טייל פון אידענטום. אונזער אויפגאבע איז געווען — וואס־ברייטער מאכען די האריזאנטען אונזערע. און די „רעאל־פאליטיקער" אונזערע האבען פון אונז שטענדיג צרות געהאט. הלואי ווייטער ניט ערגער.

---

דורך דער באוועגונג זיינען דורכגעגאנגען פארשידענע ארגאניזאציעס און גרופען. ווער זיינען זיי?

די וויכטיגסטע פון זיי איז, לכל־הדעות, די פועלי־ציון־פארטיי. איך בין זיכער, אז קיין אנדער גרופע וועט זיך ניט פיהלען געטראפען, ווען איך וועל באהויפטען, אז אין אלע ארויסטרעטונגען פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקא האט די פועלי־ציון־פארטיי געטראגען אויף איהרע פלייצעס די גרעסטע מאס פון פאראנטווארטליכקייט, דעם גרעסטען טייל פון די דאגות און זארגען פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג און האט דער באוועגונג געגעבען דעם גרעסטען טייל פון איהר אימפעט און איהר כח.

די געשיכטע פון פועלי־ציוניזם דארף און וועט, אלזא, פארנעהמען דעם אויבענאן אין דער געשיכטע פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג. אין פועלי־ציוניזם האט די נאצ.־סאציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקא געהאט איהר ערשטע התגלות. דער פועלי־ציוניזם איז דער עלטסטער און ביז איצט דער דויערהאפטסטער כח, וואס דער נאציאנאלער סאציאליזם האט אין אמעריקא פארמאגט. די מעהרסטע אנדערע גלידער פון דער באוועגונג זיינען טאקע ארויסגעוואקסען פון דעם פועלי־ציוניזם.

סיי אין פארמולירען דעם רעיון גופא פון נאציאנאלען סאציאליזם, סיי אין געבען דער באוועגונג איהרע כאראקטעריסטישע שטריכען, וועגען וועלכע עס איז פריהער גערעדט געווארען, האט דער פועלי־ציוניזם זעהר פיל בייגעשטייערט. אפילו די אנדערע ריכטונגען האבען תמיד געפיהלט, אז דער פועלי־ציוניזם איז די חוט־השדרה פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקא.

---

אין כראנאלאגישער ארדנונג דארף דערמאנט ווערען די סאציאליסטיש־טעריטאריאליסטישע פארטיי, וועלכע האט אין די יאהרען 1906—1908 געשפילט

א זעהר וויכטיגע ראָלע אין דער נאצ.־סאָציאַליסטישער באוועגונג. איהר געשיכטע וועט אויך פארנעהמען א באדייטענדען פלאץ אין דעם קאפיטעל, וואס דאס אמע־ריקאנער אידענטום וועט מוזען ווידמען דער נאציאָנאל־סאָציאליסטישער באוועגונג.

אנדערש ווי איהרע שוועסטער־פארטייען אין אייראפא, הויפּטזעכליך די ס. ס. פון רוסלאנד, האָט זיך אנטוויקעלט די ס. ט. פארטיי אין אמעריקא. דער שטרענגער, אַזוי־גערופענער, וויסענשאפטליכער מארקסיזם האט זיך צו די אמעריקאנער ס. ט. ניט געקלעפּט. פאר זיי, ווי פאר די אמעריקאנער פועלי־ציון, איז דער קאמף פאר דעם קיום פון דער נאציע געווען אזא זעלבסטפארשטענדליכקייט, וועלכע האט זיך ניט גענויטיגט אין ראיות פון מארקסיזם, כדי צו זיין בארעכטיגט. דער טערי־טאָריאַליזם איז ניט אויסגע׳פּשט׳לט געוואָרען פון עפּעס א מאטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג. דער טעריטאָריאליזם איז פאר זיי געווען די איינציגע גאראנטיע פאר׳ן קיום פון דער אידישער נאציע. דערפאר האט דער צוזאמענפאל פון טערי־טאָריאַליזם ווי א פראקטישע מעגליכקייט, געשטויסען די אמעריקאנער ס. ט. אין די רייהען פון פועלי־ציוניזם, בעת דער זעלבער צוזאמענפאל אין אייראפא האט געשטויסען די ס. ס. טיילוויז צום „בונד״, גרעסטענטיילס צו פארצווייפלונג און א באדייטענדע טייל — דורך פארשידענע גלגולים — צו דער היינטיגער יעווּ־סעקציע. די אמעריקאנער ס. ט. האט דעריבער געגעבען דער נאציאָנאל־סאָציאַ־ליסטישער באוועגונג א נחום סירקין, ווערענד די רוסישע ס. ס. האט געגעבען דער יעווסעקציע א משה ליטוואקאָוו.

די אמעריקאנער ס. ט. איז געווען הורתה ולידתה בקדושת נאציאָנאל־סאָציאַ־ליזם. דערפאר האבען די מעהרסטע פון איהרע מיטגלידער געפונען זייער פלאץ אין פועלי־ציוניזם אָדער אין אנדערע אָרגאניזירטע אויסדרוקען פון נאצ.־סאָציאַלי־סטישען געדאנק. בעת די רוסישע ס. ס. איז הורתם ולידתם געווען גייסטיג מעהר ווי אלץ אנטי־ציוניסטיש און געשפייזט פון טרוקענע טעאָריעס. דערפאר איזביים פראקטישען דורכפאל פון טעריטאָריאליסטישען געדאנק ביי זיי קיין זאך פון נא־ציאָנאל־סאָציאליזם ניט געבליבען.

---

די דריטע גרופּע, כראָנאָלאָגיש, איז די זשיטלאָווסקי־גרופּע, די גרופּע, וועלכע האט זיך דעמאָלט גערופען — סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען־טעריטאָריאליסטען.

אין צאָל איז זי געווען קליין. איהר עקזיסטענץ, ווי א גרופּע, האט אָנגעהאלטען א גאנץ קורצע צייט. אָבער איהר ווירקונג אין דער נאצ.־סאָציאַליסטישער באווע־גונג איז געווען אומגעהויער. זי האָט, אָהן א ספק, געהאט א גרעסערע און דויער־האפטערע ווירקונג ווי די ס. ט. די דאָזיגע גרופּע ווירקט נאך היינט אויך באזונדער אין דער נאצ.־סאָציאליסטישער באוועגונג, בעת די ס. ט. האט איהר נאצ. סאָציאַ־ליסטישע ווירקונג אריינגעגאָסען כמעט אינגאנצען אין דער פועלי־ציון פארטיי.

דער כח פון דער דאָזיגער גרופּע ציהט זיך הויפּטזעכליך פון איהר באשאפער— חיים זשיטלאָווסקי. מיין צוועק איז דאָ ניט אָנצוצייכענען די ראָלע פון יחידים אין דער נאצ.־סאָציאַליסטישער באוועגונג. די אלגעמיינע געשיכטע איהרע וועט, אָהן ספק, געפינען א באזונדער אָרט פאר אזעלכע יחידים, ווי נחום סירקין, חיים זשיטלאָווסקי, הלל זאָלאטאראָוו, פּנחס רוטענבערג, משה קאץ, יצחק אייזיק הור־

וויטש, דוד פינסקי און אַנדערע. ניט דאָ איז אָבער דער פּלאַץ פאַר דעם; דאָ איז נאָר נויטיג ארויסצוברענגען, אַז קיין אַנדער יחיד האָט ניט אַזוי פאַרשאַטנט די גאַנצע גרופּע ווי חיים זשיטלאָווסקי. בעת די אַלע איבעריגע זיינען געווען זעהר באַדייטענדע פיגורען אין זייערע גרופּען אָדער אָרגאַניזאַציעס, איז אין פאַל פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען־טעריטאָריאַליסטען חיים זשיטלאָווסקי געווען גרעסער און ווירקענדער פון זיין גרופּע.

דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס די דאָזיגע גרופּע האָט נאָך עד־היום אַ באַזונדערע ווירקונג אין דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער חותם פון חיים זשיטלאָווסקי ליגט נאָך פעסט אויף אַקטיווע ווירקענדע פערזענליכקייטען און גרופּען אין אונזער נאַצ.־סאָציאַליסטישער וועלט. ווייל דער זשיטלאָווסקיזם, ווי אַ באַשטימטע ריכטונג, עקזיסטירט נאָך היינט אויך, כאָטש קיין באַזונדערע אָרגאַניזאַציע האָט די דאָזיגע ריכטונג ניט באַוויזען אויפצושטעלען פאַר זיך.

---

אַ גאַנץ באַדייטענדען קאַפּיטעל אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט אריינגעשריבען דער אידיש־נאַציאָנאַלער ארבייטער־פאַרבאַנד. אין ריכטונג כמעט איינס און דאָס זעלבע וואָס די פּועלי־ציון פּאַרטיי, האָט אָבער דער פאַרבאַנד אייפ'ן געביט פון אָרגאַניזאַציע באַוויזען מעהר כח ווי אירגענד אַן אַנדער גרופּירונג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איהם איז געלונגען צו האַלטען פעסטער די מחנות אין צייטען, ווען די אַנדערע גרופּירונגען האָבען געוויזען סמנים פון אָפּשוואַכונג. ער איז פינאַנציעל געבויט אויף פעסטערע יסודות. דער פּראַק־טישער יסוד זיינער האָט צוזאַמענגעהאַלטען פעסטער די חברים. און דאָס איז געווען אומגעהויער וויכטיג פאַר דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין אַלע קאַמפּען, וואָס דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט אָנגעפיהרט אין אַמערי־קאַנער אידענטום, האָט דער פאַרבאַנד פאַרנומען אַן אומגעהויער וויכטיגע פּאָזיציע. איך פּרוביר דורכגעהן די וויכטיגסטע קאַמפּען אונזערע אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און איך קען מיר ניט פאָרשטעלען די מעגליכקייט צו פיהרען אַזאַ קאַמף, צו פאַרנעהמען זיך אַזוי ברייט, צו דערגרייכען אַזעלכע רעזולטאַטען אָהן דעם נאַציאָנאַלען ארבייטער־פאַרבאַנד. ער האָט אונז שטענדיג צוגעשטעלט די גרעסטע מאָס מענשען־מאַטעריאַל, וואָס אַזאַ קאַמף האָט געמוזט מאָביליזירען.

איך קאָן זיך בכלל ניט פאָרשטעלען קיין אויפשוואונג־מאָמענט פון דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אָהן דעם פאַרבאַנד. איך קען זיך ניט פאָרשטעלען די הערצאישע שריט, וואָס אונזער באַוועגונג האָט געמאַכט אויפ'ן געביט פון אידישער ערציהונג, אָהן דעם פאַרבאַנד. דערביי בין איך ניט גענאַרט אין אונזער איצטיגען צושטאַנד. איך ווייס, אַז אויף דעם געביט פון ערציהונג האָבען מיר נאָך ווייט, ווייט ניט דערגרייכט קיין אידעאַלען צושטאַנד. עס וועט זיך נאָך פּאָדערען גענוג הארצוועהטאָג און קאָפּ־ברעכעניש ביז וואַנען מיר וועלען דערגעהן צו אַ צושטאַנד, ווען אונזער קינד זאָל באמת געהערען אונז. אָבער מיר האָבען אויפ'ן געביט פון ערציהונג געשפּילט די ראָלע פון באָדען־אויפברעכער. די דאָזיגע ראָלע האָט אויך געהאַט אַן אומגעהויערע באַדייטונג. און די דאָזיגע ארבייט קען איך זיך ניט פאָרשטעלען אָהן דעם נאַציאָנאַלען ארבייטער־פאַרבאַנד.

בכלל, פארנעהמען די פארשידענע ערציהונגס־אנשטאלטען, וועלכע מיר פארמאגען איצט, א געהעריגען פלאץ אין דער געשיכטע פון דער נאצ.־סאציאליסטישער באוועגונג. דאס איז, כראנאלאגיש, די פינפטע אנטוויקלונג פון דעם נאציאנאל־סאציאליסטישען געדאנק. די דאזיגע פינפטע אנטוויקלונג האט זוכה געווען צו ווערען די אויסגעברייטסטע פון אלע אנדערע. ווייל צו איהר געהערען אלע איצט־עקזיסטירענדיגע ערציהונגס־קערפערשאפטען. צו איהר געהערען די ברייט־פארצווייגטע שלום־עליכם־שולען, צו איהר געהערען די פארשידענע פארמען פון פאלקס־שולען, צו איהר געהערען אפילו די פארשידענע ארבייטער רינג שולען, וועלכע זיינען אונטער דעם דירעקטען דרוק פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג געבארען געווארען. צו איהר געהערט דער אידישער לעהרער־סעמינאר און אנדערע אנשטאלטען פאר העכערער בילדונג.

---

דער קאפיטעל „ערציהונג״ וועט אין דער געשיכטע פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג אהן ספק פארנעהמען אן אומגעהויערען פלאץ. אויף דעם געביט האט דער נאצ.־סאציאליזם גרויסע היסטארישע פארדינסטען. א אינטערעסאנטער קאפיטעל וועט אויך זיין די יוגענט באוועגונגען, הויפטזעכליך די יוגענטליכע פועלי־ציון. דער דאזיגער קאפיטעל וועט זיין אינטערעסאנט דערמיט, וואס ער וועט אנווייזען אויף די פארזוכען, וואס זיינען געמאכט געווארען צוצוקומען מיט דעם נאציאנאל־סאציאליסטישען געדאנק צום הארץ און קאפ פון דער אמעריקאנער געבארענער און ערצויגענער אידישער יוגענט. ער וועט אנווייזען אויף די שוועריגקייטען, וואס די פארזוכען האבען באגעגנט. ער וועט דארפען לערנען די נאצ.־סאציאליסטישע באוועגונג איהר וויטערדיגע טאקטיק אויף דעם דאזיגען געביט. ווייל די נאצ. סאצ. באוועגונג, אויב זי וויל לעבען אוןווירקען, מוז געפינען א וועג צו דער דא־געבארענער און דא דערצויגענער אידישער יוגענט. דאס, וואס די ביז איצטיגע פארזוכען האבען אונז געבראכט אין זין פון ערפאהרונג, וועט דינען אלס יסוד פאר דער וויטערדיגער טאקטיק. און די געשיכטע פון דער נאצ. סאצ. באוועגונג וועט מוזען שענקען באדייטענדע אויפמערקזאמקייט דעם דאזיגען קאפיטעל איהרען.

---

גאר לעצטענס האט די נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג געבארען א פאר נייע קינדער: איך האב אין זינען די פרויען־קלובען פון אידישען נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד און די פרויען־ארגאניזאציע פאר די חלוצות אי: ארץ־ישראל. עס זיינען שוין דא קענטיגע סמנים, אז די דאזיגע נייע קינדער וועלען אויסוואקסען און בלייבען לעבען. זיי וועלען זיך זיכער דורכשלאגען א וועג און דורכדעם געפינען זייער פלאץ אין דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג פון אמעריקע.

---

פאר די לעצטע עטליכע יאהר עקזיסטירט א פארטיי, וועלכע האט נאך פאר זיך אליין ניט באשטימט צי געהערט זי צו דער נאציאנאל־סאציאליסטישער ריכטונג אין אידישען לעבען, אדער ניט. איך האב אין זינען די צעירי־ציון. איך האב ניט בדעה צו משפט'ן זי אדער צו דיסקוטירען מיט איהר איהרע פראגראם־פראגען. איך פיהל אבער, אז אויב זי וועט וועלען וויטער לעבען

און ווירקען ווי א באַזונדער קערפּערשאַפט, וועט זי סוף־כל־סוף מוזען באַשטימען איהר וועג. און איך זעה ניט פאר איהר קיין אַנדער אויסוועג, ווי דעם נאַצ.־סאָציאַליסטישען. איך זעה ניט אין איהר פּראָגראַם, ניט אין דעם עלעמענט וואָס שטעלט זי צוזאַמען קיין מניעה פאר איהר דערקענען זיך אַלס א טייל פון דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך רעכען דעריבער זי אויך אריין אין דעם אַלגעמיינעם ראַהם פון דער אַמעריקאַנער נאַצ. סאָצ. באַוועגונג. און אין דער פאָלקאָמענער געשיכטע אונזערער וועט זי אויך ניט דאַרפען פעהלען.

ווי א באַזונדערע אָפּצווייגונג פון דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאַרף אריינגערעכענט ווערען דער געווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבייטערשאַפט פון ארץ־ישראל. די דאָזיגע קערפּערשאַפט לעבט שוין עטליכע יאָהר. האָט זיך שוין איינגעקריצט אין דער היגער אידישער אַרבייטערשאַפט און האָט שוין צו פאַרצייכענען נצחונות אויף איהר קרעדיט. איהר צוקונפט איז, דאַכט זיך, א געזיכערטע. צי זי וועט בלייבען עקזיסטירען אונטער איהר איצטיגען נאָמען אָדער איהר נאָמען וועט געענדערט ווערען, איז גאַנץ עגאַל. אין דער נאַצ. סאָצ. משפחה בלייבט א קערפּערשאַפט, וועלכע פאַרנעהמט זיך שטענדיג צו קומען צו הילף דער אידישער אַרבייטערשאַפט פון ארץ־ישראל אין איהר העראָאישען קאַמף פאַר דאָס אויפבוי פון ארץ־ישראל אויף יסודות פון אַרבייט און סאָציאַליסטישען יושר. און דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ספר הזכרון נעהמט אין זיך אריין די דאָזיגע נייע קערפּערשאַפט און האַלט פאַר איהר אָפען א וויכטיגען און אָנגעזעהענעם אָרט.

דאָס זיינען די אַלגעמיינע שטריכען, וואָס צייכענען אָן בלויז די ראַהם פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די דאָזיגע ראַהם דאַרף אויסגעפּילט ווערען סיי מיט די דעטאַלירטע געשיכטען פון יעדער איינער פון די אויבענ־אויסגערעכענטע אָפּצווייגונגען, סיי מיט די דעטאַלען פון זייערע קאָלעקטיווע אויפטרעטונגען. די לעצטע פאַרנעהמען פונקט אַזא וויכטיג אָרט ווי די ערשטע. אין זייערע קאָלעקטיווע אויפטרעטונגען האָט זיך, אָהן ספק, נאָך שאַרפער אויסגעבולט'ער אַנגעזעהן די נאַצ. סאָציאַליסטישע ווירקונג. פון די יאָהרען 1914 ביז היינט, ווען אויף די פּלייצעס פון אַמעריקאַנער אידענטום האָט די אידישע געשיכטע אַרויפגעלייגט אַזעלכע גרויסע אומגעהויערע אחריות'ן; ווען דאָס אַמעריקאַנער אידענטום איז אפשר צו פריה פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דאָס הארץ פון אידישען פאָלק; און דאָס הארץ האָט געמוזט טראָגען זיין בלוט־נאַהרונג צו אַלע אַנדערע טיילען פון דעם ווייט פאַרשפּרייטען אָרגאַניזם, וואָס רופט זיך דאָס אַלוועלטליכע אידענטום, — אין די דאָזיגע יאָהרען, ווען די אַלע בלוט־אָדערען פון אַמעריקאַנער אידענטום האָבען געמוזט אָנגעשטרענגט ווערען ביז דער העכסטער שטופע, כדי דאָס הארץ זאָל נאָרמאַל פונקציאָנירען, האָט דער באַזונדערער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אָדער צוגעטראָגען א זעהר באַדייטענדען טייל צו דיזער אומגעהויערער אָנשטרענגונג. ער האָט ביז צום מאַקסימום פון זיין כח זיך געשטעלט אין דינסט פון דער נאַציע. דאָס בעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך, האָט ער ניט געשוינט און געבראַכט עס צום פאָלק, כדי צו העלפען אונזער אַלעמענס הארץ פונקציאָנירען.

# די פועלי־ציון פּאַרטיי אין אמעריקא

(מאַטעריאלען צו דער געשיכטע פון דער פּארטיי).

פון ה. עהרענרייך.

## .1908 — 1905

שבת, דעם 23טען דעצעמבער, 1905, האָט זיך געעפענט אין באַלטימאָר די ערשטע קאָנווענשאָן פון דער „פּועלי־ציון אָרגאַניזאציע פון אַמעריקא". צו דער קאָנווענשאָן זיינען געקומען צוויי און צוואַנציג דעלעגאטען פון אכט פּאר־איינען אין ניו יאָרק, פילאדעלפא, שיקאַגאָ, באַלטימאָר, סט. לואיס, פּאַסייק, באָסטאָן און ראָטשעסטער. די קאָנווענשאָן האָט אויסגעאַרבייט די פּראָגראַם פון דער פּארטיי, האָט באַשטימט איהר גרונד־כאַראַקטער און פיזיאָנאָמיע — די קאָנווענשאָן האָט אָרגאַניזירט די פּועלי־ציון פּארטיי אין אמעריקא.

אין דער פּראָגראַם, אָנגענומען אין באַלטימאָר, אַרום וועלכער עס האָט זיך יאָהרען לאַנג געפירט אַ פּראַקציאָנס־קאַמף אין דער פּארטיי, געפינען מיר ניט קיין קלאַנגען פון קלאסען־קאַמף, קיין סמנים פון דער היסטאָריש־מאַטעריא־ליסטישער וועלט־אויפפאַסונג, וואָס האָט דורכגעדרונגען די פּראָגראַם פון די רוסישע פּועלי־ציון. די אויפפאַסונג פון דער פּארטיי איז אַ ריין אידעאַליסטישע. „פון איין זייט דער גרויסער וועלט־שמערץ פון דער איצטיגער געזעלשאפטליכער אָרדנונג" און פון דער אַנדערער זייט „דער אומנאָרמאַלער לעבען פון אונזער אומגליקליכען פאָלק" פירט צום ציוניזם און צום סאָציאַליזם. קיין איינהייט אין דער פּראָגראַם איז נאָך ניטאָ. אַ טיפער דואַליזם.

די פּאַרטיי דערקלערט, אַז זי וועט קעמפען „פאר דער פולער גלייכבערעכ־טיגונג פון אידישען פאָלק אין די גלות לענדער". אָבער זי אַנטזאַגט זיך צו דעפינירען וואָס זי מיינט דערמיט.

העברעאיש ווערט פּראָקלאַמירט אלס „די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישען פאָלק". אידיש באַצייכענט אַלס זשאַרגאָן און די „זשאַרגאָנישע שפּראַך" — זאָגט די אָפיציעלע דערקלערונג צו דער פּראָגראַם — איז אויך פאָראיבערגייענדיג ווי די אַנדערע שפּראכען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט גערעדט אין די פארשידענע תקופות פון זיין געשיכטע, און אויב „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור פאַרשפּרייט זיך איצט צווישען די מאַסען, וואָס פארשטעהען ניט קיין אַנדער שפּראַך, לעזען ניט קיין אַנדער ליטעראַטור, פּאַרלירט זי אַנשטאָט דעם ביים יונגען דור"... די העברעאישע ליטעראַטור אָבער „וועט ניט נאָר זיין פון נאַציאָנאַלער באַדייטונג פאַר אונז אַליין, נאָר אויך פון באַדייטונג פאר דעם אויפלעבענדען סעמיטישען אָריענט", ווערט געזאָגט אין דער אָפיציעלער דערקלערונג צו דער פּארטיי־פּראָגראַם.

אויף איהר ערשטער קאָנווענשאָן נעמט די פּארטיי ניט אָן קיין „דאָגמאַס פון קיין סאָציאַליסטישע פּארטיי". עס ווערט געגעבען „די פרייהייט צו איינ־צעלנע חברים און פאראיינען אָנצונעמען די סאָציאַליסטישע ריכטונג, וועלכע זייער איבערצייגונג דיקטירט זיי". עס ווערט ניט אָנגענומען קיין פעסטע שטעלונג

צו די יוניאָנס. די קאָנווענשאָן רעקאָמענדירט די חברים אריינצוטרעטען אין די יוניאָנס, אָבער זי לאָזט איבער פאר דער אנטשיידונג פון יעדען חבר אָן וועלכער פון די יוניאָנס זיך אָנצושליסען — אָן די יוניאָנס וואָס באלאנגען צו דער „אמעריקאן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר" אָדער „וואָירלד וואָירקערס".

די קאָנווענשאָן באטראכט ניט די פארטיי פאר א באזונדער קערפערשאַפט פון דער אַלגעמיין ציוניסטישער אָרגאניזאציע. פארקערט. זי דערקלערט, אַז „מיר זיינען פּרינציפּיעל פאר דעם אָנשליסען זיך אָן דער „פעדערייששאָן אָוו אמעריקאן זייאָניסטס". און אין פארלויף פון דעם ערשטען יאָהר מאכט קלאָר דער צ. ק., אַז ער איז גרייט צו צאָהלען דער „פעדערייששאָן" דעם באשטימטען מיטגליד־שטייער, נאָר ער פארלאנגט, אַז א טייל פון דעם געלט זאָל געהן פאר דער פועלי־ציון פּראָפּאָגאנדע. די פארטיי איז טאַקע שפּעטער געוועזן פאר־טרעטען אייניגע יאָהר אויף די קאָנווענשאָנס פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אין אמעריקא און זי האָט אויך געהאט א פארטרעטער אין דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער פעדעראציע.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אַז אויף דער קאָנווענשאָן מיט 21 יאָהר צוריק איז באשלאָסען געוואָרען צו גרינדען גרופּען פון „חלוצים" צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. די אמעריקאנער פארטיי איז ווארשיינליך דעמאָלט געווען די ערשטע, וועלכע האָט אוועקגעשטעלט די פראגע אויף איהר טאָג־אָרדנונג. אזעלכע גרופּען זיינען שפּעטער אָרגאניזירט געוואָרען אין אייניגע שטעדט. אמת, פון דעם איז גאָרניט געוואָרען. אָבער די גרינדער פון דער פארטיי האָבען געפיהלט די גרויסע באדייטונג פון א „חלוצים"־באוועגונג פאר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל.

די קאָנווענשאָן באשליסט ארויסצוגעבען א וועכענטליכע צייטונג. אזא צייטונג איז טאַקע מיט א פּאָר מאָנאטען שפּעטער ארויסגעגעבען געוואָרען.

אפילו איצט, פון דער ווייטענס, מוז מען מיט באוואונדערונג קוקען אויף דעם מוט און אידעאליזם פון דעם קליינעם הייפעלע מענשען, וואָס האָט זיך פארזאמעלט אין באלטימאָר אין דעצעמבער, 1905, צו גרינדען די פועלי־ציון פארטיי.

און קוקט מען זיך צו צו דעם וואָס עס איז אין דעם ערשטען יאָהר אויפגעטאָן געוואָרען, ווערט מען ממש אָנגעפילט מיט באוואונדערונג און טיפען דרך ארץ פאר דער אָפּפערוויליגקייט און איבערמענשליכער ענערגיע, וואָס די חברים בכלל און די לייטונג בפרט האָבען ארויסגעוויזען.

די פארטיי־ארבייט ווערט אָנגעפירט אייגענטליך פון צוויי פונקטען, פון ניו יאָרק און פילאדעלפיא. ניו יאָרק טיילט זיך נאָך מיט דער „הערשאַפט" מיט פילאדעלפיא. דער סעקרעטאריאט געפינט זיך אין ניו יאָרק, די פארוואלטונג פון „אידישען קעמפער", מיט ה. עדעלשטיין אַלס פארוואלטער, דער פארטיי־פארלאג מיט ה. קאהן אַלס פארוואלטער און די פועלי־ציון נאציאָנאַל פאָנד ביוראָ מיט מ. בראון אַלס סעקרעטער, געפינען זיך אין פילאדעלפיא.

נאָך דער קאָנווענשאָן הויבט זיך אָן א פיבערהאפטע פארברייטונג ארויס־צוגעבען די וועכענטליכע צייטונג, און דעם 30טען מערץ, 1906 — אינגאנצען דריי מאָנאטען נאָך דער קאָנווענשאָן — הויבט די צייטונג אָן ערשיינען אונטער'ן

נאָמען „אידישער קעמפּער“, מיט ק. מרמר אַלס רעדאַקטאָר. ק. מרמר איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרען פאַר דעם צוועק פון ענגלאַנד. „דער קעמפּער“ איז פאַקטיש געווען די ערשטע געזעלשאַפטליך־ליטעראַרישע אידישע צייטונג אין אַמעריקאַ. זי האָט אַרום זיך גרופּירט כמעט די גאַנצע נאַציאָנאַל־דענקענדע אידישע אינטעליגענץ, און זי איז טאַקע געוואָרען די צייטונג פון דער אידישער אינטעליגענץ.

אַ קורצע צייט נאָך דער קאָנווענשאָן ווערען געגרינדעט דער פּועלי־ציון פאַרלאַג מיט אַ גרויסען פּאַרנעם. ער שטעלט זיך גרויסע אויפגאַבען. פאַר דער צייט, וואָס דער פאַרלאַג איז געווען אין פילאַדעלפיא, האָט ער אַרויסגעגעבען די פּאַרטיי־פּראָגראַם אין אַ באַזונדער בראָשורע, אַן אילוסטרירטען בצלאל־אַלבאָם און אַ בראָשורע וועגען „ציוניזם און טעריטאָריאַליזם“.

איבער'ן לאַנד פאָהרען אַרום פּראָפּאַגאַנדיסטען. דער באַריהמטער חבר א. אבערסאָן, בעלאַ פּעווזנער, ישראל אַפּעלבוים, דר. ל. קאַפּעלאָוויטש באַזוכען שטעדט און שטעדטלאַך, האַלטען אָפּ מאַסען־פאַרזאַמלונגען און נייע פאַראיינען גרינדען זיך. דעם ערשטען יאָהר פאָהרט אויך אַרוים פאַר „פּראַקטישע צוועקען“ חבר מ. גוטמאַן. זיי אַלע „שטורמען און ברעכען“ דעם „שונא'ס פעסטונגען“ און בויען אייגענע. די פּאַרטיי וואַקסט מיט אַ מערקווירדיגער שנעלקייט. די באַוועגונג צוגיסט זיך איבער'ן לאַנד. דער קאַמף צווישען די פּועלי־ציון און די „אידיש־שפּרעכענדע“ סאָציאַליסטען אָדער „געגנאַסען“ און אין דער אמת'ן בונ־דיסטען, ווערט ליידענשאַפטליכער און שאַרפער פון טאָג צו טאָג. אין פילע ערטער רייסען בונדיסטען אויף מאַסמיטינגען פון די פּועלי־ציון, וועלכע ענטפערען „מיט שטאַרקע אַרגומענטען“ און רייסען אויף די מיטינגען פון די בונדיסטען. עס קומט אָפט צו געשלעגען. די פּועלי־ציון לאָזען ניט דורך קיין איין פאַר־זאַמלונג פון די געגנער. זיי קומען דיסקוטירען, און אויב מען לאָזט זיי ניט, קען מען פון זיי אַנדערש ניט פּטור ווערען ווי מיט דער הילף פון פּאָליציי. אַזוי איז געווען ניט איינמאָל דער פאַל, און באַזונדערס ווען די בונדיסטען האָבען אַראָפּגעבראַכט אַהער דעם „פּרעזידענט פון דער באַלטישער רעפּובליק“, אַ גע־וויסען מאַקסים.

אַן ערנסטער פאַרזוך ווערט געמאַכט צו גרינדען די חלוצים־גרופּען מיט ש. וואַלדשטיין אַלס אָנפיהרער. אַזעלכע גרופּען גרינדען זיך אין ניו יאָרק, נואַרק, פילאַדעלפיא, מאָנטרעאָל. אין סט. לואיס גרינדעט זיך אַ גרופּע פון 11 אונטער'ן נאָמען „דגל מחנה יהודה“ און יעדער פון זיי באַזיצט אַ קאַפּיטאַל פון דריי ביז פינף הונדערט דאָלאַר.

איניגע נייע פאַראיינען גרינדען זיך אין ניו יאָרק. צווישען זיי איניגע לאַנדסלייט־פאַראיינען, ווי אַ גאַליציאַנער פאַראיין, וואו דער איצטיגער רעדאַקטאָר פון „טאָג“, דר. ש. מאַרגאָשעס, און ר. אייזלאַנד זיינען געווען פון די אָנפירער, אַ פּאָדאָליער פאַראיין, אַ האָמליער פאַראיין און אַ פּועלי־ציון כאָר.

אין זומער פון 1906 ווערט געגרינדעט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּועלי־ציון פאַראיין, פון רוסישע פּועלי־ציון. אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַראיין האָט זיך אויך געגרינדעט אין פילאַדעלפיא. די ערשטע אָפיציעלע אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי. דער ערשטער עפענטליכער קאַמף צווישען דער סאָציאַל־

דעמאקראטישער פראקציע און דער אפיציעלער מערהייט־ריכטונג אין דער פארטיי קומט פאר אויף דער קאנווענשאן אין באסטאן, אין דעצעמבער, 1906.

צו דער קאנווענשאן אין באסטאן קומט די פארטיי מיט 40 פאראיינען און פופצעהן הונדערט מיטגלידער, מיט פרעסטיזש און גרויסע אויפטוען. די קאנ־ווענשאן ווערט באגריסט פון דר. ה. זאלאטאראוו און יוסף באראנדעס, און דאס איז דעמאלט פאר דער פארטיי געווען פון גרויס באדייטונג. אויף דער מאסענ־פארזאמלונג האט שלום עליכם פארגעלעזען.

די פארטיי האט דורכגעמאכט א גלענצענד יאהר. די לייטונג האט געמענט ערווארטען אנערקענונג און שבחים. אבער זעלטען ווען מען טרעפט אויף א קאנווענשאן אזוי פיל קריטיק און אזוי פיל אומצופרידענהייט ווי אויף דער צווייטער פארטיי־קאנווענשאן. א פיער און צוואנציג שטונדען האט זיך די קריטיק געצויגען. די הויפט אטאקע איז געקומען מצד דער אפאזיציע. אבער די „לאיאלע" האבען פארנומען זעהר אן אנגעזעהענעם ארט אין דער אטאקע אויפ'ן צ. ק. פון דער פארטיי. נאך דער קריטיק אבער טיילט זיך די קאנ־ווענשאן אויף א מערהייט און א קליינער מינדערהייט. די ערשטע איז צווישען זיך ניט ווייניגער געשלאסען און סאלידאר ווי די צווייטע.

דער הויפט קאמף איז געווען ארום דער פראגראם. די ס. ד. פראקציע האט ביטער אטאקירט די פראגראם, אנווייזענדיג אויף איהר דואליזם, אז דאס איז ניט קיין פועלי־ציון פראגראם א. אז. וו.; די מערהייט האט באקעמפט דעם שטאנדפונקט, אנווייזענדיג, אז באדינגונגען אין אמעריקא דיקטירען דער פארטיי צו פארמולירען איהר פראגראם אזוי און אז דער שטאנדפונקט פון די אמעריקאנער פוע"צ איז דער ריכטיגסטער. די אפאזיציע האט שוין אויף דער קאנווענשאן אויפגעהויבען א קאמף געגען דער שטעלונג פון דער פארטיי צו דער שפראכען־פראגע. די מינאריטעט האט פארלארען. די קאנווענשאן לעבט איבער א האלבע שטונדע פון נערוועזער אנשטרענגונג, ווען די מינאריטעט ציהט זיך צוריק צו באטראכטען איהר האנדלונג, נאכדעם ווי די קאנווענשאן האט אפגע־ווארפען יעדען קאמפראמיס. עס ווערט דערפאר אויפגענומען מיט אמת'ער פרייד די מעלדונג פון דער פראקציע, אז זי בלייבט אין דער פארטיי. ניט דערפאר וויל זי מוז, נאר ווייל זי וויל בלייבען, און זי וועט אין די ראמען פון דער פארטיי אנפיהרען די אגיטאציע צו רעווידירען די פראגראם. אלס אויסדרוק פון אנערקענונג צו דער פראקציע ווערט איהר פארשטעהער גלייך ערוויילט פאר פארזיצער פון דער קומענדער זיצונג.

אבער ניט נאר אין פראגראם־פראגען, נאר אויך אין די פראגען פון טאקטיק איז די פראקציע דורכגעפאלען. אזוי האט זי פארלארען איהר קאמף פאר דער פאדערונג, אז די פארטיי זאל זיך צוריקציהען פון דער „זייאניסט פעדערייזשאן". די קאנווענשאן ווארפט אויך אפ דעם פארשלאג, אז די פארטיי זאל זיך ניט פארנעמען מיט פארקויפען אקציעס פון דער קאלאניאל באנק. די פראקציע האט בלויז געקאנט דורכפיהרען א באשלוס, אז א קאמיטע פון „קעמפער"־רעדאקציע, צוזאמען מיט א חבר פון דער מינאריטעט, זאל באשטימט ווערען צו באארבייטען די פראגראם און נאכדעם זי פארעפענטליכען אין „אידישען קעמפער". מיט דער רעזאלוציע איז די מינאריטעט אנערקענט געווארען און די מערהייט האט

צוגעגעבען, אז די פראגראם דארף דאך געענדערט ווערען. די אפאזיציע האט פארלארען. אבער מיט א דריי יאהר שפעטער ווערט איינער פון איהרע אנגע־זעהענע מיטגלידער, מאיר בראון, גענעראל סעקרעטער פון דער פארטיי. עס איז ווערט צו באמערקען, אז אויף דער קאנווענשאן האבען די קאנאדער פועלי־ציון געמאלדען, אז זיי ציהען זיך צוריק פון דער קאנאדער ציוניסטישער פעדעראציע, און די קאנווענשאן האט די האנדלונג סאנקציאנירט.

די קאנווענשאן הויבט אן ענגער פארבינדען די חברים און הויבט פון זיי אן אויסשמידען א פארטיי. עס ווערט באשלאסען, אז קיין חבר פון די פועלי ציון טאר ניט באלאנגען צו אן אלגעמיין ציוניסטישען פאראיין. ביז דאן האבען א צאהל, אפילו א קליינע, אויך באלאנגט צו די אלגעמיינע ציוניסטען, אזוי ווי עס איז געוועזען דער פאל מיט דער פועלי־ציון פארטיי אין עסטרייך. עס ווערט שוין דאן אויפגעהויבען די פראגע וועגען דער פאליטישער טעטיגקייט פון דער פארטיי, וועגען דער שטעלונג פון דער פארטיי צו דער „אמ. פעד. אוו לייבאר" און „אינדאסטריעל ווארקערס". אבער די קאנווענשאן האט מורא צו נעמען א פעסטע שטעלונג אין די פראגען. די פארטיי איז צוטיילט אין דער פראגע. א טייל חברים האלטען מיט דער ס. פ., אן אנדער טייל מיט דער ס. ל. פ., און אזוי אויך אין די יוניאן פראגען.

אויף דער קאנווענשאן אין באסטאן מיט 20 יאהר צוריק ווערט באשלאסען צו שיקען א דעלעגאציע קיין ארץ־ישראל און עס ווערט אנגענומען א באשלוס, אז אין ארץ־ישראל זאל געגרינדעט ווערען א פועלי־ציון ביורא, וועמענס אויפגאבע זאל זיין „צו ערפארשען און אונז פון דער ריכטיגער קוועלע איבערגעבען ווי אזוי צו ארגאניזירען די פועלי־ציון אויף אן ארט אין פאלעסטינא גופא; 2) די שייכות צווישען די אמעריקאנער פועלי־ציון צו די ארטיגע פועלי־ציון אין ארץ־ישראל; 3) דיזעלבע קאמיסיע זאל נאך מעגליכקייט זעהן אויב עס זיינען דא מיטעל צו בילדען א אידישע ארבייטער ביורא אין פאלעסטינא. א ספעציעלע קאמיסיע ווערט ערוויילט מיט דער פראגע זיך צו באשעפטיגען.

אויף דער קאנווענשאן ווערט באשלאסען אריבערצופירען די רעדאקציע און פארוואלטונג פון „קעמפער" קיין ניו יארק. אבער איידער דער באשלוס איז אנגענומען געווארען האט די רעדאקציע אויסגעהערט א קריטיק, וואס איז מאמענטענווייז געוועזען ביטערער ווי די קריטיק אויפ'ן צ. ק. עס ווערט אויך ערוויילט א ספעציעלע רעדאקציאנס־קאמיטע פון די חברים אבערסאן, וואלד־שטיין און קאפעלאוויץ פאר דער פארטיי ליטעראטור און דעם פארטיי ארגאן. אלס רעדאקטאר ווערט דאך ערוויילט ק. מרמר.

דאס יאהר 1907 איז שוין ניט געוועזען אזוי גלענצענד, ווי דאס יאהר 1906. אבער דערפאר הויבט די פארטיי זיך אן „אקלימאטיזירען". די פאראיינען הויבען זיך אלץ מעהר אן באשעפטיגען מיט לאקאלע געזעלשאפטליכע פראגען, די פארטיי הויבט אן טיפער אריינוואקסען אין'ם באדען פון דער אידיש־אמעריקאנער ווירקליכקייט. אין איהרע עפענטליכע ארויסטרעטונגען אין דער ארבייטער וועלט האט זיך די פארטיי געהאלטען נעהנטער צו די „אינדאסטריעל ווארקערס". די אורזאכען פאר דעם זיינען געוועזען: ערשטענס, זיינען די „אינדאסטריעל ווארקערס" און די ס. ל. פ. ניט געוועזען אזוי פארביסען געגנעריש צו די פועלי־ציון;

צווייטענס, זיי האבען געזען אנערקענט די יונגע פארטיי; דריטענס, לויט מיין מיינונג, האבען די פועלי־ציון אין „אינדאסטריעל וואירקערס" און אין דער ס. ל. פ. געפונען מעהר ענטוזיאסטען, אידעאליסטען און רעוואלוציאנערען טעמפעראמענט. אבער וואס די אורזאכען זאלען ניט זיין, האט די פארטיי די ערשטע יאהרען אונטערשטיצט די ס. ל. פ. און אויך במילא די „אינדאסטריעל וואירקערס אף דהי וואירלד". אזוי האבען די פועלי־ציון גענומען אייניגע יאהר נאכאנאנד א גרויסען אנטייל אין די מאי־קאנפערענצען, וואס די ס. ל. פ. פלעגט איינרופען צו ארגא־ניזירען דעם ערשטען מאי גאסען־דעמאנסטראציעס, אין וועלכע די פועלי־ציון פלעגען געהן אלס א באזונדער דיוויזיע, טראגענדיג רויטע און וויים־בלויע פאנען, וועלכע פלעגען אויפגענומען ווערען מיט א סך אפלאדיסמענטען פון דעם עולם אין די גאסען. אויף די „פאלקס־קאנפערענצען", וואס די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פלעגען רופען וועגען טרייד־יוניאן פראגען, און אין 1907 וועגען דעם גרויסען קריזיס, האבען די פועלי־ציון ביטער געקעמפפט, אז די ס. ל. פ. און אינד. וואירקערס זאלען צוגעלאזען ווערען. דאס איז געווען א פיינליכע פראגע אין דער אידישער ארבייטער וועלט, וואו די יוניאנס פון דער אמ. פעד. או לייבאר און אינד. וואירקערס פלעגען צווישען זיך פיהרען א מורא'דיגען ברודער־קאמף.

דער וואוקס פון דער פארטיי ווערט פלוצלונג כמעט ווי אפגעשטעלט. דער טעמפא פון דער פארטיי טעטיגקייט ווערט אפגעשוואכט. עס קומען צו נייע פאראיינען, אבער זעלטענער ווי פריהער. צווישען די נייע צוגעקומענע פאראיינען דארף מען דערמאנען דעם פארזוך פון איינעם א חבר ב. גרינבערג צו גרינדען אן „ענגליש־שפרעכענדען פועלי־ציון פאראיין". דער פאראיין האט עקזיסטירט א קורצע צייט און האט קיין גרויסע באדייטונג ניט געהאט. די מיטגלידער זיינען מערסטענס געווען אריבערגעקומענע חברים.

דעם 14טען יוני ווערט צום ערשטען מאל געדרוקט אין „אידישען קעמפער" אן אפיל צו די „נאציאנאל געזאנענע אידען און ליבהאבער פון רייגער פרעסע און שיינער ליטעראטור", זיי זאלען שטיצען דעם „אידישען קעמפער". די לאגע פון דעם פארטיי־ארגאן איז אין אמת'ען פון פריהער געווען זעהר שלעכט און געדריקט, אבער מען איז אלץ אויסגעקומען מיט אייגענע כחות און מיט דיביישטייערונגען פון די חברים, וועלכע האבען ארויסגעוויזען א ריהרענדע אפפערוויליגקייט. עס האט אבער ניט געהאלפען, מען האט געמוזט אנקומען צו דער עפענטלאכקייט.

א קורצע צייט נאך דעם אפיל גיט אריין דער רעדאקטאר, קלמן מרמר, זיין רעזיגנאציע. די חברים וואלדשטיין, ראזאווסקי און וואהלינער ווערען ערוויילט אלס רעדאקציאנס־קאלעגיום. דער פאקטישער רעדאקטאר איז געווען וואהלינער, וועלכער איז די גאנצע צייט געווען איינער פון די נאהענטסטע מיטארבייטער פון דעם „אידישען קעמפער" און דער אממעהרסטען באליבטער און געאכטעטער אין דער פארטיי.

צום סוף זומער 1907 איז אפגעהאלטען געווא־ען דער ציוניסטישער קאנגרעס, צו וועלכען די אמעריקאנער פארטיי האט געשיקט אלס דעלעגאטען דר. אפעלבוים, דר. קאפעלאוויטש, מרמר און בעלא פעווזנער. זיי זיינען אויך געוויילט געווארען

אַלס דעלעגאַטען צו דעם ערשטען אַלוועלטליכען פּועלי ציון צוזאַמענפאָהר, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען דער „אַלוועלטליכער פּועלי ציון פאַרבאַנד". די אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט זעהר גוט פאַרשטאַנען די נויטיגקייט צו גרינדען אַזאַ פאַרבאַנד און די דעלעגאַטען זיינען באַאויפטראַגט געוואָרען אַזאַ פאַרבאַנד צו גרינדען, וועןַ אַפילו ניט אַלע לאַנד־פּאַרטייען וועלען צושטעהן צו דעם. אָבער וואָס די פּאַרטיי האָט אין זינען געהאַט צו פאַרהיטען, איז, אַז דער פאַרבאַנד זאָל ניט אָננעמען קיין אָפיציעלע פּועלי־ציון וועלט־אַנשויאונג, וואָס זאָל שטערען די אַנדערע פּאַרטייען, וואָס האָבען אַן אַנדער פּועלי ציוניסטישע אויפפאַסונג, זיך אַנצושליסען אַן איהם. די שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי איז אָנגענומען געוואָרען און דער אַלוועלטליכער פּועלי־ציון פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרען. אין דעם, דאַכט מיר, האָט אַ סך מיטגעהאָלפען די עסטרייכישע פּועלי־ציון פּאַרטיי, וואָס איז אין איהר אויפפאַסונג פון פּועלי־ציוניזם געשטאַנען זעהר נאָהענט צו דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי.

אין יולי, 1907, האָט די פּאַרטיי געליטען זעהר אַ גרויסען פאַרלוסט דורך דעם טראַגישען טויט פון יחזקאל עדעלשטיין. ער איז געווען איינער פון די גאָר ערשטע פּאַרטיי־גרינדער. אַ מענש מיט גרויסע פעהיגקייטען און גרויסען פּאַר־נעם. אין איהם האָט די פּאַרטיי פאַרלאָרען איינעם פון איהרע וויכטיגסטע און פעהיגסטע פיהרער. דאָס האָט זיך שווער אָפּגערופען אויף דער פּאַרטיי בכלל און אויף פילאַדעלפיע באַזונדערס.

ענדע סעפּטעמבער פון דעמזעלבען יאָהר ווערט אָפּגעהאַלטען אין פילאַדעלפיע די דריטע פּאַרטיי־קאָנווענשאָן. צו דער קאָנווענשאָן קומט שוין צו פאָהרען חבר יצחק זאַר, וועלכער איז פון דער פּאַרטיי איינגעלאַדען געוואָרען און איז ביי דער קאָנווענשאָן ערווילט געוואָרען פאַר רעדאַקטאָר פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן.

די שטימונג אויף דער קאָנווענשאָן איז ניט געווען קיין געהויבענע. די קריטיק האָט געדויערט אַ סך ווייניגער ווי אין באָסטאָן און זי איז ניט געווען אַזוי פאַרביטערט, אָבער צווישען די פיהרענדע חברים האָט געפעלט די האַרמאָניע פון דער צווייטער קאָנווענשאָן. עס האָט זיך אויך געפיהלט אַ מידקייט ביי די פיהרענדע חברים — און דאָס אַלץ האָט געווירקט אויפ'ן צוזאַמענפאָהר. דער־פאַר, קען זיין, האָט די קריטיק, וואָס איז געווען מילדער מיט 9 מאָנאַטען צוריק, דאָך פאַרביטערט די מיטגלידער פון צענטראַלען קאָמיטעט, און עס איז אויסגעקומען דער קאָנווענשאָן זעהר שווער צוזאַמענצושטעלען די לייטונג.

די קאָנווענשאָן איז גערופען געוואָרען מיט דריי מאָנאַטען פאַר דעם יאָהר און ווי דער סעקרעטער האָט ערקלערט, איז דאָס „צוליב דער לאַגע פון „קעמפּער" און סכסוכים אין דער אָרגאַניזאַציע. וואָס אייגענטליך פאַר סכסוכים עס זיינען געווען, איז איצט שווער פעסטצושטעלען, אָבער, ווי אויבען געזאָגט, זיינען דאָס אַלץ געווען מעהר סכסוכים אין דעם צענטראַלען קאָמיטעט, ווי צווישען די פאַראיינען מיט דער לייטונג. אין דער נייער לייטונג האָבען בלויז 4 פון די פריהערדיגע מיטגלידער אָנגענומען.

צווישען די באַשלוסען, וואָס די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען, זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען שפּעטער געהאַט אַ היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער אַרבייט אין ארץ־ישראל און פאַר דער באַוועגונג אין אַמעריקע. איינער פון די

באשלוסען איז געווען צו אונטערזוכען די מעגליכקייט צו גרינדען א „נאציאנאלען ארבייטער רינג“. די פראגע פון געגענזייטיגער הילף איז געשטאנען אויף דער טאג־ארדנונג פון דער פארטיי.

די לייטונג פון ארבייטער רינג איז דעמאלט געווען אסימילאטאריש און פיינדליך געשטימט צום ציוניזם און צום פועלי־ציוניזם. עס זיינען געווען מיינונ־גען, אז די פועלי־ציון זאלען זיך ארגאניזירען אין באזונדערע ברענטשעס און אלס אזעלכע זיך אנשליסען אן ארבייטער רינג. צו דער מעהרהייט האט אבער מעהר אפעלירט דער געדאנק פון גרינדען אן אייגענעם ארדען. אויף דער קאנ־ווענשאן אין פילאדעלפיע, אין 1907, איז די פראגע אויפגענומען געווארען און אין א יאהר דריי ארום איז טאקע אין פילאדעלפיע געגרינדעט געווארען דער נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, וועלכער איז אין געדאנק שוין געבוירען געווארען אויף דעם דריטען צוזאמענפאהר. עס ווערט נאכאמאל אויפגענומען די פראגע, וואס איז שוין באריהרט געווארען אויף דער קאנווענשאן אין באסטאן צו גרינדען א פאלעסטינער ביורא. די פראגע ווערט נאכאמאל אויפגענומען און דער באשלוס ווערט אנגענומען. דערביי ווערט אויך אסיגנירט די סומע פון טויזענט דאלאר פאר דער גרינדונג און אויפהאלטונג פון דער ביורא. ראזאווסקי, דער פארטיי־סעקרעטאר, ווערט ערוויילט פון דער קאנווענשאן אלס דער פארטרעטער אין אמעריקא פון דער ארץ־ישראל'דיגער ביורא. זיין דערוויילונג איז אבער ניט קיין איינשטימיגע און דאס רופט שפעטער ארויס אין דער פארטיי א סך רייבונגען און היים בלוט.

אויף דעם דריטען צוזאמענפאהר ווערט שוין אויפגעהויבען די פראגע וועגען א זעלבסטשטענדיגער סאציאליסטישער פארטיי־פאליטיק. די קאנווענשאן האט אויף דער פראגע קיין ענטפער ניט געפונען, און פאר א לאנגער צייט האט די פארטיי אויף איהר קיין ענטפער ניט געהאט. אבער די פראגע איז געשטעלט געווארען, און דאס האט אויך געטריבען די פארטיי צו קריסטאליזירען זיך מעהר, אויסטיילען זיך אין א באזונדערער אידיש־סאציאליסטישער פארטיי.

די קאנווענשאן באשליסט: „דער צ. ק. זאל ערוויילען א קאמיטעט, וואס זאל אין פארלויף פון נעקסטען יאהר שטודירען די סאציאליסטישע באוועגונג אין אמעריקא און פארלעגען א געוויסען פלאן צו דער נעקסטער קאנווענשאן, ווי אזוי מיר זאלען אנפיהרען א סאציאליסטישע פארטיי־פאליטיק אין אמעריקא.“

עס איז אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז אויף דער קאנווענשאן האט חבר ב. גרינבערג, דער וואס האט געגרינדעט דעם „ענגליש־שפרעכענדען פאראיין“, אויפגעהויבען די פראגע וועגען דערציהונג און האט דערקלערט, אז לויט זיין מיינונג, דארף די פארטיי אנהויבען גרינדען שולען, וואו קינדער זאלען זיך דער־ציהען אין פועלי־ציוניסטישען גייסט.

פאר די 9 מאנאטען האט די פארטיי זיך פארגרעסערט מיט אכט נייע פאראיינען, דאס הייסט, אז צו דער קאנווענשאן האט די פארטיי געהאט 42 פאראיינען אין די פארשידענע שטעדט פון די פאראייניגטע שטאטען און קענעדע.

נאך דער קאנווענשאן קומען שווערע צייטען פאר דער פארטיי, א דאנק דעם קריזיס פון 1907. די פארטיי איז פון דעם קריזיס צוטרייסעלט געווארען. אין ניו יארק זיינען די פאראיינען ממש ווי אפגעווישט געווארען. אין דער מעטראפ־

פאליע פון אמעריקא, אין דעם זיץ־ארט פון דעם צענטראלען קאמיטעט, איז גע־בליבען בלויז איין פאראיין, דער ברענטש 1. דער פאראיין האט געדארפט זארגען ניט נאר פאר זיין אויפהאלטונג, נאר אויך פאר די חברים, וואס האבען בוכשטעבליך געהונגערט. דער קאמיטעט פון דעם ברענטש פלעגט קויפען בילעטען אין דער פאלקס־קיך—5 סענט א בילעט—און פלעגט זיי טיילען פריי צווישען די מיטגלידער. אין דעם קריזיס האבען א סך פון די פועלי־ציון חברים ארויס־געוויזען א מערקווירדיגען אידעאליזם. ווען איהר לעזט איצט די באריכטען פון די פאראיינען, וואס האבען אלע דורכגעמאכט אט־די שווערע צייט, ווערט מען אנגעפילט מיט א גרויסען געפיהל פון דרך־ארץ צו די חברים, וואס האבען זייע'רע לעצטע סענטען אוועקגעגעבען פאר דער אויפהאלטונג פון דער פארטיי־צייטונג. עס זיינען געווען א סך פעלע, ווען די חברים האבען זיך אפגעזאגט פון עסען און האבען איבערגעגעבען די פאר דאלאר אדער די עטליכע סענט צום סעקרעטאר, ער זאל עס וואס־שנעלער אפשיקען צום „אידישען קעמפער". אבער די אלע קרבנות האבען ניט געהאלפען, און דעם 17טען יאנואר, 1908, ווערט אפגעשטעלט די וועכענטליכע צייטונג פון די פועלי־ציון, וואס האט, אהן ספק, געשפילט א גרויסע ראלע ניט נאר אין דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג און אין דעם אידישען ארבייטער־לעבען, נאר אויך אין דער אידישער זשורנאליסטיק אין אמעריקא בכלל.

דער אונטערגאנג פון „קעמפער" איז געווען א גרויסער קלאפ פאר דער פועלי־ציון־באוועגונג. די פארטיי איז אזוי ווי איינגעשרומפען געווארען. עס איז געווען די ערשטע עפענטליכע נידערלאגע פון דער יונגער פארטיי, און די נידער־לאגע איז געווען אויף דעם פונקט, וואס איז ביי דער פארטיי געווען אמשטארק־סטען באליעבט. דאס, פארשטעהט זיך, האט זיך אפגערופען אויף דער טעטיגקייט פון דער פארטיי. די פארטיי הויבט אן געהן אויף צוריק.

דער סעקרעטאר פון דער פארטיי רעזיגנירט און פאהרט אפ קיין ארץ־ישראל אלס מיטגליד פון דער פאלעסטינער ביורא. זיין פאהרען רופט ניט ארויס קיין באגייסטערונג. נאכמעהר, ארום זיין פערזאן אנטוויקעלט זיך א קאמף פון צדדים און גראד די, וואס זיינען פריהער געווען אין דער פרינציפיעלער אפאזיציע צו איהם, ווערען איצט זיינע פארטיידיגער. דעם סעקרעטאר־אמט נעהמט איבער פראפ. חיים פיינמאן און מיט דער מיטהילף פון חברה אסתר אבערסאן האלט ער אן דעם אמט אומגעפעהר ביי א יאהר צייט. די פארטיי ווייזט ניט ארויס אין פארלויף פון דער צייט קיין באזונדערע אקטיוויטעט. דער פארלאג עקזיס־טירט זעהר שוואך. עס איז א געמאטערט לעבען.

א פאסירונג פון אלוועלטליכער באדייטונג ווירקט אפפרישענד אויף דער פאר־טיי. דאס איז די רעוואלוציע אין טערקיי. מיט דער רעוואלוציע פארבינדען די ציוניסטען בכלל און די פועלי־ציוניסטען בפרט א סך האפנונגען און ערוואר־טונגען. דער צענטראלער קאמיטעט רופט א מאסען־פארזאמלונג אין קופער־יוניאן, אין וועלכער עס טרעט ארויס אלס איינער פון די רעדנער דער גענעראל־קאנסול פון טערקיי. דאס איז צום ערשטען מאל, וואס די פועלי־ציון מאכט א פארזאמלונג אין אזא מאסשטאב. די ארבייט אבער בכלל ווערט געפיהרט לאנגזאם און די פארטיי וואקסט ניט.

אין דעמזעלבען יאָהר רופט דער צענטראַלער קאָמיטעט א בעראַטונג אין באָפאַלאָ וועגען דער לאַגע פון דער פּאַרטיי. דאָרטען ווערען אָנגענומען איינינע באשלוסען ווי אַזוי די פּאַרטיי צו פאַרגרעסערען און פאַרשטאַרקען. עס ווערען אָנגעצייכענט ליניעס פון נייע טעטיגקייטען, און אויף דער בעראַטונג ווערט דער־ווייַלט מאיר בראַון אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

# די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא

פון ה. סילווער

## קאָמוניסטישע עקספּערימענטען

די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַאטען הויבט זיך פאַקטיש אָן מיט די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס עקספּערימענטען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט. די דאָזיגע קאָלאָניעס מיט זייערע אידעאַליסטישע — אָפט נאַאיווע — שטרעבונגען צו א גערעכטערער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג קאָנען דינען פאַר אַן אויסגעצייכענטען הינטערגרונד צו דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

הונדערטער אַזעלכע קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרען. אַמעריקא, מיט איהר רעליגיעזער און פּאָליטישער פרייהייט און מיט איהרע גרויסע שטרעקעס פרייען באָדען, האָט אין פאַרגלייך מיט די אונטערדריקטע און געדיכט־באַפעלקערטע מדינות פון אייראָפּאַ אויסגעזעהען ווי א גן עדן, און האָט געוועקט די האָפנונגען און גערייצט די פאַנטאַזיעס פון סאָציאַלע טרוימער, אידעאַליסטען און טיף־רעליגיעזע נאַטורען. די קאָלאָניעס זיינען געווען פון צוויי סאָרטען: רעליגיעז־סעקטאַנטישע און סאָציאַל־פּראָפּאַגאַנדיסטישע.

די ערשטע זיינען געווען געגרינדעט פון פערזאָנען, וועלכע האָבען געוואָלט אומגעשטערט אויסלעבען זייערע אייגענאַרטיגע רעליגיעזע געדאַנקען און אידעאַלען. זיי האָבען ניט געהאַט בדעה צו ווייזען דער וועלט א מוסטער פון א שעהנערען לעבען, און זייער קאָמוניזם איז געווען טיילווייז א רעזולטאַט פון זייערע רעליגיעזע אנשויאונגען און טיילווייז א מיטעל בעסער אויפצוהאַלטען די מיטגלידער זייערע. די דאָזיגע קאָלאָניעס האָבען זיך געפונען אין פּענסילווייניא, אָהייאָ, אייאָוואַ, מיזורי, ניו יאָרק.

דער הויפּט צוועק פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס פון צווייטען מין איז געווען צו פּראָפּאַגאַנדירען א געוויסע געזעלשאַפט־טעאָריע און דעמאָנסטרירען די מעגליכ־קייט און די ניצליכקייט פון אַזאַ סאָרט געזעלשאַפט.

איין גרופּע פון אַזעלכע קאָלאָניעס — אין אינדיאַנא, אָהייאָ, טענעסי — איז געגרינדעט געוואָרען פון די נאָכפאָלגער פון ראָבערט אָוען. אַלע קאָלאָניעס פון דעם טיפּ זיינען געווען געגרינדעט און דורכגעפאַלען אין די יאָהרען 1830—1825.

א צווייטע גרופּע, וואָס האָט איהרע עקספּערימענטען געמאַכט צווישען 50—1840,

איז באַשטאַנען פון די נאָכפאָלגער פון דעם פראַנצױזישען אוטאָפּיסטישען סאָציא־ליסט, שאַרל פוריע. דער פוריעריזם האָט געהאַט ערפאָלג אין אַמעריקא און האָט צו זיך צוגעצויגען פיל באַריהמטע מענער און פרויען. אָבער קיין איינע פון די דאָזיגע קאָלאָניעס האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג.

א דריטע גרופּע האָט געקראָגען איהר גייסטיגע אינספּיראַציע פון עטיען קאַבע, א פראַנצױזישען אַדוואָקאַט, וועמעס אוטאָפּיסטישער ראָמאַן „די רייזע אין איקאַ־ריע", האָט געשאַפען די באַוועגונג. זי איז באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון פראַנ־צויזישע אימיגראַנטען, וועמעס ליידען און וואַנדערונגען קיין טעקסאַס און פון דאָרטען קיין אילינאָי און אייאָווא דינען אַלס אַן אויסגעצייכענטער ביישפּיל פון דעם כח פון אַן אידעאַל. אָנהויבענדיג זיך אין 1848 האָט די באַוועגונג עקזיסטירט מיט אַלערליי ערפאָלגען און דורכפאַלען ביז 1887.

## די מאָדערנע באַוועגונג

די ערשטע שוואַלבען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם זיינען אין אַמעריקא געווען דייטשע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען קומען אַהער נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1848. אַזוי האָט ווילהעלם וויטלינג געגרינדעט דעם „אַלגעמיינעם אַרבייטער בונד" אין 1850. די „טורנפאַראיינע", די דייטשע ספּאָרט־קלובען פון יענער צייט זיינען געווען סאָציאַליסטיש געשטימט. אין 1857 איז אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרען דער „קאָמוניסטישער קלוב" פון א גרופּע דייטש־דערצויגענע אינטעליגענטען.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, געגרינדעט אין לאָנדאָן אין 1864, האָט אויך אויסגעאיבט א שטיקעל איינפלוס אויף דער אַמעריקאַנער באַוועגונג. ערשטענס, דורך א צאָהל ראַדיקאַלע פאַראיינען, הויפּטזעכליך פון דייטשע אַרבייטער, און צווייטענס, דורך דער שטאַרקער „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן", וועלכע האָט אַנערקענט זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע טעטיגקייט און איז געשטאַנען אין נאָהענטע פאַר־בינדונגען מיט'ן אינטערנאַציאָנאַל.

אין 1872 האָט דער אינטערנאַציאָנאַל, שטאַרק אָפּגעשוואַכט נאָכ'ן דורכפאַל פון דער פּאַריזער קאָמונע, אַריבערגעטראָגען זיין הויפּט קוואַרטיר אין ניו יאָרק און איז אין 1876 אָפיציעל אויפגעלייזט געוואָרען אויף דעם פילאַדעלפיער קאָנגרעס.

## די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי (ס. ל. פּ.)

אין דעם זעלבען יאָהר און אין דער זעלבער שטאָדט זיינען זיך צונויפגעקומען פאָרשטעהער פון 4 סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס (צוויי פון זיי פון א נאַציאָנאַ־לען מאַסשטאַב און אַלע צוזאַמען צעהלענדיג א סך־הכל פון 2,978 מיטגלידער) און האָבען געגרינדעט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי, וועלכע האָט ביי דער קומענדער קאָנווענשאָן, אין 1877, באַקומען דעם נאָמען „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי".

די ס. ל. פּ., וועלכע האָט פאַר א פערטעל יאָהרהונדערט פאַרנומען דעם אויבען אָן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט געהאַט א פאַרשידענ־אַרטיגע קאַריערע. מען קאָן זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף אַלע איינצעלהייטען פון איהר זעהר אינטערעסאַנטער געשיכטע. בלויז דריי פונקטען וועלען דאָ באַריהרט

ווערען: דער קאַמף מיט די אַנאַרכיסטען, די שטעלונג צו פּאָליטישער אַקציע און די שטעלונג צו טרייד־יוניאָנס.

דער קאַמף מיט די אַנאַרכיסטען האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין 1879, ווען די אַנאַרכיסטען אין דער פּאַרטיי האָבען דערקלערט זייער אומצופרידענהייט מיט דעם וואָס דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט זיך אַנטזאָגט צו אַנערקענען די מיליטערישע „לעהר און וועהר פאַראיינען", וואָס די שיקאַגער און סינסינעטער מיטגלידער האָבען געגרינדעט. אַ צאָהל פון די אומצופרידענע האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער פּאַרטיי און געגרינדעט די „רעוואָלוציאָנערע ס. ל. פּ.", וועלכע האָט זיך אין 1883 פאַראייניגט מיט די אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין אַן „אינטערנעשאָנאַל וואָירקינג פּיפּלס אַסאָסיאיישאָן". צו דער צייט איז קיין אַמעריקא אָנגעקומען דער באַריהמטער דייטשער אַנאַרכיסט יאָהאַן מאָסט, אַ זעהר פעהיגער אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, און אונטער זיין פיהרערשאַפט איז דער אַנאַרכיזם געוואָרען אַ מאַכט אויף דער ראַדיקאַלער גאַס; און די ס. ל. פּ. איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אַז צו דער 4טער קאָנווענשאָן אין 1883 זיינען געקומען בלויז 16 דעלעגאַטען פון 2 שטעדט. דער צוזאַמענפאָהר האָט פון איין זייט אָנגענומען אַ האַלב־אַנאַרכיסטישע פּלאַטפאָרמע און פון דער צווייטער דורכגעפיהרט אַ קלאָרע גרעניץ צווישען סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען.

די פעסטונג פון אַנאַרכיזם איז געווען שיקאַגאָ. אין 1885, ביי אַ מאַסען־פאַרזאַמלונג אין היי־מאַרקעט, וואָס די אַנאַרכיסטען האָבען צוזאַמענגערופען צו פּראָטעסטירען געגען דער ערמאָרדונג מצד דער פּאָליציי פון 6 סטרייקער, האָט אימיצער געוואָרפען אַ באָמבע, וואָס האָט דער'הרג'עט אַ פּאָליסמאַן. אין דער שיסעריי, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, זיינען געפאַלען נאָך 7 פּאָליסלייט און 4 אַרבייטער. די אַנאַרכיסטישע פיהרער זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרען און גע'משפט געוואָרען אין אַן אַטמאָספערע פון פאַרביטערונג און נקמה פון אַ ריכטער, וועלכער האָט פאַרלעצט די עלעמענטאַרסטע יורידישע רעכט פון די אָנגעקלאָגטע, און פון געריכט־געשוואָרענע, וועלכע האָבען פון אָנהויב אָן געהאַט פאָראורטיילע געגען אַנאַרכיסטען. דער אורטייל איז געווען טויט־שטראָף, און אַפּעלאַציעס אין העכערע געריכטען האָבען ניט געהאָלפען. פיער אַנאַרכיסטען זיינען געהאַנגען געוואָרען אין 1887 און דריי זיינען אָפּגעזעסען 6 יאָהר אין טורמע, ביז וואַנען גאָווערנאָר אַלטגעלד האָט זיי באַגנאַדיגט.

נאָך דער היי־מאַרקעט טראַגעדיע איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרען, בעת די ס. ל. פּ. האָט אָנגעהויבען וואַקסען און האָט בשלום איבערגעלעבט אַן אינערליכען קאַמף צום סוף פון די 80־ער יאָהרען. אין 1896 האָט די פּאַרטיי געהאַט 200 סעקציעס אין 25 שטאַטען און אין 1899 האָט זי דערגרייכט די גרעסטע שטופע פון איהר מאַכט, ציילענדיג 350 אָרגאַניזירטע סעקציעס איבער'ן לאַנד.

אין דער פראַגע פון פּאָליטישער טעטיגקייט האָט די ס. ל. פּ. ניט געהאַט קיין אויסגעהאַלטענע שטעלונג. דעם ערשטען יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט זי זיך אינגאַנצען ערקלערט געגען פּאָליטישער אַקציע. די נעקסטע פּאָר יאָהר, 79—1877, האָט זי אָנגעפיהרט אַ צאָהל וואַהל קאַמפּאַניעס אין עטלאַכע שטאַאַטען, און אין

1880 האָט זי אַפילו געמאַכט יד אחת מיט דער „גרינבעק פּאַרטיי"*) אין די פּרעזידענט וואַהלען. פאַראייניגונגען מיט פאַרשידענע „לייבאָר פּאַרטיס" איז געווען אַ גאַנץ געוויינלאַכע ערשיינונג אין די 80־ער יאָהרען. די ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט אין 1886 געשטיצט די קאַנדידאַטור פון׳ם „סינגעל טעקסער" העגרי דזשאָרדזש פאַר מעיאָר. נאָך די וואַהלען אָבער האָבען די סאָציאַליסטען אָנגעהויבען אַטאַקירען די „סינגעל טעקסערס", און אין 1887 איז די ס. ל. פּ. אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פאַראייניגטער פּאַרטיי.

נאָך דער דאָזיגער ערפאַהרונג איז די ס. ל. פּ. געבליבען טריי דער טאַקטיק פון זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער אַקציע. די צאָהל שטימען, וואָס זי האָט געקראָגען איז געוואַקסען פון יאָהר צו יאָהר. אין די פּרעזידענט וואַהלען פון 1892 האָט זי באַקומען 21,512 שטימען, אין 1896 — 36,275 און אין 1898 — 82,204, די העכסטע צאָהל וואָס זי האָט ווען באַקומען, סאַי פריהער, סאַי שפּעטער.

פון אָנפאַנג זיינען די באַציהונגען צווישען דער ס. ל. פּ. און די יוניאָנס געווען זעהר גוטע, ספּעציעל אין ניו יאָרק. די דייטשע און אידישע געווערקשאַפטען זיינען געווען אינגאַנצען סאָציאַליסטיש, און די „סענטראַל לייבאָר יוניאָן", די וויכטיגסטע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע אין שטאָדט, איז די מעהרסטע צייט געווען דאָמינירט פון די ס. ל. פּ. פיהרער. אין דער גרויסער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, די „נייטס אָוו לייבאָר", האָבען די סאָציאַליסטען געהאַט אַ קנאַפּען ערפאָלג, און ווען ביי דער קאָנוועגשאָן פון די „נייטס", אין 1895, איז דער ס. ל. פּ. הויפּט, דעליאָן, ניט צוגעלאָזען געוואָרען אַלס אַ דעלעגאַט, האָט די ס. ל. פּ. אינגאַנצען אָפּגעבראָכען די באַציהונגען מיט די „נייטס אָוו לייבאָר". אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, וועלכע האָט צו 1887 פאַרנומען דעם הויפּט אָרט אין דער אַרבייטער באַוועגונג, האָבען די סאָציאַליסטען געהאַט מעהר הצלחה, אָבער זייער צאָהל־קראַפט אין דער פעדעריישאָן איז זעלטען געווען מעהר ווי אַ פערטעל.

אין 1895 האָט די ס. ל. פּ. פאַקטיש ערקלערט קריג די אַלטע טרייד־יוניאָנס, מיט איהר גרינדונג פון דער „סאָשעליסט ענד לייבאָר עלייענס", אַן אָפּאָזיציע יוניאָן. די ס. ע. ל. ע. האָט זיך געהאַלטען עטלאַכע יאָהר.

די ס. ל. פּ. עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג. אָבער זינט 1898 איז זי געגאַנגען באַרג אַראָפּ, סאַי אין מיטגלידערשאַפט, סאַי אין איינפלוס.

איהר פּאָליטישער איינפלוס איז קלאָר פון די פאָלגענדע צאָהל שטימען, וואָס זי האָט באַקומען אין די פּרעזידענט וואַהלען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1900 | 33,405 | 1916 | 14,398 |
| 1904 | 33,546 | 1920 | 44,271 |
| 1908 | 34,115 | 1924 | 33,901 |
| 1912 | 30,000 | | |

*) די „גרינבעק" פּאַרטיי איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער פּאַניק פון 1873, און זי האָט פאַרטראָטען די אינטערעסען פון די מיטעלע קלאַסען, וועלכע האָבען געזוכט דורכצופיהרען פינאַנציעלע רעפאָרמען, איבערהויפּט מיט׳ן צוועק אויפצוהויבען דעם ווערט פון דעם ג ר י נ ע ם פּאַפּיר־געלט, וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אין צייט פון בירגער קריג. שפּעטער האָט די גרינבעק פּאַרטיי אויך אַריינגעשטעלט אַרבייטער פאָדערונגען אין איהר פּלאַטפאָרמע.

אין 1920 זיינען פון דער פּאַרטיי פּלאַטפאָרמע אַרויסגעלאָזען געוואָרען די געוויינלאַכע „אימידיאייט דימענדס" — די פּראָגראַם־מינימום. די צאָהל מיט־גלידער פון דער ס. ל. פּ. איז אין 1922 אָנגעגעבען אַלס 4,500.

## די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס. פּ.)

די ס. ל. פּ. איז פון אָנהויב אָן פאַר אַ לאַנגער צייט געווען אַן אימיגראַנטען־פּאַרטיי.

אין די לעצטע יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע געדאַנקען אַרומגעכאַפּט טיילען פון דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ און אַרבייטערשאַפט. די „נאַציאָנאַליסטישע" *) קלובען, געגרינדעט אונטער דער ווירקונג פון עדוואַרד בעלאַמי צום סוף פון די 80־ער יאָהרען, די פּאָפּוליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט אין 1894 געקראָגען איבער אָנדערהאַלבען מיליאָן שטימען, די „קריסטליכע סאָציאַליסטען" (די ערשטע געזעלשאַפט אין 1899), די פּאַביאַנער פאַראיינען (1895) — דאָס זיינען אַלץ געווען אויסדרוקען פון פּראָטעסט געגען דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. צו דעם זעלבען טיפּ קאָן אויך צוגערעכענט ווערען די „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקא", וואָס יודזשין וו. דעבס האָט אָרגאַניזירט אין 1897. אָבער שוין אויפ'ן צווייטען יאָהר האָט זיך פון איהר אָפּגעטיילט די סאָציאַליסטיש־באַוואוסטזיניגע מינאָריטעט און געגרינדעט די איצטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (דאַן נאָך אונטער'ן נאָמען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעבס, בערגער און סטעדמאַן.

די נייע פּאַרטיי האָט באַלד פון אָנהויב געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג. שוין אין 1900 צעהלט זי 5,000 מיטגלידער, געווינט אַן אָפּגעשפּאָלטענעם טייל פון דער ס. ל. פּ. און באַקומט 97,730 שטימען אין די פּרעזידענט וואַהלען. ביי דער קאָנווענשאָן אין 1904 זיינען פאַרטראָטען 184 דעלעגאַטען פון 36 שטאַאַטען, און אין די וואַהלען באַקומט דעבס איבער 400,000 שטימען. די וועסטערן לייבאָר יוניאָן, אַ פעדעראַציע פון יוניאָנס אין די „ראָקי מאָונטיינס" שטאַאַטען, וואָס צעהלט אַ מיטגלידערשאַפט פון 150,000, אַנערקענט אין 1902 די ס. פּ. אַלס איהר פּאַרטיי. און אין דעמזעלבען יאָהר האָט אַ טעאָרעטישע דעקלאַראַציע פון די סאָציאַליסטען צו שטירצען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם באַקומען אויף דער א. פ. אָוו ל. קאָנווענשאָן 46 פּראָצענט פון די שטימען.

אין די וואַהלען פון 1908 שטייגט די צאָהל ס. פּ. שטימען ביז 424,488 און אין 1912 ביז 897,901, טראָץ רוזוועלט'ס פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. אין מיטגלידערשאַפט וואַקסט די פּאַרטיי אויך שנעל: אין 1904 — 20,763 מיטגלידער, אין 1909 איז די צאָהל פאַרדאָפּעלט, אין 1912 דערגרייכט זי ביז דער העכסטער מדרגה — 113,371 מיטגלידער. אין 1915 האָט זי אַרום 80,000 און אומזעפעהר דיזעלבע צאָהל פאַרבלייבט ביז וואַנען די פּאַרטיי צעשפּאַלט זיך אין 1919.

די רעזולטאַטען פון פּאָליטישער אַקציע זיינען אויך געווען גאַנץ צופרידענ־

*) זיי האָבען זיך גערופען „נאַציאָנאַליסטען" ווייל זיי האָבען געפאָדערט די נאַציאָנאַליזירונג פון דער אינדוסטריע.

שטעלענד. אין 1915 האָבען די סאָציאַליסטען איבער'ן לאַנד געהאַט 22 מעיאָרס, 218 מיטגלידער אין שטאָדט ראַטען, 62 אַנדערע שטאָדטישע באַאמטע, 30 פאָר־שטעהער אין שטאַאַט לעגיסלאַטורען און 578 אַלערליי קלענערע בעאַמטע. זינט 1910 איז אין קאָנגרעס געווען איין סאָציאַליסטישער דעפוטאַט. דאָס איז וויקטאָר בערגער פון מילוואָקי. אין 1914, 1916 און 1920 איז בערגער ניט ערוויילט געוואָרען, דערפאַר איז אין יענע טערמינען אין קאָנגרעס געווען מאיר לאָנדאָן, ערוויילט פון דער ניו יאָרקער איסט סייד. אין 1917 האָט ניו יאָרק געשיקט גאַנצע 10 פאָרשטעהער אין לעגיסלאַטור, 7 מיטגלידער אין שטאָדט־ראַט, און ערוויילט דעם איינציגען סאָציאַליסטישען ריכטער אין אמעריקאַ, דזשייקאָב פענקין, אין ניו יאָרק.

דער דאָזיגער ערפאָלג פון דער נייער פאַרטיי דאַרף צוגעשריבען ווערען צו אַ סך פאַקטאָרען. די פונדאַמענטאַלע אורזאַכען זיינען: די ריזיגע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון לאַנד, די פאַרשאַרפונג פון קלאַסען דיפערענצען, וואָס האָט געפיהרט צו ביטערע קאַמפען צווישען אַרבייטער און באַלעבאַטים און די וואַקסענדע אומצופרידענהייט צווישען די פאַרמער. (פראָצענטועל האָט די ס. פּ. געצויגען מעהר שטימען אין אַזעלכע פאַרמער־ און מינען-שטאַאַטען ווי אָקלאַהאָמאַ, נעוואַדאַ, מאָנ־טאַנאַ, איידער אין די אינדוסטריעלע שטאַאַטען, ווי ניו יאָרק און פענסילווייניאַ). נאָך אַ פאַקטאָר איז אָהן צווייפעל געווען די אויפוואַכונג פון דעם אַזוי גערופענעם „סאָציאַלען באַוואוסטזיין" אין די אינטעליגענטישע און פּראָפעסיאָנעלע שיכטען פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. אַרום אַ דריטעל פון דער ס. פּ. מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַנען פון ניט־אַרבייטער.*)

אין געגענזאַץ צו דער ס. ל. פּ. איז די סאָציאַליסטישע פאַרטיי די גאַנצע יאָהרען איהרע געווען שטרענג אויסגעהאַלטען סאַי מיט איהר גלויבען אין שטימ־קאַסטען און סאַי (ביז 1924) מיט איהר האַלטען פון זעלבסטשטענדיגער אַקציע אויפ'ן פּאָליטישען געביט. צו די יוניאָנס האָט זיך די ס. פּ. שטענדיג באַצויגען מיט אַקטיווער פריינדשאַפט. גלויבענדיג פּרינציפּיעל אין אינדוסטריעלען יוניאָניזם, איז די פאַרטיי אָבער קיינמאָל ניט באַגאַנגען דעם פעהלער פון דער ס. ל. פּ. צו גרינדען אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס אָדער פּרואווען דיקטירען איהרע מיינונגען די פאַך־יוניאָנס.

די ס. פּ. איז געווען איינע פון די ווייניגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבען ביים אויסברוך פון מלחמה ניט פאַרלאָרען דעם קאָפּ. אין די יאָהרען 1914-17 איז די הויפּט טעטיגקייט פון דער פאַרטיי באַשטאַנען אין אויפפאָדערונגען צו דער רעגירונג און אַפילו צו די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען, אָפּצושטעלען די בלוט־באָד. דער קאַמפּיין אין 1916 איז געפיהרט געוואָרען מיט אַנטי־מיליטאַריזם אַלס די הויפּט „אישו", אָבער צוליב ווילסאָן'ס שטאַרקער פּאָפּולאַריטעט און דער מורא אַז די רעפּובליקאַנער וועלען אַריינשלעפען דאָס לאַנד אין דער מלחמה, האָט די ס. פּ. געצויגען בלויז אַרום 600,000 שטימען, אַ פאַרלוסט פון אַ דריטעל שטימען זינט 1912. אַ טאָג נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט ערקלערט קריג, האָט די סאָציאַליסטישע

*) לויט הילקוויט'ס אָן אָפּשאַצונג באַזירט אויף אַ פאַרטיי צענזוס אין 1908 ; הילקוויט, „היסטאָרי אָוו סאָשעליזם אין די יונייטעד סטייטס", ז. 350.

קאָנווענשאָן אין סט. לואיס אָנגענומען אַן אַנטשידענע אַנטי־מלחמה פּלאַטפאָרמע. דאָס האָט גערועטעוועט די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי, אָבער האָט איהר געבראַכט רדיפות און אונטערדריקונג פון דער רעגירונג. די שטעלונג צו דער מלחמה פון דער ס. פּ. האָט געפונען שטיצע ביי דער באַפעלקערונג. הילקוויט, קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק אין 1917, האָט באַקומען 145,895 שטימען, מעהר ווי פיער מאָל די צאָהל שטימען אין 1913. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען די סאָציאַליסטען אין 15 פון די גרעסערע שטעדט געקראָגען איבער 20 פּראָצענט פון די אָפּגעגעבענע שטימען. און אין די וואהלען פון 1918 און 1919 איז בלויז אַ קלײנער פּראָצענט אָפּגעפאַלען. אין 1920 האָט דעבס באַקומען 919,799 שטימען אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט. דאָס איז געווען דער שלוס־אַקט פון די ערפאָלגען פון דער ס. פּ. די סאָציאַליסטישע אײנהייט ווערט צובראָכען, און עס הויבט זיך אָן אַ ביטערער אינערליכער קאַמף צווישען די צושפּאָלטענע טיילען.

## די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זינט 1919

די רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען אין אײראָפּאַ און די אָרגאַניזירונג, אָנהויב 1919, פון **דעם קאָמוניסטישען** אינטערנאַציאָנאַל האָבען באַקומען זײער אָפּקלאַנג אויף דער זייט אַטלאַנטישען אָקעאַן. כאָטש אַ לינקער פליגעל האָט עקזיסטירט אין דער ס. פּ. נאָך עטלאַכע יאָהר פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, קאָן מען אָבער מיט זיכערקייט באַהויפּטען, אַז ניט די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, נאָר די רוסישע סיטואַציע איז געווען דער הויפּט באַשטימענדער פאַקטאָר אין דער שפּאַלטונג פון די סאָציאַליסטישע כחות דאָ אין לאַנד.

ביי דער שיקאַגאָר קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ., אויגוסט 1919, זיינען די לינקע דעלעגאַטען, וועלכע האָבען נאָך פון פריהער געפיהרט אַן אָרגאַניזירטע פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּאַרטיי, ניט צוגעלאָזען געוואָרען. האָבען זיי אָפּגעהאַלטען אַ באַזונדער קאָנווענשאָן און אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע אַרבייטער פּאַרטיי. אַ צווייטע גרופּע לינקע, דאָמינירט פון די געוועזענע סלאַווישע ס. פּ. פעדעראַציעס, האָט אין דערזעלבער צייט געגרינדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. שפּעטער האָבען זיך די צוויי גרופּען פאַראייניגט, אָבער צוליב די שפּיאָנאַזש געזעצען פון דער מלחמה צייט האָבען זיי געמוזט בלייבען אַן אומלעגאַלע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע פאַר די קומענדע צוויי און אַ האַלב יאָהר.

די ס. פּ. איז דערווייל געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. צעהלענדיג אָנפאַנג 1919 אַרום 105,000 מיטגלידער, האָט זי צום סוף פון יאָהר געהאַט בלויז אַרום אַ דריטעל פון דער צאָהל. אין 1920 האָט די פּאַרטיי געצעהלט קאַרגע 27,000 מיטגלידער, אין 1921 — העלפט פון דעם, אין 1922 — 11,109 מיטגלידער און אין 1923 — 12,000. אין יאַנואַר 1919 האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פאַרבאָטען איהרע אָרגאַניזאַציעס, און אפילו אײנצעלנע מיטגלידער, אָנצושליסען זיך אָן אַ לייבאָר פּאַרטיי, און אין 1923 האָט די קאָנווענשאָן (23 דעלעגאַטען) באַשלאָסען צו קאָאָפּערירען מיט לייבאָר פּאַרטייען אויפ'ן פּאָליטישען געביט.

די „וואָירקערס פּאַרטי" האָט זיך אָרגאַניזירט סוף 1921, פּאַקטיש אַלס דער לעגאַלער פראָנט פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אַפּריל

1923 האט זיך די ק. פ. אויפגעלייזט און די וו. פ. איז געווארען די אמעריקאנער סעקציע פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, מיט דער פראגראם פון פראלעטארי־שער דיקטאטור געשטיצט פון די ארימע פארמערס. אנהויבענדיג מיט 10,000 מיטגלידער, איז די וו. פ. לאנגזאם געוואקסען: 1922 — 12,000 מיטגלידער; 1923 — איבער 15,000; 1924 — איבער 17,000; 1925 — 16,325. פון דער דאזיגער צאהל זיינען בלויז 2,282 געווען ענגליש־שפרעכענדע, די איבעריגע 14,000 זיינען געווען צוטיילט צווישען 18 פרעמד־שפראכיגע פעדעראציעס.

נאך דער מלחמה איז די באוועגונג פאר א „לייבאר פארטיי" געווארען זעהר פארשפרייט. די צוויי וויכטיגסטע ארגאניזירטע אויסדרוקען פון דער באוועגונג (ניט רעכענענדיג די עלטערע „נאן פארטיזען ליג") זיינען געווען די פארמער־לייבאר פארטיי (מיט דער שיקאגאר פעדעריישאן אוו לייבאר אלס איהר הויפט שטיץ־פונקט) און די קאנפערענץ פאר פראגרעסיווער פאליטישער אקציע, וועמעס רוקען־ביין עס זיינען געווען די מעכטיגע אייזענבאהן „בראדערהודס". די פארמער לייבאר פארטיי האט געהאט אן אייגענעם פרעזידענט קאנדידאט אין 1920 (ציהענדיג 265,000 שטימען), אבער דריי יאהר שפעטער איז די פארטיי צופאלען געווארען נאכדעם ווי די קאמוניסטען האבען „פארכאפט" די קאנווענשאן און די וויכטיגסטע יוניאנס האבען זיך צוריקגעצויגען.

די ק. פ. פ. א., אן ארגאניזאציע, וועלכע די ס. פ. איז אויך געווען אנגעשלאסען, און צו וועלכער די וו. פ. איז ניט צוגעלאזען געווארען, איז געווען דאמינירט פון די „בראדערהודס" און האט ניט געהאלטען פון זעלבסטשטענדיגער פאליטישער אקציע. אין 1924 אבער האט די קאנפערענץ נאמינירט פאר פרעזידענט סענאטאר לאפאלעט, וועלכער האט געצויגען קרוב צו 5 מיליאן שטימען. די „בראדערהודס" האבען דאס באטראכט פאר א דורכפאל, און די ק. פ. פ. א. איז אין פעברואר 1925 אויפגע־לייזט געווארען.

די לאגע אין איצטיגען מאמענט איז אומגעפעהר אזא: די ס. פ. האט אין 1925 גערעכענט ביי זיך א מיטגלידערשאפט פון 25,000. עס ווייזען זיך סמנים פון אויפלעבונג און פארשטארקונג. די וו. פ., מיט א קלענערער מיטגלידערשאפט, באזיצט אבער א היבשע ענערגיע און א סך ענטוזיאזם.

## סאציאליזם אויף דער אידישער גאס

די אימיגראציע פון רוסלאנד, וואס האט זיך אנגעפאנגען אין 1881, האט געבראכט קיין אמעריקא די ערשטע אידישע סאציאליסטען. אינטערעסאנט איז, אז אויך צווישען די אידען הויבט זיך אן די סאציאליסטישע געשיכטע מיט קאמו־ניסטישע קאלאניעס (אין לואיזיאנא, סאוט דאקאטא, ארקענסא, קענזעס, נארט דאקאטא, ארעגאן), וועלכע ענדיגען זיך אויך מיט דורכפאלען.

סאציאליסטישע פאראיינען זיינען געגרינדעט געווארען אין די גרעסערע שטעדט אין 1882—85. זיי פלעגען געבען לעקציעס, הויפטזעכליך אין רוסיש, מאנכע אויך אין אידיש און ענגליש. די פאראיינען האבען אויך פארשפרייט שריפטליכע סא־ציאליסטישע פראפאגאנדע און האבען זיך באטייליגט אין די וואהל־קאמפאניעס.

אין 1887 איז געגרינדעט געווארען ברענטש 8 פון דער ס. ל. פ., די ערשטע

אידישע סאָצאַליסטישע סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי. פון דאַן אָן האָבען די אידישע סאָציאַליסטען זיך גרופּירט ארום דער פּארטיי. די פּארשידענע אידישע סעקציעס האָבען אַנערקענט די פּרינציפּען און רעזאָלוציעס פון דער ס. ל. פּ. אָבער זיי האָבען זיך געפיהרט גאַנץ אויטאָנאָם, אָפּהאַלטענדיג יעהרליכע קאָנווענשאָנס און אָנפיהרענדיג פּראָפּאָגאַנדע אויף אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגען אופן.

די שטארקסטע געגנער פון די סאָציאַליסטען זיינען געווען די אַנארכיסטען. דער קאמף מיט זיי איז געפיהרט געוואָרען אין די יוניאָנס און אין דער פּרעסע. אויף דער אידישער גאַס זיינען די אַנארכיסטען פארבליבען אַ וויכטיגער פאקטאָר אַ היבשע צייט נאכדעם ווי דער אַנארכיזם אין אַלגעמיין איז געוואָרען אָפּגעשוואכט. אין דעם דאָזיגען קאמף זיינען די זיגער ארויס די סאָציאַליסטען. די וויכטיגסטע יוניאָנס, אַזוי גוט ווי די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, זיינען געווען קאָנט־ראָלירט פון די סאָציאַליסטען. אין 1889 האָבען די געווערקשאַפטען געשיקט ל. מילער'ן צו דעם גרינדונגס־קאָנגרעס פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל. אין 1891 און 1893 איז אַב. קאַהאַן געפאָהרען צו די סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען אַלס דעלעגאַט פון די געווערקשאַפטען און עטליכע אידישע סעקציעס.

אַ סך קאמפּלויסט און ענערגיע האָבען די סאָציאַליסטען פארשווענדעט אין די 90־ער יאָהרען אויף אינערליכע רייסערייען. דער באַדען פון די דאָזיגע פארביסענע רייסערייען און שפּאַלטונגען איז געווען טיילוויז אַ פּרינציפּיעלער און טיילוויז אַ פּערזענליכער. פילע פון די אידישע פיהרער זיינען געווען געגען דער ס. ל. פּ.'ס שפּעטערדיגער טאַקטיק פון פיינדשאַפט צו ניט־סאָציאַליסטישע יוניאָנס און פון גרינדען אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס. די פּארטיי צייטונגען, „די ארבייטער צייטונג" און דער „אַבענד בלאַט", זיינען געווען קאָנטראָלירט פון אַ „פּאָבלישינג אַסאָסיאיי־שאָן", וועמען די אָפּאָזיציע האָט באַשולדיגט אין שמאָל־קעפּיגער דיקטאַטור און אין ניט צולאָזען קיין נייע מיטגלידער. די פּערזענליכע מאָמענטען האָבען, נאַטירליך, אויך ניט געפעלט. עס זיינען געמאַכט געוואָרען פילע אומגעלונגענע פּרוואווען צו מאַכען שלום צווישעןביידע צדדים. און אין 1897 זיינען 52 מיטגלידער ארויס פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן" און האָבען געגרינדעט דעם „פאָרווערטס". די ס. ל. פּ. האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ דיסציפּלין־ברוך און האָט אויסגעשלאָסען אַלע מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט די „פּרעס פאראיינען", וואָס האָבען דעם „פאָרווערטס" געשטיצט. אַ טייל פון די אויסגעשלאָסענע זיינען אַוועק אין דער ניי־געגרינדעטער „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאַ" און האָבען אין 1898 געהאָלפען גרינדען די ס. פּ. אין דעמזעלבען יאָהר איז פאָרגעקומען אַ צווייטע שפּאַלטונג ביי די אידישע מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ., און איידער דער 19טער יאָהרהונדערט האָט זיך געענדיגט, זיינען די אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אינגאַנצען צופאַלען געוואָרען.

דער יאוש און אָפּשוואַכונג פון סאָציאַליסטישע כחות אויף דער אידישער גאַס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון די אינערליכע צאַנקערייען. עס האָבען אויך בייגעטראָגען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, פון איין זייט, און דער פארשטאַרקטער טעמפּאָ פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון דער צווייטער. מאַנכע סאָציאַליסטען זיינען אַוועק אין נאַציאָנאַליסטישען לאַגער, אַנדערע האָבען זייערע

כחות אָפּגעגעבען צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, און די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דערווייל געליטען.

שוין אין 1903 ווערט געמאַכט דער ערשטער פּרואוו צו רעאָרגאַניזירען די אידישע באַוועגונג. אין 1905 ווערט געגרינדעט די אידישע סאָציאַליסטישע ביוראָ, און אויף איהר דריטער קאָנווענשאָן, אין 1907, אין סיראַקיוז, ווערט אָרגאַניזירט די „אידישע אַגיטאַציאָנס ביוראָ פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען און קענעדע”, פון די אַנוועזענדע 17 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פּאַרטראָטען 345 מיטגלידער פון 8 שטעדט. דעם קומענדען יאָהר האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון שפּראַך־פעדעראַציעס און האָט די אַגיטאַציאָנס־ביוראָ אַנערקענט און געשטעלט אונטער איהר קאָנטראָל.

ביי דער 7טער קאָנווענשאָן אין פּעטערסאָן, אין 1912, איז די אַגיטאַציאָנס־ביוראָ אויפגעלייזט געוואָרען און איהר פּלאַץ האָט פאַרנומען די „אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע” מיט א מיטגלידערשאַפט פון 800 אין 25 פאַראיינען. דער אונטערשיד צווישען דער ביוראָ און דער פעדעראַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די לעצטע איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער ס. פּ., און איהרע מיטגלידער זיינען אויטאָמאַטיש געווען פּאַרטיי־מיטגלידער, בשעת צו דער ביוראָ האָבען געמעגט באַלאַנגען אויך ניט קיין מיטגלידער פון דער ס. פּ. אין פּרט פון טעטיגקייט איז די ביוראָ געווען באַגרעניצט בלויז מיט אַגיטאַציע, בשעת די פעדעראַציע האָט דורכגעפיהרט אַלע פּאַרטיי פונקציעס. די פעדעראַציע איז געוואַקסען. אין 1913 האָט זי שוין פאַרמאָגט 65 פאַראיינען אין 18 שטאַאַטען, מיט 2500 מיטגלידער, און אין 1914 — 100 פאַראיינען מיט אַרום 3800 מיטגלידער. די צאָהל איז געשטיגען נאָך העכער אין די נעקסטע עטלאַכע יאָהר. די פעדעראַציע האָט אַרויסגעגעבען א וואָכענבלאַט „די נייע וועלט” (פריהער „דער אידישער סאָציאַליסט”), ביכער, בראָשורען, דורכגעפיהרט לעקציע און פּראָפּאַגאַנדאַ טורען און זיך אַקטיוו באַטייליגט אין די פּאָליטישע קאַמפּיינס. אין 1914 איז מאַיר לאָנדאָן ערוויילט געוואָרען אַלס קאָנגרעסמאַן פון דעם 12טען (אידישען) דיסטריקט אין ניו יאָרק, און ווידער ערוויילט געוואָרען אין 1916 און אין 1920.

די שפּאַלטונג פון דער ס. פּ. אין 1919 האָט פון דער אידישער פעדעראַציע אָפּגעריסען א צאָהל מיטגלידער. די אָרגאַניזאַציע, אַלס א גאַנצע, איז געבליבען מיט דער פּאַרטיי, כאָטש שטעהענדיג פיל לינקער פון איהר אין א סך וויכטיגע פראַגען. ווען די פעדעראַציע האָט זיך געשפּאָלטען אין 1921, האָט זי פאַרמאָגט איינגאַנצען א וואָסערע 300 מיטגלידער.

די סאָציאַליסטישע עלעמענטען האָבען אין 1921 געגרינדעט דעם „אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד” אַלס די אידישע שפּראַך־פעדעראַציע פון דער ס. פּ. דער פאַרבאַנד האָט זיך גענומען רעאָרגאַניזירען די לאָיאַלע סאָציאַליסטישע כחות, און אין 1922 באַריכטעט דער סעקרעטער וועגען 29 פאַראיינען אין 22 שטעדט. ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן, אָנפאַנג 1926, באַריכטעט דער סעקרעטער א מיטגלידערשאַפט פון 2,500 כאָטש גוטשטעהענדע זיינען געווען בלויז א פערטעל פון דער צאָהל.

די לינקע, וועלכע זיינען געווען אין דער מאַיאָריטעט אויף דער לעצטער פּע־

דעראציע־קאנווענשאן, האבען זיך אנגעשלאסען אן דער אין א פאר מאנאטען שפעטער געגרינדעטער „ווארקערס פארטי“. אין דער ערשטער צייט זיינען פארגעקומען אינערליכע צוויסטיגקייטען צווישען די „פעדעראציאניסטען“ און די כשר'ערע קאמוניסטען, וועלכע האבען באלאנגט צו דער אונטערערדישער קאמוניסטישער פארטיי. שפעטער אבער, מיט דער ליקווידירונג פון דער אומלעגאלער פארטיי, איז מען געקומען צו אן אויסגלייך. ביז 1925 איז די ארגאניזאציאנס פארמע פון דער אידישער פעדעראציע וו. פ. געווען דער זעלבער וואס אין דער ס. פ. סוף 1925 האט די וו. פ. אפגעשאפט די טעריטאריעלע און שפראך־באזיסען פון ארגאניזאציע, און אנשטאט דעם זיינען די מיטגלידער גרופירט געווארען אין פאבריק גרופען („שאפ נוקליא“). שפראכען־גרופעס זיינען ערלויבט בלויז פאר פראפאגאנדע צוועקען אויסערהאלב דער פארטיי ארגאניזאציע. דאס שליסט אבער ניט אויס די מעגליכקייט פון אויסשליסליך אידישע גרופען, בפרט אין די גרעסערע שטעדט מיט א באדייטענדער צאהל אידישע ארבייטער. אין 1922 האט די פעדעראציע געהאט 1087 מיטגלידער, און אין 1923 — 1048.

# די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פון ניו יארק

פון מאקס פיין.

## די גרינדונג פון די געווערקשאפטען און די ערשטע יוניאנס

די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא האט גלייך מיט איהר געבורט מיטגעבראכט די קללה פון צושפליטערונג.

דורך דעם גאנצען היסטארישען מהלך פון דער ארבייטער באוועגונג ציהט זיך א לאנגע קייט פון רייסערייען, צוטיילונג און מיסטרויען.

פריהער האבען די סאציאליסטען מיט די אנארכיסטען זיך ניט געקענט צוטיילען מיט דער ירושה. דאן האבען די סאציאליסטען אנגעהויבען גרינדען אפאזיציאנעלע יוניאנס איינע געגען די אנדערע. שפעטער איז געקומען די „סאשעליסט טרייד און לייבאר עלייענס“, אן אפאזיציע געגען דער גאנצער אמעריקאנער טרייד־יוניאן־באוועגונג. אין דעם שטרייט האט מען באנוצט די אידישע יוניאנס אלס ברען־מאטעריאל. נאכדעם איז געקומען די „אינדאסטריעל ווארקערס“, מיט איהרע שפאלטונגען אין די יוניאנס. און ביז דער איצטיגער צייט, ביז דעם קאמף פון די קאמוניסטען מיט די סאציאל־דעמאקראטען, האבען די שפאלטונגען צווישען די אידישע ארבייטער ניט אויפגעהערט.

ווען אבער די אידישע ארבייטער האבען געהאט א רוהיגע מינוט, האבען זיי אויפגעטאן וואונדער אויף דעם געביט פון ארגאניזירען־זיך און קריגען גוטע באדינגונגען און פון העכערען דעם ארבייטס־לוין.

מיט קארגע 38 יאהר צוריק האבען די ערשטע סאציאליסטישע רוסישע אימי־

גראנטען ארגאניזירט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די צענטראלע אר־גאניזאציע, וועלכע האט אויפגעבויט כמעט אלע אידישע יוניאנס.

דעם 9טען אקטאבער, 1888, האט זיך פארזאמעלט די פארטרעטערשאפט פון די אידישע יוניאנס, וועלכע איז באשטאנען פון אכטצעהן פערזאן, און האט אר־גאניזירט די צענטראלע קערפערשאפט, וועלכע האט שפעטער געשפילט א זעהר גרויסע ראלע אין דעם לעבען פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא.

ניט קיין לייכטע ארבייט האבען געהאט די פיאנערען צו גרינדען יוניאנס. די אידען האבען פון פריהער ניט געהאט קיין באקאנטשאפט מיט יוניאנס. זיי האבען ניט געהאט קיין שום באגריף פון די נוצען פון ארגאניזאציע. זיי האבען געארבייט ביי קליינע אונטערנעמער, וועמעס פארשפרעכונגען און קאנטראקטען זיינען גאר נישט ווערטה געווען. די ארבייטס־באדינגונגען זיינען געווען אזעלכע שווערע, אומדערטרעגליכע, די פארדינסטען אזוי קליין, אז עס האט אוועקגענומען ביים אימי־גראנט אלע אמביציעס און אלע האפענונגען אויף בעסערע צייטען. עס האט איהם געמאכט אזוי אפהענטיג, אז ער האט ניט געהאט קיין גלויבען אין זיך און קיין צו־טרויען צו אנדערע.

פאר די איינגערע ארבייטער איז עס קיין נייעס ניט, אז די אידישע צייטונגען זאלען געבען לעבעדיגע ארבייטער־נייעס, אז די באלעבאטישע צייטונגען זאלען ניט שימפען די ארבייטער אין צייט פון סטרייקס און זאלען ניט דערמוטיגען זייערע בא־לעבאטים.

עס איז אבער ניט אלע מאל געווען אזוי. עס איז געווען א צייט, ווען יעדער רב האט געפרעדיגט פאר זיין געמיינדע, אז די ארבייטער פארשווארצען דעם אידי־שען נאמען מיט דעם, וואס זיי ארגאניזירען יוניאנס און סטרייקס, אז די בעלי מלאכות זיינען ארונטער פון דרך הישר און ווען מען קען זיי נאר אנלערנען, וועט דאס זיין א גרויסער יושר.

די טענה איז געווען, אז אידען טארען ניט זיין קיין עזות־פנים'ער און דארפען זיך ניט גלייכען צו אנדערע פעלקער, דערפאר ווייל אידען זיינען אין גלות, און זיי מוזען זיין צופרידען מיט אלץ וואס זיי באקומען.

די כל־ישראל צייטונגען, פון זייער זייט, האבען געהעצט געגען די אידישע אר־בייטער און דאס אלץ איז געווען אין די צייטען פון דער פינסטערסטער סוועטינג סיסטעם, ווען מען האט געארבייט ביי טאג און ביי נאכט, ווען די שניידער האבען גע־מוזט האבען אייגענע מאשינען און שלעפען זיך מיט זיי פון שאפ צו שאפ, ווען דער קאנטראקטאר און די סוב־קאנטראקטינג סיסטעם איז געווען אין סאמע בליהונג, ווען דער פאטער האט זיך ארויסגעשלאגען פון די כחות ארבייטענדיג פאר א פאר דאלאר א וואך, ווען די מוטער האט געוואשען וועש און באדינט קעסטניקעס, ווען די קינדער האבען פארקויפט צייטונגען אדער גע'גנב'עט עפעל, ווען יעדער מיטגליד פון דער פאמיליע האט שווער געארבייט, און ווען נאך אלעם דעם איז קיינמאל אויף קיין דירה־געלט ניט געווען און ניט אלע מאל איז אפילו געווען גענוג ברויט אין הויז. אט אין יענער צייט האט מען דאס אזוי באהאנדעלט די אידישע ארבייטער.

און וואס פאר אן איבערקעהרעניש אין די אכט־און־דרייסיג יאהר! די ארבייטער זיינען געווארען די יחסנים אין דער משפחה, די רייכע יאהודים ווילען זיין פיהרער ביי זיי, די צייטונגען זיינען פול מיט זיי, די רבנים שארען זיך ארום

זיי און די, וואס שרייבען אין די אידישע צייטונגען, באלאנגען צו זיי, צו די אר־בייטער דורך די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

פארשידענע שטורעמס, אינערליכע און אויסערליכע האבען פאר די לעצטע קנאפע פיר צעהנדליג יאהר איבערגעלעבט די אידישע יוניאנס און שטענדיג זיינען די געווערקשאפטען געשטאנען מיט זיי אין קאמף און געהיט זייער גאנצקייט און זיי געהאלפען וואקסען.

כאראקטעריסטיש פאר דער געשיכטע פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפ־טען איז איהר טעטיגקייט נאך דער וועלט־מלחמה.

# נאך דער וועלט־מלחמה

נאך דעם וואפענשטילשטאנד איז אריינגעטראטען א גרויסע ארבייטסלאזי־קייט. די קאמערציעלע צושטענדע זיינען געווען אזוי אומבאשטימט, אז די מלחמה־פראפיטירער, וועלכע האבען אנגעזאמעלט אוצרות, האבען מורא געהאט צו ריזי־קירען מיט זייערע קאפיטאלען. גרויסע און קליינע אינדוסטריען האבען איינגע־שרענקט די פראדוקציע אדער האבען זי אינגאנצען אפגעשטעלט.

די געווערקשאפטען, איהרע דעלעגאטען און באאמטע האבען דאן געמאכט אן איבערנאטירליכע אנשטרענגונג צו האלטען די ארבייטער ביי זייערע יוניאנס און אנהאלטען די אויסגעקעמפטע באדינגונגען.

די ארבייטער, וועלכע זיינען שוין געווען געוואוינט צו בעסערע קאנדיציעס, האָ־בען זיך שוין אזוי לייכט ניט אונטערגעגעבען. זיי האבען אין א סך פעלע גע־סטרייקט, אבער די טרייד־יוניאן באוועגונג איז געבליבען כמעט אומבארירט.

צו יענער צייט האט זיך פאנאנדערגעטראגען איבער'ן גאנצען לאנד א געשריי וועגען „רעקאנסטרוקציע". קאלעדזש־פראפעסארען האבען וועגען דעם גערעדט אין וויסענשאפטליכע טערמינען, גייסטליכע האבען פון זייערע שטענדערס וועגען דעם געפּרעדיגט, צייטונגען האבען וועגען דעם געשריבען לאנגע ארטיקלען, מען האט ווע־גען דעם אריינגעבראכט פארשלעגע אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען פון די „סטייטס" און אין וואשינגטאן.

דער געשריי וועגען „רעקאנסטרוקציע" האט געמאכט א גאנצען כאאס אין די קעפּ פון א סך ארבייטער.

נאטירליך האבען די פאבריקאנטען געוואוסט וואס פאר זיי הייסט „רעקאנ־סטרוקציע". זיי האבען דערמיט געמיינט, אז מען מוז איבערבויען אלץ אזוי, אז די ארבייטער זאלען ווייניגער געהאלט קריגען, אז די ארבייטס־צייט זאל ווערען לענ־גער.

די געווערקשאפטען האט ערוועהלט א קאמיטע צו שטודירען די פראגע. די קאמיטע האט אריינגעבראכט א זאכליכען באריכט אנגעבענדיג פאקטען, אז אמערי־קע, וועלכע האט פון דער מלחמה עקאנאמיש גאר נישט געליטען, איז באשטימט צו ווערען די פאבריק פון דער רואינירטער וועלט; דער קריזיס וועט אנהאלטען א גאנץ קורצע צייט און ווען די ארבייטער וועלען זיך דיזע קורצע צייט האלטען גוט, וועלען זיי ניט קענען אפגענארט ווערען און מען וועט זיי ניט קענען איבערשרעקען.

אויפ'ן געביט פון אלגעמיין־אידישער טעטיגקייט איז צו פארצייכענען דעם אנ־

טייל פון די אידישע געווערקשאפטען אין דעם אמעריקאנישען אידישען קאנגרעס, צוליב וועלכען זי האט געמוזט אנפיהרען א קאמף מיט דער אידישער סאציאליסטי־שער פעדעראציע. די געווערקשאפטען האט עס באטראכט פאר א פארברעכען, אז די ארבייטער זאלען מיט זייער ניט־אנטיילנעמען אין קאנגרעס גיבען די אידישע שונאים א מעגליכקייט צו זאגען, אז דאס איז געווען א קאנגרעס נאר פון דער בור־זשואזיע.

די געווערקשאפטען האט זיך ניט נאר אליין באטייליגט אין דעם קאנגרעס (דעם 15טען דעצעמבער, 1918), נאר האט אויך געצוואונגען די פעדעראציע צו זיין דארט פארטראטען.

נאך דעם וואפענשטילשטאנד האט די „דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע", די גרויסע פאראייניגטע הילפס־קאמיטע פון די אמעריקאנער אידען, באשלאסען צו שי־קען א קאמיסיע אין די מלחמה־לענדער, כדי אויסצופארשען די לאגע פון די דארטיגע אידען און כדי צו ארגאניזירען די רעליעף־ארבייט אויף די פלעצער. די געווער־שאפטען איז צוגעטיילט געווארען דער כבוד, אז איהר סעקרעטאר זאל זיין איינער פון דער קאמיסיע.

דאס איז, נאטירליך, געטאן געווארען דערפאר, ווייל די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען איז בסדר, מיט הארץ און מיט ערנסט געווען שטארק טעטיג אין דער הילפס־ארבייט.

די ווערטפולע אינפארמאציע, וואס דער פארטרעטער פון די געווערקשאפטען האט באקומען אין אייראפא, איז זעהר שטארק צונוץ געקומען דער ארבייטער באוועגונג.

נאך דער מלחמה איז איבער'ן גאנצען לאנד געהאנגען א מורא'דיגע פינסטער־ניש. אין יענער צייט האט די געווערקשאפטען אנגעהויבען א באוועגונג פאר דער באפרייאונג פון די פאליטישע ארעסטאנטען.

מיר האבען זעהר גוט געוואוסט, אז מיט האלטען מיטינגען אין די אידישע קווארטאלען און דארטען פראטעסטירען וועט מען די געפאנגענע ניט באפרייען. וואס עס איז נויטיג געווען איז צו קריגען די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג פאר דעם.

דאס איז געווען זעהר שווער. פילע פון די פיהרער זיינען נאך געווען אנגע־טרונקען מיט דעם „זיג", וואס אמעריקע האט געהאט אין דער מלחמה און זיינען געווען פלאם־פייער געגען די, וואס זיינען געווען פאר'משפט פאר ריידען געגען מלחמה.

מיר האבען געארבייט אזוי לאנג ביז מיר האבען דאך געוואונען די פארשטעהער פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

די געווערקשאפטען האט דורך איהרע אויסערוועהלטע פארשטעהער איינגערופען א קאנפערענץ פון די אמעריקאנער צענטראלע קערפערשאפטען פון ניו יארק און אומגעגענד און פון דארטען האט זיך דער געשריי ווי א דונער צוטראגען איבער'ן גאנצען לאנד, אז די ארעסטירטע מוזען באפרייט ווערען.

די קערפערשאפט, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אויף דער איניציאטיווע פון די געווערקשאפטען, האט געפאדערט און געקראגען פארהערען אין קאנגרעס. איהרע פארשטעהער האבען געהאט קאנפערענצען מיט דעם געוועזענעם אטאירני דזשענע־

ראל מיטשעל פאלמער און שפעטער מיט פרעזידענט וואָרען ג. הארדינג. אין אלעם דעם האָבען מיר כסדר געהאט די שטיצע פון די גרעסטע יוניאנס פון אמעריקא.

ווען מיר האָבען אָנגעהויבען ארבייטען זיינען אין די געפענגנישע געווען 1484 „קאָנשיענשאָס אָבדזשעקטאָרס". ווען מיר האָבען אונזער קאָמיטע אויפגעלייזט איז געבליבען א גאנץ קליינע צאָהל.

די געווערקשאפטען האָט אָנגעווענדט איבערנאַטירליכע קרעפטען צו באפרייען יודזשין דעבס און זי נעמט זיך דעם קרעדיט פאר זיין באפרייאונג.

ניט נאָר האָבען מיר צוזאמען מיט דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאָר באפרייט די פאר'שפט'ע, נאָר מיר האָבען געעפענט די מחות פון מיליאָנען בירגער צו פארטראכטען זיך וועגען דער לעצטער מלחמה און וועגען קריג אין אלגעמיין.

אונזער פאָדערונג איז דיסקוטירט געווארען איז הונדערטער צייטונגען איבער'ן גאנצען לאנד און דאָס האָט געענדערט די עפענטליכע מיינונג לטובת די פאר־משפט'ע.

אנהויב 1920 האָט די „דזשאינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" געשיקט א צווייטע קאָמיסיע קיין אייראפא. די קאָמיסיע איז געווען באשטימט צו פאָהרען אין רוס־לאנד און אין אוקראינע. צוליב דעם גרויסען רעספעקט, וואס די געווערקשאפטען האָבען זיך ערוואָרבען ביי דער אידישער באפעלקערונג, האָט מען אין דער קאָמיסיע ערוועהלט דעם סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען, דעם שרייבער פון די שורות.

פון דער קאָמיסיע, וואס איז באשטאנען פון פראָפ. איזראעל פרידלענדער, ריכ־טער הערי מ. פישער, פון שיקאגא, קוירנעל הערי קאָטלער, מ. קאַץ און מיר, זיינען בלויז מר. פישער און איך ארייַן אין סאוועט רוסלאנד.

פון סאוועט רוסלאנד, וואס איז דאמאלס געווען אָפגעשפארט פון דער גאנצער וועלט, האָט דער סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען געבראכט וויכטיגע אינפאָר־מאציעס וועגען דעם צושטאנד פון די ארבייטער אונטער דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, וואס זייערע טרייד־יוניאנס באדינען דאָרטען, ווי ווייט די באָלשעוויס־טישע רעגירונג איז א פראָלעטארישע.

א באריכט וועגען די צושטענדען אין רוסלאנד איז אָפגעגעבען געוואָרען ביי א מיטינג פון די געווערקשאפטען. ביי יענעם מיטינג, דעם 9טען יולי, 1920, זיינען געווען אנוועזענד אויסער די דעלעגאטען, פארטרעטער פון די גרויסע יוניאנס, פאר־טרעטער פון די צייטונגען און א סך פאָרשטעהער פון דער אינטעליגענץ

## געווערקשאפטען קאמפיין פאר די אידישע ארבייטער אין ארץ־ישראל

אין יאָהר 1923 האָט די „הסתדרות" פון ארץ ישראל זיך געווענדט צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען מיט א פארלאנג אז זי זאָל שיקען א דעלע־גאציע קיין ארץ ישראל, מיט דעם צוועק צו באקענען זיך מיט די אינסטיטוציעס, אויפטואונגען און אויך מיט די נויטען פון די דאָרטיגע ארבייטער.

דאָס האָט צו די פאָרשטעהער פון די יוניאָנס ניט אפעלירט; ניט דערפאר ווייל זיי האָבען זיך ניט אינטערעסירט מיט דער לאגע פון די חלוצים און פון די ארץ־ישראל'ער אידען אין אלגעמיין, נאָר ווייל זיי האָבען געדענקט, אז אנשטאט

אויסצוגעבען געלט און פארוועגדען צייט אויף א רייזע קיין ארץ ישראל, איז בעסער צו טאן עפעס דא פאר די דארטיגע ארבייטער.

די געווערקשאפטען האט גערופען א קאנפערענץ און האט געמאכט א „דרייוו" און איהר איז געלונגען צו שאפען א באדייטענדע סומע וואס איז אוועקגעשיקט געווארען צו דער „הסתדרות".

דער „דרייוו" איז געפיהרט געווארען מיט דער גרויסארטיגער מיטארבייטונג פון די פועלי ציון, נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, יוניאנס, א סך ברענטשעס פון ארבייטער רינג, און דער ערשטער שריט צו פארבינדען די אמעריקאנער ארבייטער מיט די ארבייטער פון ארץ ישראל איז געמאכט געווארען.

מיט צוויי יאהר שפעטער איז געמאכט געווארען א צווייטער „דרייוו". דאס מאל האט מען שוין געהאט מעהר ערפאהרונג. עס זיינען געווען קאמיטעס אין פארשידענע שטעט, וואס האבען זיך באטייליגט אין דער ארבייט אין דעם ערשטען „דרייוו"; פון ארץ ישראל איז געקומען א ספעציעלע דעלעגאציע צו העלפען אין דער ארבייט. די דעלעגאציע איז באשטאנען פון אזעלכע בכבוד'יגע ארבייטער פיהרער ווי בן־צבי, ד. רמז, י. בארא‏ץ און אברהם הארצפעלד.

דאס מאל איז מען שוין געגאנגען אויף א מעהר אויסגעטראטענעם וועג און דער רעזולטאט איז געווען אז מען האט געמאכט צוויי מאל אזוי פיל געלד ווי אין דעם ערשטען „דרייוו".

איצט מאכט מען א דריטען „דרייוו", און די ארבייטער־פיהרער זיינען זיכער, אז דאס מאל וועלען זיי זיין נאך מעהר ערפאלגרייך.

# די אידישע יוניאנס

פון ז. שער.

אז מען רעדט פון אידישע יוניאנס, מיינט עס, קודם כל, די נאדעל־יוניאנס. עס איז שוין באוואוסט, אז דאס אידישע פאלק איז א שניידער־פאלק און אז די שניידער־אינדוסטריע אין אמעריקא איז א אידישע אינדוסטריע, כאטש עס איז, צום ביישפיל, שוין גוט באוואוסט דער פאקט, אז אידישע שניידער האבען אויפגעהערט צו שפילען די ערשטע פידעל אין די שניידער־פאכען. אין דער מענער־שניידעריי, צום ביישפיל, זיינען די אידען בלויז 35 פראצענט פון דער ארבייטערשאפט. פון דער אנדערער זייט איז באוואוסט, אז אין אנדערע אינדוסטריען, ווי, למשל, אין דער בוי־אינדוסטריע, פארנעמען אידען אן אנגעזעהענעם פלאץ סאי צווישען די ארבייטס־געבער און סאי צווישען די ארבייטער. עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מען וועט זאגען, אז אין ניו יארק ארבייטען מעהר אידישע ארבייטער אין די פארשידענע פאכען פון דער בוי־אינדוסטריע, ווי, לאמיר זאגען, ביי „קלאוקס" (פרויען־מאנטלען). פונדעסטוועגען קאכט עס און שטורעמט אין אונזער אידישען וועלטעל מיט „קלאוקס". אפטמאל דאכט זיך, אז דאס גאנצע אידישע פאלק אין אמעריקא נייהט „קלאוקס", אז די „קלאוקס" פארשלינגען אלע

אַנדערע אינטערעסען. מיט דער קלאָוקמאַכער יוניאָן שטורמט אַ וועלט, בעת פון די אידישע ארבייטער און יוניאָן לייט אין די פאַכען פון דער בוי־אינדוסטריע הערט מען קוים.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

ווייל די גרינדער און אויך די אָנפיהרענדע קרעפטען אין די נאָדעל־פאַכען זיינען מעהרסטענטיילס אידען. דער אידישער עלעמענט אין די אידישע לאָקאַלען זיינען די הייוועז אין דעם טייג. די ניט־אידישע עלעמענטען שלעפּען זיך נאָך. די אידען זיינען די פיהרער, די ניט־אידען די געפיהרטע. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז ווען די נאָדעל־יוניאָנס האָבען זיך געגרינדעט, האָבען זיך אַנטוויקעלט, זיינען געוואַקסען און זיינען גרויס געוואָרען, איז דער רוב מנין ורוב בנין פון די ארבייטער דאָ געווען אידיש. דער ניט־אידישער עלעמענט האָט ערשט לעצטענס אָנגעהויבען אריינצודרינגען אין גרויסע צאָהלען און אין מאַנכע פאַלען אָנגעהויבען איבערשטייגען דעם אידישען עלעמענט. אָבער זיי זיינען נאָך אַלץ די געפיהרטע. די אידען זיינען נאָך אַלץ די פיהרער. דעריבער האָבען די נאָדעל־יוניאָנס אָנגענומען אַ כמעט אידיש פנים, זיינען געוואָרען אידישע יוניאָנס און אַ טייל פון דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג. אפילו דער לעצטער פאַרשאַרפטער פראַקציאָנעלער קאַמף פון „לינקס" און „רעכטס" אין די נאָדעל־יוניאָנס האָט אויך אָנגענומען אַ אידישען כאַראַקטער און איז געוואָרען אַ קאַמף אין דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג.

וועט עס לאַנג אַזוי אָנהאַלטען? דאָס איז שווער צו זאָגען. דערווייל אָבער פאַרנעהמען די אידען דעם אויבען־אָן אין די שניידער־פאַכען, אויב ניט אין דער אינדוסטריע, איז לכל הפחות אין די יוניאָנס.

ובכן, אַז מען וויל שרייבען וועגען די אידישע יוניאָנס, מיינט עס קודם כל צו שרייבען וועגען די נאָדעל־יוניאָנס.

---

# די אמאלגאמייטעד.

די אַמאַלגאַמייטעד, די מענער־שניידער יוניאָן איז היינט־צו־טאָג די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע אידישע שניידער־יוניאָן אין לאַנד, הגם דוקא אין דער אַמאַלגאַמייטעד איז לעצטענס דער ניט־אידישער עלעמענט גרעסער ווי דער אידישער.

געגרינדעט האָט זיך די אַמאַלגאַמייטעד אין דעצעמבער 1914 אויף אַ ספּעציעלער קאָנווענשאָן אין וועבסטער האָל, ניו יאָרק, אָבער געבאָרען געוואָרען איז זי מיט אַ יאָהר פאַר יענער קאָנווענשאָן, ווייל די אַמאַלגאַמייטעד איז אייגענט־ליך ארויסגעשפּרונגען פון דער פריהערדיגער „יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס". זי איז געבאָרען געוואָרען דורך אַ רעוואָלוציע געגען דער „גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", און דעריבער טאַקע האָט זי ניט דורכגעמאַכט קיין קינדער־יאָהרען און די אַלע צרות און קראַנקהייטען פון קינדער־יאָהרען. דעריבער האָט זי ניט דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון קליין־זיין, וואַקסען, זיך אַנטוויקלען, גרויס ווערען. זי איז געבאָרען געוואָרען אַ גרויסע. זי איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דער

מאיאריטעט מיטגלידער און לאקאלען פון דער „יונייטעד גארמענט וואירקערס יוניאן".

בקיצור איז די געשיכטע פון דער אמאלגאמייטעד אזא:

יוניאנס פון אידישע שניידער אין אמעריקא, אונטער פארשידענע נעמען, האבען שוין א געשיכטע פון קרוב 50 יאהר. זיי פלעגען אבער געגרינדעט ווערען און צופאלען ווערען. איבער נאכט געבארען געווארען און איבער נאכט געשטארבען. זיי פלעגען קיין האפט ניט האבען. די אידישע שניידער־יוניאן, וועלכע איז אין ניו יארק געווען באוואוסט אונטער דעם נאמען „יונייטעד בראדערהוד אוו טיילארס" און איבער'ן לאנד פאראייניגט אין דער „יונייטעד גארמענט וואירקערס יוניאן", האט זיך ערשט צובליהט און אנגעהויבען זיך אביסעל איינפונדעווען נאך דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע פון 1905, ווען ס'האט אנגעהויבען אהער פליסען דער גרויסער שטראם פון דער אידישער אימיגראציע פון רוסלאנד און פון דער ראדיקאלער און סאציאליסטישער אידישער יוגענד. באזונדערס איז די מענער־שניידער יוניאן גרויס און שטארק געווארען נאכ'ן גרויסען היסטארישען גענעראל־סטרייק פון די קלאוקמאכער אין 1910. אין 1913 זיינען די מענער־שניידער, אונטער דער אנפיהרערשאפט פון זייער יוניאן, די „גארמענט וואירקערס", ארויס אין א גענעראל־סטרייק. יענער סטרייק, וועלכער האט זיך געענדיגט ניט געראטען פאר די שניידער, האט געקאסט דער „יונייטעד גארמענט וואירקערס יוניאן" איהר קאפ. אומצופרידען אין אלגעמיין מיט דער פיהרערשאפט פון דער „גארמענט וואירקערס יוניאן" און אומצופרידען ספעציעל מיט דער פיהרערשאפט און רעזול־טאטען פון סטרייק, האבען די ניו יארקער לאקאלען אנגעהויבען זיך בונטעווען. די אומצופרידענהייט האט ארומגעכאפט פריהער אלע ניו יארקער מיטגלידער און שפעטער אויך די שניידער־לאקאלען פון אנדערע שטעדט, און ווען אין זעלבען יאהר האט די „גארמענט וואירקערס" אפגעהאלטען א קאנווענשאן אין נעשוויל־טענעסי, זיינען אלע דעלעגאטען פון די שניידער־לאקאלען געווען פון דער אפאזיציע. די פיהרער פון די „גארמענט וואירקערס" האבען די אפאזיציע־דעלעגאטען ארויסגעשלאסען, די ארויסגעשלאסענע האבען אפגעהאלטען אן אייגענע קאנווענשאן און זיך ארגאניזירט. זיי האבען זיך נאך אלץ אנגערופען „יונייטעד גארמענט וואירקערס יוניאן". די „יונייטעד גארמענט וואירקערס" האט אבער ארויסגענומען אן אינדזשאנקשאן געגען דער אפאזיציע, האט די אפאזיציע, דעם 26טען דעצעמבער, 1914 גערופען א ספעציעלע קאנווענשאן אין ניו יארק און דארט אנגענומען איהר איצטיגען נאמען: „אמאלגאמייטעד קלאדינג וואירקערס יוניאן אוו אמעריקא", און ערוועהלט סידני הילמאן, פון שיקאגא, פאר פרעזידענט, און יוסף שלאסבערג, פון ניו יארק, פאר דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער. זיי האלטען אן די עמטער ביז היינטיגען טאג.

געבארען דורך א רעוואלוציע, איז די אמאלגאמייטעד געווארען איינע פון די ראדיקאלסטע יוניאנס אויף דער אידישער גאס. זי האט פון דאן אן, פאר די צוועלף יאהר פון איהר עקזיסטענץ, דורכגעמאכט א שטורמדיגע ענטוויקלונג, האט ארגאניזירט כמעט דעם גאנצען שניידער־פאך איבער'ן לאנד, האט אויפגעהויבען דעם מצב, סאי עקאנאמיש און סאי קולטורעל, פון די מענער־שניידער דא אין לאנד, האט דורכגעמאכט איינינע גרויסע סטרייקס און א זעקס־חדשים'דיגען לאקאוט

אין 1920, איז פון די אלע סטרייקס און לאק־אוטס ארויס די זיגערין און האט די ערשטע איינגעפיהרט די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך. איצט פארמאגט זי 150,000 מיטגלידער, ארגאניזירט אין 150 לאקאלען איבער'ן לאנד און אין קענעדע. זי האט קאלעקטיווע אפמאכען מיט פאבריקאנטען אין 13 וויכטיגע מענער־קליידער צענטרען, אויסער אין א צאהל קלענערע שטעדט.

די אמאלגאמייטעד שטעלט מיט זיך פאר אן אייגענעם „אינטערנאציאנאל". אומגעפעהר 30 נאציאנאליטעטען הויזען אונטער דעם אמאלגאמייטעד־דאך. די 150,000 מיטגלידער זיינען פארטיילט צווישען אומגעפעהר 30 באזונדערע נאציאנאלע גרופען און די אמאלגאמייטעד גיט דעריבער ארויס צייטשריפטען אין אכט שפראכען: אידיש, ענגליש, איטאליעניש, ליטוויש, טשעכיש, רוסיש, פויליש און פראנצויזיש.

דעם ערשטען פלאץ צווישען די אמאלגאמייטעד צייטשריפטען פארנעהמט איהר ענגלישער ארגאן „אדוואנס". נעקסט קומט דער אידישער ארגאן „פארטשריט". פריהער האט דער אידישער ארגאן פארנומען דעם אויבען־אן. דאס ווייזט, אז דער אידישער עלעמענט אין דער אמאלגאמייטעד איז שוין ניט דער וויכטיגסטער. לויט אפיציעלע מיטטיילונגען, זיינען אין דער אמאלגאמייטעד הייגט פאראן בלויז 35 פראצענט אידישע מיטגלידער געגען 65 פראצענט ניט־אידען. אלס נאציאנאלע גרופע אבער איז די אידישע די גרעסטע און די שטארקסטע. אין ניו יארק, למשל, זיינען די אידישע מיטגלידער נאך אלץ די איבערוועגענדע מאיאריטעט. די וויכטיגסטע לאקאלען אין ניו יארק זיינען נאך אלץ די אידישע, און טאקע אפשר צוליב דעם ליגט די פיהרערשאפט פון דער אמאלגאמייטעד אין אידישע הענט.

די אמאלגאמייטעד האט מיט גאר גרויסע סומען געשטיצט אנדערע יוניאנס אין צייט פון סטרייקס, ניט געקוקט דארויף וואס זי איז ניט קיין מיטגליד אין דער משפחה פון די אמעריקאנער יוניאנס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער „אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר", וועלכע באטראכט נאך אלץ די אמאלגאמייטעד פאר א טריפ'ער אפאזיציע־יוניאן — אפאזיציע צו די „יונייטעד גארמענט ווארקערס". ווען די „אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר" האט אין 1919 געפיהרט דעם גרויסען שטאהל סטרייק, האט די אמאלגאמייטעד געשטיצט דעם סטרייק מיט 100,000 דאלאר. מיט גרויסע סומען האט זי אויך געשטיצט אנדערע סטרייקס. און דורך דעם פארגאנגענעם יאהר האט זי געשטיצט מיט 25,000 דאלאר דעם פאריער סטרייק, מיט קנאפע 30,000 דאלאר דעם קלאוקמאכער־סטרייק און מיט באדייטענדע סומען דעם ענגלישען מיינער סטרייק און דעם פאסייקער טעקסטיל סטרייק.

אנדערע אונטערנעהמונגען, באוועגונגען און אינסטיטוציעס, אידישע ווי ניט־אידישע, האט די אמאלגאמייטעד אויך געשטיצט מיט דער פולער האנט. די אמאלגאמייטעד און איהרע לאקאלע ארגאניזאציעס האבען פיעל געהאלפען די רעליעף קאמפיינס פאר די אידישע מלחמה קרבנות, העלפט דעם געווערקשאפטען קאמפיין פאר די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל, און אין דער צייט פון גרויסען הונגער אין רוסלאנד האט די אמאלגאמייטעד געשיקט שפייז און מעדיקא־מענטען אויף דער סומע פון 200,000 דאלאר.

קיין וויכטיגע געשעהענישען זיינען אין דעם פארגאנגענעם יאהר אין דער אמאלגאמייטעד ניט פארגעקומען, אויסער דעם וואס אין ניו יארק און אין אנדערע

שטעדט זיינען געפיהרט געווארען אָרגאַניזאַציאָנס־סטרייקס געגען איינצעלנע באַלעבאַטים און געגען קליינע גרופּען פאַבריקאַנטען, מאַנכע פון די סטרייקס גאַנץ באַדייטענדע. מעהרסטענטיילס האָבען זיי זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר דער יוניאָן און מאַנכע סטרייקס האַלטען נאָך איצט אויך אָן.

פון דעם פּראַקציאָנעלען קאַמף צווישען די „לינקע" און די „רעכטע" האָט די אַמאַלגאַמייטעד פאַרלויפיג ניט שטאַרק געליטען. מיט אַ יאָהר צוריק האָט עס געהאַלטען דערביי, אַז די ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע זאָל אריינגעצויגען ווערען אין אַזאַ קאַמף, אָבער לעצטען יאָהר איז די געפאַהר כמעט פאַלשטענדיג פאַרמידען געוואָרען.

די אַמאַלגאַמייטעד האָט דעם כבוד צו זיין דער פּיאָנער אויף פאַרשידענע געביטען פון יוניאָן־טעטיגקייט. די אַמאַלגאַמייטעד איז געווען די ערשטע צו פאָדערען און איינפיהרען ארבייטסלאָזיגקייט־פאַרזיכערונג. דערוויילע איז די פאַר־זיכערונג איינגעפיהרט אין שיקאַגאָער קליידער צענטער. די אַמאַלגאַמייטעד איז געווען די ערשטע צווישען די אידישע יוניאָנס צו גרינדען אייגענע קאָאָפּעראַטיווע יוניאָן באַנקען. זי פאַרמאָגט צוויי באַנקען: אין שיקאַגאָ און אין ניו יאָרק. זייערע „רעסורסען" זיינען איבער 9 מיליאָן דאָלאַר. די אַמאַלגאַמייטעד איז אויך די ערשטע פון די אידישע יוניאָנס, וואָס בויט איצט גרויסע, מאָדערנע, קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר ארבייטער וואוינונגען. דערוויילע בויט זי די ערשטע גרופּע הייזער מיט 300 וואוינונגען אין אַ שעהנער געגענד אין בראָנקס, ניו יאָרק.

די אַמאַלגאַמייטעד פאַרמאָגט אויך אין איניגע שטעדט אייגענע געביידעס — „לייבאָר לייסעאומס". איהר „דזשענעראַל אָפיס" געפינט זיך אין 11—15 יוניאָן סקווער, און דער אָפיס פון ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד געפינט זיך אין 621 בראָדוויי.

---

## די „אינטערנעשאָנעל".

עס זיינען פאַראַן אַ סך „אינטערנעשאָנאַלס" אין די אידישע יוניאָנס. נאָר ווען מען רעדט וועגען דער „אינטערנעשאָנאַל", מיינט מען געוועהנליך די אינ־טערנעשאָנאַל אָרגאַניזאַציע פון פרויען קליידער יוניאנס — די „איטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן".

די איצטיגע „אינטערנעשאָנאַל" איז געגרינדעט געווארען אויף אַ קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 3טען יוני, 1900, אין לייבאָר לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט, ניו יאָרק. ביי יענער קאָנווענשאָן זיינען געווען פאַרטראָטען 11 דעלעגאַטען פון 7 לאָקאַלען, וועלכע האָבען צוזאַמען געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון 2000 ארבייטער אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע.

איך זאָג „די איצטיגע", ווייל די „אינטערנעשאָנאַל" האָט אַ פאַר־געשיכטע פון צוואַנציג יאָהר און די פאַר־געשיכטע איז אַזוי דראַמאַטיש און הערליך, ווי עס איז די געשיכטע פון דער „אינטערנעשאָנאַל". אידישע דאַמען־שניידער האָבען זיך אָנגעהויבען אָרגאַניזירען און גרינדען יוניאָנס נאָך אין אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, באַלד נאָכדעם ווי די ערשטע אידישע אימיגראַציע פון מערב־אייראָפּאַ האָט זיך אָנגעהויבען. די דאַמען־שניידער זיינען געווען פון

די ערשטע אידישע ארבייטער דאָ אין לאַנד, וועלכע האָבען נעגרינדעט יוניאָנס און געפיהרט העלדישע סטרייקס. וועלכער עלטערער אידישער אימיגראַנט געדענקט ניט די גרויסע שטורמדיגע סטרייקס פון די „קלאָוקמאַכער" (שניידער פון פרויען־מאַנטלען) אין 1890 און אין 1894, וועלכע יוסף באַראָנדעס האָט געפיהרט? אין עלטערע קלאָוקמאַכער ריידען נאָך היינט מיט שטאָלץ פון יענע סטרייקס. אין מאַי 1892 איז שוין אפילו געגרינדעט געוואָרען אַ פרויען קליידער „אינטערנעשאָנאַל יוניאָן", וועלכע האָט זיך גערופען די „אינטערנעשאָנאַל קלאָוק מאַכער יוניאָן". אָבער יענע „אינטערנעשאָנאַל", ווי אַלע אידישע יוניאָנס פון יענער צייט, איז אונטערגעגאַנגען. אין יאָהר 1900 איז געגרינדעט געוואָרען די איצטיגע אינטער־נעשאָנאַל יוניאָן.

פאַר די 26 יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט די „אינטערנעשאָנאַל" דורכגע־מאַכט אַ גאַנץ לאַנגען און שעהנעם וועג און איז היינט די צווייטע גרעסטע נאָדעל־יוניאָן אין אַמעריקא. איידער די „אַמאַלגאַמייטעד" איז גרויס געוואָרען, האָט די „אינטערנעשאָנאַל" פאַרנומען דעם ערשטען אָרט.

ווי גרויס עס איז געווען דער וואוקס פון דער „אינטערנעשאָנאַל" פאַר דער צייט פון איהר עקזיסטענץ, קען מען זעהן פון דעם, וואָס אויף איהר ערשטער קאָנ־ווענשאָן זיינען בלויז געווען 11 דעלעגאַטען פון 7 לאָקאַלען און אויף איהרע לעצטע קאָנווענשאָנס, אין 1924 און 1925 זיינען געקומען קרוב צו 300 דעלעגאַטען, פאַר־טרעטער פון 118 לאָקאַלען. געגרינדעט האָט זי זיך מיט 2,000 מיטגלידער און אין 1920 האָט זי שוין געהאַט איבער 105,000 מיטגלידער. איהר איצטיגע מיטגלידער־שאַפט איז צווישען 80 און 90 טויזענד, פון וועלכע אידען זיינען עטוואָס מעהר פון 63 פראָצענט און פון וועלכע עטוואָס מעהר פון 75 פראָצענט געפינען זיך אין ניו יאָרק.

די „אינטערנעשאָנאַל" איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען די שעהנסטע און די באַדייטענדסטע אידישע יוניאָן פון איהר פאַך אין דער גאַנצער וועלט. די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געווען פאַררעכענט פאַר דעם פרינץ צווישען יוניאָנס. די קלאָוקמאַכער סטרייקס, דערהויפּט פון 1910 און 1916, זיינען פאַרבליבען היסטאָריש אין דער געשיכטע פון אַרבייטער קאַמף. די קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָט דעם קלאָוק־מאַכער אַרויסגעפיהרט פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, האָט דערהויבען דעם מצב פון'ם דאַמען־שניידער סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיג און אויסגעקעמפט פאַר איהם אַ בעסער לעבען.

די „אינטערנעשאָנאַל" טוט אויף אַ סך אויף דעם געביט פון קולטורעלער ערציהונג פון איהרע מיטגלידער. גיט אַרויס דריי וועכענטליכע צייטונגען אין אידיש, ענגליש און איטאַליעניש. די „אינטערנעשאָנאַל" האָט אויך אַ בילדונגס־דעפּאַרט־מענט, וועלכער טוט אויף אַ סך גוטע אַרבייט. דער בילדונגס־דעפּאַרטמענט אָרגאַ־ניזירט פאַר די מיטגלידער לעקציעס און גאַנצע קורסען מיט באַריהמטע געלערנטע איבער פאַרשיידענע געגענשטאַנדען און האָט אויך נאַכט־קורסען פאַר די מיטגלידער, צו לערנען די ענגלישע שפּראַך.

די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער־יוניאָן האָט אויך די ערשטע גענומען זאָרגען פאַר'ן געזונט־צושטאַנד פון איהרע מיטגלידער, און האָט געגרינדעט און האַלט אויס אַ מעדיצינישע און אַ דענטאַל קליניק, וואָס הייסט „יוניאָן העלטה סענטער", וואו

די מיטגלידער קריגען פאר קליינע צאָהלונגען און אָפט מאָל אויך אומזיסט מעדיצינישע באהאנדלונג פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען.

די „אינטערנעשאָנאל" האָט אויך אן אייגענע יוניאן באנק אין ניו יאָרק און די קלאָוקמאכער־יוניאָן האָט פאר די לעצטע פאָר יאָהר איינגעפיהרט ארבייטס־לאָזינקייט־פארזיכערונג.

די לעצטע פּאָר יאָהר זיינען ניט מזל'דיג פאר דער „אינטערנעשאָנאל". א שוואַרצער וואָלקען הענגט איבער איהר קאָפּ. די שרעקליך גיפטיגע באצילען פון ברודער־קאַמף, צווישען די קאָמוניסטען און סאָציאַליסטען, צווישען די „לינקע" און די „רעכטע" האָט אמשרעקליכסטען געטראָפען די „אינטערנעשאָנאל".

פארוואס איז דאס אזוי? די אורזאך איז א גאנץ פשוט'ע. א קראנקער קערפּער ווערט גיכער אטאקירט פון פארשיידענע מיקראָבען. דאָרט, וואו עס הערשט אומצו־פרידענהייט, דאָרט איז לייכטער אויפצוהעצען דעם עולם. די קלאָוק־אינדוסטריע איז א דאנק דעם, וואס זי איז א סעזאָן און א מאָדע אינדוסטריע, זעהר ניט קיין באשטימטע. די לעצטע יאָהרען מאכט זי דורך זעהר גרויסע אינדוסטריעלע אומבייטען און שפּרונגען, דאָס רופט זיך אָפּ זעהר שלעכט אויף די באדינגונגען פון די ארבייטער. די ארבייטער מאכען ניט קיין לעבען און זיינען אומצופרידען.

אין דעם יאָהר 1925 האָט די קלאָוקמאכער־יוניאָן דורכגעמאכט אן אינערליכען ברודער־קריג, פון וועלכע זי איז קוים א לעבעדיגע ארויס. דאָס לעצטע יאָהר האָט זיך אָנגעהויבען מיט א שלום, וואָס איז געווען אָנגעלאָדען מיט אויפריים־מאטעריאל פאר א נייעם קאַמף. דער גאנצער פּולווער־ארסענאל האָט אויפגעריסען אין ענדע פון פארגאנגענעם יאָהר און דער ברודער־קאַמף פלאַקערט איצט מיט זיין גאנצער פאר־ניכטענדער מאכט. דאָס שוועבעלע, וואס האָט לעצטענס אָנגעצונדען דעם פּולווער, איז געווען דער ניט גערעכטענער 25־וואכיגער גענעראל סטרייק פון די קלאָוק־מאכער, וואָס די „לינקע" האָבען געפיהרט.

א מיטינג פון דער גענעראל־עקזעקוטיווע פון דער „אינטערנעשאָנאל", אָפּגע־געהאלטען אין ניו יארק, אין אָנהויב דעצעמבער, 1926, האָט באשלאָסען צו באזייטיגען פון סטרייק־פיהרערשאפט די „לינקע", און האָט אליין איבערגענומען די פיהרערשאפט פון סטרייק. די „לינקע" פיהרער פון דער קלאָוקמאכער „דזשאָינט באָארד" האָבען זיך ניט געלאזט באזייטיגען און האָבען ערקלערט א מלחמה דער „אינטערנעשאָנאל". און ווען די שורות ווערען געשריבען, פלאַקערט דער קאַמף מיט זיין גאנצער מאכט.

דער גענעראל אָפיס פון דער „אינטערנעשאָנאל" געפינט זיך אין 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק. איהר איצטיגער פּרעזידענט איז מאָריס זיגמאן, איהר איצטיגער גענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער איז אברהם בארא‍ָף.

---

## די פאַריערס אינטערנעשאָנאל יוניאָן

די פוטערוואַרג אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסען פאר די לעצטע 10—15 יאָהר, דערהויפּט אין די לעצטע 8 יאָהר, אין די נאָך־מלחמה יאָהרען. ערשט מיט א יאָהר צוועלף צוריק איז דער פוטערוואַרג־פאך געווען אין אזא נידעריגען צושטאנד, אז א פוטערוואַרג־ארבייטער פלעגען די לענדלאָרדס ניט וועלען פארדינגען קיין דירה, טאָמער וועט ער ניט קענען באצאָהלען קיין דירה־געלד. פאר א גאָלד־שאָרער האָט זיך

גערעכענט דער קלאָוקמאכער. אין די גוטע נאָך מלחמה יאָהרען, מיט זייער פּלוצלינג־דיגער, גרויסער מזל־ברכה, האָט זיך די לאגע איינגאַנצען געענדערט. פוטערנע מאַנטלען זיינען אריין אין דער מאָדע און די פוטערוואַרג־אינדוסטריע איז פּלוצלינג דערהויבען געוואָרען. נאָך מעהר, די פוטערנע מאַנטלען שטויסען איצט ארוים די טוך־בגדים, די קלאָוקס, און דער גרויסער פאַרדינער איז איצט געוואָרען דער „פאָריער"־ארבייטער, בעת דער קלאָוקמאכער איז אויף צרות.

מיט דעם וואוקס פון דער פוטערוואַרג־אינדוסטריע, איז, נאַטירליך, אויך געוואַקסען און זיך ענטוויקעלט די „פאָריערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן".

געגרינדעט האָט זיך די „פאָריערס אינטערנעשאָנאל יוניאָן" אין 1913, נאָכ'ן גענעראַל־סטרייק פון 1912. דאָס איז דער אָפיציעלער דאַטום. אָבער פארזוכען צו גרינדען אַ יוניאָן פון פוטערוואַרג־ארבייטער זיינען שוין פיל פריהער געמאַכט געוואָרען. אין 1907 האָבען שוין די פוטערוואַרג־ארבייטער דורכגעמאַכט אַ לאַנגען גענעראַל־סטרייק, וועלכער איז דורכגעפאַלען. אין 1912 האָט מען זיך ווידער גענומען אָרגאַניזירען דעם פאַך. אַ סטרייק איז גערופען געוואָרען, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאַר די ארבייטער, און נאָכ'ן סטרייק איז געגרינדעט געוואָרען די „פאָריערס אינטערנעשאָנאַל", וועלכע עקזיסטירט ביז איצט.

צוליב אורזאכען, וועלכע דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו ערקלערען, האָט די פאָריערס־יוניאָן מעהר ווי וועלכע ניט איז אַנדערע יוניאָן געליטען פון אינערליכע רייסערייען, פון גרופּען און פראַקציאָנעלען קאַמף. דער קאַמף ציהט זיך שוין אַ זעקס־זיבען יאָהר. צום אָנפאַנג איז דאָרט גאָר ניט געווען קיין אידעען־קאַמף, נאָר פּשוט אַ קאַמף פון גרופּען פאַר מאַכט. אַ ביסעל שולדיג אין דעם ברודער־קאַמף איז געווען דער גענעראַל־סטרייק פון 1920, וועלכער האָט געדויערט 32 וואָכען און וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאַטאַלער נידערלאַגע פאַר די ארבייטער. באשולדיגונגען אין ניט־אָרענטליכקייט נעגען די סטרייק־פיהרער זיינען געמאַכט געוואָרען, און פאַרביטערטקייט און שנאה האָבען געהערשט צווישען די ארבייטער. צו דעם איז שפּעטער צוגעקומען דער „לינקער־רעכטער" קאַמף און די „לינקע" האָבען געקראָגען די אויבערהאַנט אין דער ניו יאָרקער „דזשאָינט באָארד", וועלכע שטעלט צוזאַמען, נאָך איהר מיטגלידער־צאָהל, דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער „פאָריערס אינטערנעשאָנאַל". פאַר די לעצטע צוויי יאָהר ליגט די פיהרערשאַפט פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד אין „לינקע" הענט.

אָנהויב פון לעצטען יאָהר האָבען די „לינקע" פיהרער גערופען אַ גענעראַל־סטרייק אין דער פוטער־וואַרע אינדוסטריע, וועלכער האָט געדויערט 17 וואָכען און וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ טיילווייזען זיג. דער באדייטענדסטער געווינס איז די 40־שטונדיגע ארבייטס־וואָך.

אין דעם לעצטען גענעראַל־סטרייק האָבען ניט געפעהלט קיין שטאַרקע און שטורמדיגע מאָמענטען און ער איז געווען פול מיט פייערווערק. בעת'ן סטרייק איז דער קאַמף אָנגעגאַנגען ניט נאָר נעגען די באַלעבאַטים, נאָר אויך צווישען די „לינקע" פון דער ניו יאָרקער פאָריערס יוניאָן און דער „פאָריערס אינטערנעשאָנאַל".

דער קאַמף צווישען „רעכט" און „לינק" אין דער פאָריערס יוניאָן, וועלכער האָט זיך אם שטאַרקסטען צופלאַקערט אין צייט פון סטרייק, פלאַקערט נאָך איצט אויך און דער קלימאַקס פון קאַמף איז געקומען ערשט איצט, ווען די שורות ווערען

געשריבען, דורך דער קלאגע פון דער עקזעקוטיווע פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר, אז די „לינקע" פיהרער פון סטרייק האָבען בעת'ן סטרייק פארשווענדט הונדערטער טויזענטער דאָלארס.

אין דעם פוטערווארג־פאך זיינען דאָ צווייערליי סאָרטען ארבייטער: פאָר־דרעסערס, אָדער, ווי איך וועל עס בעסער רופען, פוטער־גארבער, און פאָר־מאכער. די ערשטע באַארבייטען די רויהע פעלכלאך, די צווייטע מאכען די פוטערווארג־מאנטלען און אַנדערע פוטערווארג־ארטיקלען. די ערשטע זיינען ניט קיין נאָדעל־ארבייטער און דעריבער געפינט זיך טאקע אין דעם פאך די גרעסטע צאָהל ניט־אידישע ארבייטער. די פאבריקען געפינען זיך מעהרסטענס אין ברוקלין. די צווייטע געהערען שוין צו די נאָדעל־פאכען און די איבערוועגענדע מאיאָריטעט פון די „פאָר־מאכער" זיינען טאקע אידען און די פאבריקען געפינען זיך אין ניו יאָרק. פון די 10,000 פוטערווארג־ארבייטער אין ניו יאָרק זיינען, מיט דער אויסנאַהמע פון טויזענט גריכען, אַלע אידען.

די „פאָריערס־אינטערנעשאָנאַל" האָט 40 לאָקאַלען אין 20 שטעדט, מיט א מיט־גלידערשאפט פון ארום 13,000 פוטערווארג־ארבייטער, פון וועלכע די איבערווע־גענדע מאיאָריטעט, גוטע 10,000, געפינען זיך אין ניו יארק און באַלאַנגען צו דער „דזשאָינט באָארד". די אינטערנעשאָנאַל גיט ארויס א מאָנאַטליכען זשורנאַל, דער „פאָר וואָירקער", אין אידיש און ענגליש. לעצטענס האָט די ניו יאָרקער „דזשאָינט באָארד" אויך אָנגעהויבען ארויסגעבען א מאָנאַטליכען זשורנאַל, אונטער'ן נאָמען „קאמף".

דער אָפיס פון דער „פאָריערס אינטערנעשאָנאַל" געפינט זיך אין 9 דזשעקסאָן עוועניו, לאָנג איילאנד סיטי, נ. י. דער איצטיגער פרעזידענט פון דער אינטער־נעשאָנאַל איז עוזר שאכטמאן, אַן אָנהענגער פון דער פועלי־ציון פּארטיי, און דער איצטיגער סעקרעטער איז אייזיק וואָהל, וואָס שטעהט, דאכט זיך, אויך לויט זיינע פּארטיי־סימפּאטיען נאָהענט צו די פועלי־ציון.

דער אָפיס פון ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון דער פאָריערס יוניאָן איז אין 22 איסט 22טע סטריט. איהר מענעדזשער און פיהרער איז בען גאָלד.

---

## די קעפּ, העט און מילינערי וואָירקערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן.

די קאפּען־מאכער יוניאָן איז איינע פון די עלטסטע אין די נאָדעל־פאכען. זי האָט שוין הינטער זיך א געשיכטע פון העכער א האלבען יאָהרהונדערט. דער קאפּען־מאכער פאך איז איינער פון די עלטסטע אין אמעריקע. ענדע 1873, דאָס הייסט מיט 53 יאָהר צוריק, האָבען שוין די קאפּען־מאכער געפיהרט א גענעראַל־סטרייק. זייער ערשטע יוניאָן אונטער'ן נאָמען „די סענטראַל יוניאָן אָוו קעפּ־מייקערס" איז געגרינדעט געוואָרען אין 1874. די קאפּען־קאטערס (צושניידער) האָבען נאָך פריהער געהאט א יוניאָן. זייער יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין 1870. די איצטיגע קאפּען־מאכער אינטערנעשאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרען אין 1901, אויף א קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק, מיט 6 לאָקאלען, און האָט זיך דאַן א נאָמען געגעבען „יונייטעד קלאָטה העט און קעפּ מייקערס יוניאָן אָוו נאָרטה אמע־ריקא". דאַן איז נאָך דער „מילינערי טרייד" (פאך פון פרויען־היט) ניט געווען

אָרגאַניזירט. נאָכדעם האָט די יוניאָן אָנגעהויבען אָרגאַניזירען די מילינערי־אַרבייטען. דער ערשטער „מילינערי לאָקאַל" (לאָקאַל 24) איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1910. די „מילינערי"־אַרבייטער זיינען געוואָרען אַ באַדייטענדער טייל אין דער קאַפּען־מאַכער אָרגאַניזאַציע און צוליב דעם האָט אין 1925 די קאַפּען־מאַכער אינטערנעשאָנאַל אָנגענומען דעם איצטיגען נאָמען: „די קעפּ, העט און מילינערי וואָירקערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן".

איצטער האָט די „קאַפּען און מילינערי אינטערנעשאָנאַל יוניאָן" 50 לאָקאַלען אין 26 שטעדט מיט קרוב 15,000 מיטגלידער, וועלכע זיינען כמעט דורכאויס אידען.

די „קאַפּען מאַכער און מילינערי יוניאָן" איז אַ לעבעדיגע, ענערגישע און טעטיגע אָרגאַניזאַציע. זי האָט פאַר דער צייט פון איהר עקזיסטענץ דורכגעמאַכט איינינע גרויסע, שטורמדיגע גענעראַל־סטרייקס. באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערען דער עטליכע־און־צוואַנציג־וואָכיגער סטרייק פון קאַפּען־מאַכער פון 1904 און דער 20־וואָכיגער סטרייק אין „מילינערי טרייד" פון 1920. די יוניאָן האָט אַ סך אויפגעהויבען דעם עקאָנאָמישען מצב פון די אַרבייטער און פיל, פיל פאַרבעסערט זייער לאַגע.

פריי פון אינערליכע רייסערייען, גיט די יוניאָן אוועק איהר גאַנצע ענערגיע אויף צו אָרגאַניזירען דעם פאַך און אויסצוקעמפען אַ בעסער לעבען פאַר די אַרבייטער פון פאַך. אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר האָט זי דורכגעפיהרט אַן ערפאָלגרייכען זעקס־וואָכיגען גענעראַל־סטרייק אין קאַפּען־מאַכער פאַך, געווינענדיג פאַר די אַרבייטער אַ באַדייטענדע העכערונג אין שכירות און אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, וואָס זאָל זיך אָנהויבען אין יולי 1927, און אין „מילינערי טרייד" האָט די יוניאָן לעצטען יאָהר דורכגעפיהרט אַן ערפאָלגרייכען אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין אין די פאַבריקען פון ניו יאָרקער דאַון־טאַון.

צוליב די „מילינערי"־אַרבייטער האָט די יוניאָן דורכגעמאַכט אַ יורידיקציע־קאַמף מיט דער „יונייטעד העטערס יוניאָן" און איז צוליב דעם פאַר איינינע יאָהר געווען אויסגעשלאָסען פון דער „אַמעריקען פעדערייראָן אָוו לייבאָר". די „יונייטעד העטערס יוניאָן" האָט זיך מישב געווען, אַז אַזוי ווי „מילינערי" איז פרויען־היט און איבער הוט־אַרבייטער דאַרפען זיי האָבען די יורידיקציע, האָבען זיי דאָס איינציגע רעכט זיי צו אָרגאַניזירען. אויף דער פעדערייראָן־קאָנווענשאָן אין 1916 האָט די „יונייטעד העטערס" אַריינגעבראַכט אַ רעזאָלוציע אין דעם זין. די קאָנווענשאָן האָט זיי גערעכט געגעבען און האָט אַזאַ באַשלוס צו גונסטען פון די „יונייטעד העטערס" אָנגענומען. די פעדערייראָן האָט וועגען דעם געלאָזט וויסען דער קעפּ־מאַכער און מילינערי אינטערנעשאָנאַל, אָבער די קאַפּען־מאַכער יוניאָן האָט זיך אונטער דעם באַשלוס ניט געוואָלט אונטערוואַרפען. זי האָט אין אויגוסט 1918 אָפּגעהאַלטען וועגען דער פראַגע אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן און האָט באַשלאָסען ניט נאָכצוגעבען. פאַר דעם איז זי אין אַפּריל 1918 אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער „פעדערייראָן" און איז פאַרבליבען אויסגעשלאָסען ביז 1924. נאָך אַ רייהע קאָנפערענצען און פאַרהאַנדלונגען מיט די „יונייטעד העטערס", האָבען זיךביידע אָרגאַניזאַציעס אויסגעגליכען און אין 1925 איז די „קאַפּען־מאַכער אינטערנעשאָנאַל" צוריק אַריינגענומען געוואָרען אין דער „פעדערייראָן".

די יוניאן האט פילע פארבעסערונגען אויסגעקעמפט פאר די ארבייטער און ניט לאנג צוריק האט זי אויך אויסגעקעמפט די ארבייטסלאזיגקייט־פארזיכערונג, וואס איז פיל בעסער און פראגרעסיווער ווי אין דער „אינטערנעשאנאל" און אין דער „אמאלגאמייטעד", מיט דעם וואס דא צאהלען בלויז די בעלי־בתים צום פאנד און פארוואלטעט ווערט דער פאנד בלויז פון דער יוניאן.

די יוניאן גיט ארויס א מאנאטליכען זשורנאל אונטער'ן נאמען דער „העדגער וואירקער", אין אידיש און ענגליש, און טוט אויך אנדערע קולטורעלע ארבייטען. לעצטען יאהר האט זי ארויסגעגעבען א בוך: „די געשיכטע פון די קלאטה העט, קעפ און מילנערי־ארבייטער", געשריבען פון י. מ. בודיש, וואס איז א וויכטיגער בייטראג צו דער געשיכטע וועגען יוניאנס אין דער אידישער ליטעראטור.

די יוניאן האט אן אייגענעם „לייסעאום". דאס איז דער העדגער־לייסעאום, בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט, ניו יארק.

די יוניאן צאהלט אויך זינט 1912 קראנקען־ און שווינדזוכט־בענעפיט צו די מיטגלידער: קראנקען־בענעפיט 7 דאלאר א וואך פאר 7 וואכען צייט און שווינד־זוכט־בענעפיט — 75 דאלאר.

דער אפיס פון דער יוניאן איז אין 621 בראדוויי. איהרע באאמטע זיינען מאקס צוקערמאן, גענעראל סעקרעטער־טרעזשורער, און ביז לעצטען יאהר איז מאקס זארעצקי געווען דער פרעזידענט פון דער יוניאן. לעצטען יאהר האט זארעצקי רעזיגנירט און ביז צו דער קומענדער קאנווענשאן איז אויף זיין פלאץ באשטימט געווארען א פארוואלטונגס־קאמיטע פון 3, באשטעהענד פון י. מ. בודיש, י. ראָ־בערטס און נ. פעקטאר.

---

## די פענסי לעדער גודס וואירקערס יוניאן.

דער „פענסי לעדער גודס" פאך איז א יונגער פאך און די יוניאן איז נאך א איינגערע. ביז מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק האט זי עקזיסטירט אלס לאקאל־יוניאן. ערשט מיט אנדערהאלטען יאהר צוריק האט זי ארויסגעקראגען א „טשארטער" פון דער „פעדערייישאן" אלס אן „אינטערנעשאנאל יוניאן". אבער דערווייל איז זי נאך אן „אינטערנעשאנאל" בלויז אין נאמען. איהר גאנצע מיטגלידערשאפט, וואס באשטעהט פון צווישען 5 און 6 טויזענד, און איהר גאנצע אקטיוויטעט, זיינען נאך דערווייל בלויז אין ניו יארק.

יונג ווי זי איז, איז זי פול מיט ענערגיע און טוט א סך אויף צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין דעם פאך. איהר אנפיהרער איז דער באוואוסטער סאציאליסט און ארבייטער פיהרער, אברהם שיפליאקאוו.

אונטער זיין פיהרערשאפט האט די יוניאן לעצטען יאהר אהן א סטרייק געוואונען אן אפמאך מיט די בעלי־בתים מיט פילע פארבעסערונגען.

דער אפיס פון דער „פענסי לעדער גודס וואירקערס יוניאן" איז אין 11 וועסט 18טע סטריט, ניו יארק.

# די בעקער יוניאָן.

די „אינטערנעשאָנאל בעקערס יוניאָן", וועלכע איז איינע פון די עלטסטע „אינטערנעשאָנאלס" אין דער אמעריקאנער טרייד־יוניאָן באוועגונג (זי איז אלט 45 יאָהר), איז ניט קיין אידישע „אינטערנעשאָנאל יוניאָן". די ניט־אידישע עלעמענטען שפּילען דאָרט די ערשטע פידעל, דערהויפּט די דייטשען. אָבער די אידישע לאָקאלען, דער עיקר, אין ניו יאָרק, שפּילען דאָרט אויך אַ באַדייטענדע ראָלע, און דעריבער פארנעמען די בעקער־לאָקאלען אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דער אידישער יוניאָן באוועגונג.

אין ניו יאָרק זיינען דאָ 6 אידישע לאָקאלען, וועלכע האָבען איבער 3000 אָרגאַניזירטע בעקער. מאנכע אידישע בעקער לאָקאלען זיינען פון די ערשטע יוניאָנס אויף דער אידישער גאַס. דער ברוקלינער לאָקאל איז שוין איבער 30 יאָהר אלט. און פון שטענדיג אָן האָבען די סטרייקס און קאַמפען פון די בעקער ארבייטער אויפגערודערט די גאַנצע אידישע גאַס. ווער געדענקט עס ניט דעם באַריהמטען לאַנג־פארצויגענעם בעקער סטרייק אין 1907—8 ?

די בעקערס זיינען גרויסע בריות אויף לאַנגע סטרייקס. זיי האָבען אַן אויסערגעוועהנליכע אויסדויער־קראַפט. און ערשט אין דעם פארגאַנגענעם יאָהר האָבען זיי געהאַט אַ זיג אין אַ סטרייק ביי דער „פּאָבליק בייקינג קאָ.", וואָס האָט געדויערט 13 חדשים.

ניט קוקענדיג אויף די שווערע סטרייקס און „אינדזשאָנקשאָנס", וואָס די בעקער־יוניאַן האָט דורכ'ן לעצטען יאָהר דורכגעמאַכט, איז דאָס פארגאַנגענע יאָהר פונדעסטוועגען געווען אַ גליקליך יאָהר פאר די דאָזיגע יוניאָנס. עס איז געווען אַ יאָהר פון פאראייניגונג. די אָפּאָזיציע־יוניאָן, די „יונייטעד בעקערס", זיינען געקומען צוריק און זיך פאראייניגט מיט דעם בעקער יוניאן לאָקאל 100, און איצט האנדעלט זיך וועגען אַ פאראייניגונג צווישען די בעקער־לאָקאלען מיט נאָך אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן, די „אמאלגאמייטעד פוד וואָירקערס יוניאָן".

---

# אַנדערע יוניאָנס.

אין פארגאַנגענעם יאָהר איז געווען אַ גערעטעניש אויף סטרייקס. כמעט אַלע יוניאָנס האָבען ארויסגעשטעלט פאָדערונגען און גערופען סטרייקס. אָבער ניט אַלע סטרייקס האָבען זיך געענדיגט גליקליך. עס האָבען געסטרייקט זיבען טויזענט שיך־ארבייטער און האָבען פארלאָרען; עס האָבען געסטרייקט די אייזען־ארבייטער און האָבען פארלאָרען, און איצט, ווען די שורות ווערען געשריבען, קעמפען אויף לעבען און טויט אין אַ פארצויגענעם סטרייק 3000 „פּייפּער באָקס מאַכער" (פּאַפּיר־שאַכטלען מאַכער), אָהן די אויסזיכטען פארלויפיג אויף אַ פאָלשטענדיגען זיעג.

# אין די בוי־אַרבייטער יוניאָנס.

די יוניאָנס אין דער בוי־אינדוסטריע זיינען שוין לחלוטין ניט קיין אידישע, ניט אין זייער גייסט, ניט אין זייער כאַראַקטער און ניט אין זייער פיהרערשאַפט, הגם, ווי איך האָב אין אָנהויב פון דעם אַרטיקעל באַמערקט, געפינען זיך אידישע ארבייטער אין די דאָזיגע יוניאָנס אין די שווערע טויזענדער.

צוליב אורזאַכען, וואָס דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו ערקלערען, זיינען די בוי־אינדוסטריע יוניאָנס, דערהויפּט דער ניו יאָרקער „דיסטריקט קאונסיל", אַ נעסט פון קאָרופּציע און כאַבאַר, אַ זומפּ, אין וועלכען פאַרשידענע קאַריעריסטען, „פּאָלי־טישענס" און כאַבאַרניקעס פּלאָדיען זיך, אָנהויבענדיג פון סעם פּאַרקס און זיין נאָכפאָלגער, דעם טרויעריג באַריהמטען, ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם „צאַר" ברינדעל, ביז די קלענערע פיהרערלעך. אַ שטאַרקע באַוועגונג צווישען מעהר באַ־וואוסטזיניגע מיטגלידער, צו רייניגען די בוי־אינדוסטריע יוניאָנס געהט שוין אָן פאַר אַ לאַנגער צייט. די אידישע אַרבייטער שפּילען אַ גרויסע ראָלע אין דער דאָזיגער רייניגונגס־באַוועגונג און דאָס לעצטע יאָהר איז געווען אַ באַזונדערס גערעטענס אין דער הינזיכט. עס האָט זיך אַ סך געקאָכט און געשטורעמט אין די בוי־אינדוסטריע יוניאַנס. אַ קאַמף האָט זיך געפיהרט אין דעם „קאַרפּענטערס (סטאָליאַרעס) לאָקאַל 2027" פון בראָנזוויל, וואו די מיטגלידער האָבען אויפגעהויבען אַ קאַמף געגען דעם „דיסטריקט קאָונסיל". דער דאָזיגער לאָקאַל איז דורכאויס אַ אידישער לאָקאַל. און די הויפּט פיהרער פון קאַמף זיינען געווען סאָציאַליסטען. דער קאַמף האָט אָנגענומען אַזוינע שאַרפע פאָרמען, אַז ער האָט געמוזט, געגען דעם ווילען פון די אָפּאָזיציאָנערען, אַריבערגעטראָגען ווערען אין געריכט. קיין גרויסען כבוד האָט עס ניט פאַרשאַפט דער יוניאַן באַוועגונג, אָבער דאָס געריכט האָט גע'פּסקנ'ט לטובת דער אָפּאָזיציע.

אַ צווייטער קאַמף איז געפיהרט געוואָרען אין דעם ניו יאָרקער „דיסטריקט קאונסיל" פון דער „פּיינטערס יוניאָן". דאָרט זיינען ענטדעקט געווארען אומגעהערטע גנבות אויף צעהנדליגע טויזענטער דאָלארס. באשולדיגט זיינען געווארען די בעאַמטע פון פּיינטערס דיסטריקט קאָונסיל, דער פינאַנץ־סעקרעטער, דער „מע־נעדזשער". די גענעראַל עקזעקוטיוו פון דער „פּיינטערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן" האָט די אויספאָרשונג גענומען אין איהרע הענט. דער פינאַנץ־סעקרעטער איז גלייך געפונען געוואָרען שולדיג און איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון זיין אַמט. וואָס אנבאַלאַנגט דעם פאַרוואַלטער (מענעדזשער), איז זיין פאַרטיידיגונג געווען, אַז ער האָט מיט די פינאַנסען ניט געהאַט צו טאָן. אָבער די, וואָס האָבען די גנבות ענטדעקט, האָבען געגען איהם דעם קאַמף אַמשטאַרקסטען געפיהרט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איידער די גענעראַל־עקזעקוטיוו האָט וועגען איהם איהר אורטייל אַרויסגעטראָגען, האָבען איהם די מיטגלידער פאַרבאַלאָטירט אין די וואַהלען.

# אידישע אָרדענס אין אַמעריקא

פון מאיר בראון.

## אידישע אָרגאניזאציאָנס-פעהיגקייטען

די אידען אין אמעריקא האָבען אין די פארשידענע פעריאָדען פון זייער איינוואנדערונג ארויסגעוויזען גרויסע אָרגאניזאציאָנס-פעהיגקייטען און אומבאגרעניצטע מעגליכקייטען פאר אנטוויקלונג און באשאפונג פון א רייהע אינסטיטוציעס, אנשטאלטען און אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבען צוזאמענגענומען גרעסערע איינקונפטען און ביודזשעטען פון פילע לענדער אין איירָאפּא.

ניט אלעמאָל האָט זיך געמערקט דער אינטערעס פון די אידען פאר געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. פילע פון די ערשטע אידישע אימיגראנטען זיינען ניט געקומען מיט'ן צוועק זיך איינבירגערען אין לאנד, נאָר פארבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאגע און זיך נאכדעם צוריקקערען צו זייערע געבורטס-פלעצער אין דער אלטער היים. אָט־דאָס „שטעהן אויפ'ן וועג" האָט געפיהרט צו גלייכגילטיגקייט, נאכלעסיגקייט צו די אייגענע פאָלקס-אינטערעסען. א באזונדערע אויפלעבונג האָט זיך ערשט דערפיהלט אין די אכציגער יאָהרען פון נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען עס האָט זיך פארשפרייט און פארשטאַרקט די אידישע איינוואנדערונג פון די מזרח-איירָאפּעאישע לענדער. די נייעסטע אימיגראנטען האָבען געבראכט מיט זיך באוואוסטזיניגקייט בנוגע קהלה לעבען, ערפארונג פון פילע אידישע זעלבסט-הילף אינסטיטוציעס, א געפיהל פון נאָהענטקייט און צוזאמענבונד מיט די פארבליבענע פאָלקס-ברידער און שוועסטער אין דער אלטער היים.

איינע פון די אייגענאַרטיגסטע פאָרמען פון אידישער פאראייניגונג און זעלבסט-איניציאַטיוו אין אמעריקא איז דער אידישער אָרדען וועזען, וואָס האָט פאראייניגט אין זיך די גרעסטע מערהייט פון די אידישע פאָלקס-מאסען אין אמעריקא.

די אורזאכען, וואָס האָבען געפיהרט צו דער ענטשטעהונג פון אידישע אָרדענס אין אמעריקא, זיינען פילע: די נויטען פון זעלבסט-הילף פאר פילע פון די ניט לאנג אריבערגעקומענע אידישע אימיגראנטען; די פרעמדקייט אין א נייעם לאנד, ווייט פון פריינד און פון דער סביבה פון דער אלטער היים; דער אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאלטונג און אומבאוואוסטזיניגער ראנגלען זיך געגען פארשלונגען ווערען פון אמעריקאנער לעבען. עס זיינען געווען אויך אנדערע אורזאכען.

## אָרדער „בני ברית"

די דייטשע אידען זיינען פאראַנטוואָרטליך פאר דער גרינדונג פון ערשטען אידישען אָרדען פון אמעריקא, בעסער געזאָגט, פון דער וועלט. דאָס איז דער „בני ברית", וואָס איז היינט צו טאָג דער איינציגער אינטערנאציאָנאלער אָדער אלוועלטליכער אידישער אָרדען מיט צווייגען אין פילע לענדער, וואו אידען לעבען (ענגלאנד,

פראנקרייך, דייטשלאנד, טערקיי, רומעניע, סערביע א. אז. וו.). די דייטשע אידען־איינוואנדערונג איז ניט געווען די ערשטע, די פּאָרטוגעזיש־שפּאַנישע אידען זיינען געווען פאר זיי פון שוין לאַנג, אָבער די דייטשע אידען האָבען גאָר אין גיכען גענומען די אויבערהאַנד אין אידישען לעבען. דער דייטשער איד האָט געבראכט מיט זיך די אָרגאניזאציאָנס־פעהיגקייט, וועלכע איז איהם שטארק צונוץ געקומען אין די ערשטע יאָהרען פון זיין איינוואנדערונג אין לאַנד. ביז'ן יאָהר 1848 איז די אידישע איינוואנדערונג פון דייטשלאַנד געווען זעהר אומבאדייטענד. אָבער דאָס באריהמטע יאָהר פון 1848 אין אייראָפּא מיט די רעוואָלוציעס און פּאָליטישע רעאקציעס האָט געצוואונגען פילע אידען פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין דער רעוואָלוציע, צו פארלאָזען די אַלטע היים און אַוועק קיין אַמעריקא, זוכענדיג אַ פריי לאַנד. די דייטשע אידען האָבען דאַ געוואָלט שאפען זייער אייגען געמיינדע־לעבען, זייערע שוץ־אָרגאניזאציעס; דער געלאַף נאָך גאָלד, וואָס מען האָט געפונען אין קאַליפאָרניע אין 1849, האָט פילע דייטשע אידען אהין אוועקגעשלעפּט. זיי זיינען רייך געוואָרען און זיך דערנאָך צוריקגעקערט אין דער „איסט", וואו זיי האָבען געלייגט דעם פונדאמענט פאר פילע באַנק און קאָמערציעלע אינ־סטיטוציעס, וואָס זיינען ביז היינט פארבליבען אין די הענט פון דייטשע אידען.

„בני ברית" רעכענט זיין גרינדונגס־יאָהר 1843. אַ גרופּע דייטשע אידען, אונטער דער פיהרערשאפט פון אַ געוויסען הענרי דזשאָונס האָט געלייגט דעם פונדאמענט.

מען גיט אָן, אַז צווישען די פארשידענע אַלגעמיינע אורזאכען, וואָס האָבען געפיהרט צו דער געבורט פון ערשטען אידישען אָרדען, איז אויך געווען דער אַנטיסעמיטיזם פון די עקזיסטירענדע אַלגעמיינע אָרדענס. מאַנכע פון די גרינדער האָבען עס געוואָלט לייקענען, אָבער דאָקומענטען באַשטעטיגען, אַז די גוי'שע אָרדענס האָבען ניט חשק געהאַט אריינצונעמען אידישע מיטגלידער און זיך צוזאַמענטרעפען מיט זיי אין דיזעלביגע לאַדזשען אויף די מיטינגען.

די גרינדונג פון „בני ברית" איז פאָרגעקומען אין אַ שענק אויף עסעקס גאַס (קענטיג, אַז דער שענק האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע, אייניגע אַנדערע אידישע אָרדענס זיינען אין שענק געבאָרען געוואָרען). צילען האָט זיך דער נייער אָרדען געשטעלט גאָר געהויבענע („צו פאַראייניגען די אידען, ערמוטיגען זייערע אינטע־רעסען און די העכסטע אינטערעסען פון דער מענשהייט, צו דערהויבען דעם גייסטיגען און מאָראַלען כאַראַקטער פון די וואָס געהערען צום אידישען גלויבען, איינפּלאַנצען אין זיי די ערהאבענסטע פּרינציפּען פון וואָלטעטיגקייט, כבוד און פּאַטריאָטיזם, שטיצען וויסענשאַפט און קונסט, צו פאַרבעסערען די לאַגע פון אָרימע און נויט־באַדערפטיגע, צו באַזוכען און אומגעהן אָרום קראַנקע, צו העלפען די קרבנות פון פאַרפאָלגונג, צו שיצען און באַזאָרגען די אלמנה און דעם יתום לויט די ברייטסטע פּרינציפּען פון הומאַניטעט"). דער „בני ברית" איז עלטער פון אַזאַ אַלוועלטליכער אידישער אָרגאַניזאַציע ווי „אַליאַנץ איזראַעליט" און איז פאַרבליבען לויט זיין כאַראַקטער דער פּראָמינענטסטער אידישער אָרדען אין דער וועלט. דער אָרדען איז געוואַקסען לאַנגזאַם, און נאָך צעהן יאָהר געציילט ווייניגער פון 3,000 מיטגלידער. אָבער ער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסען מאָראַלען איינפלוס אויף זיינע מיטגלידער, געהאָלפען זיי מיט אַ ברייטער האַנט. די ערשטע יאָהרען איז אַלץ געפיהרט געוואָרען

אין דייטש. אזוי ווייט איז דייטש געווען אנערקענט, אז מען האט צוריקגעוויזען לאדזשעס פון ענגליש־ריידענדע אידען. שפעטער האבען די פיהרער געמוזט זיי אריינגעמען און זיך פאראייניגען געגען די רומענישע, גאליציאנער און רוסישע אידען, וועלכע האבען אנגעהויבען אנקומען אין לאנד. עס האט זיי אבער ניט געהאלפען. די רוסיש־פוילישע אידען בילדען איצט איבער זעכציג פראצענט פון דער מיטגלי־דערשאפט פון „בני ברית".

„בני ברית" האט איינגעפיהרט מיסטעריעזע צערעמאניעס ביים אויפנעמען נייע מיטגלידער, ער האט נאכגעמאכט די קריסטליכע ארדענס, און די אנדערע קאנסער־וואטיווע ארדענס האבען שפעטער נאכגעקאפירט דעם „בני ברית". פילע פון די צערעמאניעס זיינען פאראידישט געווארען, האבען באקומען א געוויסע פארבינדונג מיט אידישער געשיכטע און האבען געהאט א ווירקונג אויף די ניי אריבער־געקומענע אידישע איינוואנדערער. אין זייערע פריהערדיגע וואוין־פלעצער האבען זיי אזוינס ניט געזעהען, און די מיסטעריען און סודות האבען געצוגען און געצויגען. ביסלאכווייז איז דער ארדען געוואקסען אין מיטגלידער און פארשפרייט זיין טעטיגקייט אויף פארשידענע געביטען פון וואלטעטיגקייט און אינטער־נאציאנאלער אידישער פאליטיק. ער האט געשאפען היימען פאר שווינדזיכטיגע, הייזער פאר יתומים, די פארם־שול אין דאיעלעסטאן, הייזער פאר אלטע, זעהר פיעל געהאלפען אין אויסלאנד. פילע מיליאנען האט דער ארדען אויסגעגעבען אויף פילאנטראפישע און ערציהונגס צוועקען.

דער ארדען האט געקעמפפט געגען רעכטלאזיגקייט פון אידען, זיך משתדל געווען ביי רעגירונגען. אין זיין אידישער פאליטיק איז דער ארדען אין פילע פאלען גע־גאנגען האנט אין האנט מיט „אליאנץ איזראעליט", „יק"א" און אנדערע עהנליכע קערפערשאפטען. לעצטענס איז דער ארדען טיילוויז פאראינטערעסירט געווארן אין ארץ ישראל, אבוואהל צום ציוניזם האט ער נאך אפיציעל א נייטראלע שטעלונג.

## אנדערע אידישע ארדענס

„בני ברית" האט אויסגעטראטען דעם וועג פאר אנדערע אידישע ארדענס, אבער קיינער האט ניט דערגרייכט דעם איינפלוס פון „בני ברית" און איז ניט ארויס ארגאניזאטאריש פון די גרענעצען פון אמעריקא. בכלל האבען די אנדערע ארדענס אנגענומען אין זייער ווייטערדיגער ענטוויקלונג אן אנדער ווענדונג, וואו קרקע און כבודים האבען פארנומען א וויכטיגען פלאץ, און וואו דער מאטעריעלער כאראקטער פון די ארדענס האט אנגעהויבען שפילען די ערשטע פידעל. די ערשטע אידישע ארדענס, וואס האבען נאכגעפאלגט דער גרינדונג פון „בני ברית", זיינען געווען „די פרייע זיהן פון ישראל" (פרי סאנס אוו איזראעל), 1849; „ארדער ברית אברהם" (אפיציעל 1859); דער „בונד פון אייזען" (קשר של ברזל, 1860, אונטערגעגאנגען שפעטער); די „זיהן פון בנימין" (בני בנימין, 1879, שוין אונטערגעגאנגען). עס איז כאראקטעריסטיש, וואס די מעהרסטע אידישע ארדענס האבען זיך געגרינדעט מיט העברעאישע נעמען; פילע לאדזשען פון די ארדענס האבען אנגענומען ביבלישע נעמען. די פיהרער האבען גערענקט, אז אזוינע נעמען וועלען האבען מעהר צויבער פאר זייערע מיטגלידער.

# „פרייע זיהן פון ישראל"

„די פרייע זיהן פון ישראל" האבען זיך געגרינדעט אין 1849. דייטשע אידען האבען אויך דעם ארדען געגרינדעט. קנאה איז געווען פאראנטווארטליך אין א גרויסער מאס פאר דער גרינדונג פון נייעם ארדען. ער האט פרובירט געהן אין די וועגען פון „בני ברית", אבער עס איז איהם ניט געלונגען. נאך 22 יאהר עקזיסטענץ, האט ער באשלאסען איינצופיהרען א צענטראלען טויטען־פאנד־בענעפיט, וואס זאל געצאהלט ווערען צו אלמנות און יתומים פון פארשטארבענע מיטגלידער. ער האט זיך יאהרען לאנג געראנגעלט, האבענדיג א שלעכטע פארזיכערונגס־סיסטעם. איינינע מאל האט ער געמוזט באדייטענד העכערען זיינע צאהלונגען, פארלארען צוליב דעם איינינע טויזענט מיטגלידער, זיך געהאלטען אין איין רע־ארגאניזירען און ענדליך געמוזט איינפיהרען א שטרענגערע, מעהר אויסגעהאלטענע פארם פון פארזיכערונג.

דער דורכשניטליכער עלטער פון א מיטגליד אין ארדען איז קרוב צו 60, ער נעמט ניט אריין קיין פרויען אלס מיטגלידער. אין אידיש־געזעלשאפטליכען זין שפילט ער כמעט קיין ראלע ניט, ער איז א שטארקער נאכפאלגער פון דער פאליטיק פון דער „אמעריקאן דזשואיש קאמיטע". דער ארדען האלט זיך נאך ביי זיינע „דייטשען", קיין אידיש־ריידענדע מיטגלידער ווערען ניט אריינגענומען.

# ארדער „ברית אברהם"

דער אפיציעלער גרינדונג־טאג ווערט אנגעגעבען דער 12טער יוני, 1859. איינינע פיהרער באהויפטען אבער, אז ער איז נאך פריהער געגרינדעט געווארען, אבער קיין באווייזע זיינען ניטא. דער ארדען איז געגרינדעט געווארען נאכלעסיג און אין איילעניש צו באשאפען נאך א אידישען ארדען. כבודים האבען געשפילט זעהר א וויכטיגע ראלע אין דעם ארדען, וואס איז אויך געגרינדעט געווארען פון דייטשע אידען. מעהרערע מאל האבען איהם זיינע מיטגלידער פארלאזען, א צאהל גרינ־דענדיג דעם „אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם" (דער גרעסטער אידישער ארדען לויט זיין צאהל), און אנדערע דעם „סאנס אף בענדזשאמין", „אמעריקאן סטאר ארדען", „איינשיענט אמעריקאן סטאר". די „דייטשען" האבען שטארק געקעמפט געגען דעם, אז „ברית אברהם" זאל אריבערגעהן צו עסטרייכער און גאליציאנער אידען. ניט אויספיהרענדיג, האבען פילע פון זיי געגרינדעט אנדערע ארדענס. די גרעסטע געפאהר האט געדראהט דעם ארדען אין 1887, ווען קרוב צו פיער טויזענט מיטגלידער האבען זיך אפגעריסען און געגרינדעט דעם „א. א. ב. א.". אין אלטען „ברית אברהם" זיינען דאן פארבליבען ארום 4700 מיטגלידער.

דער ארדען האט זיך געשטעלט געזעלשאפטליע צילען אלס זיינע אויפגאבען, קיין בענעפיטען און קיין פארזיכערונגס־סיסטעמען, אבער שפעטער האט ער גענומען אויף זיך א פארפליכטונג בנוגע טויטען־בענעפיט און איז אלס אזעלכער אונטערגעווארפען געווארען דער קאנטראל פון דער רעגירונגס־אפטיילונג, וואס גיט זיך אפ מיט פארזיכערונג. ער האט איינגעפיהרט פאליסים פון 500 דאלאר פאר דעם מאן און 500 דאלאר פאר דער פרוי. אבער די צאלונגען זיינען געווען לויט'ן „אסעסמענט"־פלאן, וואס באשטייערט די מיטגלידער פאר אזוי פיל טויטען־פאלען

וויפיל עס זיינען געווען דורכ'ן יאָהר. דיזע סיסטעם האָט געפיהרט צו זעהר שווערע רעזולטאַטען פאַר'ן „ברית אברהם" פונקט ווי פאַר אַנדערע אידישע אָרדענס, וועלכע האָבען אָנגענומען דעם „אַסעסמענט" פּלאַן. פילע אידישע אָרדענס זיינען אַ דאַנק דעם פּלאַן אונטערגעגאַנגען, די לאַגע איז שווערער געוואָרען פון יאָהר צו יאָהר, מיט'ן עלטערן זיך פון די מיטגלידער און מיט דער פאַרגרעסערונג פון טויטען־פּאַלען. „ברית אברהם" איז איצט אַרונטערגעזונקען צו אַ שטופע פון אַן אונבאַ־דייטענדען אָרדען, זיין גלאַנץ פּעריאָד איז געווען אין דער צייט פון סעמועל דאָרף'ס אַדמיניסטראַציע אַלס גרענד מאַסטער. דער אָרדען האָט דער ערשטער איינגעפיהרט אַ צקה־פאָנד. דער אָרדען איז שטרענג פּאַטריאָטיש־אַמעריקאַניש. אין דער אידישער פּאָליטיק געהט ער נאָך דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע".

# אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם

געגרינדעט אין 1887, זיך אָפּגעשפּאָלטען פון „ברית אברהם". אַלס אורזאַך פון דער שפּאַלטונג ווערט אָנגעגעבען די אומצופרידענהייט פון אַ צאָל מיטגלידער מיט דער פינאַנציעלער אומאָרדנונג פון „ברית אברהם" און דער אומפעהיגקייט פון זיינע פיהרער צו יענער צייט. די קאָנווענשאָן איז געווען אַ שטורעמדיגע. די אַדמיניסטראַציע, גיט מען איבער, האָט געדונגען פּאָליציי אָנצושרעקען פילע אומצופרידענע דעלעגאַטען. ווען ס'איז געקומען צו די וואַהלען, האָבען פילע דעלע־גאַטען פאַרלאָזען דעם זאַל און זיך פאַרקליבען אין 207 סטענטאָן סטריט און דאָרט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר'ן „אי. אָ. ב. א.".

אַלס מאָטאָ האָט זיך דער אָרדען געשטעלט: „איינינקייט, פרייהייט און גערעכטיגקייט". די ערשטע ארבייט פון אָרדען איז געווען צו שאַפען אַ רעזערוו־פאָנד אויף פעסטערע יסודות, אָנהויבענדיג מיט אַ יעהרליכען שטייער פון 80 סענט. שפּעטער איז ער רעדוצירט געוואָרען. דער אָרדען איז אויסגעוואַקסען. אַ געוויסע צייט געצעהלט איבער צוויי הונדערט טויזענט מיטגלידער. איצט צעהלט ער אַרום 130 טויזענט מיטגלידער. זיין בענעפיט־סיסטעם איז ווייט פון צו זיין געזיכערט, כאָטש דער אָרדען מאַכט עהרענהאַפטע פאַרזוכען צו באַפעסטיגען זיך פינאַנציעל.

דער אָרדען האָט געטאָן אַ סך גוטע אַרבייט. געהאָלפען אין דער גרינדונג פון דענוועד סאַנאַטאָריומס, געווען אַ גרויסער כח אין קאַמף פאַר'ן אידישען קאָנגרעס פון אַמעריקע, און בכלל אַרויסגעוויזען פאַר די לעצטע 12—13 יאָהר אַ סימפּאַטישע ענדערונג אַלס געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע. די פיהרער האָבען אָנגעפאַנגען צו פאַרשטעהן אַז מיט אַ מקום קבורה, קרקע און כבודים קאָן אַזאַ גרויסער אידישער אָרדען זיך ניט באַגענגען און זיכער ניט ערוואַרטען די סימפּאַטיע פון פאָלק.

דער אָרדען האָט ביי מעהרערע געלעגענהייטען זיך אַרויסגעזאָגט סימפּאַטיש פאַר דער אויפבוי אַרבייט אין ארץ־ישראל, אָבער פיל ממשות'דיגעס האָט ער אויף דעם געביט ניט געטאָן. אַלס גרעסטער אידישער אָרדען האָט דער „אינד. אָרדער ברית אברהם" געקאָנט ווערען אַ פיהרענדער כח אין אידישען לעבען. ער איז עס אָבער ניט, ווייל עס פעהלט איהם דער אמת'ער לעבעדיגער קאָנטאַקט מיט די מאַסען פון פאָלק. רוסישע אידען שפּילען אַ פיהרענדע ראָל אין דעם אָרדען.

# אינד. וועסטערן סטאַר אָרדער

גענרינדעט אין פעברואר, 1894, אין שיקאגא, מיט איינינע צעהנדלינע מיט־גלידער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אפּגעשפּאָלטען פון אַן אנדער אָרדען („אַמעריקאַן סטאַר", ניט מעהר אין עקזיסטענץ). צופיל צוטרויען האָט מען דעם נייעם אָרדען ניט ארויסגעוויזען אין דער פּראָווינץ, ביז ס'האָט געטראָפען אַ פאַל, אַז איינער פון זיינע מיטגלידער (אַ קראַנקער איד וועלכען מען האָט אויפגענומען בכדי צו דעמאָנ־סטרירען, אַז דער אָרדען וועט קאָנען צאָהלען) איז געשטאָרבען. האָט מען אויסגע־צאָהלט 500 דאָלאַר, און שיקאַגאָ'ר אידען האָבען געקראָגען „באַווייזע" אַז דער אָרדען מיינט „ביזנעס". האָט ער גענומען אַביסעל וואַקסען. דער אָרדען איז מעהרסטענס געוואַקסען אין דער וועסט. ער האָט איינגעפיהרט עקסידענט פּאָליסים, געצאָלט פאַר באַערדיגען 50 דאָלאַר צו די פאַמיליעס. פרויען האָבען געהאַט פולע רעכט. אין 1914 האָט ער באַוויזען די גרעסטע צאָל מיטגלידער (קרוב צו 21 טויזענט), נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען געהן צוריק. דער אָרדען האָט מיט קיין באַזונדער זאַך זיך ניט אויסגעצייכענט אין אידישען לעבען. צו ארץ־ישראל זיך באַצויגען סימפּאַטיש, זאָגאַר אָנערקענט די באַזעלער פּראָגראַם.

# פּראָג. אָרדער אָוו די וועסט

געגרינדעט אין מיזורי, דעם 5טען יאַנואַר, 1896. צעהלט קרוב צו 12 טויזענט מיטגלידער מיט אינשורענס איבער 6 מיליאָן דאָלאַר. האָט אַ מאַנאַטליכע סיסטעם פון צאָלונגען לויט'ן עלטער (21 יאָהריגער צאָלט 58 סענט פאַר 500 דאָלאַר; 40 יאָהריגער — 1.02$). זיין פאַרמעגען ארום 380 טויזענט דאָל. אפּערירט אין זיבען שטאַטען פון אמעריקע מיט'ן הויפּט אָפיס אין סט. לואיס. אַן אָרדען פון אַ לאָקאַלען כאַראַקטער.

# „ריטער פון יוסף"

„נייטס אָוו דזשאָזעף", אַן אָרדען מיט'ן הויפּט אָפיס אין קליוולאַנד, צעהלט איבער 10 טויזענט מיטגלידער. געגרינדעט געוואָרען דעם 4טען פעברואר, 1896. האָט אָפּגעהאַלטען איבער 25 צוזאַמענפאָהרען, אָבער זיין טעטיגקייט איז ניט פון אַ ברייטען כאַראַקטער, וואָס זאָל פאַרדינען די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפענטליכקייט.

# „ברית שלום, פילאַדעלפיע"

געגרינדעט אין פעברואר, 1905. געגרינדעט זיך זעלבסטשטענדיג פון פילאַ־דעלפיער אידען, ניט געקומען צוליב אַ שפּאַלטונג ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע קאָנסערוואַטיווע אָרדענס. אַלס אַן אַלגעמיינער אידישער אָרדען איז ער פיל סימפּאַטישער פון פילע פון זיין קלאַס, האָט זיך ערוואָרבען אין לאַנד אַ גוטען נאָמען און ווערט ניט באַטראַכט אַלס אויסשליסליך פילאַדעלפיער אָרדען. איז פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. געווען אַ צייט ווען ער האָט געצעהלט ארום פופציג טויזענט מיטגלידער. דעם 1טען יאַנואַר, 1925, האָט ער אָבער געצעהלט בלויז 26 טויזענט מיטגלידער מיט אַ פאַרזיכערונגס־סומע פון איבער 12 מיליאָן דאָל.

זיין פּאַרמעגען האָט באַטראָפען 686 טויזענט דאָלאַר. דער אָרדען האָט איינגעפיהרט א „דיסאַביליטי" פאָנד פאַר פאַרלירען א האַנט, א פוס אָדער אַן אויג.

דער אָרדען האָט דערזעהן די געפאַהר פון דעם אַלטען אַסעסמענט פּלאַן, לויט וועלכען ער האָט זיך געגרינדעט אויף'ן מוסטער פון פילע אידישע אָרדענס און האָט אָנגעהויבען א שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר דער ענדערונג פון דעם סיסטעם. אויף זיין קאָנווענשאָן אין יוני, 1923, האָט ער אָנגענומען פּראָטוירנעל רייטס און זיי זיינען אריין אין קראַפט דעם 1טען יאַנואַר, 1924.

דער אָרדען האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין אידישען קאָנגרעס און ביי מעהרערע געלעגענהייטען זיך אַרויסגעוויזען גינסטיג צום ציוניזם און צו דער אויפבוי־אַרבייט אין ארץ־ישראל. פון די איינגערע אָרדענס איז ער איינער פון די טעטיגסטע און האָט אין איינפלוס אַריבערגעשטיגען פילע פון די עקזיסטירענדע אידישע אָרדענס. דער הויפּט־אָפיס איז אין פילאַדעלפיע.

# אָרדער בני ציון

ער באַלאַנגט צו דעם קלאַס פון אַלגעמיינע אידישע אָרדענס, אָבער ער איז פון א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. ציוניסטען האָבען דיזען אָרדען געגרינדעט אין יולי, 1907, אונטער'ן פּאָרזיץ פון באַקאַנטען ציוניסט, דר. מאַגנעס. דער אָרדען באַצוועקט די פאַראייניגונג פון זיינע מיטגלידער פאַר ציוניסטישע צוועקען (אָנגענומען באַזונדער פּראָגראַם, צאָלט א שקל). די גרינדער האָבען געדענקט, אַז זיי וועט געלינגען אָרגאַניזירען א גרויסע צאָל מיטגלידער אין א ציוניסטישען אָרדען, וועלכער זאָל שטאַרקען די ציוניסטישע טעטיגקייט אין אַמעריקע. דעם אָרדען איז עס אָבער ניט געלונגען. לויט דער צאָל איז ער פאַרבליבען א קליינע קערפּערשאַפט, אָבער ער האָט פילע פאַרדינסטען צו זיין קרעדיט. ערשטענס, האָט ער אָנגענומען א זיכערע סיסטעם פון לעבענס־פאַרזיכערונג פאַר זיינע מיטגלידער, דאָס קען מען זעהן פון זיין איבערשוס, אויך פון זיין פאַרמעגען (190 טויזענט דאָלאַר נעטאָ פאַרמעגען; 1 מיליאָן מיט 600 טויזענט דאָלאַר פאַרזיכערונג פאַר איבער 4,200 מיטגלידער — 1טער יאַנואַר, 1926). זיינע צאָלונגען זיינען לויט דער סיסטעם פון אַן אינשורענס קאָמפּאַניע („אַמעריקאַן עקספּיריענס טייבל אָוו מאָרטאַליטי עט 4%). נאַטירליך, ביליגער ווי אין אַן אינשורענס קאָמפּאַניע, ווייל די מעהרסטע אינשורענס קאָמפּאַניס האָבען זייערע צאָלונגען לויט 3% פאַרדינסט אויף זייערע פּרעמיומס (דער פּאַקטישער פאַרדינסט איז ביי זיי פיל גרעסער, אויך לייגען זיי אַרויף א לאַסט, „לאָודינג", אויף זייערע פּרעמיומס). דער אָרדען האָט פאַרדינסטען מיט זיין ציוניסטישער טעטיגקייט, דער עיקר אין די לעצטע יאָהרען ווען ער איז צוגעטראָטען צו אַקטיווער אַרבייט אין ארץ ישראל, גרינדענדיג די „דזשודעא אינדאַסטריעל קאָרפּאָריישאָן" וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר צוויי וויכטיגע אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל: „דזשודעא אינשורענס קאָמפּאַני" און „דזשודעא אינדאַסטריעל עקספּאָזישאָן" (אינדוסטריעלע אויסשטעלונג). דער אָרדען איז די לעצטע יאָהרען ניט גאַר האַרמאָניש אין זיין צוזאַמענאַרבייט מיט די אַלגעמיינע ציוניסטען. אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן זיינער, אין 1926, האָט ער דורך דער ווירקונג פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי אָנגענומען די פּראָגראַם פון די

ציוניסטען־רעוויזיאָניסטען. דער אָרדען באַשטעהט פון א בעל־הבית'יש־ציוניסטישען עלעמענט און איז אָהן צווייפעל ניט פון דעם זעלביגען טיפּ אָרדענס ווי די אלגעמיינע אידישע אָרדענס זיינען.

## אונטערגעגאנגענע ארדענס

מיר זיינען כמעט פארטיג מיט די אלגעמיינע אידישע ארדענס. ס'זיינען דאָ נאָך א פּאָר קלענערע ארדענס, ווי „ברית שלום" פון באַלטימאָר, אַן אָרדען אין פילאַדעלפיע, אָבער קיין גרויסע ראָל שפּילען זיי ניט. א היבשע צאָל ארדענס זיינען אונטערגעגאנגען א דאנק דער שלעכטער אָפּגעלעבטער אסעסמענט סיסטעם פון צאָלונגען. פון די וויכטיגסטע וואָס זיינען אונטערגעגאנגען, זיינען די ארדענס: „סאָנס אָוו בענדזשאמין", „סאָנס אָוו דזשייקאָבס", „סאָנס אָוו יהודה", „קשר של ברזל", „אהבת ישראל". מאנכע פון די אָרדענס האָבען אין א געוויסער צייט געשפּילט א ראָל און געצעהלט צעהנדליגע טויזענטער מיטגלידער.

אָבער זיי האָבען זיך אליין פאראורטיילט צום אונטערגאנג, א דאנק דעם וואָס זיי האָבען ניט פאראויסגעזעהן די געפאהר פון גלייכע און ניט גענייגענדע צאָלונגען פאר יעדען עלטער. די אסעסמענט סיסטעם איז געווען זייער מלאך המות.

# אידישע אַרבייטער אָרדענס

## ארבייטער רינג

די מעהרסטע אידישע אָרדענס זיינען געווען קאָנסערוואטיוו, אָהן פּרעטענזיעס אויף הויכע אידעאַלען. כבודים, קרקע, פילע לעבערליכע צערעמאָניעס האָבען אָנגע־פילט דעם אינהאַלט פון די אָרדענס. זיי זיינען ניט געווען באַווירקט פון א הויכען אידעאל, ווי עס איז דער פאַל איצט מיט מאנכע אָרדענס. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס דער ראדיקאלער איד האָט זיך געפיהלט פרעמד אין די אָרדענס און האָט זיך ניט געקאָנט איינלעבען אין זיי. די אידישע סאָציאַליסטען צו יענער צייט, סוף אכציגער און אָנהויב נייינציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט, זיינען געווען קאָסמאָפּאָליטיש־אסימילאַטאָריש. זיי האָבען געגלויבט אין דער נאָהענטקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און האָבען דערפאר ניט געהאַלטען פון אזוינע זאכען ווי אָרדענס, אפילו ארבייטער ארדענס. עס זיינען אָבער געווען איינצעלנע וועלכע האָבען אנדערש געקוקט אויפ'ן ענין און זיי זיינען פאראנטוואָרטליך פאר דער געבורט פון ערשטען אידישען ארבייטער ארדען אין אמעריקע — דער ארבייטער רינג. דער לעצטער איז ניט געשאַפען געוואָרען פון דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער און ארבייטער באַוועגונג, נאָר פון געצעהלטע, צווישען וועלכע עס זיינען געווען ב. פייגענבוים און ל. ראָזענצווייג.

דער ארבייטער רינג האָט געהאַט אין זין מעהר אידעאלע זאכען, דעם סאָציאַ־ליסטישען גייסט. פון „אידישקייט" האָבען זיי ווייניג וואָס געהאַלטען, נאַציאָנאַליזם איז ביי זיי געווען טריף; ס'איז כאראקטעריסטיש, אז די ערשטע קאָנסטיטוציע פון ארבייטער רינג איז געשריבען געוואָרען אין א מין דייטשמערישען לשון (אין יאָהר 1982, שפּעטער איבערגעזעצט). זיי האָבען, ווי עס ווייזט אויס, זיך ניט געקאָנט באַפרייען אין גאנצען פון איינפלוס פון די אלגעמיינע ארדענס, וועלכע

האבען זיך געפיהרט אין דייטש, אנדערש קען מען ניט פארשטעהן פון וואנען עס האט זיך גענומען צו די גרינדער פון ארבייטער רינג א דייטשמערישער אידיש. דער ערשטער פאראיין איז געגרינדעט געווארען אין 1892 און ביז 1900 איז ער געווען דער איינציגער. אין יאהר 1900 זיינען שוין געווען נאך 2 פאראיינען, אין ברוקלין און אין ניו יארק און זיי האבען זיך פארבונדען מיט'ן צוועק צו גרינדען פאראיינען איבער'ן לאנד. ס'איז צוגעקומען נאך א פאראיין און אזוי איז דער ארבייטער רינג געווארען אן ארדען פון 400 מיטגלידער. אין 1901 האט ער שוין אפגעהאלטען זיין ערשטען צוזאמענפאהר, אויף וועלכען ס'זיינען פעסטגעשטעלט געווארען די אנגע־נומענע פרינציפען־דערקלערונג און די בענעפיטען פון ארבייטער רינג.

די גרינדונג פון ארבייטער רינג איז געווען א דערפרישונג פאר'ן ראדיקאלען מענשען. ער איז פטור געווארען פון די נארישע מנהגים און צערעמאניעס, ער האט זיך געקאנט פיהלען אויף זיין פארזאמלונג פרייער. די סאציאליסטישע פארטיי האט געקוקט ניט זעהר פריינדליך אויף דער גרינדונג פון ארבייטער רינג, מען האט עס געהאלטען פאר ארויסגעווארפענער ארבייט. שפעטער, מיט'ן וואוקס פון ארבייטער רינג האט זיך די שטעלונג געביטען. דער ארבייטער רינג איז געווארען א גרויסער כח, דער גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען, א זיכערע פינאנציעלע אינסטיטוציע, וואס האט געקאנט זעהר פיל לייסטען און האט ווירקליך פיל אויפגעטאן אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג האט דורכגעמאכט אינטערעסאנטע צייטען, פארשיידענע גלגולים, איז מעהרערע מאל געווען אין גרויס געפאהר, דורכגעמאכט ביטערע קאמפען, אבער זיין וואוקס האט עס ניט געשטערט.ביים אנהויב האט די לייטונג באשלאסען זיך אפגעבען בלויז מיט בענעפיטען, איבערלאזענדיג די קולטור־ארבייט פאר די ברענטשעס. די פראגע פון שווינדזיכטיגע אידישע ארבייטער איז געווען אן ערנסטע און דער ארבייטער רינג האט איינגעפיהרט אן אייגענעם סאנאטאריום־בענעפיט, געשטיצט די גרינדונג פון דענווער סאנאטאריום און שפעטער געגרינדעט אן אייגענעם סאנאטאריום אין ליבערטי (אפריל, 1910).

שווערע צייטען האט דער ארבייטער רינג דורכגעמאכט צוליב דער טשארטער־פראגע. עס האט געהאלטען ביי שפאלטונגען. מאנכע פאראיינען האבען זיך ארגא־ניזירט צו קעמפען געגען דעם ארויסקריגען פון טשארטער, צוליב וועלכען ס'האבען זיך געפאדערט ענדערונגען אין די פרינציפען און אין דער קאנסטיטוציע. די קאנ־ווענשאן פון 1904 איז געווען א שטורעמדיגע. פרויען ברענטשעס האבען זיך פאראייניגט מיט דער אפאזיציע צו קעמפען געגען טשארטער. ס'איז געווען דאן א קריטישער מאמענט אין ארבייטער רינג, אבער ער איז איהם איבערגעקומען ווי פילע אנדערע קריזיסען. אין נאוועמבער, 1905, האט דער ארבייטער רינג געקראגען זיין טשארטער אין ניו יארק.

א שטארקען שטויס פארווערטס האט דעם ארבייטער רינג געגעבען די אידישע ארבייטער איינוואנדערונג נאך דער רוסישער רעוואלוציע. ער איז דאן מיט אמאל אויסגעוואקסען צו א גרויסער ארגאניזירטער מאכט. דער בונדיסטישער איינפלוס האט זיך דאן שטארק דערפילט אין ארבייטער רינג.

אבער לאנג רוהיג האט דער ארבייטער רינג ניט געקאנט פארבלייבען. עס האט זיך אנגעהויבען די „מאסס.־פראגע", צוליב די געזעצען פון מאסאטשוזעטס בנוגע ארדענס. דער געזעץ האט געפאדערט „פראטווירנאל רייטס", ד. ה. א סיסטעם פון וויסענשאפטליך אויסגערעכענטע צאלונגען לויט יעדען עלטער, באגרינדעט אויף די טאבעלען, אויטאריזירט פון „נעשאנאל פראטווירנאל קאנגרעס". דער ארבייטער רינג האט אבער געהאט די זעלביגע סיסטעם ווי די אנדערע ארדענס, ד. ה. א סיסטעם פון גלייכע צאלונגען פאר יעדען, לויט'ן אסעסמענט פלאן, צעווארפענדיג די הוצאות אויף אלע מיטגלידער גלייך. דער ארבייטער רינג איז ניט געווען גרייט צו מאכען די ראדיקאלע ענדערונג, וואס ער האט געטאן שפעטער. אבער ברענטשעס פון מאסס. האבען געשטורעמט און געפאדערט „געזעצליכקייט", און אין 1907 האט דער ארב. רינג פון יוצא ווענגען באשלאסען אז די מאסס. ברענטשעס זאלען ארויסנעמען א טשארטער אונטער'ן נאמען „אינדעפענדענט ארדער ארבייטער רינג". דאס נייע קינד האט זיך אבער פלוצלינג דערפיהלט זעלבסטשטענדיג און אנשטאט צו פיגורירען אלס צווייג, האט ער זיך אנגעהויבען פיהרען ווי א בעל־הבית, ווי א קאנקורענט. ער האט אנגעהויבען גרינדען פאראיינען אין אנדערע שטאטען, ס'האט זיך אנגעהויבען א ברודער־קריג, אין די יאהרען 1909 און 1910. דער ארבייטער רינג האט ענדליך געגרינדעט אין מאסאטשוזעטס סטייט אן אפאזיציאנס ארדען „לייבאר ליג" (שפעטער זיך ווידער צוזאמענגעגאסען מיט'ן ארבייטער רינג, נאכדעם ווי דער לעצטער האט דערהאלטען זיין טשארטער אין מאסאטשוזעטס).

די קולטור ארבייט האט אויך דורכגעמאכט פארשיידענע צייטען. די „אלטע" האבען געקוקט קרום אויף קולטור ארבייט, דער עיקר, אויף אידישער קולטור ארבייט, וואס די „יונגע" האבען אנגעהויבען פאדערען און איינפיהרען אין ארבייטער רינג. די „אלטע" האבען ביטער באקעמפט אלע נייע ענדערונגען, געקעמפט זאגאר געגען ארויסגעבען אן אייגענעם זשורנאל, „דער פריינד". דער „פארווערטס", האבען זיי גע'טענה'ט, איז גוט גענוג פאר זיי. פאר א קורצער צייט האבען די „יונגע" געזיגט. ס'האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג פאר ארבייטער רינג שולען (אהן צווייפעל, אונטער'ן דרוק פון דעם ניט לאנג־געגרינדעטען אידיש־נאציאנאלען ארבייטער פאר־באנד). די פיהרער האבען ענדליך צוגעשטימט צו דער גרינדונג פון שולען, אבער מיט א האלבען הארץ. ביז היינטיגען טאג זיינען דא פיעלע אלטע פיהרער, וועלכע וואלטען גערן זיך באפרייט פון יעדער אידישער קולטורעלער טעטיגקייט.

דער ארבייטער רינג לעבט איצט דורך א קאמף צווישען „לינקע" און „רעכטע".

דער ארבייטער רינג איז ווירקליך געווארען א גרויסער כח און געטאן פיל ארבייט. אין דער פאלקס הילף טעטיגקייט האט ער זיך אויסגעצייכענט. ער איז געווארען א סך „אידישער". דער קאסמאפאליטישער בליק האט שוין אנגעווארען זיין צויבער אויף די מיטגלידער. דער דרוק פון צייט, די ענדערונגען אין אידישען לעבען און אין דער סאציאליסטישער וועלט האבען געווירקט אויך אויפ'ן ארבייטער רינג. ער איז איצט אומבאוואוסטזיניג נאציאנאליסטישער, כאטש ער האט עס ניט אין זיינע פרינציפען־דערקלערונגען; גלייכגילטיג, און צייטענווייז אפילו פיינטליך, איז ער פארבליבען צו דעם קאמף פאר א אידישער נאציאנאלער היים אין ארץ־ישראל. דער ארבייטער רינג צעהלט איבער 80 טויזענט מיטגלידער און האט א פארמעגען פון 3 מיליאן דאלאר.

דער עלעמענט פון ארבייטער רינג איז ווייט ניט אויסשליסליך אַן ארבייטער עלעמענט. די עקאָנאָמישע ענדערונגען פון אידישען לעבען אין אמעריקע לאָזען זיך פיהלען גאַנץ שטארק אין ארבייטער רינג. ס'איז אַ גרויסער ספק, אויב זיין מעהרהייט היינט צו טאָג באשטעהט פון ארבייטער, ער האָט אָבער די טראַדיציע פון אַן ארבייטער קערפּערשאַפט און די לייטונג היט עס אָפּ.

דער ארבייטער רינג איז א זייל פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע.

## אינדעפּענדענט ארבייטער רינג

ווי אָנגעגעבען, איז די גרינדונג פון דיזען ארבייטער אָרדען געקומען צוליב טעכניש־געזעצליכע טעמים. אכט ברענטשעס אין מאַסס. האָבען אין 1906 זיך אָפּגעטיילט פון ארבייטער רינג און זיך אַ נאָמען געגעבען „ארבייטער רינג פון מאַסס., אינק.‟ (שפּעטער אומגעביטען אויפ'ן נאָמען „אינדעפּענדענט ארבייטער רינג‟). דער שטאַט מאַסאַטשוזעטס האָט אין יאָהר 1901 אָנגענומען א שטרענגען געזעץ וואָס האָט מער קאָנטראָלירט די געשעפטען פון די ארדענס און האָט געפאָדערט א זיכערע און אויסגעהאַלטענע סיסטעם פון צאָלונגען. דאָס איז דאן באקאנט געווען אונטער'ן נאָמען פון „פּראַטווירנאַל רייטס‟ (באַזירט אויף א טאַבעלע פון „נעשאָנאַל פראַטווירנאַל קאָנגרעס‟. עס זיינען דאָ אויך אנדערע טאַבעלען, דער איד.־נאַצ. ארב. פאַרבאַנד, למשל, און די „בני ציון‟ אָפּערירען לויט דער „אַמעריקען עקספּיריענס טייבל אָוו מאָרטאַליטי עט 4%, אַן עטוואָס העכערע, דערפאַר אָבער אַ מעהר זיכערע סיסטעם פון צאָלונגען). די ערשטע צייט איז דער נייער ארדען געווען פריינדליך צום ארבייטער רינג, אייגענטליך זיין קינד, אָבער ס'האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און אַ מלחמה האָט אויסגעבראָכען אויף לעבען און טויט, א מלחמה מיט פּולווער און קרבנות. מעהרערע מאָל האָט מען גערופען קאָנפערענצען צוליב שלום, אָבער ס'האָט זיך מיט גארנישט אויסגעלאָזען. אין 1908, אויף א קאָנפערענץ אין ניו בריטיין, האָט דער ארבייטער רינג געפאָדערט, אז דער אינדעפּענדענט ארב. רינג זאָל זיך קאָנצענטרירען אויף מעין, מאַסס. און ניו העמפּשייר. די פיהרער פון אינד. ארבייטער רינג האָבען זיך דערקלערט גרייט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג אונטער'ן באדינג, אז דער ארבייטער רינג זאָל זיך אין דריי יאָהר ארום צוריקציהען פון ניו ענגלאַנד און איבערגעבען זיינע ברענטשעס דעם נייעם ארדען. דער ארבייטער רינג האָט זיך ענטזאָגט. נאָכדעם איז געשאַפען געווארען א נייער אָפּמאַך (אונטערגעשריבען אין 1909) לויט וועלכען דער אינד. ארבייטער רינג האָט דאָס אויסשליסליכע רעכט אין ניו־ענגלאַנד. דער ארבייטער רינג קאָן בלייבען מיט זיינע עקזיסטירענדע ברענטשעס אין מאַסס. אָבער טאָר ניט אויפנעהמען קיין נייע און ניט רעאָרגאַניזירען אויפגעלייזטע ברענטשעס; קאָנעקטיקוט און ראָוד איילאַנד זאָלען בלייבען נייטראַל פאר ביידע ארדענס, אָבער קיינער זאָל ניט אויפנעמען ברענטשעס אפּגעריסען פון דעם אנדערען ארבייטער ארדען. אויך דער אָפּמאַך איז ניט אריין אין קראַפט. און דער קריג האָט אָנגעהאַלטען ביז אַפּריל, 1910, ווען דער אינשורענס קאָמישיאָנער פון מאַסס. האָט ארויסגענומען אַן אינדזשאָנקשאָן געגען דעם ניו יאָרקער ארבייטער רינג, פאַרבאָטענדיג איהם צו טאָן געשעפטען אָהן א טשאַרטער פון מאַסס. די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער ארבייטער רינג האָט אָבער

געגרינדעט דעם „לייבאר ליג״ צו באקעמפען די „אינדעפענדניקעס״, ווי אויך
אנצוהאלטען זיינע מיטגלידער.

דער אינדעפענדענט ארבייטער רינג האט ניט ארויסגעוויזען קיין צו־גרויסען
וואוקס, טראצדעם וואס ער האט געזוכט זיך צו פארשפרייטען אין יעדען ווינקעלע
פון לאנד. ער גיט ארויס אן אייגענעם זשורנאל, „דאס נייע ווארט״, האלט אן
אייגענע פאלקס־שולען, זיין גייסטיגע פיזיאגנאמיע איז אבער שווער צו באשטימען.
אט איז ער, דאכט זיך, שטארק נאציאנאליסטיש־אידיש, נאהענט צו ארץ־ישראל־
טעטיגקייט, אזוי אז מען קלערט א געוויסע צייט וועגען דער מעגליכקייט צו פאר־
אייניגען איהם מיט'ן נאצ. ארב. פארבאנד, און אט שמייכעלט ער צו די „לינקע״,
צום קאמוניזם. זיין נעט פארמעגען איז ארום 100 טויזענט דאלאר. פארזיכערונגס־
פאראנטווארטליכקייט פאר זיינע מיטגלידער טראגט ער איבער דריי־און־א־האלב
מיליאן דאלאר. ער גיט ארויס פאליסים ביז 1,000 דאלאר, גיט אויך קראנקען
בענעפיט.

## אידיש־נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד

דער אידיש־נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד איז דער איננסטער אידישער
ארבייטער ארדען אין אמעריקע. זיין גרינדונג האט ער צו פארדאנקען ריין פרינ־
ציפיעלע אורזאכען. זיינע גרינדער זיינען געווען א גרופע פועלי ציון, אייניגע
סאציאליסטען־טעריטאריאליסטען און איין סיימיסט. די גרופע האט ניט געפונען
קיין גייסטיגע באפרידיגונג אין קיינעם פון די עקזיסטירענדע אידישע און ארביי־
טער ארדענס אין אמעריקא. די ערשטע זיינען געווען פאר זיי צו קאנסערוואטיוו
און אפגעלעבט, די אנדערע צו־פרעמד צו זייערע אידעאלען. אין יאהר 1908 איז די
ערשטע גרופע געבילדעט געווארען אין פילאדעלפיע. ס'איז געווען דאן די פריהלינגס־
צייט פון דער נייער ריכטונג אין אידישען ארבייטער לעבען אין אמעריקע, דער ריכטונג
פון נאציאנאלען סאציאליזם. די ריכטונג האט ביטער באקעמפט די קאסמאפא־
ליטישע אידעאלאגיע, יעדע אסימילאטארישע טענדענץ, האט לעבעדיג און אגרעסיוו
געקעמפט צו געווינען א פאזיציע פאר זיך אין אידישען ארבייטער לעבען און האט
אויסגעקליבען די ארגאניזאציאנס פארם פון א אידישען ארבייטער ארדען כדי „צו
בילדען א לאנד ־פארבאנד וואס זאל זיין א נייער טיפ פון א אידישען ארדען, גע־
שפייזט פון אידעאל פון נאציאנאלער און סאציאלער אויפלעבונג״ (פון ערשטען
אויפרוף). ס'איז געווען נאך א וויכטיגער גרונט: דאן האט זיך שטארק געפיהלט
דער קאמף צווישען די פועלי ציון און סאציאליסטען־טעריטאריאליסטען, האט מען
געזוכט אן ארגאניזאציע וואס זאל אויסמיידען דעם פרינציפיעלען קאמף און זיך פאר־
שטענדיגען אויף פראקטישער ארבייט. פון ערשטען טאג אן האט דער ערשטער
פאראיין אנערקענט די וויכטיגקייט פון אויפבוי־ארבייט אין ארץ ישראל, אנגעפיהרט
פון די אידישע ארבייטער. דער צענטראל קאמיטעט פון פועלי ציון האט די ערשטע
צייטען געקוקט קרום אויפ'ן נייעם פאראיין, אבער אויפ'ן פארטיי־ראט, אין באפעלא
(1908) און אויף דער פאראייניגונגס קאנווענשאן, אין שיקאגא (סעפט., 1909) האט
די אידעע פון אידיש־נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד געזיגט. דער פאראיין אין
פילאדעלפיע האט א געוויסע צייט פונקציאנירט אלס איניציאטיוו קאמיטעט, גע־
האלפען גרינדען אנדערע פאראיינען, שפעטער איבערגעגעבען די פיהרערשאפט צו

ברענטש 4 אין פּיטסבורג, וועלכער האָט אין יוני, 1910, צוזאַמענגערופען די ערשטע קאָנפערענץ אין ראָטשעסטער. דאָרט זיינען אנגענומען געוואָרען די פּרינציפּען מיט אָפענע טירען פאַר יעדען נאַציאָנאַל-סאָציאַליסט. דער פּאַלעסטינע-ארבייטער-פאָנד איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרען. די וויכטיגקייט פון גרינדען אידישע פאָלקס-שולען איז פּראָקלאַמירט געוואָרען, וואָס האָט מיט איניגע מאָנאַטען שפּעטער (נאָך דער מאָנטרעאַלער קאָנווענשאָן פון די פּועלי ציון) געפיהרט צו דער ערשטער אידישער פאָלקס-שול אין ניו יאָרק (לויט זשיטלאָווסקי'ס מיינונג — די ערשטע אידישע פאָלקס-שול אין דער וועלט).

דער פאַרבאַנד האָט אויך געהאַט שווערינקייטען מיט ארויסקריגען זיין טשאַרטער (ענדליך געקראָגען דעם 6טען יאַנואַר, 1913). זיין ערשטע קאָנווענשאָן האָט ער אָפּגעהאַלטען אין אָלבאַני. אין דער צווישען-צייט האָט ער געהאַט אויך אַ פאַרבאַרייטונגס-צוזאַמענפאָהר אין פּיטסבורג אין 1911. די אָלבאַני'ר קאָנווענשאָן איז געווען די קאָנווענשאָן וואָס האָט באַשטימט די גייסטיגע פיזיאָנאָמיע פון אָרדען. שולען און קולטור טעטיגקייט האָבען פאַרנומען דעם אויבען-אָן, ארץ ישראל טעטיגקייט איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אין די גרונד-פּרינציפּען פון פאַר-באַנד. זינט יענער צייט הויבט זיך אָן די טעטיגקייט פון פאַרבאַנד אויף די פאַר-שיידענע געביטען פון אידיש-אמעריקאַנישען ארבייטער לעבען.

ער האָט זיך באַטייליגט אין יעדער וויכטיגער ערשיינונג. ער איז מעהרערע מאָל געווען דער איניציאַטאָר פון פילע אונטערנעמונגען און ארבייטען, געשפּילט זעהר אַ באַדייטענדע ראָל אין דער אידישער קאָנגרעס באַוועגונג, אין דער פאָלקס-הילף ארבייט. ער איז געווען אקטיוו אין העלפען אויסקעמפען אידישע און העברעאישע אָפּטיילונגען אין פילע שטאָדט-ביבליאָטעקען פון לאַנד. ער האָט ארויסגעגעבען פילע בראָשורען, געגרינדעט אין פאַרשיידענע צייטען שולען פאַר דערוואַקסענע, געהאָלפען גרינדען דעם אידישען לערער סעמינאַר, שטאַרק געשטיצט דעם אידישען ארבייטער קאַמף אין ארץ-ישראל, געהאָלפען אין דער גרינדונג פון אַ סאַנאַטאָריום אין ארץ ישראל, געגרינדעט אַ צאָל זעלבסטשטענדיגע פרויען קלובען מיט פולע רעכט ווי די מענער פאַראיינען.

דער פאַרבאַנד האָט אויסגעאיבט אַ היבשען איינפלוס דרויסען און געווירקט גינסטיג אויך אויפ'ן ארבייטער רינג. דער פאַרבאַנד איז קיינמאָל ניט אריינגעצויגען געוואָרען אין דער קאָנקורענץ מיט אנדערע אָרדענס, ער איז געווען עטיש אין זיינע פאַרזוכען און איז פאַרבליבען פריי פון אָרדען-פּאָליטיק און כבודים-זוכעניש. ער איז פאָלקסטימליך אידיש און שטעהט אונטערן איינפלוס פון נאַצ. סאָצ. אידעאַל.

קיין צו-גרויסען וואוקס האָט דער פאַרבאַנד ניט באַוויזען, אבער פינאַנציעל איז ער זעהר סאָליד און שטאַרק, האָבענדיג אַ פאַרמעגען פון איבער אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר פאַר 2 מיט אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר פאַרזיכערונגס-פאַראַנטוואָרט-ליכקייט.

ער גיט ארויס פּאָליסים ביז 2 טויזענט דאָלאַר, זיין סיסטעם איז ווי פון אַן אינשורענס קאָמפּאַני, מיט וויכטיגע פּריווילעגיעס פאַר זיינע מיטגלידער.

לעצטענס טראַכט דער פאַרבאַנד וועגען פאַרבינדען זיך ענגער מיט ארץ ישראל אויפ'ן געביט פון לעבענס-פאַרזיכערונג פאַר ארבייטער. צוליב דעם צוועק האָט ער

געשיקט אַ פאָרשטעהער אין ארץ ישראל, אויסצופאָרשען די מעגליכקייטען פון אזא אונטערנעמונג, ווי די גריגדונג פון אן ארבייטער פארזיכערונגס־געזעלשאפט מיט'ן הויפט צענטער אין ארץ־ישראל.

דער פארבאנד גיט ארויס א מאָנאַטליכען זשורנאל, „די אידישע ארבייטער שטימע".

דער פארבאנד האָט שוין אָפּגעהאלטען צעהן קאָנווענשאָנס. זיין יובילעאום־קאָנווענשאָן האָט ער געפייערט אין מאי, 1926, אין ניו יאָרק.

---

די אידישע אָרדענס פון אמעריקע צעהלען ארום א האלבען מיליאָן אידען, זייער פארמעגען איז איבער 9 מיליאָן דאָלאר, זייער פארזיכערונגס־פאראנטוואָרט־ליכקייט — נאָהענט צו 130 מיליאָן דאָלאר. דאָס זיינען ציפערען וועלכע מען מוז נעמען אין אכט, ווי ריהרען אָן אַזוי פיל אידישע נפשות אין אמעריקא.

די צוקונפט פון די אידישע אָרדענס איז שווער פאראויסצוזאָגען, צופיל אָפּטי־מיסטיש קען מען ניט זיין, ווען מען גיט א בליק אויף די אונטערגעגאנגענע אָרדענס און אויף דער לאגע פון פילע פון די עקזיסטירענדע אידישע אָרדענס, וואָס איז פול מיט געפאהר. די אָרדענס וועלכע האָבען באצייטענס געזעהן די שריפט אויף דער וואנט און געענדערט זייער סיסטעם פון צאָהלונגען, האָבען פארבעסערט זייער לאגע. די אנדערע וועלכע לייגען אלץ אָפּ, וועלען זיך אין גיכען דערפיהלען אין די נעגעל פון מלאך המות.

דאָס איז בנוגע דער פינאנציעלער זייט. אויך בנוגע דער סאָציאלער זייט, דעם אינהאלט פון די אָרדענס איז דאָ פיל צו ריידען.

מיט דער איינאָרדנונג פון דעם אידען אין אמעריקא, מיט זיין איינבירגערען זיך אין לאנד ווערט פאר איהם ניט אזוי נויטיג צו זוכען „לאנדסלייט" און „פריינד" אין אידישע אָרדענס. געהען טאקע פילע אוועק אין די גויאישע אָרדענס. נאָר די אָרדענס וואָס קאָנען געבען א ווירקליכען אינהאלט פאר זייער עקזיסטענץ און טעטיגקייט און גלייכצייטיג זיך צופאסען צו די בעסערע זייטען פון אמעריקאניזירונג, וועלען האָבען ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען.

# דער העברעאישער שול־וועזען אין אַמעריקא

פון אברהם לעווין.

די אידישע ערציהונג אין אַמעריקא איז אַזוי אַלט, ווי דער אידישער ישוב דאָ אין לאַנד. פון דער אַלטער היים האָבען די אידען מיטגעבראַכט אַהער מיט זיך דעם דראַנג נאָך דעם אַלטען טראַדיציאָנעלען אידישען חנוך צוזאַמען מיט די אייגענאַרטיגע אידישע ערציהונגס־אַנשטאַלטען — דעם חדר און די תלמוד תורה.

אָבער דער גרעסטער טייל פון דעם האַלבען יאָהרהונדערט פון אידישער ערציהונג האָט דאָ, אויף דעם באָדען פון אַמעריקא, קיין פרוכט ניט געטראָגען און ניט געקענט טראָגען. כאַאָס און הפקרות האָבען געהערשט דאַן אין דער אידישער ערציהונג אין דעם לאַנד. יענע צייט קען מיט רעכט באַצייכענט ווערען אַלס „די תקופה פון קעלער" אין דער געשיכטע פון דעם אידישען חנוך אין אַמעריקא. אַן עדה אידען פלעגט אויסבויען אַ שולכעל, אָדער אַ בית המדרש, פלעגט מען אונטען, אין קעלער, מאַכען פּלאַץ אויך פאַר אַ תלמוד תורה, און דאָרט, אין דעם טונקעלען, פייכטען „בייסמענט", פלעגט מען ערציהען די אידישע קינדער פון אַמעריקא.

און ניט נאָר די אידען פון געטאָ — אפילו די רייכערע, די „יאהודים", האָבען אַזוי „ערצויגען" זייערע קינדער, און אין דער צייט, וואָס זיי, די רעפאָרם־אידען, האָבען שוין באַוויזען „צו שטייגען" אויף דעם לייטער פון סאָציאַלען פּראָגרעס און ארויפּאַרבייטען זיך אין דער גאָלדענער מדינה, האָבען זיי אָבער זייערע קינדער מיט דער „סאַנדיי־סקול" נאָך אַלץ געלאַזען אין קעלער.

און ווי דער פּלאַץ — אַזוי דער גייסט. פון קיין פּראָגראַם און לעהרער־מעטאָדען איז קיין זכר ניט געווען, פון קיין תכלית — קיין שפור ניט. דאָס גאַנצע ביסעל „תורה", וואָס דאָס קינד האָט געקראָגען אין דער שולע, איז געווען אַביסעל „עברי", קדוש, קדיש און הפטורה. די אידישע ערציהונג איז דאַן געווען אַ מין יוצא זיין פאַר גאָט און לייט, אָהן אַ ריכט־שנור און אָהן קיין שום צוועק און זין. דער תלמיד האָט געלערנט און געלערנט, ביז דאָס לערנען איז איהם פאַר'נמאס'ט געוואָרען און ער איז אַרוים — אויף דער פריי.

ניט וויינינער אָפּגעשטאַנען איז די תלמוד תורה געווען אין פינאַנציעלער הינזיכט. דער „בודזשעט" איז געדעקט געוואָרען פון אַלערליי שנאַר־מיטלען און ווענינער פון אַלץ — פון שכר למוד. דער לעהרער האָט באַקומען דאָס קלענליכסטע געהאַלט און האָט געדאַרפט אונטערפּעדלען אין זיין פרייער צייט, כדי צו פאַרדינען אויף דער חיונה.

אַזוי האָט זיך געצויגען די הפקר־תקופה אין דער אידישער ערציהונג אין אַמעריקא ביז מיט קנאַפּע צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען באַווייזען אַ נייע טענדענץ אין דעם אידישען חנוך און אַ שטרעבען איז אַנטשטאַנען צווישען פאַרשידענע טיילען פון די אידישע אימיגראַנטען־מאַסען און באַזונדערס

צווישען זייערע פיהרער, ארויסצופיהרען די אידישע ערציהונג אין אמעריקא פון דעם קלעגליכען צושטאנד און איינפלאנצען א מאדערנעם העברעאישען שול־וועזען. אין 1910 האט זיך געגרינדעט די ביורא פאר אידישער ערציהונג (לשכת החנוך העברי) ביי דער אידישער קהלה אין ניו יארק, וואס האט קאנצענטרירט ארום זיך די מעהרסטע באדייטענדע קרעפטען אין דער העברעאישער ערציהונגס־וועלט פון יענער צייט און האט זיך געשטעלט אלס ציעל אויפהויבען דעם אידישען חנוך דא, אין לאנד, פון זיין געפאלענקייט און ארויפפיהרען איהם אויף דער געהעריגער מדרגה. פאראלעל מיט דעם האט זיך אויך אנגעהויבען אן אלגעמיינער אויפשוואונג אין דער אידישער ערציהונג איבער'ן לאנד, און מיט'ן וואוקס פון די אידישע קהלות אין די פארשידענע פראווינץ־שטעדט, האט זיך אנגעהויבען צו מערקען א טענדענץ אוועקצושטעלען די ערציהונגס־ארבייט אין צענטער פון דער גאנצער לאקאלער אידיש־געזעלשאפטליכער אקטיוויטעט.

די וועלט־מלחמה האט אפגעשטעלט אויף א ווײלע דעם ווייטערדיגען אויפשוואונג פון דער אידישער ערציהונג אין לאנד. אבער באלד איז צוזאמען מיט דעם און אין דערזעלבער צייט אויך געקומען אן אינדירעקטער שטויס צו א פארגרעסערטער אקטיוויטעט אויף דעם געביט. די גרויסע הילפס־ארבייט פאר די מלחמה־ און פאגראם־קרבנות אין אייראפא, וואס האט ווי א פייער ארומגעכאפט דאס גאנצע לאנד און האט אפשר מעהר ווי אלץ ביז דאן אויפגעוועקט דאס נאציאנאלע באוואוסטזיין ביי די ברייטע אידישע מאסען און די ציוניסטישע פראפאגאנדא אויף דער אידישער גאס במשך פון יאהרען, וואס האט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע מיט דער באלפור־דעקלאראציע און מיט די נייע אויסזיכטען אויף א גרויסער און שוואונגרייכער ארץ־ישראל אויפבוי־ארבייט — דאס אלץ האט מיט־געהאלפען דעם אויפשוואונג פון דער אידישער ערציהונג אין אמעריקא און האט פארשנעלערט איהר פראגרעס.

און אין איינע פופצעהן יאהר האט דער אידישער חנוך אין אמעריקא באקומען א גאנץ נייעם פנים. אמת, דער צושטאנד פון דער אידישער ערציהונג איז נאך ווייט־ווייט פון דעם, וואס ער זאל און קאן זיין, אבער אויך ווייט איז ער פון דעם, וואס ער איז געווען ערשט מיט א יאהר צוואנציג צוריק, און וואס איז וויכטיגער ווי אלץ — די טענדענץ, וואס מערקט זיך אין איהם, איז צו ווייטערדיגען פארטשריט און פראגרעס. די הונדערט פארטגעשריטענע העברעאישע פאלקס־שולען, פארשפרייט איבער'ן לאנד, דינען אלס אן אנזאג פאר דער צוקונפט.

דעם אויפשוואונג אין דער אידישער ערציהונג פאר די לעצטע אנדערהאלבען צעהנדליג יאהר איז צו מערקען אויף אלע געביטען. צום אלעם ערשטען קומט די באפרייאונג פון דער לעהר־אנשטאלט פון דער אפטרופסות פון דער שוהל און איהרע גבאים און שמשים, און פון זייער שעדליכען קאנטראל. די תלמוד תורה איז ארויסגענומען געווארען פון דעם קעלער אונטער'ן בית מדרש און איז אוועק־געשטעלט געווארען אלס אויטאנאמע ערציהונגס־אנשטאלט, אונאפהענגיג פון דער שוהל און אהן קיין שום פארבינדונג מיט איהר, און גרויסע און פאסיגע, איינגאנצען זעלבסטשטענדיגע געביידעס זיינען אויסגעבויט געווארען אין די פארשידענע שטעדט איבער'ן לאנד, מיט וועלכע די אידישע קינדער דארפען זיך ניט שעהמען אפילו נעבן די פראכטפולע אמעריקאנער פאלקס־שול־בנינים.

אַט די ערשיינונג פון ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע לעהר־אַנשטאַלטען, אָהן קיין צוזאַמענהאַנג מיט שוהלען און „קאָנגרעגיישאָנס“, איז דער ערשטער אַנטשיידענדער שריט, וואָס די אידישע ערציהונג אין אַמעריקא האָט געמאַכט אויפ׳ן וועג פון איהר פּראָגרעס, און זיינע רעזולטאַטען האָבען ניט פאַרפעהלט צו לאָזען זיך מערקען גאַר גיך. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס זוכען פון אַ ת כ ל י ת אין דעם אידישען חנוך און מיטלען צו זיין דערגרייכונג — אַ זאַך, וואָס איז פריהער געווען אינגאַנצען פרעמד דער וועלט פון אידישער ערציהונג אין אַמעריקא — און דאָס אַליין איז שוין פון גרעסטען ווערט פאַר׳ן פּאָרטשריט און ערפאָלג פון דער ערציהונג. ביסלעכווייז איז אַלץ קלאָרער און קלאָרער געוואָרען דער פּרצוף און דער מהות פון דער מאָדערנער העברעאישער שולע אין אַמעריקא: זי איז אַ טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלע ערציהונגס־אַנשטאַלט, וואָס באַצוועקט אויפצו־האַלטען דאָס אידישע קינד פאַר׳ן אידישען פאָלק דורך די קוואַלען פון דער אַלטער און נייער אידישער קולטור, העברעאישע שפּראַך און דער האָפנונג אויף אַ פולער ערלייזונג אין ארץ ישראל. מיט אַט דעם ציעל פאַר די אויגען זוכט מען די מיטלען צו זיין דערגרייכונג.

און אויך דאָ — אויף דעם געביט פון לעהר־פּראָגראַם און מעטאָדיק — איז די היינטיגע מאָדערנע תלמוד תורה ווייט־ווייט אַוועק פון יענעם קעלער־חדר פון צוואַנציג יאָהר צוריק. איהר לעהר־פּראָגראַם נעמט אַרום אַ גאַנץ ברייטע באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער געשיכטע, חומש און אַ באַדייטענדען טייל פון די נביאים און אַ ידיעה — אמת; ווייט ניט קיין גרינדליכע, דאָך אין די מעהרסטע פאַלען אַ גאַנץ באַדייטענדע, וואָס לייגט אַוועק אַ פעסטען יסוד פאַר ווייטערדיגען שטודיום אין דער העברעאישער שפּראַך. דערצו ווערט אין די מעהרסטע פּאָרטגע־שריטענע העברעאישע שולען אויך אָפּגעגעבען פּלאַץ פאַר די וויכטיגסטע לויפענדע געשעהענישען אין אונזער לעבען אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, מיט דער כונה—צונויפצובינדען דאָס אידישע קינד מיט׳ן לעבעדיגען פאָלק און זיינע האָפנונגען און נויטען. די פּאָרטגעשריטענע העברעאישע שולע איז דורכגעדרונגען נאַטיר־ליכערהייט מיט דעם גייסט פון דעם נייעם ארץ־ישראל און זיינע הערזאָישע שאַפונגען. אויך אין דער מעטאָדיק פון העברעאישען אונטערריכט ווערען צאָהל־רייכע פּרואוון געמאַכט צו מאָדערניזירען און פאַרגרינגערען די ארבייט פון דעם לעהרער און דעם שילער צוגלייך דורך איינפיהרען מעהר צוגעפּאַסטע פּעדאַגאָגישע סיסטעמען פאַר׳ן לערנען די פאַרשידענע טיילען פון פּראָגראַם. אַ גרויסע צאָהל פון העברעאישע לעהר־ביכער זיינען ערשינען אין די לעצטע יאָהרען — אַ פּראָדוקט פון דער אויפוואַכענדער אידישער אַמעריקא — וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צום היגען אידישען קינד מיט זיין גאַנץ נייער סביבה און מיט זיין אייגענאַרטיגען וועזען.

אלס אַ רעזולטאַט פון דער איינפיהרונג פון אַ מאָדערנער ערציהונגס־סיסטעם מיט אַ באַשטימטען לעהר־פּראָגראַם אין די פּאָרטגעשריטענע העברעאישע שולען האָט דער אידישער חנוך אין אַמעריקא אויפגעהערט צו זיין אַ צופעליגע ערשיינונג, אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף, און איז געוואָרען אַ מאָדערנע ערציהונגס־סיסטעם, וואָס האַלט ערשט אין די יוגענד־יאָהרען פון איהר ענטוויקלונג און פאַרשפּרעכט פיל פאַר דער צוקונפט. ביי דער זייט פון די ה ו נ ד ע ר ט פּאָרטגעשריטענע העברעאישע פאָלקס־שולען עקזיסטירען שוין איצט צ ע ה ן העברעאישע הויך־שולען, וואו די

גראדואירטע פון די תלמוד תורה׳ס זעצען פארט זייער למוד, און זעקס לעהרער־סעמינארען, אין וועלכע עס בילדעט זיך אויס א נייער אייגענארטיגער טיפ פון א העברעאישען לעהרער אין אמעריקא.

אויך אין פינאנציעלער הינזיכט שטעהען מיר היינט אהן אן ערך ווייטער ווי מיט צוואנציג יאהר צוריק. אנשטאט די באליידיגענדע שנאר־מיטלען אויף אויפצוהאלטען די שולען, פארנעמט איצט דער שכר־למוד דעם וויכטיגסטען פלאץ אין די פינאנצען פון די שולען. דערצו זיינען איצט די העברעאישע ערציהונגס־אנשטאלטען אין כמעט אלע וויכטיגערע צענטרען איבער׳ן לאנד צענטראליזירט און פאראייניגט אונטער איין אלגעמיינער פיהרערשאפט און קאנטראל — א זאך, וואס איהר ווירקונג געהט ארויס ווייט איבער די גרענעצען פון די פינאנצען פון די שולען און בעאיינפלוסט זייער גאנצען וועזען און ברענגט נאטירליכערהייט מיט זייער ענטוויקלונג און פראגרעס, דינענדיג אלס ערשטער שריט צו דער שאפונג פון אן אייגנהייטליכען און ציעל־באוואוסטען לעהר־פראגראם פאר אלע שולען אין שטאדט. אזא צענטראליזירטע שולען־סיסטעם עקזיסטירט היינט צו טאג אין די שטעדט באסטאן, פיטסבורג, פילאדעלפיא, באלטימאר, דעטראיט, קליוולאנד, סינסינעטי, שיקאגא, מינעאפאלים, סט. לואיס און סאן פראנציסקא.

דער לעהרער־פערסאנאל פון די תלמוד תורה׳ס — אויך ער איז איצט ווייט ניט דער, וואס אמאל. דער אויפשוואונג פון דעם אידישען חנוך בכלל און די פינאנציעלע דערהויבונג פון די שולען האבען געבראכט צום העברעאישען שולוועזען אין אמעריקא א גאנץ אנדערען טיפ פון א העברעאישען לעהרער, ווי דער פון אמאל. צווישען די דריי טויזענד העברעאישע לעהרער איבער׳ן לאנד זיינען דא — באזונדערס אין די אויבען־אויסגערעכנטע שטעדט פון מעהר פארטגעשריטענע, צענטראליזירטע שולען — הונדערטער באוואוסטזיניגע ערציהער, ציעל־באוואוסטע אין זייערע אויפגאבען און אין דער אחריות פון דער לאסט, וואס ליגט אויף זיי. זיי זיינען ארגאניזירט אין לאקאלע לעהרער־פאראיינען פאר פראפעסיאנעלע און דערהויפט פאר פעדאגאגישע צוועקען. די אגודת המורים פון ניו יארק, וועלכע צעהלט דריי הונדערט מיטגלידער — צווישען זיי פיעלע באדייטענדע פעדאגאגען און ערציהער — גיט ארויס, מיט דער הילף פון די לעהרער־פאראיינען איבער׳ן לאנד א צוויי־מאנאטליכען פעדאגאגישען זשורנאל „שבילי החנוך” (ביז איצט אונטער דער רעדאקציע פון דר. ניסן טוראוו, איצט — פון ש. ב. מאקסימאן), וועלכער געהט איצט אריין אין זיין דריטען יאהרגאנג און איז היינט צו טאג דער איינציגער העברעאישער פעדאגאגישער זשורנאל אין דער גאנצער וועלט, אויסער ארץ־ישראל.

איינע פון די וויכטיגסטע ערָאבערונגען פון דער אידישער ערציהונג אין אמעריקא איז אויף דעם געביט פון ערציהונג פון מיידלאך. אין דער הינזיכט האט אונזער ערציהונגס־סיסטעם אפגעהאלטען א פאלשטענדיגען נצחון. מיט צוואנציג יאהר צוריק איז א מיידעל אין א תלמוד תורה געווען א זעלטענהייט. אידען האבען געבראכט מיט זיך אהער פון דער אלטער היים די טראדיציע פון ערציהען בלויז אינגלאך און ניט מיידלאך. אבער די אמעריקאנער ווירקליכקייט, דאס אלגעמיינע געצוואונגענע שול־אונטערריכט פאר קינדער פון ביידע געשלעכטער, צוזאמען מיט דעם מעכטיגען שטראם פון אסימילאציע, וועלכע מאכט אויך קיין

אונטערשיד ניט צווישען געשלעכטער, האָבען אַרויסגערופען צום לעבען די שטרעבונג צו געווינען אויך די אידישע טאָכטער — די אידישע מוטער פון דער צוקונפט — פאַר דער אידישער ערציהונג. עס זיינען אנטשטאַנען ספּעציעלע מיידעל־שולען אין ניו יארק (די מיידעל־שולען פון דער לשכת החנוך אין פארשידענע טיילען פון שטאָדט און די פאָלקס־שולען אין דער איסט־סייד), וועלכע האָבען געדאַרפט דינען אלס מוסטער פאַר אַלע ערציהונגס־אַנשטאַלטען אין לאַנד און אַ רוף צו די אידישע עלטערן פאַר דער ערציהונג פון זייערע טעכטער. אַזוי איז דורכגעבראָכען געוואָרען אַ וואַנט, וואָס איז געשטאַנען אין וועג פון דער אידישער ערציהונג אין אַמעריקא און היינט צו טאָג פאַרנעמט די תלמידה אַ וויכטיגען און באַדייטענדען פּלאַץ אין אַלע פּאָרטגעשריטענע העברעאישע ערציהונגס־אַנשטאַלטען אין לאַנד — מעהר ווי אַ דריטעל פון אַלע שילער אין דעם טיפּ שולען זיינען מיידלאַך — און צעהנדליגע מיידלאַך, ערצויגענע און גראַדואירטע פון אַמעריקאַנער העברעאישע שולען, זיינען איצט לעהרערינס אין די מאָדערנע תלמוד תורה'ס.

---

די לאַגע פון די פּאָרטגעשריטענע העברעאישע ערציהונגס־אַנשטאַלטען — ווי גוט זי זאָל ניט זיין אין פאַרגלייך מיט דעם צושטאַנד פון פאַר צוויי צעהנדליג יאָהר — איז אָבער נאָך ווייט ניט פּאָלקאָם, און פילע פאַרבעסערונגען זיינען נאָך נויטיג און וועלען מיט דער צייט מוזען קומען. אָבער פאַר די שולען און פאַר די ערציהונגס־טוער שטעהט אַ וויכטיגע און אַ מעהר דרינגענדע אויפגאַבע אין'ם איצטיגען מאָמענט, ווי די פאַרבעסערונג און פאַרפּאָלקאָמונג פון דעם העברעאישען שול־וועזען. דאָס הויפּט־געוויכט פון דעם ערציהונגס־פּראָבלעם ליגט היינט צו טאָג ניט אין איכות, נאָר אין כמות פון דעם אידישען חנוך.

די פאָלגענדע טאַבעלע, וואָס גיט אַ בילד פון דעם צושטאַנד פון דער אידישער ערציהונג אין אַמעריקא, ווי ער איז איצט, וועט דאָס באַשטעטיגען גענוג בולט און קלאָר.*)

| | צאָל קינדער | פּראָצענט פון קינדער אין עלעמענטאַר־ | פּראָצענט פון קינדער, וואָס קריגען אידישע ערציהונג |
|---|---|---|---|
| קריגען קיין אידישע ערציהונג ניט — — — — — | 500.000 | 71.4 | — |
| לערנען פּריוואַט — — — — — — — — — | 20,000 | 2.8 | 10.0 |
| באַזוכען זונטאַג־שולען — — — —— — — — | 60.000 | 8.6 | 30.0 |
| באַזוכען אָפּגעשטאַנענע תלמוד תורה'ס — — — | 90,000 | 12.9 | 45.0 |
| באַזוכען פּאָרטגעשריטענע העברעאישע שולען — | 30,000 | 4.3 | 15 0 |
| סך הכל — — — — — — — | 700.000 | 100.0 | 100.0 |

עס איז גענוג צו וואַרפען אַ בליק אויף דער טאַבעלע, כדי צו זעהען, וואו מיר האַלטען מיט דער אידישער ערציהונג אין אַמעריקא. פון די ציפערען ווערט קלאָר,

---

*) זעה:
Dr. S. Benderly, Hebraism in America, The Jewish Education News, Vol. I., No. 4.

אַז פון יעדע הונדערט אידישע קינדער אין אַמעריקא אין שול־עלטער קריגען איין און זיבעציג קיין שום אידישע ערציהונג ניט און נאָר קוים פ י נ ף באַזוכען אַ העב־רעאישע שולע פון דעם פּאָרטגעשריטענערען טיפּ, וואו זיי קריגען אַ מעהר־ווייניגער ווירקזאַמע אידישע ערציהונג. אַט דער פאַקט רעדט פאַר זיך און רעדט העכער ווי אַלץ, העכער אַפילו ווי דער גרויסער אויפשוואונג פון דער העברעאישער ערציהונגס־סיסטעם, וואס דער אידישער חנוך האָט דורכגעמאַכט אין אמעריקא פאר די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר, ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז אויב די זעלבע פּראָפּאָרציע פון אידיש־ערצויגענע און ניט ערצויגענע קינדער זאָל אָנהאַלטען אויך אויף ווייטער, דאַן וועט אויפוואַקסען אין אַמעריקא אַ אידישער דור, וואָס וועט זיין אָפּגעפרעמדט פון אונזער פּאָלק און פון זיין נאַציאָנאַלען לעבען און שטרעבען און דאָס אַמעריקאנער אידענטום וועט געהן מיט ר י ז ע ן ־ ש ר י ט אין אָפּגרונט פון אונ־טערגאנג. אויב אָבער דאָס אידענטום אין אַמעריקא זאָל ניט ווערען מיט דער צייט אַן איינגעשרומפּטער „שארית ישראל“, נאָר אַ לעבעדיגער צווייג פון אַ לעבעדיגען פּאָלק, — דאַרפען ג י ך, א ו ן כ ל ז מ ן ע ס א י ז נ אָ ך נ י ט צ ו ש פּ ע ט געפונען ווערען וועגען און מיטלען צו דער דערהויבונג פון דעם כ מ ו ת אין דער אידישער ערציהונג לכל הפחות אין דער מאָס, ווי זי איז דערהויבען געוואָרען אין איכות.

# די אידישע פאָלק־שול

פון ש. שאַפּירא.

## א.

אַ גענויע רשימה און כאַראַקטעריסטיק פון די פאַרשידענע טיפּען אַנשטאַלטען אין דער אידישער ערציאונג אין אַמעריקע וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַר־בענרייך בילד פון די גייסטיגע טענדענצען און שטרעמונגען אין אַמעריקאנער אידענ־טום, וואָס גיט אוים מיליאָנען דאלאר יעהרליך אויף דער אידישער ערציאונג פון איהר יוגענט, אָפּגעזעהן צי די רעזולטאַטען זיינען צופרידענשטעלענדיג צי ניט, צי ווערען די צילען פון די פאַרשידענע גרופּען דערגרייכט אָדער ניט.

אין אַזאַ רשימה וואָלטען אַ באַזונדער אָרט פאַרנומען יענע שטרעמונגען אין דער אידישער ערציהונג, וואָס ווערען געוועהנליך באַצייכענט מיט דעם געמיינ־שאַפטליכען נאָמען „וועלטליכע“ אָדער „מאָדערנע“ אידישע שולען.

אָט די גרופּע נעמט אין זיך אַריין די „אַרבייטער רינג שולען“. וואָס צעהלען אַרום הונדערט שולען צעוואָרפען איבער אַלע טיילען פון לאַנד און אָנגעפיהרט פון דעם עדיוקיישאָנעל דעפּאַרטמענט פון א. ר.; די „שלום־עליכם שולען“, אַרום 25 אין צאָל, קאָנצענטרירט הויפּטזעכליך אין און אַרום ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ, און פאַראייניגט אין דעם שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט; די „אומפּאַר־

טייאישע ארבייטער רינג שולען", ארום 20 אין צאָל, כמעט אויסשליסליך אין ניו יאָרק און אָנגעפיהרט פון א פאראייניגטען קאָמיטעט פון די קאָמוניסטישע עלע־מענטען אין א. ר.; און די „אידישע פאָלק־שולען", קנאַפּע 50 אין צאָל, צעוואָרפען אין דרייסיג שטעדט פון די פאראייניגטע שטאַטען און קענעדע און אָנגעפיהרט פון א צענטראַלען קאָמיטעט, אין וועלכען עס באַטייליגען זיך דער איד. נאַצ. ארבייטער פארבאַנד, די פּארטיי פּועלי־ציון און די איינצעלנע שולען, וועלכע ערוועהלען זייערע פארטרעטער אין קאָמיטעט אויף די יעהרליכע שולען־צוזאַמענפאַהרען.

די דורכשניטליכע צאָל קינדער אין אלע „שלום־עליכם שולען" איז ארום 1500; אין די „ארבייטער רינג שולען" ארום 7,000; אין די „אומפּארטייאישע שולען" ארום 1,500 און אין די „אידישע פאָלק־שולען" ארום 4,000. סך־הכל לערנען זיך אין אָט די שולען ארום דרייצעהן טויזענט קינדער.

לגבי דער אַלגעמיינער אידישער ערציאונג שטעלען מיט זיך אָט די פיער טיפּען פאַר אַן איינהייט. דער הויפּט־עלעמענט פון איינהייטליכקייט אין די אלע שולען איז די שפּראַך. זיי האָבען אלע א פּאָזיטיווע באַציאונג צו אידיש און זי איז די אומגאַנגס־שפּראַך אין יעדער פון די פיער טיפּען שולען.

דער צווייטער איינהייטליכער עלעמענט איז, זייער פרייקייט פון רעליגיעזער דאָגמא, וועלכע איז נאָך ביז היינט געבליבען דער פונדאַמענט פון דעם גרעסטען טייל פון אלע אנדערע ערציאונגס־אַנשטאַלטען דאָ אין לאַנד.

דער דריטער פּונקט, וואָס פאראייניגט די פיער טיפּען אידישע שולען, איז זייער ארבייטער־טענדענץ.

א דאַנק אָט די געמיינשאַפטליכע פּונקטען אין די פיער טיפּען שולען, איז אָנגענומען, ניט בלויז ביים פּשוט'ען עולם, וועמען ס'איז שווער זיך פאנאנדערצו־קלייבען אין אזעלכע ענינים, נאָר אפילו ביי א גרויסען טייל פון דער אינטעליגענץ און נאָהענטע שול־טוער, אז די אידישע שולען זיינען אַן איינהייטליכע באַוועגונג און דאָס וואָס זיי טראָגען באַזונדערע נעמען און גרופּירען זיך אין באַזונדערע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס איז בלויז מחמת פּארטיי־פּאָליטיק און אָרגאַניזאַציע־פּרעסטיזש.

דער אמת איז, אז אויסער דער פאָרמאַלער זייט פון די אויסגערעכענטע פּונק־טען, האָבען די פארשידענע טיפּען אידישע שולען אין זיך קיין געמיינשאַפטליכעס ניט. דער אמת איז, אז אפילו אין אָט די דריי פּונקטען געהען זיך די שולען שטאַרק פאנאַנדער, ווען עס קומט צו דער פראַגע פון דעם קוק, דעם אויסגאַנגס־פּונקט, לויט וועלכען די דריי עלעמענטען ווערען אָפּגעשאַצט, און דעם גייסט, אין וועלכען זיי ווערען איבערגעגעבען די קינדער.

ליידער ווערט ביי אונז זעהר ווייניג געשריבען וועגען ערציאונג. קיין זשור־נאַל אָדער זשורנאַלען — געווידמעט ערציאונגס־פראַגען — זיינען ניטאָ. קיין טעאָרעטישע אָדער פּראָגראַמאַטישע ליטעראַטור ווערט ניט ארויסגעגעבען פון קיינע פון די פארשידענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט ערציאונגס־ארבייט. ווען עס ווערט יאָ אמאָל ארויסגעגעבען א בראָשורע אָדער א פלוג־בלאַט, ווערט דער־מיט פארפאָלגט א פּראָפּאַגאַנדיסטישער צוועק, איז עס כמעט שטענדיג אויבער־פלעכליך, פּאָפּולער, אויסגערעכענט אויסצונעהמען, צו אַפּעלירען צו יענעם עולם, וועלכען מען האָט אין אויג בעת דער פּאַמפלעט ווערט געשריבען. אין דער אידי־שער פּרעסע ערשיינען פון צייט צו צייט ארטיקלען וועגען אידישער ערציאונג,

אָבער זיי ווערען כמעט אָהן אויסנאהם געשריבען פון די שטענדיגע מיטארבייטער אין דער צייטונג, זשורנאַליסטען, וואָס האָבען אָהן ספק א באַציהונג צו דער שולען־באַוועגונג, זיינען אָבער ווייט פון דעם אינערליכען לעבען און טעטיגקייט פון די פאַרשידענע טיפּען שולען.

א דאַנק דעם צושטאַנד איז שווער צו געפינען מאַסגעבענדע ציטאַטען, דורך וועלכע עס זאָלען קאָנען פעסטגעשטעלט און באַגרינדעט ווערען געוויסע שלוסען, צו וועלכע עס קומט איינער, וואָס קען די שולען פון אינעווייניג און ניט פון דרויסען.

אָבער מיט דאָקומענטאַלע באַווייזען צי אָהן זיי, זיכער איז, אז די מעסיגע עלעמענטען פון ארבייטער רינג, וואָס גרופּירען זיך ארום דעם עדיוקיישאָנאַל דע־פּאַרטמענט, באַלייכטען פאַר די קינדער אין זייערע שולען דאָס אידישע ארבייטער־לעבען אין אַן אנדער ליכט, ווי עס טוען עס די קאָמוניסטען אין די אומפּאַרטייאישע שולען, אָדער די פּועלי־ציון אין די אידישע פאָלק־שולען. און אזוי ווי אין דעם ענין פון דער ארבייטער־טענדענץ, אזוי איז אויך בנוגע אידיש און בנוגע רעליגיע. נאָר מחמת די לעצטע זיינען דעליקאַטערע ענינים, די ריכטס־ליניען ניט אזי בולט, לאָזט זיך עס וועניגער באַמערקען, וואו עס ליגט דער אונטערשיד. אָבער דער אונטער־שיד איז ניט קלענער אין איין פונקט ווי אין צווייטען, מעהר ניט, אין איין פונקט איז ער ממשות'דיגער, בולט'ער און אין א צווייטען אבסטראַקטער, מעהר סובטיל און שווערער צו קאָנסטאַטירען.

### ב.

די פיער טיפּען שולען זיינען אַלזאָ פיער באַזונדערע — ניט צווייגען, נאָר — בוימער, וואָס שטאַמען אָפּ פון איין שורש. דער שורש, דאָס זיינען די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין 1910 דורך דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און דעם אידיש־נאַציאָנאַלען ארבייטער־פאַרבאַנד.

די שולען אונטערשיידען זיך פון דעם גרעסטען טייל פון די קולטורעלע און פּאָליטישע באַוועגונגען אין דער אידישער גאַס אין אמעריקע דערמיט, וואָס זיי זיינען ניט קיין אייראָפּעאישער פּראָדוקט איבערגעפלאַנצט אויף'ן אמעריקאַנער באָדען, נאָר א ריין אמעריקאַניש־אידישע קולטור־באַוועגונג, ארויסגערופען פון באַדינגונגען אין אמעריקאַנער אידישען לעבען.

די אידישע שולען אין אמעריקע האָט ניט ארויסגערופען די אידישיסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס איז דאָן אנטשטאַנען אין אייראָפּע, נאָר גאַנץ אנדערע ריין אמעריקאַנער, אידישע און סאָציאַליסטישע נויטען.

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען זיינען אין זייער ערשטען אורשפּרונג ניט געוועזען קיין עטאַפּ אין דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ערציאונג אין אמעריקע., נאָר דער ענטפער פון דעם אידיש־נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניגען ארבייטער־עלעמענט אויף דער פראַגע פון א אידיש־סאָציאַליסטישער ערציאונג פון דער אידיש־אמעריקאַני־שער יוגענט.

די פאָרלויפער פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען זיינען געווען ניט די תלמוד־תורה'ס און העברעאישע שולען, נאָר די סאָציאַליסטישע „סאַנדיי־סקולס", וואָס זיינען אנטשטאַנען אין דעם יאָהר 1906 אויף דער איניציאַטיווע פון ברענטש 3 א. ר. אין ברוקלין.

פון די אכציגער יאָהרען פון נייצעהנטען יאָהרהונדערט ביז דעם ערשטען

האַלבען צעהנדליג יאָהרען פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט האָבען זיך די ראַדיקאַלע אימיגראַנטען ניט פאַרנומען מיט דעם ענין פון ערציהונג פון זייערע קינדער.

ווען מען לייענט דורך די צייט־שריפטען פון יענער צייט, קען מען, אין די אויסגאַבען פון אַ פערטעל יאָהרהונדערט, זעלטען געפינען אַן אָפּהאַנדלונג וועגען קינדער־ערציאונג, און ווען אַזאַ אָפּהאַנדלונג איז אַמאָל יאָ ערשינען, איז עס געווען הויפּטזעכליך וועגען דער אַבסטראַקטער טעאָרעטישער זייט פון דעם ענין. אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען זיינען כמעט שטענדיג געשריבען געוואָרען אַלס טייל פון פּאָפּולערער וויסענשאַפט, מיט וועלכער עס איז דאַן געווען דער מנהג צו שפּייזען דעם לעזער. אויף קיין שייכות מיט פּראַקטישע פּראָבלעמען צו דינען אַלס דירעקטיווען פאַר עלטערען, האָבען זיי אפילו ניט פּרעטענדירט.

דער שטאַנדפּונקט פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ פון יענער צייט איז געווען, אַז מיט אידען, אידישקייט און אידישען אינהאַלט האָבען זיי ניט צו טאָן. זיי האָבען זיך דערפון באַפרייט מיט מיה און קאמה, און עס וואָלט דאָך געווען אומזין זייערע קינדער צו באַקענען און צובינדען צו דאָס, פון וואָס זיי זיינען אַנט־לאָפען. זייערע קינדער האָבען געזאָלט אויסוואַקסען פרייע בירגער פון דער מענש־הייט. פריי פון רעליגיע און פאַנאַטיזם. אין דער רעליגיאָנס־פרייער אַמעריקאַנער פּאַבליק־סקול האָבען זיי געזעהן די אידעאַלע ערציאונג, פון וועלכער עס וועט אויס־וואַקסען אָט דער בירגער פון דער מענשהייט, אַ דור פריי פון רעליגיע, אין יענע צייטען אָפט אַ סינאָנים פאַר סאָציאַליסטישקייט, וואָס וועט ניט האָבען קיין שייכות מיט אידישקייט, וועלכע איז געווען דאָס ציל־ברעט פון די ראַדיקאַלע קוילען.

נאָך אַ פערטעל יאָהרהונדערט פון לעבען אין אָט דעם חלום האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער דור, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין דער פרייער אַמעריקע, דער־צויגען אין דער „וועלטליכער" (סעקולערער) אַמעריקאַנער פּאַבליק־סקול, איז טאַקע פרעמד און ווייט פון אידישען פאָלק און פון אידישע ווערטען; האָט ניט קיין צובונד צו דער אידישער רעליגיע, איז אָבער מחמת דעם ווייט ניט פריי פון רעליגיע בכלל און איז אינגאַנצען געגנעריש צו די סאָציאַליסטיש־קאָסמאָפּאָליטישע אידעען פון די עלטערען.

מען האָט, אַלזאָ, אין ראַדיקאַלען לאַגער דערפיהלט, אַז עס איז פאַראַן אַן ער־ציאונגס־פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין דעם, ווי אַזוי צו ערציען דעם יונגען אידישען (אויך ניט־אידישען) דור אין אַמעריקע אַזוי, אַז ער זאָל אויס־וואַקסען אמת־ראַדיקאַל אין רעליגיעזען ווי אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישען זין פון דעם וואָרט. און דער ענטפער צו דעם פּראָבלעם איז געווען — „סאָציאַליסטישע סאַנדיי־סקולס", אין וועלכע מען האָט די קינדער, אויף ענגליש, געפּרואווט באַקענען מיט די לערען פון די גייסטיגע פיהרער פון אָט די ראַדיקאַלע עלעמענטען, וועלכע האָבען אין זיך, פאַר דער אַרבייט פון די סאַנדיי־סקולס, פאַראייניגט די פאַרשידענע סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, וואָס האָבען זיך אויף אַנדערע געביטען שטענדיג באַקעמפט.

אָט אין יענער צייט האָט זיך אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע אָנגעהויבען הערען די שטימע פון אַ נייעם עלעמענט אין דעם ראַדיקאַלען אַרבייטער־לאַגער — די שטימע פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען עלעמענט, וועמעס אָנגעזעהענסטער טייל איז געווען די פּאַרטיי פּועלי־ציון.

אויף אלע געביטען פון אידישען ארבייטער־ און קולטור־לעבען אין דער אידי־שער גאס האט די פארטיי געלאזט תערען איהרע לאזונגען און נאטירליך האט זי אויך רעאגירט אויף דער פראגע פון דער ערציאונג פון דער אידישער ארבייטער־יוגענט. זעלבסטפארשטענדליך, איז פאר די נאציאנאל־סאציאליסטען די „סאנדיי־סקול" ניט געווען צופרידענשטעלענד סיי מחמת איהר קאסמאפאליטיש־אסימילא־טארישער טענדענץ, סיי מחמת אין א גאנץ קורצער צייט האבען זיך די „סאנדיי־סקולס" ארויסגעוויזען פאר א דורכפאל פאר די צילען, וואס אפילו זייערע איני־ציאטארען האבען זיך געשטעלט.

אין די רייהען פון די נאציאנאל־סאציאליסטען האבען זיך דעריבער א שטיק צייט ארומגעטראגען באגערען, שטימונגען און מיינונגען וועגען אט דער פראגע, ביז זיי האבען באקומען זייער ארגאניזירטען אויסדרוק אויף דער ראטשעסטער קאנווענשאן פון אידיש־נאציאנאלען ארבייטער־פארבאנד, דעם 16טען יוני, 1910. דאס איז געווען דער גרינדונגס־צוזאמענפאהן פון פארבאנד, און אלס א טייל פון זיין פראגראם־טעטיגקייט איז אנגענומען געווארען די פאלגענדע רעזאלוציע:

„דער פארבאנד זאל אנפאנגען א גרויסע אגיטאציע און ארבייט פאר נאציאנאל־ראדיקאלע שבת־און־זונטאג־שולען. די פארבאנד ברענטשעס זאלען זעהן די דאזיגע וויכטיגע ארבייטען אונטערשטיצען מיט אלע מעגליכקייטען, באוויזען די איניציאטיוו, רופען קאנפערענצען, געבען מאראלע און פינאנציעלע הילף און זעהן זיך ערנסט אפ־געבען מיט דער פראגע פון ערציהונג פון יונגען אידישען דור."

אט די רעזאלוציע, אלס טעטיגקייטס־פראגראם, רעדט בלויז וועגען דער אר־בייט פאר די שולען, אבער רירט ניט אן די פראגע פון טענדענץ און פראגראם. די זייט האבען שריפטליך באהאנדעלט די חברים ענטין און דר. חיים זשיטלאווסקי.

איך האב ליידער ניט צו דער האנט יענע ארטיקלען. אבער מיין איינדרוק איז, אז חבר ענטין האט פארמולירט די אויפגאבען פון דער אידישער שול איבער־צוגעבען דער יוגענט די אידישע אידעאלען פון סאציאלער גערעכטיגקייט, די אידישע עטיק און באקענען זי מיט די פערזענליכקייטען, וואס האבען אט די עטישע לעהרען פארמולירט. דר. חיים זשיטלאווסקי האט דער ערציהונג געשטעלט די אויפגאבע איינצופלאנצען אין דער יוגענט דעם אידיש־נאציאנאלען סאציאליזם דורך אידיש, מיט אידיש אלס זיין הויפט־עיקר.

אומגעפעהר אין דער זעלבער צייט איז די ערציאונגס־פראגע אויך אויפגענומען געווארען אין דעם קרייז פון די סאציאליסטען־טעריטאריאליסטען.

דיסקוסיעס אין די רייהען פון אט די פארשידענע נאציאנאל־סאציאליסטישע גרופען זיינען אנגעפיהרט געווארען, און דא און דארט איז אויך ערשינען אן ארטיקעל וועגען דעם ענין. צו קיין פראקטישע מעשים האט דאס אבער ניט געפיהרט. עס איז בלויז צוגעגרייט געווארען דער באדען פאר דער ממשות'דיגער טעטיגקייט, וואס האט זיך אנגעהויבען אין הערבסט 1910, נאך דער פועלי־ציון קאנווענשאן, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען ארום סוכות־צייט פון דעם יאהר, אין מאנט־רעאל, קענעדע.

אויף יענער קאנווענשאן האבען אלע יענע שטימונגען, רעגונגען און מיינונגען וועגען דעם ענין, וואס האבען זיך אנגעזאמעלט אויף דער נאציאנאל־סאציאלי־סטישער אידישער גאס, באקומען זייער טעארעטישען תיקון: נאך א גרויסער דיס־קוסיע, אין וועלכער די ראשי־המדברים זיינען געווען דר. חיים זשיטלאווסקי און

דר. נ. סירקין, פארטרעטענדיג דעם אידישיסטישען און העברעאיסטישען שטאנד־פונקט אין דער שול־פראגע, איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע צו גרינדען נאציאָנאַל־ראדיקאלע שולען.

אין הסכם מיט אַט דעם באשלוס פון דער קאָנווענשאָן און דעם פריהערדיגען באשלוס פון נאציאָנאַלען ארבייטער־פארבאנד, האָבען אַט דיביידע קערפּערשאַפטען געעפענט אין ניו יאָרק די „ערשטע אידיש־נאציאָנאל־ראדיקאלע שבת־ און זונטאג־שול” ארום נאָוועמבער, 1910.

אין דעם זעלבען יאָהר האָבען אויך די ס.־ט. געעפענט איין שול אין שיקאגאָ און איינע אין טאָראָנטאָ.

די בולט'סטע אונטערשידען צווישען די שולען פון דער פּועלי־ציון פּארטיי און נאציאָנאַלען ארבייטער־פארבאנד און די פון דער ס.־ט. פּארטיי זיינען געווען: די שטעלונג צו דער שפּראכען־פראגע און צו ארץ־ישראל. בעת אין די שולען אונטער דער השפּעה פון דער פּועלי־ציון פּארטיי זיינען העברעאיש און אידיש געווען גלייכבארעכטיגט, איז אין די טעריטאָריאַליסטישע שולען דער אידישער שפּראך געגעבען געוואָרען די אויבער־האנט. בנוגע ארץ־ישראל איז דאָך זעלבסט־פארשטענדליך, אַז אין די ערשטע האָט געהערשט וויינינגסטענס אַ ראָמאַנטישע באציאונג צו דעם ציוניסטישען אידעאל בעת אין די צווייטע האָט ארץ־ישראל און ציוניזם אָדער אינגאנצען ניט עקזיסטירט, אָדער די באציאונג צו זיי איז געווען אַ נעגאַטיווע.

אָבער וואָס די אונטערשידען זאָלען ניט האָבען געווען, וויכטיג איז, וואָס שוין ביים אָנהויב פון דער שולען־באוועגונג זיינען געווען אין איהר צוויי שטראָמונגען, און אין 1914 זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען צוויי צוזאַמענפאָהרען פון די שולען: דער צוזאמענפאָהר פון די פּועלי־ציון שולען אין ניו יאָרק און פון די ס.־ט. שולען אין טאָראָנטאָ.

אין 1916 איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אַ צווייטער צוזאמענפאָהר אין ניו יאָרק און דאָס מאָל איז ער געווען דער איינציגער און אין איהם האָבען זיך באטייליגט אַלע שולען. דריי יאָהר, פון 1916 ביז 1919, איז די שולען־באוועגונג געווען, אויב ניט קיין איינהייטליכע, איז וויינינגסטענס אַ געאייניגטע. אַלע שולען אין לאַנד זיינען געווען אָנגעשלאָסען אָן איין שולען־פארבאנד, וועלכער האָט אין די יאָהרען געגרינדעט דעם „אידישען לעהרער־סעמינאר”, ארויסגעגעבען אַ קינדער־זשורנאל „די אידישע קינדערוועלט” און גורם געווען די ערשיינונג פון חיים ליבערמאַנ'ס צוויי ביכלאך „דאָס פּראָבלעם פון דער אידישער ערציאונג אין אַמעריקע” און „די אידישע רעליגיאָן אין די נאציאָנאל־ראדיקאלע שולען”, און „פון אידישען קוואל” פון די חברים יואל ענטין און לעאָן עלבע.

אָבער טראָץ דער געאייניגטקייט פון די פּאָר יאָהר, האָבען זיך די גאנצע צייט, פון 1910, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען „די ערשטע אידיש־נאציאָנאל־ראדיקאלע שול”, ביז 1919, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען גרינדען די ערשטע ארבייטער רינג שולען, געשטויסען אין דער שולען־באוועגונג אַט די צוויי עלעמענטען — די פּועלי־ציון און די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען. מעגליך, אַז דאָ ליגט דער פּסיכאָלאָגישער גרונד און הויפּט־אורזאַך פון דער שפּעטערדיגער פּאַנאַנדערטיילונג פון דער באוועגונג אין די דערמאָנטע פיער פארשידענע טיפּען שולען.

### ג.

פון די פיער טיפּען שולען זיינען די „אידישע פאָלק־שולען“, וואָס זיינען פאַראייניגט אין דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע פון „אידיש־נאַציאָנאַלען אַר־בייטער־פאַרבאַנד“ און „פּועלי־ציון“, די איינציגע, וואָס זיינען געבליבען טריי די פּרינציפּען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דעם ערשטען שולען־צוזאַמענ־פאָהר אין ניו יאָרק, אין אַפּריל 1914.

ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־פאַרבאַנד און די פּועלי־ציון האָבען אויף זייערע דערמאָנטע קאָנווענשאָנס אין 1910 אָנגענומען די פריהער־דערמאָנטע רעזאָלוציעס, האָבען די שולען געפונען פאַר נויטיג אַליין צו באַ־שטימען זייערע פּרינציפּען און פאָרמולירען זייער פּלאַטפאָרמע. און דער ערשטער צוזאַמענפאָהר האָט אָנגענומען די פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

אַלס אידישע נאַציאָנאַליסטען גלויבען מיר אין דער איינהייטליכקייט פון דער אידישער נאַציאָן און ווילען זי אויפהאַלטען מיט אַלע אונזערע קרעפטען און מיטלען מיר ווילען דאַריבער אונזערע קינדער געבען אַזאַ ערציהונג וואָס זאָל דיזע איינהייט־ליכקייט אויפהאַלטען און עס זאָל דאָס אידישע קינד גייסטיג פאַרבינדען מיט זיינע ברידער־אידען פון אַלע צייטען און לענדער.

אַלס ראַדיקאַלען און דעמאָקראַטען ווילען מיר דעם אידישען קינד געבען אַן ערציהונג, וואָס זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט'ן פאָרטשריט, דער וויסענשאַפט, דעם פרייען געדאַנק און די פאָרטגעשריטענסטע אַנשויאונגען וועגען געזעלשאַפטליכען יושר און מענשענליבע.

אונזער ערציהונג דאַריבער דאַרף אַריינעמען די פאָלגענדע עלעמענטען: אידיש, העברעאיש, אידישע ליטעראַטור, העברעאישע ליטעראַטור (אַלטע און נייע), אידישע געשיכטע און אידישע פאָלקלאָר (פאָלקס געזאַנג, פאָלקס מעשה'לעך) א. אַז. וו.

אונזער ערציהונג דאַרף אנטוויקלען אין די קינדער אַ געזונטען בליק אויף דער אידישער רעליגיאָן באַטראַכטענדיג זי פון אַ קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט. די לעהרער דאַרפען זיך באַמיהען אַרויסצוברענגען פאַר די קינדער די נאַציאָנאַל־עטישע און פּאָעטישע זייטען פון דער אידישער רעליגיאָן.

סיי די נאַציאָנאַליסטישע און די ראַדיקאַלע אַנשויאונגען זאָלען ניט געלערענט ווערען אַלס זעלבסטשטענדיגע למודים, נאָר אויף וויפיל זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דער געשיכטע און דער ליטעראַטור און לאָזען זיך אָן זיי אָנקניפּען.

די מייסטע שולען, וואָס האָבען אנטייל גענומען אין אָט דעם צוזאַמענפאָהר, עקזיסטירען היינט ניט, זיי זיינען אָדער אונטערגעגאַנגען, אָדער אין אַ פּאָר פאַלען איבערגעגאַנגען צום אַרבייטער רינג און שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט. די איינ־ציגע שול, וואָס האָט שוין דאַן עקזיסטירט און איז היינט אָנגעשלאָסען אָן דער פאָלק־שולען אָרגאַניזאַציע, איז די פּרץ־שול פון מאָנטרעאַל. זי האָט אָבער אין ערשטען צוזאַמענפאָהר ניט אנטייל גענומען, בלייבענדיג נייטראַל אין דעם קאַמף צווישען דער פּועלי־ציוניסטישער און סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער שטרע־מונג אין דער באַוועגונג.

די עטליכע און פערציג שולען, וואָס זיינען פאַראייניגט אין דער פאָלק־שולען אָרגאַניזאַציע, זיינען מיט אַ פּאָר אויסנאַמען, ווי די אידישע פאָלק־שול אין מאָנט־רעאַל און די פּרץ־שול אין וויניפּעג, נייע, וואָס זיינען געעפענט געוואָרען דורך דער איניציאַטיוו און גרויסער אָנשטרענגונג פון אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבייטער־פאַרבאַנד זינט 1923. 22 פון זיי זיינען געעפענט געוואָרען אין פאַרלויף פון דעם פאַרגאַנ־גענעם יאָהר.

ווען די ווערטער ווערען געשריבען, געפינען זיך פאָלק־שולען אין די פאָלגענדע שטעדט: ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, מאָנטרעאל, וויניפעג, דיטראָיט, ראָקסבורי, טשעלסי, פעטערסאָן, בינגהעמטאָן, סיראַקיוז, ראָטשעסטער, באָפאַלאָ, טאָראָנטאָ, אָטאַווא, קליוולאַנד, עקראָן, פיטסבורג, שיקאַגאָ, מילוואָקי, סט. פאָול, סט. לואיס, מעמפיס, לאָס אנדזשעלעס, פאַטאַלומאַ. אין אייניגע שטעדט האלטען שולען ביים געעפענט ווערען.

דער סדר פון למוד און ערציאונג אין די שולען באַשטעהט פון אידיש: שפּראַך, ליטעראַטור, פאָלקלאָר און קאָמפּאָזיציע; העברעאיש: שפּראַך, ליטעראַטור און קאָמפּאָזיציע; אידישע געשיכטע, תנ"ך, שמועסען איבער אידישע און אַרבייטער ענינים, געזאַנג: אידישע פאָלקס־לידער, ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע לידער אין אידיש און העברעאיש; פייערונג פון אידישע און אַרבייטער יום־טובים, קלובען, אַרויספאָהרען, קאָנצערטען און אונטערהאַלטונגען.

די פּאָר עלטערע שולען, וואָס האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען אין שווערע מאָמענטען, האָבען שוין זוכה געווען צו גראַדואירען אַ פּאָר הונדערט תּלמידים און תּלמידות. פאַר אָט די גראַדואירטע זיינען געגרינדעט געוואָרען מיטעל־שולען היינט צו טאָג עקזיסטירען דריי מיטעל־שולען, אין וועלכע עס לערנען זיך אַ פּאָר הונדערט קינדער.

פאַר די מיטעל־שולען און די העכערע קלאַסען אין די פאָלק־שולען האָט די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ ביבליאָטעק פון די אידישע קלאַסיקער. ביז איצט איז ערשינען אַ באַנד ערצעהלונגען פון יהודה שטיינבערג, עס ערשיינט באַלד אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער פּאָעזיע, די ערשטע צוויי בענד צוזאַמענגעשטעלט פון חבר יואל ענטין, און עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק „שלמה ר' חיים'ס" פון מענדעלע מוכר ספרים.

עס עקזיסטירען אויך דריי קינדערגאַרטענס, אין וועלכע עס ווערט ערשט געשאַפען סיי דער מאַטעריאַל און סיי דאָס פּראָגראַם.

די שולען האָבען נאָך צו לעזען אַ רייהע פּראָבלעמען, אין וועלכע זיי שטויסען זיך אָן אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען און ווירקען, אָבער בכלל געפינען זיי זיך, מיט אַ פּאָר געצעהלטע אויסנאַמען, אין אַ געזונטען צושטאַנד. די חברים פון פאַרבאַנד און פועלי־ציון, באַזונדערס די, וואָס האָבען קינדער, באַטראַכטען מעהר ניט די שול־טעטיגקייט ווי אַן אַרבייט, וואָס דאַרף געטאָן ווערען נאָר מחמת זי איז אַ טייל פון דער פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער זיי באַלאַנגען, נאָר ווי אַן ענין, וואָס איז זיי נוגע פּערזענליך.

אויך דער אינטערעס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין די אידישע פאָלק־שולען איז די לעצטע צוויי יאָהר שטאַרק געוואַקסען און אין גאָר אַ סך פעלען דריקט זיך דער אינטערעס אויס אין דער מאַטעריעלער הילף, וואָס ווערט געגעבען, אין אַנדערע פעלען אין דעם, וואָס אַלץ גרעסערע טיילען פון דעם ברייטען עולם הויבען אָן שיקען זייערע קינדער אין די שולען.

אויפגעהאַלטען ווערען די שולען פון שכר־למוד, וואָס די קינדער צאָלען, בייטראַגען, וואָס ווערען געזאַמעלט דורך ספּעציעלע קאַמפּיינס, און פון אונטערנעמונגען. דער אַלגעמיינער בודזשעט פון די פאָלק־שולען צוזאַמען מיט דער צענטראַלער לייטונג באַטרעפט אַריבער צוויי הונדערט טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר.

טראץ דעם, וואס די אידישע פאלק־שולען האבען הינטער זיך א טראדיציע פון באלד זיבעצען יאהר, און טראץ דעם, וואס זיי האבען שוין צווישען זייערע רייהען גראדואירטע און א שפאר ביסעל לעהרער, איז אבער די באוועגונג אין דעם צושטאנד פון א יונגער פלאנץ, וואס הויבט זיך ערשט אן פאנאנדערצובליהען און אויסשפרייטען איהרע צווייגען אויף אלץ א ברייטערען שטח, ארייננברענגענדיג אין אידישען לעבען דעם דערפרישענדיגען דופט פון אידישער קולטור, פון גייסטיגער און נאציאנאלער דערוואכונג און אויפלעבונג.

# אידישע פארמעריי אין אמעריקא

פון ישראל איסר קאצאוויטש

ווען די איצטיגע פאראייניגטע שטאאטען זיינען נאך געווען קאלאניעס פון אנדערע לענדער, זיינען שוין אידען געווען באשעפטיגט אין אגריקולטור אין פארשיידענע טיילען פון לאנד. דער איד, אברהם דע ליאן, איז געווען דער ערשטער, וואס האט אריינגעבראכט פון פארטוגאל די קולטור פון וויין און זייד. אנדערע אידען האבען גענומען פראדוצירען רייז, קוקורוזע, טאבאק און באנוועל־פלאנצען. די פלאנטאציעס פון באוועל זיינען אממייסטען געווען אין אידישע הענט.

אין יאהר 1820 האט מרדכי מאנועל נאאה באשלאסען צו גרינדען אין שטאאט ניו יארק א אידישע קאלאניע מיט'ן נאמען „אררט“. ער האט געקויפט זיבעצעהן טויזענט אקער לאנד, אבער ער האט ניט געהאט וועמען צו באזעצען.

אין יאהר 1837 האבען אייניגע אידען אין דעם שטאאט ניו יארק געגרינדעט די קאלאניע „שלום“. אהן ערפאהרונג אין פארמעריי און מיט ווייניג געלט האבען זיי זיך געמאטערט פינף יאהר, און ענדליך אויפגעגעבען די פארמעריי.

די ריכטיגע באוועגונג פאר אידישער פארמעריי אין די פאראייניגטע שטאאטען האט זיך אנגעהויבען אין די אכציגער יאהרען פון לעצטען יאהרהונדערט, ווען די אידען אין רוסלאנד האבען גענומען ליידען פון שרעקליכע פארפאלגונגען און האבען אין גרויסע מאסען גענומען עמיגרירען קיין אמעריקא.

אין יאהר 1881, נאך די פאגראמען אין יעליסאוועטגראד און קיעוו, איז אנגע־קומען קיין אמעריקא די ערשטע גרופע אימיגראנטען מיט א באשלוס צו ווערען ערד־ארבייטער, און אין דעמזעלבען יאהר איז געגרינדעט געווארען אין לואיזיאנא די ערשטע קאלאניע פון זעכציג פאמיליעס פון אידישע אימיגראנטען פון רוסלאנד. דער אנפיהרער פון דער גרופע איז געווען הערמאן ראזענטאל, וועלכער איז געקומען פון קורלאנד. די פארמער האבען געארבייט מיט ענטוזיאזם און מען האט געקענט ערווארטען ערפאלג. האט אבער געטראפען אן אומגליק: אין פריהלינג פון 1882 האט דער טייך מיסיסיפי פארפלייצט די קאלאניע און אלץ פארניכטעט. די קאלאניסטען האבען זיך צושפרייט, און אייניגע פון זיי זיינען געווארען פארמער אין די שטאאטען קענזעס און מיזורי.

ראזענטאל האט מיט אנאנדער גרופע דעמזעלבען זומער געגרינדעט די קאלאניע „קרעמיע“, אין סאוט דאקאטא. די קאלאניסטען האבען געזעעט אלע סארטען תבואה. אלץ איז געראטען דעם ערשטען יאהר, אבער דעם צווייטען יאהר האבען זיי ניט געהאט קיין רעגען, און דעם דריטען יאהר האט א האגעל פארניכטעט די תבואה. די קאלאניסטען האבען העלדיש געקעמפט פאר זייער עקזיסטענץ, זיי האבען אבער ענדליך געמוזט אויפגעבען.

אין יענער צייט זיינען אויך געגרינדעט געווארען קאלאניעס אין די שטאאטען קאלאראדא, ארעגאן, נארד דאקאטא און ווירדזשיניא, און קיינע פון זיי האט ניט געקענט עקזיסטירען.

שפעטער זיינען געגרינדעט געווארען אייניגע קאלאניעס אין דעם שטאאט קאנעקטיקוט. זיי זיינען געווען מעהר ערפאלגרייך און מאנכע פון זיי עקזיסטירען נאך איצטער און האלטען אין וואקסען.

אין יאהר 1882 זיינען אין דעם שטאאט ניו דזשוירזי געגרינדעט געווארען די קאלאניעס עליענס, כרמל און ראזענהיין, וועלכע האבען איבערגעלעבט גרויסע שוועריגקייטען, און זיינען איצטער אין א בליהענדיגען צושטאנד. די דאזיגע קאלאניעס זיינען געגרינדעט געווארען פון דעם ניו יארקער אידישען פאראיין צו העלפען אידישע אימיגראנטען.

אין 1891 האט זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען געגרינדעט דער באראן דע הירש פאנד, מיט א קאפיטאל פון 2,400,000 (צוויי מיליאן מיט פיער הונדערט טויזענט) דאלאר. שפעטער איז דער פאנד פארגרעסערט געווארען מיט נאך א קנאפען מיליאן דאלאר. די אויפגאבע פון דעם פאנד איז געווען, מיט די איינ־קונפטען פון דעם פאנד צו העלפען די אידישע אימיגראנטען בכלל, און העלפען די קאלאניסטען איז געווען א טייל פון דער טעטיגקייט פון פאנד.

אין יאהר 1891 האט דער פאנד געגרינדעט די קאלאניע וואודביין, אין דעם שטאאט ניו דזשוירזי; און נאכדעם האט ער געהאלפען איינצעלנע פערזאנען ווערען פארמערס אין פארשידענע שטאאטען.

אין יאהר 1900 האט זיך ארגאניזירט די „דזשואיש אגריקאלטשורעל ענד אינדאסטריעל אייד סאסייעטי“, וועלכע האט איינגאנצען איבערגענומען די אגריקול־טור־ארבייט פון באראן הירש פאנד. עקספערטען פון דער „סאסייעטי“ אונטערזוכען און שאצען אפ דעם ווערטה פון דער פארם, איידער זי ווערט געקויפט; זי לייהט געלט די פארמערס אויף גרינגע באדינגונגען; אין פילע געגענדען שיקט זי איהרע אגראנאמען צו לערנען דעם פארמער וואס צו טאן און ווי אזוי צו טאן; זי גיט ארויס דעם זשורנאל „דער אידישער פארמער“; איהרער אן עקספערט פאהרט ארום צווישען די פארמער אויסצובעסערען די סאניטארע באדינגונגען אויפ'ן פארם און אז. וו.

וויפיל אידישע פארמער עס געפינען זיך אין די פאראייניגטע שטאאטען איז אוממעגליך צו זאגען באשטימט. מען ווייסט, אז אין אלע ווינקעלאך פון לאנד זיינען פאראן אידישע פארמער, וועלכע זיינען געווארען פארמער אהן דער הילף פון וועלכער עס איז געזעלשאפט. מיר קאנען נאר אנווייזען די צאהל פארמער, וועלכע קומען אין באריהרונג מיט דער „דזשואיש אגריקאלטשורעל סאסייעטי“. לויט דער סטאטיסטיק פון דער „סאסייעטי“ איז זי ביז'ן יאהר 1925 געקומען אין

באריהרונג מיט 3718 פאמיליעס אידישע פארמער, וועלכע זיינען באשטאנען פון 18,590 פערזאן. די „סאסייעטי" איז איבערצייגט, אז דאס איז ניט מעהר ווי א העלפט, און פיליכט נאך ווייניגער, פון די אלע אידישע פארמער אין די פאראייניגטע שטאאטען.*) פון 1900 ביז 1907 האט די „סאסייעטי" געגעבען 7883 הלואות צו פארמער אויף דער סומע פון 5,006,449 (פינף מיליאן זעקס טויזענט פיער הונדערט פערציג ניין דאלאר), און צו ענדע פון די 25 יאהר זיינען געבליבען חובות נאר 1,190,000 דאלאר אויף 1440 פארמס. דאס הייסט, אז די פארמער האבען אויסגעצאהלט כמעט פיער מיליאן דאלאר.

און אפילו איצטער, ווען די פארמער אין אלגעמיין לעבען איבער א שווערע צייט, און פילע פון די אמעריקאנער פארמער אנטלויפען אין שטאדט, רייסט זיך נאך אלץ דער איד צו פארמעריי. די „דזשואיש אגריקאלטשורעל סאסייעטי" אליין האט אין יאהר 1925 באזעצט אויף פארמס 103 פאמיליעס. נאר 49 פון זיי האבען געדארפט לייהען געלט פון דער „סאסייעטי". דער דורכשניטליכער קאפיטאל פון אט די פארמער איז געווען 2793 דאלאר. 55 פון די 103 פאמיליעס זיינען שוין פון צעהן ביז צוואנציג יאהר דא אין לאנד, און צעהן פאמיליעס זיינען געבארען געווארען אין אמעריקא. דאס איז א גוטער באוויז, אז ניט נאר ערשט אנגעקומענע אימיגראנטען ווערען פארמער.

אויף דער פראגע, אין וועלכער צווייג פון פארמעריי זיינען אידען מעהר באשעפטיגט, קאן מען זאגען, אז די אידישע פארמער אין די פאראייניגטע שטאאטען באשעפטיגען זיך מיט אלע צווייגען פון פארמעריי. דער איד זוכט ניט די צווייגען, וועלכע פאדערען גרינגערע ארבייט. קיין שווערע ארבייט שטעלט איהם ניט אפ. געוויס זיינען פאראן נויגונגען אין דעם מענשען, וואס ציהען איהם צו א געוויסער צווייג אין פארמעריי, דאך וועט דער איד ניט נאכפאלגען זיינע נייגונגען אהן א רעכענונג. ער געפינט אוים צו וועלכען סארט פארמעריי איז זיין פארם צוגעפאסט, וועלכער פראדוקט וועט זיך בעסער באצאהלען אין זיין געגענד, און דאס גלייכען מיט איין ווארט, דער איד רעכענט זיך מיט די אומשטענדען און מיט די באדינגונגען.

די מעהרסטע פארמער ספעציאליזירען זיך אין א געוויסער צווייג פון פאר־מעריי, וועלכע איז ביי זיי די הויפט באשעפטיגונג, אבער אין די לעצטע יאהרען זיינען זיי געקומען צום באשלוס, אז מען טאר זיך ניט פארלאזען אינגאנצען אויף איין צווייג, האבען זיי אויך גענומען פראדוצירען אנדערע זאכען.

אידען האבען דערוויזען, אז זיי זיינען גוטע פארמער אין אלע צווייגען פון פארמעריי. מיר האבען ערפאלגרייכע פארמער אין מילך־ווירטשאפט, אין פלאדיען עופות, אין פרוכטען, אין תבואה, אין גארטענוואהג, אין פלאנטאציעס פון טאבאק און ד. גל. אפילו די פארמער, וואס האלטען זומער־געסט, האבען אויך אנגעהויבען זיך אלץ מעהר באשעפטיגען מיט פארמעריי. פילע פון זיי האבען גוטע מילך־ווירטשאפטען, זיי האדעווען פיל היהנער, זיי האבען גענוג

---

*) די אידישע פארמער־ארגאניזאציע און דער „דזשואיש יעיר בוק" שאצען, אז מיר האבען אין אמעריקא צווישען 70 און 75 טויזענט אידישע פארמער. — רעד.

גאָרטענוואַרג, און פאַר די אַלע פּראָדוקטען האָבען זיי דעם בעסטען מאַרק ביי זיך אויפ'ן פאַרם — זייערע געסט.

דעם גרעסטען ערפאָלג אין פאַרמעריי האָבען די אידען, וועלכע האָבען געשעפט־פעהיגקייטען און פיהרען די פאַרמעריי ווי אַ גוטער געשעפטסמאַן פיהרט זיין געשעפט, צו וויסען אַ קלאָרע רעכענונג פון יעדער זאַך, און דערצו זיינען זיי גרייט צו לערנען זיך און אויסצונוצען אַלע נייע ענטדעקינגען און די בעסטע מעטאָדען אין פאַרמעריי. און דער אידישער פאַרמער אין אַמעריקא האָט דערוויזען, אַז ער קאָן פאַראייניגען זיינע געשעפט־פעהיגקייטען מיט ערד־ארבייט און פאַרוואַנדלען וויסטע, פאַרלאָזענע פלעצער אין בליהענדע פאַרמס.

די אידישע פאַרמער האָבען אַ גוטען נאָמען אין דער אַמעריקאַנער אַגריקולטור־וועלט. אין אַלע פאַרם־אויסשטעלונגען נעמען די אידען אַנטייל און באַקומען די העכסטע פרייזען אין אַלע צווייגען פון פאַרמעריי.

אַ שווערע אויפגאַבע האָבען די אידישע פאַרמער אין אַמעריקא צו געבען זייערע קינדער אַ אידישע ערציהונג. דאָך ווערט די פראַגע ביסלאַכוויז געלייזט דאָרט וואו די פאַרמער זיינען מיט אַן אמת פאַראינטערעסירט. עס זיינען פאַראַן געוויסע קערפּערשאַפטען, וועלכע זיינען וויליג צו הלפען די פאַרמער אין אָט דיזער הינזיכט.

## אידישע ערד־ארבייט אין אנדערע לענדער

אין ארגענטינע האָבען זיך אין 1924 געפונען אין די יק"א קאָלאָניעס 30,727 אידען. 19,280 פון זיי זיינען געווען קאָלאָניסטען און 11,445 האָבען געארבייט אין די קאָלאָניעס.

לויט אַן אונטערזוכונג געמאַכט אין 1920 זיינען אין קענעדא געווען 3,500 אידישע פאַרמער. זיי האָבען פאַרמאָגט 150,000 אַקער לאַנד, וואָס איז ווערטה 4,500,000 דאָלאַר. דער ווערטה פון בהמות איז געווען — אַ מיליאָן, דער ווערטה פון מאַשינעריע — אַ האַלבער מיליאָן. דער ווערטה פון די יעהרליכע פּראָדוקטען — אַ מיליאָן.

אין רוסלאַנד האָט מען געשאַצט, האָבען זיך אין 1917 געפונען אויף לאַנד 50,000 אידען, אין 1924 — 100,000 און אין 1925 — 130,000 אידען. עס ווערט געשאַצט, אַז אין 1924 האָבען זיך צווישען פיר און פינף טויזענט אידען באַזעצט אויף לאַנד, געפלאַנט האָט מען צו באַזעצען 5,468 פאַמיליעס. אין 1925 איז באַשלאָסען געוואָרען צו פאַרענדיגען די געפלאַנטע קאָלאָניזאַציע פון לעצטען יאָהר און צו קאָלאָניזירען נאָך 10,400 פאַמיליעס.

וועגען אידישער ערד־ארבייט אין ארץ ישראל — אין דער ארץ־ישראל'ער אפטיילונג.

# דאס אידישע לעבען אין קאנאדע

פון א. ריינוויין.

די געשיכטע פון'ם אידישען ישוב אין קאנאדע הויבט זיך אן נאך פון דער צייט, ווען קאנאדע איז נאך געווען א פראנצויזישע קאלאניע און האט זיך גערופען „ניי פראנקרייך". דער ישוב האט אבער באקומען זיין הויפט־באדייטונג פון דער צייט, ווען די קאלאניע איז אריבער אונטער ענגלישער הערשאפט, און איז באזונדערס אויסגעוואקסען אין די לעצטע פופציג־זעכציג יאהר. ווען אין יאהר 1763 איז געשלאסען געווארען דער ווערסאלער שלום, לויט וועלכען קאנאדע איז געווארען אן ענגלישע קאלאניע, האבען זיך לאנגזאם אנגעהויבען אויסבילדען די אידישע קהלות, וועלכע האבען זיך הויפטזעכליך פארגרעסערט דורך איינוואנדערונג.

די ערשטע קאנאדער צענזוסען האבען אנגעהויבען גענומען צו ווערען אין'ם אנהויב פון'ם נייצענטען יאהרהונדערט, אבער זיי האבען בלויז קלאסיפיצירט די באפעלקערונג אין צוויי גרופען: ווייסע און אינדיאנער, אזוי אז מען קאן גענוי ניט פעסטשטעלען די צאהל פון דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע איז זיכער געווען א גאנץ אומבאדייטענדע. ערשט דער צענזוס פון'ם יאהר 1851-2 האט אויסגיטיילט די אידישע רעליגיע אין א באזונדער גרופע, א קלאסיפיצירונג, וואס איז נאכגעפאלגט געווארען פון אלע וויטערדיגע צענזוסען, אזוי אז פון דעמאלט אן קאנען מיר מעהר אדער ווייניגער פעסטשטעלען די צאהל אידען אין לאנד. דער צענזוס פון 1851-2 האט פארצייכענט אין גאנץ קאנאדע א באפעלקערונג פון 1,842,265 נפשות. אידען זיינען געווען 351, און זיי האבען געוואוינט אין נידער־קאנאדע (248) און אין אויבער־קאנאדע (103), די גרעסטע צאהל פון וועלכע עס האבען געלעבט אין מאנטרעאל (181) און אין טאראנטא (77). די וויטערדיגע צענזוסען האבען פארצייכענט די פאלגענדע צאהל אידען איבער'ן לאנד: אין 1861 — 1,186 אידען; אין 1871 — 1,871; אין 1881 — 2,393; אין 1891 — 6,414; אין 1901 — 16,401; אין 1911 — 75,681 און אין 1921 — 126,196 אידען.

דער אידישער ישוב איז הויפטזעכליך געוואקסען דורך איינוואנדערונג. דעם גרעסטען צוואוקס האט ער באקומען אין די יאהרען 1911—1901. אין די לעצטע צעהן יאהר איז די אידישע איינוואנדערונג געשטערט געווארען פון דער מלחמה. אין יאהר 1901 האבען די אידען פארגעשטעלט מיט זיך א פראפארציע פון 0.30 לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג. דער פראצענט איז אבער אויסגעוואקסען אין יאהר 1911 ביז 1.05 און אין 1921 ביז 1.44. די גרעסטע אידישע קהלות זיינען אין יאהר 1921 געווען די פאלגענדע:

מאנטרעאל — 42,717 אידען; טאראנטא — 34,619 אידען; וויניפעג — 14,449 אידען; וואנקואווער — 1,270 אידען; האמילטאן — 2,560 אידען;

אָטאַווא — 2,799 אידען; קוויבעק — 375 אידען; קאַלגאַרי — 1,247 אידען און לאָנדאָן — 703 אידען.

די דאָזיגע ציפערען באַווייזען צוויי זאַכען: אז דער אידישער ישוב האָט זיך הויפּטזעכליך קאָנצענטרירט אין די דריי שטעדט — מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג, און אז די ערשטע און עלטסטע אידישע קהלה — קוויבעק, איז היינט איינע פון די קלענערע קהלות.

די אידישע איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע איז ענג פאַרבונדען מיט דער אלגעמיינער אידישער אימיגראַציע. יאָהרען פון גרעסערער אידישער אויסוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּא האָבען אויך געגעבען אַ גרעסערע אידישע אימיגראַציע אין קאַנעדע. ביז 1900 זיינען די קאַנאַדישע אימיגראַנטען ניט קלאַסיפיצירט געוואָרען לויט נאַציאָנאַליטעט, אָבער פון יענעם יאָהר אָן האָבען מיר גענויע ציפערן וועגען דער איינוואַנדערונג פון יעדער נאַציאָנאַליטעט און די פאָלגענדע טאַבעלע וואַרפט אַ קלאָר ליכט אויף דער אידישער איינוואַנדערונג אין די פאַרשידענע יאָהרען. עס האָבען איינגעוואַנדערט אין די יאָהרען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1 | 1900 | 2,765 | אידען |
| 2 | 1901 | 1,015 | " |
| 3 | 1902 | 2,066 | " |
| 4 | 1903 | 3,727 | " |
| 5 | 1904 | 7,715 | " |
| 6 | 1905 | 7,127 | " |
| | 1907 (נאָר 9 חדשים) | 6,584 | " |
| 8 | 1907 | 7,712 | " |
| 9 | 1908 | 1,636 | " |
| 10 | 1909 | 3,182 | " |
| 11 | 1910 | 5,146 | " |
| 12 | 1911 | 5,322 | " |
| 13 | 1912 | 7,387 | " |
| 14 | 1913 | 11,252 | אידען |
| 15 | 1914 | 3,107 | " |
| מלחמה־יאָהרן | 1916 | 65 | " |
| | 1917 | 136 | " |
| | 1918 | 32 | " |
| | 1919 | 22 | " |
| | 1920 | 116 | " |
| | 1921 | 2,763 | " |
| | 1922 | 8,404 | " |
| | 1923 | 2,793 | " |
| | 1924 | 4,255 | " |
| | 1925 | 4,459 | " |

פון די נאָך מלחמה־יאָהרען צייכענט זיך אויס מיט דער צאָהל אידישע אימיגראַנטען דאָס יאָהר 1922. פון יענער צייט אָן זיינען אָבער אַלץ מעהר שטערונגען געמאַכט געוואָרען, און די שוועריגקייטען פאַר אַן עמיגראַנט צו קענען אריינקומען אין לאַנד זיינען אַלץ געוואָרען קאָמפּליצירטער, אזוי אז היינט קענען נאָר אריינקומען גאָר נאָהענטע קרובים, פאַרמער און אַ קליינע צאָהל קאָנצעסיאָנירטע אימיגראַנטען, פאַר וועלכע דער קאַנאַדער אידישער אימיגראַנטען הילפס־פאַראיין באַקומט ספּעציעלע ערלויבנישען פון דער רעגירונג.

רעכענט מען צו צום צענזוס פון 1921 אויך די ניי צוגעקומענע אידישע איינוואַנדערער, ווי אויך דעם נאַטירליכען צווואַוקס, דאַן איז זיכער, אז די אידישע באַפעלקערונג אין לאַנד באַשטעהט היינט פון אַן ערך 160 טויזענט נפשות.

דער צענזוס פון 1921 האָט אויך פאַרצייכענט צוויי אינטערעסאַנטע פאַלען ביי אידען (די זעלבע פראַגע ווערט געשטעלט יעדער נאַציאָנאַליטעט ביים צענזוס), וועגען דער מוטער־שפּראַך פון יעדען אין עלטער פון צעהן יאָהר און העכער און ווער

— אין דעם עלטער — עס קען ניט קיין ענגליש. 85,149 האָבען אָנגעגעבען אידיש אלס זייער מוטער־שפּראַך, צוטיילט לויט די פאָלגענדע פּראָווינצען:

פּרינס עדוואַרד איילענד — 13; נאָווא סקאָשיא — 1,199; ניו בראַנזוויק — 636; קוויבעק — 33,280; אָנטאַריאָ — 32,060; מאַניטאָבא — 11,677; סאַסקאַטשעוואַן — 3,652; אַלבערטא — 1,741 און בריטיש קאָלאמביא — 891. סך־הכל — 85,149.

ביים צענזוס פון 1921 איז די אידישע באַפעלקערונג אין עלטער פון צעהן יאָהר און העכער באַשטאַנען פון 93,412 נפשות, און פון זיי האָבען בלויז 5,277 ערקלערט, אַז זיי פאַרשטעהען ניט קיין ענגליש, וואָס דאָס מאַכט נאָר אויס 5.65 פּראָצענט, אין דער צייט ווען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זיינען געווען 15.21 פּראָצענט, וועלכע האָבען ניט פאַרשטאַנען קיין ענגליש.

* * *

אידען האָבען אַלע מאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין׳ם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד, אפילו ווען זייער צאָהל איז נאָך געוועזען קליין, און מיט׳ן אָנקומען פונ׳ם מזרח־אייראָפּעאישען אימיגראַנט איז אויך שטאַרק אויסגעוואַקסען די נאָדעל־אינדוסטריע אין איהרע פאַרשיידענסטע פאַכען.

דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבען איז דערווייל נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרען, און עס איז וועגען דעם קיין באַזונדער סטאַטיסטיק ניט פאַראַן, אָבער חוץ אַ צאָהל אידישע גבירים, אַ גרויסען מיטעל־קלאַס און אַ צאָהל אידישע פעדלער און קרעמער, איז אויך פאַראַן אַ גרעסערע אידישע אַרבייטערשאַפט, באַזונדערס אין די דריי גרעסערע שטעדט: טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל און וויניפּעג. ניט אַלע אידישע אַרבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין יוניאָנס, און מען קאָן אויך ניט וויסען וויפיל עס זיינען אָנגעשלאָסען אין די עקזיסטירענדע יוניאָנס, ווייל דער רעגירונג׳ס סטאַטיסטישע דאַטען גיבען בלויז איבער די צאָהל פון דער מיטגלידערשאַפט, אָבער ניט זייער אָפּשטאַמונג. די פאָלגענדע מיטגלידערשאַפט אָבער פון די יוניאָנס, וועמענס גרעסטע צאָהל אָנגעשלאָסענע זיינען אידען, גיט אַ טיילווייזען באַגריף וועגען דער צאָהל אידישע אַרבייטער:

סוף דעצעמבער 1924 זיינען געוועזען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 4 | ברענטשעס קעפּ און העט מייקערס מיט — — — — — | 340 | מיטגלידער. |
| 15 | ברענטשעס אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס מיט | 8,000 | „ |
| 6 | ברענטשעס פאָר וואָירקערס יוניאָן מיט — — — — — | 481 | „ |
| 7 | ברענטשעס אינט. לײדיס גארמ. וואָירקערס יוניאָן מיט | 1,400 | „ |

וויינינגסטענס 80 פּראָצענט פון זיי זיינען אידען. ווען מען רעכענט צו די אידישע מיטגלידער אין די אַנדערע יוניאָנס, ווי דרוק־אַרבייטער, בעקער אַרבייטער א. ד. גל. און די גרויסע צאָהל פון ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער, ווי אָפּיס־מיידלאַך א. אַ., איז זיכער אַז וויינינגסטענס צוואַנציג פּראָצענט אידען לעבען פון אַרבייט, און צורעכענענדיג די וואָס זיינען פון זיי אָפּהענגיג, מאַכט עס אויס כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג.

קענעדע איז אינדוסטריעל נאָר אין געוויסע געגענטען. אַלס גאַנצע אָבער איז קענעדע הויפּטזעכליך אַן אַגריקולטור לאַנד. אָבער די צאָהל אידען, וועלכע באַשעפ־

טיגען זיך מיט פאַרמעריי, איז אַ גאַנץ קליינע — אַן ערך זעקס אָדער זיבען הונדערט פאַמיליעס, אָדער אַרום דריי־פיער טויזענט נפשות. די אידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד איז שוין אַלט איבער דרייסיג יאָהר, און ניט ווייניג דורכפאַלען זיינען פאָרגעקומען אויף דעם געביט. פון אַלע קאָלאָניזאַציאָנס־פאַרזוכען זיינען בלויז געבליבען אַרום צוועלף גרעסערע קאָלאָניעס און אַ צאָהל אידישע פאַרמער, צוואוואָרפען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

* * *

עקאָנאָמיש און פּאָליטיש איז קענעדע אַ זעלבסטשטענדיג לאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער בריטישען איינפלוס; קולטורעל אָבער איז קענעדע כמעט ווי איינס מיט די פאַראייניגטע שטאַאַטען. דאָס טעאַטער, די פּרעסע, דאָס בוך, די מוזיק, ספּאָרט — אַלץ איז דאָס זעלבע אין דער קאַנאַדישער, ווי אין דער אמעריקאַנישער שטאָדט.

און ווי אַזוי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך. פּאָליטיש זיינען די קענעדער אידען אַ באַזונדערע איינהייט, עקאָנאָמיש האָבען זיי באַזונדערע אינטערעסען, קולטורעל אָבער זיינען זיי ענג פאַרבונדען מיט'ן עלטערן און גרעסערען אידישען ישוב פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

און די גייסטיגע איבערלעבונגען און אויפטואונגען פון'ם אַמעריקאַנער אידענטום געפינען אויך תמיד זייער אָפּקלאַנג ביים קענעדער אידען, סאַי צום גוטען און סאַי צום שלעכטען.

קולטורעל איז קיין גרענעץ ניט פאַראַן. אַזוי איז עס אויך אין'ם אָרגאַניזאַציאָנעלען זין. חוץ דער קענעדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיינען אַלע איבעריגע נאָר אָפּטיילונגען פון די אַמעריקאַנישע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס, סאַי בירגערליכע און סאַי ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס, און אַזוי ווי די קולטור טעטיגקייט ווערט מעהרסטענס אָנגעפירט אויף דער אידישער גאַס פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס, איז זי שוין ממילא אַן אָפּשפּיגלונג פון דערזעלבער טעטיגקייט אין די שטאַאַטען.

# אַמעריקאַנער בירגער און בירגערשאַפט

פון ראובן פינק.

### ווער איז אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען?

1. יעדער, וואָס איז געבאָרען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

2. יעדער, וואָס איז געבאָרען אין אויסלאַנד, וועמעס פאָטער איז דאַמאָלס געווען אַ בירגער.

3. יעדעס קינד, געבאָרען אין אויסלאַנד, וואָס איז געקומען קיין אמעריקא אונטער 21 יאָהר אַלט און וועמעס פאָטער ווערט אָדער איז געוואָרען אַ בירגער, איידער דאָס קינד דערגרייכט זיין 21טען געבורטסטאָג.

4. יעדער, וואָס האָט אַרויסגענומען בירגער־פּאַפּירען.

בירגער זיינען אי מענער, אי פרויען. בירגערשאפט פון א קינד געהט לויט'ן פאטער, ניט לויט דער מוטער.

א בירגער און א וואוטער (Voter) איז ניט איינס און דאסזעלבע. א וואוטער איז אזא בירגער, וואס האט שטימרעכט, וואס איז געוויינלאך אזא וואס איז 21 יאהר אלט, אדער מעהר.

## ווער עס קען ניט ווערען קיין בירגער.

1. כינעזער, יאפאנעזער און אנדערע פון דער געלער אדער ברוינער ראסע.
2. אנארכיסטען, אדער די וואס גלויבען ניט אין אן ארגאניזירטער רעגירונגס־פארם.
3. פאליגאמיסטען, אדער די, וואס גלויבען אין פיל־ווייבעריי אדער פראקטי־צירען פיל־ווייבעריי.
4. די, וואס ווילען שטירצען די אמעריקאנער רעגירונג ניט דורך לעגאלע אדער קאנסטיטוציאנעלע מיטלען.
5. אנאלפאבעטען, אדער די וואס קאנען זייער נאמען ניט אונטערשרייבען, אדער קענען ניט לעזען עטליכע גרינגע ענגלישע ווערטער.
6. אלערליי סארטען פארברעכער.
7. די, וואס קענען ניט דורכמאכען דעם בירגער־עקזאמען ביים ארויסנעמען די בירגער־פאפירען.

## ערשטע פאפירען.

כדי צו ווערען א בירגער, מוז מען האבען געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאאטען ניט ווייניגער ווי 5 יאהר און מען מוז האבען ארויסגענומען „ערשטע" און „צווייטע" פאפירען.

די „ערשטע פאפירען" (דעקלעריישאן אוו אינטענשאן (Declaration of Intention קאן מען ארויסנעמען ווען מען וויל, אפילו דעם ערשטען טאג, וואס מען קומט קיין אמעריקא. דאס איז ניט מעהר ווי א דערקלערונג, אז מען וויל זיך אפזאגען פון'ם געבורטס־לאנד אדער פון דער פריהערדיגער בירגערשאפט, און אז מען גיט אריין אן אפליקאציע צו ווערען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען. דאס אריינגעבען פון אט דער אפליקאציע, אדער דאס קריגען פון די ערשטע פאפירען, מאכט נאך קיינעם ניט פאר קיין בירגער, אדער אפילו פאר א האלבען אדער א ברעקעל בירגער, ווי א סך גלויבען. איהר קענט אייך האבען „ערשטע פאפירען" און קיינמאל קיין בירגער ניט ווערען צוליב אלערליי סיבות. עס קאן פאסירען, אז איהר זאלט ניט קענען דורכמאכען דעם בירגערשאפט־עקזאמען ביים ארויסנעמען די צווייטע פאפירען, אדער איהר זאלט האלטען ביי זיך די ערשטע פאפירען לייגנער ווי 7 יאהר, אדער צווישען ארויסנעמען די ערשטע און די צווייטע פאפירען זאלט איהר אפפאהרען פאר א לאנגער צייט קיין אויסלאנד, אדער עס קאנען זיין אנדערע עהנליכע אורזאכען.

ביי די ערשטע פאפירען דארפט איהר זיין זיכער, צווישען אנדערע זאכען, צו געדענקען גענוי דעם טאג וואס איהר זייט געקומען קיין אמעריקא, די שיף, מיט וועלכער איהר זיינט אנגעקומען, פון וועלכען האפען איהר זייט אפגע־פאהרען און אין וועלכער אמעריקאנער שטאדט אדער האפען איהר האט געלאנדעט.

אויב איהר זייט געקומען דורך קענעדע, זאָלט איהר פאַרצייכענען דורך וועלכער שטאָדט איהר זייט אריינגעקומען, פון וואַנען, און ווי אַזוי.

ערשטע פּאַפּירען קאָן מען קריגען זעהר גרינג. אין יעדער שטאָדט איז דאָ אַ געוויסער פּלאַץ, וואו מען גיט זיי אַרוים. מען דאַרף ניט האָבען קיין שום עדות.

צווישען די ערשטע און צווייטע פּאַפּירען דאַרף געדויערען ניט וויניגער ווי צוויי יאָהר און ניט מעהר ווי 7 יאָהר. נאָך 7 יאָהר ווערען די ערשטע פּאַפּירען בטל און מען דאַרף קריגען אַנדערע, נייע ערשטע פּאַפּירען. אָבער אין יעדען פאַל מוז מען האָבען געוועזען אין אַמעריקא ניט וויניקער ווי 5 יאָהר איידער מען קאָן קריגען די צווייטע פּאַפּירען. ווען איינער, למשל, נעמט אַרויס ערשטע פּאַפּירען בעת ער איז אָפּגעוועזען בלויז אַנדערהאַלבען יאָהר אין אַמעריקא, מוז ער וואַרטען נאָך פערטהאַלבען יאָהר איידער ער קאָן ווערען אַ בירגער; ווען איינער, ווידער, נעמט אַרויס ערשטע פּאַפּירען נאכדעם ווי ער איז אָפּגעוועזען אין אַמעריקא גאַנצע 25 יאָהר, מוז ער אָבער די נויטיגע 2 יאָהר סאַי־ווי וואַרטען, איידער ער קען ווערען אַ בירגער.

## צווייטע פּאַפּירען.

צווישען 2 און 7 יאָהר זינט מען האָט געקראָגען די ערשטע פּאַפּירען, און נאכדעם ווי מען איז אָפּגעוועזען 5 יאָהר אין אַמעריקא, מעג מען אַריינגעבען אַ פּעטיציע אויף צווייטע פּאַפּירען, (פּעטישאָן אָוו נעטשוראַליזיישאָן — (Petition of Naturalization). אַזאַ פּעטיציע קענט איהר קריגען אין באַשטימטע ערטער אין יעדער שטאָדט. איהר מוזט געבען כמעט דיזעלבע אינפאָרמאַציע ווי ביי די ערשטע פּאַפּירען, ווי אויך אַנדערע לייכטע פאַקטען, און אויך די נעמען און אַדרעסען פון צוויי עדות, וואָס קאָנען אייך די לעצטע 5 יאָהר. די פּאַפּירען גיט איהר אַריין אין דער נאַטוראַליזאַציאָנס ביוראָ אין אייער שטאָדט, אָדער אין אַ געוויסען געריכט, אָדער „פּאָסט אָפיס".

די לעצטע עטלאַכע יאָהר געדויערט געוויינליך היבשע עטליכע חדשים איידער מען רופט אייך צום עקזאַמען פאַר די צווייטע פּאַפּירען. דאָס איז דערפאַר, וואָס מען דאַרף אויסגעפינען וועגען אייער אריינקומען קיין אַמעריקא, און די נאַטוראַליזאַציאָנס ביוראָ איז פאַרוואַרפען מיט אַפּליקאַציעס. אָבער פאַר די לעצטע עטלאַכע חדשים געדויערט עס אַלץ וויניגער, און איך האָב זיכערע אונפאָרמאַציע פון די פאַראַנטוואָרטליכסטע באַאַמטע, אַז נאָך אין אַ האַלב יאָהר אַרום וועט די צייט צווישען דער פּעטיציע און דעם עקזאַמען ניט זיין לענגער ווי אַ וואָך אָדער צוויי.

דער עקזאַמען פאַר צווייטע פּאַפּירען ווערט געגעבען פון אַן אַנגעשטעלטען פון דער נאַטוראַליזאַציאָנס־ביוראָ, וואָס הייסט אַ נאַטוראַליזאַציאָנס־עקזאַמינאַטאָר. מען מוז מיט זיך ברענגעןביידע עדות. אויב מען מאַכט דורך דעם עקזאַמען, וועט מען קריגען די צווייטע פּאַפּירען אין ניט וויניגער ווי 90 טעג, און מעהר קיין עקזאַמען וועט מען אייך ניט געבען. נאָך די 90 טעג ווערט מען גערופען אין געריכט פאַר'ן ריכטער (די עדות דאַרפען מעהר ניט קומען) און מען ווערט אָפיציעל איינגעשוואָרען אַלס בירגער. די לעצטע פּראָצעדורע איז ניט מעהר ווי אַ פאָרמאַליטעט. אָבער אויב מען מאַכט ניט דורך דעם עקזאַמען, ווערט

מען אפגעלייגט אויף א געוויסער צייט — געוויינליך 6 חדשים — און מען ווערט ווידער עקזאמינירט, און דאס האלט אן אזוי לאנג, ביז מען מאכט דורך דעם עקזאמען.

מען איז געוויינליך וויניגער שטרענג מיט אן עלטערען מענשען ווי מיט א איינגערען, אדער מיט איינעם אויף וועמען מען דערקענט גלייך אז ער איז גענוג אמעריקאניזירט צו ווערען א בירגער. אזעלכען וועט מען אמאל גארניט פרעגען. דאס ווענדט זיך, נאטירליך, אינ׳ם „עקזאמינער“.

ווען איינער האט א טייל פון די פינף יאהר געוואוינט אין אן אנדער שטאדט, מוז ער ברענגען געשווארענע באווייזען פון צוויי עדות פון דער אנדערער שטאדט, אז זיי האבען איהם דארט געקענט, און די צוויי עדות, וואס קומען מיט איהם, שווערען נאר, אז זיי קענען איהם פאר דער צייט וואס ער וואוינט אין דער שטאדט, וואו ער וויל ארויסנעמען די צווייטע פאפירען. אזא פאפיר צו שווערען פאר די עדות פון דער אנדערער שטאדט וועט צוגעשטעלט ווערען אין׳ם אפיס, וואוהין מען ווענדט זיך נאך די צווייטע פאפירען.

## וועגען פרויען.

1. א פרוי פון א בירגער דארף ניט האבען קיין ערשטע פאפירען. זי מעג זיך ווענדען נאך צווייטע פאפירען אויפ׳ן סמך וואס איהר מאן איז א בירגער. זי דארף ווארטען די געוועהנליכע 90 טעג און דערנאך דורכמאכען דעם געוועהנליכען עקזאמען ווי אלע אנדערע. זי דארף האבען געוועזן אין אמעריקא ניט וויניגער ווי איין יאהר, אנשטאט פינף.

2. אן אלמנה פון איינעם, וואס האט געהאט ארויסגענומען די ערשטע פא־פירען און וואס האט ניט דערלעבט צו קריגען די צווייטע פאפירען, מעג זיך ווענדען נאך צווייטע פאפירען אויפ׳ן סמך פון איהר טויטען מאנ׳ס ערשטע פאפירען, אויפ׳ן זעלבען אופן און אויף די אייגענע קאנדיציאנען ווי איהר מאן.

3. די בירגערשאפט פון א פרוי ווערט ניט געענדערט נאך איהר חתונה.

4. א פרוי וואס האט געהייראט מיט אזעלכען וואס קאן קיין בירגער ניט ווערען (א כינעזער, למשל), איידער דער לעצטער בירגער־געזעץ איז אנגענומען געווארען, קאן קיין בירגער ניט ווערען און האט איהר בירגערשאפט פארלארען ווי לאנג זי איז אזוי פארהייראט.

## אלגעמיינע פונקטען.

1. ערשטע פאפירען קאסטען איין דאלאר, די צווייטע — פיער דאלאר.

2. מען קאן קריגען קאפיעס פון ערשטע אדער צווייטע פאפירען, אויב מען האט זיי פארלארען.

3. מען קען ארויסנעמען ערשטע און צווייטע פאפירען אויף וואס׳ער נאמען מען וויל, אבער מען דארף אויך אנגעבען דעם ריכטיגען היימישען נאמען.

4. וויינינגסטענס איין יאהר מוז מען האבען געוואוינט אין דעם שטאאט, וואו מען וויל קריגען די צווייטע פאפירען.

5. געוויסע ספעציעלע פארלייכטערונגען ביי די צווייטע פאפירען ווערען געמאכט פאר די, וואס זיינען אריינגעקומען קיין אמעריקא פריהער ווי דעם 29טען יוני, 1906.

6. נאַטוראַליזירטע עדות מוזען מיט זיך ברענגען זייערע צווייטע פּאַפּירען.
7. ווען איינער שטאַרבט, קאָנען זיינע קינדער אריינגעבען אַ ביטע פאַר צווייטע פּאַפּירען אויפ'ן סמך פון'ם פאָטער'ס ערשטע פּאַפּירען.
8. צו קריגען צווייטע פּאַפּירען, מוז מען אַלט זיין ניט ווייניגער ווי 21 יאָהר.
9. דרייסיג טעג פאַר וואהלען גיט מען ניט ארויס קיין צווייטע פּאַפּירען.
10. ווען מען קריגט ניט די צווייטע פּאַפּירען, קריגט מען ניט צוריק די פיער דאָלאַר.

## די פראַגען.

די פראַגען, וואָס ווערען געשטעלט ביי נעמען די צווייטע פּאַפּירען, זיינען בכלל זעהר גרינגע, און יעדער איינער מיט געוויינלאַכער אינפאָרמאַציע קאָן זיי לייכט ענטפערען. זיי ריהרען אָן די אַלגעמיינסטע פּונקטען אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען. מען פרעגט ווי געזעצען ווערען געמאַכט און די נעמען פון די הויפּט באַאמטע פון אמעריקע אָדער פון שטאַאט און שטאָדט. אמאָל וועגען דעם אמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנטען־הויז, דעם סענאַט, דעם סופּרים קאָורט (העכסטען געריכט), וועגען דעם ווי געוויסע באַאמטע ווערען דערוויילט, וועגען דעם פּרעזידענט, וויים־פּרעזידענט, גאָווערנאָר, מעיאָר, זייערע נעמען און אמאָל וועגען זייער פּאָליטישער פּאַרטיי. בכלל קאָן מען זאָגען מיט זיכערהייט. אַז דער וואָס האָט נאָר איבערגעלעזען די אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, וועט ניט האָבען קיין שוועריגקייטען דורכצומאַכען דעם עקזאַמען. אַ קצור פון דער קאָנסטיטוציע ווערט דאָ געגעבען.

### קיצור פון דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.

### 1. רעגירונגס אפּטיילונגען.

1. געזעצמאַכענדע: א) רעפּרעזענטאַנטען־הויז; ב) סענאַט.
2. געזעצדורכפיהרענדע: א) פּרעזידענט; ב) זיין קאַבינעט.
3. געזעצפּאַרטייטשענדע: א) סופּרים קאָורט (העכסטער געריכט); ב) נידעריגערע פעדעראַלע געריכטען.

### רעפּרעזענטאַנטען־הויז.

1. דערוויילט — פון פאָלק.
2. טערמין — צוויי יאָהר.
3. כדי צו ווערען אַ קאָנגרעסמאַן אָדער אַ מיטגליד פון רעפּרעזענטאַנטען־הויז, מוז מען —
   א) אַלט זיין 25 יאָהר.
   ב) זיין זיבען יאָהר אַ בירגער.
   ג) וואוינען אין'ם שטאַאַט (און, ס'איז אַ מנהג, אויך אין'ם דיסטריקט).
4. אַ קאָנגרעסמאַן פאַרטרעט אַ דיסטריט. (צאָהל איינוואוינער באַשטימט לויט'ן צענזוס אַלע 10 יאָהר).
5. פּאָרזיצענדער פון רעפּרעזענטאַנטען־הויז („ספּיקער"), אַ קאָנגרעסמאַן דערוויילט פון די קאָנגרעסלייט.
6. מאַכט און רעכט פון רעפּרעזענטאַנטען־הויז.
   א) צו „אימפּיטשען".
   ב) די ערשטע פאָרצושלאָגען איינקונפטס־בילס.

## 3. סענאַט.

1) דערוועהלט — פון פאָלק.
2. טערמין — זעקס יאָהר.
3. מיטגלידער אייגענשאַפטען:
א) 30 יאָהר אַלט.
ב) ניין יאָהר אַ בירגער.
ג) וואוינען אין דעם שטאַאַט.
4. צאָהל — צוויי פון יעדען שטאַאַט.
5. פאָרזיצענדער:
א) וויים־פּרעזידענט.
ב) דערוויילינגער פאָרזיצענדער, ווען וויים־פּרעזידענט איז אַבוועזענד.
6. מאַכט:
א) צו פּראָצעסירען „אימפּיטשמענט" קלאַגעס.
ב) צו שטימען אָדער צוריקווייזען דעם פּרעזידענט'ס באַשטימונגען אָדער אַנדערע אַקטען.

## 4. ביידע הייזער.

1. מיטינגען — וועניגסטענס איין מאָל אַ יאָהר, דעם ערשטען מאָנטאָג אין דעצעמבער.
2. קוואָרום — אַ מאַיאָריטעט.
3. די רעכט:
א) לייגען שטייערען.
ב) באָרגען געלד.
ג) רעגולירען האַנדעל.
ד) מאַכען געזעצען וועגען בירגער ווערען און באַנקראָט.
ה) פאַבריצירען געלד און באַשטימען די סטאַנדאַרדס פון מאָס און וואָג.
ו) באַשטראָפען געלד־פעלשער.
ז) גרינדען פּאָסט אָפיסעס און פּאָסט־וועגען.
ח) מאַכען געזעצען וועגען „קאָפּירייטס" און פּאַטענטען.
ט) גרינדען געריכטס־הייזער.
י) באַשטראָפען ים־רויבער.
כ) דערקלערען קריג.
ל) צוגרייטען אַרמעע, פלאָטע און מיליץ.
מ) אריינגעמען נייע שטאַאַטען.
נ) מאַכען געזעצען פאר רעגירונגס־זיץ (וואשינגטאָן, ד. אָוו ק.).
ס) מאַכען רעגלען פאר פאַרהאַנדלונגען אין קאָנגרעס.
ע) האָבען אַ טעגליכען זשורנאַל אלץ צו פארשרייבען (קאָנגרעשאָנאַל רעקאָרד).
4. טאָרען נ י ט:
א) צונעמען „האַבעאַס קאָרפּוס רעכט".
ב) דורכפירען „אַטעינדער" ביל און „עקס פּאָסט פאַקטאָ" געזעץ.
ג) איינטיילען שטייערען אונגלייך.

ד) שענקען אַדעל טיטול.
ה) פאַרטאָגגען זיך אויף מעהר ווי 3 טעג, איין הויז אָהן דעם צווייטען.

## 5. פרעזידענט.

1. דערוויילט — פון עלעקטאָרס, וועלכע ווערען דערוויילט פון פאָלק.
2. טערמין — פיער יאָהר.
3. אייגענשאַפטען:
   א) געבאָרענער בירגער.
   ב) 35 יאָהר אַלט.
   ג) 14 יאָהר פריהער וואוינען אין די פאַראייניגטע שטאַטען.
4. מאַכט און רעכט:
   א) אויבערקאָמאַנדיר פון אַרמעע, פלאָטע און מיליץ.
   ב) אָפליייגען שטראָף און באַגנאַדיגען פאַר פאַרברעכען געגען די פאַראייניגטע שטאַטען.
   ג) שליסען אָפמאַכען (מיט דעם ראַט און צושטימונג פון סענאַט).
   ד) מאַכען דערווייליגע באַשטימונגען ווען דער סענאַט איז געשלאָסען.
   ה) באַשטימען אַמבאַסאַדאָרען, געזאַנדטע, קאָנסולען, קאַבינעט באַאַמטע, פעדעראַלע ריכטער און אַז. וו. (מיט דעם ראַט און צושטימונג פון סענאַט).
   ו) וועטירען בילס.
5. פליכטען:
   א) אויספיהרען געזעצען.
   ב) רופען ספעציעלע זיצונגען, ווען נויטיג.
   ג) אויפנעמען אַמבאַסאַדאָרען און אויסלענדישע געזאַנדטע.
   ד) געבען עצות דעם קאָנגרעס וועגען די פּראָבלעמען פון לאַנד.

## 6. פעדעראַלע געריכטען און ריכטער.

1. סופּרים קאָורט (העכסטע געריכט) — ניין ריכטער.
2. נידעריגערע פעדעראַלע געריכטען, באַשטימט לויט די געזעצען פון'ם קאָנגרעס.
3. ריכטער — ווערען באַשטימט פון'ם פרעזידענט (מיט'ן סענאַט).
4. צאָהל ריכטער — באַשטימט פון קאָנגרעס.
5. טערמין — בשעת גוטער אויפפיהרונג.

## 7. ניינצעהן אַמענדמענטס (ענדערונגען) צו דער קאָנסטיטוציע.

1. פרייהייט; 2. מיליץ; 3. סאָלדאַטען; 4. אומגערעכטע זוכונגען; 5. לעבען, פרייהייט, אייגענטום; 6. רעכט פון באַשולדיגטע; 7. דזשורי (געריכט־געשוואָרענע) פראָצעס; 8. צו הויכע בעיל; 9. פאָלקס־רעכט; 10. שטאַטען רעכט; 11. קלאַגעס געגען די פאַראייניגטע שטאַטען; 12. דערוועהלונג פון פרעזידענט און וויים־פרעזידענט; 13. שקלאַפעריי; 14. פאַרשידענע רעכט און פאַרבאָטען; 15. אַלגעמיינע שטימרעכט; 16. איינקונפט־שטייער; 17. דערוועהלונג פון סענאַטאָרען; 18. „פּראָהיבישאָן" (פאַרבאָט אויף משקה); 19. פרויען שטימרעכט.

# אַלוועלטליכע אַרבייטער־באַוועגונג

## אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פאַרשידענע לענדער

(לויט ידיעות פון אַמסטערדאַמער טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל)

| לאַנד | צאָהל אַרבייטער — אין די יאָהרען | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1906 | 1913 | 1919 | 1920 | 1922 (1טען יאַנואַר) | 1923 (1טען יאַנואַר) | 1924 (1טען יאַנואַר) |
| רוסלאַנד (ס. ס. ס. ר.) | 250,000 | — | 3,639,000 | 5,220,000 | 6,875,000 | 4,494,000 | 4,556,000 |
| דייטשלאַנד | 2,200,000 | 4,513,000 | 11,900,000 | 13,000,000 | 12,596,000 | 11,264,000 | 9,193,000 |
| ענגלאַנד | 2,110,000 | 4,173,000 | 8,024,000 | 8,024,000 | 6,560,000 | 5,580,000 | 4,405,000 |
| פראַנקרייך | 900,000 | 1,027,000 | 2,500,000 | 2,500,000 | 1,047,000 | 1,396,000 | 1,396,000 |
| איטאַליע | 640,000 | 972,000 | 1,800,000 | 3,100,000 | 2,100,000 | 3,443,000 | 2,234,000 |
| פוילען | — | — | 350,000 | 947,000 | 823,000 | 1,233,000 | 770,000 |
| שפּאַניע | 170,000 | — | 876,000 | 876,000 | 1,305,000 | 582,000 | 453,000 |
| רומעניע | — | 10,000 | 75,000 | 90,000 | 170,000 | 82,000 | 78,000 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | — | — | 1,301,000 | 2,000,000 | 2,000,000 | 1,505,000 | 1,505,000 |
| יוגאָסלאַוויע | — | 9,000 | 80,000 | 20,000 | 250,000 | 76,000 | 60,000 |
| אונגאַרן | — | 115,000 | 212,000 | 343,000 | 343,000 | 249,000 | 191,000 |
| בעלגיע | 155,000 | 200,000 | 715,000 | 920,000 | 920,000 | 781,000 | 745,000 |
| האָלאַנד | 130,000 | 198,000 | 457,000 | 683,000 | 664,000 | 640,000 | 545,000 |
| פּאָרטוגאַל | — | — | 100,000 | 100,000 | 100,000 | 150,000 | 50,000 |
| עסטרייך | 450,000 | 260,000 | 803,000 | 830,000 | 1,128,000 | 1,128,000 | 1,117,000 |
| שוועדען | 201,000 | 136,000 | 338,000 | 400,000 | 381,000 | 325,000 | 400,000 |
| גריכענלאַנד | — | — | 170,000 | 170,000 | 170,000 | 170,000 | 170,000 |
| בולגאַריע | 5,000 | 30,000 | 36,000 | 36,000 | 36,000 | 54,000 | 50,000 |

(שלוס פון דער טאַבעלע אויף נעקסטער זייט)

# אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין פאַרשידענע לענדער

(לויט ידיעות פון אַמסטערדאַמער טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל)

| לאַנד | צאָהל אַרבייטער — אין די יאָהרען 1906 | 1913 | 1919 | 1920 | 1922 (1טן יאנואר) | 1923 (1טן יאנואר) | 1924 (1טן יאנואר) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| שווייץ | 90,000 | 95,000 | 200,000 | 292,000 | 349,000 | 239,000 | 299,000 |
| פינלאַנד | — | 28,000 | 41,000 | 59,000 | 49,000 | 48,000 | 48,000 |
| דענעמאַרק | 98,000 | 152,000 | 360,000 | 400,000 | 351,000 | 308,000 | 302,000 |
| נאָרוועגיע | 25,000 | 64,000 | 144,000 | 142,000 | 96,000 | 84,000 | 90,000 |
| יאַפּאַן | — | — | 247,000 | 247,000 | 111,000 | 100,000 | 100,000 |
| אינדיע | — | — | 500,000 | 500,000 | 500,000 | 220,000 | 220,000 |
| פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא | 1,970,000 | 2,722,000 | 5,607,000 | 5,179,000 | 5,179,000 | 3,821,000 | 3,821,000 |
| קאַנאַדאַ | — | 176,000 | 378,000 | 374,000 | 271,000 | 277,000 | 277,000 |
| אַרגענטינא | — | — | 476,000 | 750,000 | 248,000 | 143,000 | 143,000 |
| דרום־אַפריקא | — | — | 60,000 | 60,000 | 91,000 | 90,000 | 90,000 |
| אויסטראַליע | 110,000 | 498,000 | 628,000 | 684,000 | 684,000 | 703,000 | 703,000 |
| ניי־זעעלאַנד | 30,000 | 72,000 | 83,000 | 83,000 | 83,000 | 83,000 | 83,000 |
| ליטע | — | — | — | — | — | 40,000 | 40,000 |
| לאַטוויא | — | — | — | — | 50,000 | 25,000 | 24,000 |
| עסטלאַנד | — | — | — | — | — | 20,000 | 30,000 |
| לוקסעמבורג | — | — | — | — | 26,000 | 13,000 | 12,600 |
| סך הכל | 9,534,000 | 16,152,000 | 42,040,000 | 48,020,000 | 46,273,000 | 40,929,000 | *34,070,600 |

*) צוזאַמען מיט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון אַנדערע לענדער (ווי מעקסיקא און אַנד.) איז די צאָל געווען, יאַנואַר 1, 1924, 40,928,610.

# טרייד־יוניאַנס לויט ריכטונגען אין פאַרשידענע לענדער.

(אין רונדע צאָהלען)

## ערשטען יאַנואַר, 1922.

| לאַנד | אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל | קריסטליכע יוניאָנס | אַנאַרכאָ־סינדיקאַ־ליסטישע יוניאָנס | מאָסקווער אינט. פּראָפאינטערן | נייטראַלע יוניאָנס | פאַרשידענע |
|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסלאַנד | — | — | — | 6,875,000 | — | — |
| דייטשלאַנד | 8,417,000 | 1,820,000 | 247,000 | — | 1,767,000 | 347,000 |
| ענגלאַנד | 6,560,000 | — | — | — | — | — |
| פראַנקרייך | 756,000 | 143,000 | — | — | 148,000 | — |
| איטאַליע | 1,200,000 | 400,000 | 100,000 | — | — | 400,000 |
| פּוילען | 365,000 | 158,000 | — | — | 300,000 | — |
| שפּאַניע | 240,000 | 400,000 | 665,000 | — | — | — |
| רומעניע | — | — | — | — | — | 170,000 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 1,231,000 | 84,000 | 2,000 | — | 348,000 | 334,000 |
| יוגאָסלאַוויע | 50,000 | — | — | 200,000 | — | — |
| אונגאַרן | 153,000 | 190,000 | — | — | — | — |
| בעלגיע | 698,000 | 200,000 | — | — | — | 22,000 |
| האָלאַנד | 224,000 | 226,000 | 37,000 | — | 52,000 | 125,000 |
| פּאָרטוגאַל | — | — | — | — | — | 100,000 |
| עסטרייך | 1,080,000 | 48,000 | — | — | — | — |
| שוועדען | 313,000 | — | 20,000 | — | — | 48,000 |
| גריכענלאַנד | 170,000 | — | — | — | — | — |
| בולגאַריע | 15,000 | — | — | 12,000 | — | 9,000 |
| שווייץ | 226,000 | 17,000 | — | — | 55,000 | 51,000 |
| [illegible] | — | — | — | — | — | 49,000 |
| דענעמאַרק | 243,000 | 3,000 | 5,000 | — | — | 100,000 |
| נאָרוועגיע | 96,000 | — | — | — | — | — |
| לאַטוויא | 23,000 | — | — | — | — | 27,000 |
| לוקסעמבורג | 21,000 | 5,000 | — | — | — | — |
| פאַר. שט. פון אַמער. | — | — | 20,000 | — | 3,907,000 | 1,253,000 |
| קאַנאַדאַ | 165,000 | 45,000 | 5,000 | — | — | 57,000 |
| אַרגענטינא | 75,000 | 20,000 | 153,000 | — | — | — |
| מעקסיקאָ | — | — | — | — | — | 710,000 |
| פּערו | 25,000 | — | — | — | — | — |
| יאַפּאַן | — | — | — | — | — | 111,000 |
| אינדיע | 17,000 | — | — | — | — | 483,000 |
| זיד־אַפריקא | 50,000 | — | — | — | — | 42,000 |
| אויסטראַליע | — | — | — | — | — | 684,000 |
| ניי־זעעלאַנד | — | — | — | — | — | 83,000 |
| סך הכל | 22,412,000 | 3,759,000 | 1,254,000 | 7,069,000 | 6,578,000 | 5,201,000 |

# ערשטען יאנואר, 1923

| לאנד | אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל | קריסטליכע יוניאָנס | אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע יוניאָנס | מאָסקווער אינט. פּראָפאינטערן | נייטראַלע יוניאָנס | פאַרשידענע אנדערע יוניאָנס |
|---|---|---|---|---|---|---|
| רוסלאַנד | — | — | — | 4,494,000 | — | — |
| דייטשלאַנד | 8,576,000 | 1,034,000 | 62,000 | — | 600,000 | 992,000 |
| ענגלאַנד | 4,369,000 | — | — | — | 300,000 | 911,000 |
| פראַנקרייך | 758,000 | 125,000 | 100,000 | 150,000 | 93,000 | 170,000 |
| איטאַליע | 401,000 | 992,000 | 50,000 | — | — | 2,000,000 |
| פּוילען | 411,000 | 193,000 | — | — | — | 628,000 |
| שפּאַניע | 240,000 | 42,000 | 300,000 | — | — | — |
| רומעניע | 28,000 | — | — | 24,000 | — | 30,000 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 674,000 | 93,000 | 7,000 | 319,000 | — | 413,000 |
| יוגאָסלאַוויע | 66,000 | 10,000 | — | — | — | — |
| אונגאַרן | 203,000 | 46,000 | — | — | — | — |
| בעלגיע | 619,000 | 162,000 | — | — | — | — |
| האָלאַנד | 201,000 | 185,000 | 22,000 | — | 46,000 | 186,000 |
| פּאָרטוגאַל | — | — | — | — | — | 150,000 |
| עסטרייך | 1,050,000 | 78,000 | — | — | — | — |
| שוועדען | 293,000 | — | 32,000 | — | — | — |
| גריכענלאנד | — | — | — | — | — | 170,000 |
| בולגאַריע | 15,000 | — | — | 34,000 | — | 5,000 |
| שווייץ | 162,000 | 25,000 | — | — | — | 41,000 |
| פינלאַנד | — | — | — | 48,000 | — | — |
| דענעמאַרק | 308,000 | — | — | — | — | — |
| נאָרוועגיע | — | — | — | 84,000 | — | — |
| ליטע | — | — | — | — | — | 40,000 |
| לאַטוויע | 12,000 | — | — | 5,000 | — | 8,000 |
| עסטאָניא | — | — | — | — | — | 20,000 |
| לוקסעמבורג | 12,000 | 500 | — | — | — | — |
| פאַראייניגטע שטאַטן | — | — | 80,000 | — | 2,926,000 | 815,000 |
| קאַנאַדאַ | 118,000 | 38,000 | — | — | — | 120,000 |
| אַרגענטינא | — | — | 143,000 | — | — | — |
| מעקסיקאָ | — | — | 30,000 | — | — | 1,000,000 |
| פּערו | — | — | — | — | — | 25,000 |
| טשילי | — | — | — | 200,000 | — | — |
| כינא | — | — | — | — | — | 300,000 |
| יאַפּאַן | — | — | — | — | — | 100,000 |
| אינדיע | — | — | — | — | — | 220,000 |
| פּאַלעסטינא | 8,000 | — | — | — | — | — |
| דרום־אַפריקא | 50,000 | — | — | — | — | 40,000 |
| אויסטראַליע | — | — | — | — | — | 703,000 |
| ניי־זעעלאַנד | — | — | — | — | — | 83,000 |
| סך הכל | 18,574,000 | 3,026,000 | 826,000 | 5,358,000 | 3,965,000 | 9,180,000 |

# 1טען יאנואר, 1924

| לאנד | אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל | קריסטליכע | אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע | פּראָפאינטערן | פאַרשידענע | צוזאַמען |
|---|---|---|---|---|---|---|
| עסטרייך | 936,000 | 79,000 | — | — | 102,000 | 1,117,000 |
| בעלגיע | 595,000 | 150,000 | — | — | — | 745,000 |
| בולגאַריע | 15,000 | — | — | 35,000 | — | 50,000 |
| דענעמאַרק | 302,000 | — | — | 90,000 | 748,000 | 1,505,000 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 541,000 | 126,000 | 200 | — | — | 302,200 |
| עסטלאַנד | — | — | — | 25,000 | 5,000 | 30,000 |
| פינלאַנד | — | — | — | — | 48,000 | 48,000 |
| פראַנקרייך | 758,000 | 125,000 | — | 350,000 | 163,000 | 1,396,000 |
| דייטשלאַנד | 6,293,000 | 1,500,000 | 100,000 | — | 1,300,000 | 9,193,000 |
| אונגאַרן | 176,000 | 15,000 | — | — | — | 191,000 |
| איסלאַנד | — | — | — | — | 4,000 | 4,000 |
| אירלאַנד (פר. שטאַט) | — | — | — | — | 139,000 | 139,000 |
| איטאַליע | 234,500 | — | — | — | 2,000,000 | 2,234,500 |
| לאטוויא | 13,000 | — | — | 4,000 | 7,000 | 24,000 |
| לוקסעמבורג | 12,100 | 500 | — | — | — | 12,600 |
| מעמעל | 4,000 | — | — | — | — | 4,000 |
| האָלאַנד | 180,000 | 151,000 | 8,000 | 14,000 | 192,000 | 545,000 |
| נאָרוועגיע | — | — | 2,000 | — | 88,000 | 90,000 |
| פוילען | 370,000 | 120,000 | — | — | 280,000 | 770,000 |
| פּאָרטוגאַל | — | — | — | — | 50,000 | 50,000 |
| רומעניע | 33,000 | — | — | 16,000 | 29,000 | 78,000 |
| יוגאָסלאַוויע | 35,000 | 1,000 | — | 6,000 | 18,000 | 60,000 |
| שפּאַניע | 211,000 | 42,000 | 200,000 | — | — | 453,000 |
| שוועדען | 313,000 | — | 37,000 | — | 50,000 | 400,000 |
| שווייץ | 151,000 | 14,000 | — | — | 134,000 | 299,000 |
| רוסלאַנד | — | — | — | 4,556,000 | — | 4,556,000 |
| ענגלאַנד | 4,328,000 | — | — | — | 1,077,000 | 5,405,000 |

# מיטגלידערשאפט פון אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאַל
# דעם ערשטען יאנואר, 1924

| לאנד | צאָהל יוניאָן מיטגלידער | לאנד | צאָהל יוניאָן מיטגלידער |
|---|---|---|---|
| עסטרייך | *1,049,949 | לאַטוויע | 12,658 |
| בעלגיע | 618,871 | לוקסעמבורג | *12,100 |
| בולגאַריע | 14,803 | פוילען | 369,991 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | *388,294 | רומעניע | 36,000 |
| דענעמאַרק | 233,116 | שפאַניע | 211,085 |
| פראַנקרייך | *757,847 | שוועדען | 313,022 |
| דייטשלאַנד | 7,187,251 | שווייץ | 155,000 |
| ענגלאַנד | 4,369,268 | פאַלעסטינא | 8,000 |
| האָלאַנד | 182,893 | קאַנאַדאַ | 152,000 |
| אונגאַרן | 167,242 | זיד־אַפריקא | 10,000 |
| איטאַליע | 212,016 | | |
| יוגאָסלאוויע | 66,166 | סך הכל | 16,528,072 |

* לויט די באַריכטען פון 1טען יאַנואר, 1923.

## אַרבייטער־פאַרדינסטען פאַר און נאָך דער מלחמה.

(לויט רעפּאָרטען פון דער אינטערנאציאָנאלער אַרבייט־ביורא פון דער פעלקער־ליגע).

די רעפּארטען זיינען פאַר די יאהרען 1919, 1920 און 1921 און די פאַרדינסטען פון די דאָזיגע יאָהרען ווערען פאַרגליכען מיט די פאַרדינסטען פון 1913 אָדער 1914, דאָס הייסט, פאַר דער וועלט־מלחמה. עס ווערען אין די רעפּאָרטען אָנגעגעבען אי די נאָמינעלע פאַרדינסטען, דאָס הייסט, וויפיל פראַנקען, קראָנען, דאָלאַר, פונטען א. א. וו. אַרבייטער האָבען באַקומען טעגליך, וועכענטליך, מאָנאַטליך פאַר זייער אַרבייט און די ווירקליכע פאַרדינסטען, דאָס הייסט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די פאַרגרעסערטע קאָסטען אויף לעבענס־מיטלען

אַלס מוסטער קען דינען די פאָלגענדע טאַבעלע פון ווירקליכע אַרבייטער־פאַר־דינסטען אין דער קוילען־אינדוסטריע אין פאַרשידענע לענדער (אָננעמענדיג אַלס באַזיס פאַר די פאַרדינסטען פון פאַר דער מלחמה די צאָהל 100):

| לאנד | פאַר דער מלחמה | 1919 | 1920 | 1921 |
|---|---|---|---|---|
| ענגלאנד | 100 | 86 | 95 | 96 |
| האָלאַנד | 100 | 115 | 122 | 129 |
| פראַנקרייך | 100 | 114 | 109 | 116 |
| בעלגיע | 100 | 106 | 99.7 | — |
| דייטשלאַנד | 100 | — | צווישען 87 און 141 (לויט פאַכען) | צווישען 116 און 154 (לויט פאַכען) |
| טשעכאָסלאוואקיע | 100 | — | 87 | — |
| אויסטראַליע | 100 | 99 | 99 | 107 |
| אַמעריקא: | | | | |
| אַנטראַציט | 100 | 103 | 98 | 118 |
| ווייכע קוילען | 100 | 83 | 97 | 117 |

די נאָמינעלע פארדינסטען אין דערזועלבער קוילען־אינדוסטריע זיינען אין בעלגיע, למשל, געווען (אין פראנקען):

| 1913 | 1920 | 1921 |
|---|---|---|
| 5.30 | 25.38 | 20.3 |

און דאָס מיינט, אז די נאָמינעלע פארדינסטען פון נאָך דער מלחמה זיינען געווען קנאפע 400 און 500 פראָצענט פון די פארדינסטען פאר דער מלחמה. אננעמענדיג אלס באזיס פון 1913 די צאָהל 100, קומט אויס, אז די פארדינסטען זיינען אזוי געוואקסען:

| 1913 | 1920 | 1921 |
|---|---|---|
| 100 | 479 | 383 |

דיווירקליכע פארדינסטען אָבער זיינען אין דער קוילען־אינדוסטריע אין בעלגיע, לויט דער אויבינגער טאבעלע געווען:

| 1913 | 1919 | 1920 |
|---|---|---|
| 100 | 106 | 99.7 |

דאָס הייסט, די ארבייטער האָבען אין יאָהר 1920 פארדינט ווייניגער ווי אין יאָהר 1913.

די דורכשניטליכע נאָמינעלע וועכענטליכע פארדינסטען אין אמעריקא זיינען געווען (אין דאָלארס):

| | 1914 | 1920 | 1921 |
|---|---|---|---|
| פאר אלע לוין ארבייטער — — — — — — — — — — | $12.40 | $29.80 | $22.89 |
| פאר קוואליפיצירטע (מענער) — — — — — — — — | 14.21 | 33.68 | 26.00 |
| פאר ניט קוואליפיצירטע (מענער) — — — — | 10.88 | 26.78 | 20.12 |
| פאר פרויען — — — — — — — — — — — — — — | 7.84 | 18.77 | 15.79 |

די לעבענס־קאָסטען זיינען אין אמעריקא געווען (אננעמענדיג אלס באזיס די צאָהל 100 פאר'ן יאָהר 1914):

| 1914 | 1920 | 1921 |
|---|---|---|
| 100 | 216.5 | 180.4 |

און דאָס מיינט, אז די דורכשניטליכע ווירקליכע פארדינסטען זיינען אין פארגלייך מיט די פאר־מלחמה פארדינסטען געווען (מיט 100 אלס באזיס פאר 1914):

| | 1914 | 1920 | 1921 |
|---|---|---|---|
| פאר אלע לוין ארבייטער — — — — — — — — — — — — | 100 | 111 | 103 |
| פאר קוואליפיצירטע (מענער) — — — — — — — — — | 100 | 109 | 101 |
| פאר ניט קוואליפיצירטע (מענער) — — — — — — — | 100 | 114 | 103 |
| פאר פרויען — — — — — — — — — — — — — — — — | 100 | 111 | 111 |

לויט דעם באַריכט פון דערזעלבער ביוראָ זיינען די ווירקליכע פאַרדינסטען אין יאָהר 1921 געווען (אָננעמענדיג אַלס באַזיס די צאָהל 100 פאַר'ן יאָהר 1914) אין דער בוי־אינדוסטריע:

| | ענגלאַנד | דענעמאַרק | אמעריקא |
|---|---|---|---|
| פון קוואַליפיצירטע אַרבייטער — — — — — | 113 | 131 | 95 |
| פון ניט קוואַליפיצירטע — — — — — — — — | 132 | 143 | 103 |

אין דער מעטאַל־אינדוסטריע:

| | פראַנקרייך | דייטשלאַנד | עסטרייך |
|---|---|---|---|
| קוואַליפיצירטע — — — — — — — — — | 110 | 96 | 78 |
| ניט־קוואַליפיצירטע — — — — — — — — | 127 | 117 | 95 |

אויף די גרעסטע צרות, ציינט זיך אַרויס, זיינען נאָך דער וועלט־מלחמה געווען די „אינטעלעקטועלע", די מארך־אַרבייטער און, דער עיקר, די דינער פון שטאַט. זייערע ווירקליכע פאַרדינסטען זיינען געווען (אָננעמענדיג אַלס באַזיס די צאָהל 100 פאַר'ן יאָהר 1914):

| | שוועדען | עסטרייך | אמעריקא |
|---|---|---|---|
| אין 1919 — — — — — — — — — — — — — | 82 | — | — |
| אין 1920 — — — — — — — — — — — — — | 85 | — | — |
| אין 1921 — — — — — — — — — — — — — | — | 17 | צווישען 73 און 97 |

די ווירקליכע פרויען־פאַרדינסטען זיינען אין אייניגע פאַכען געוואַקסען מעהר ווי די מענערשע (אין פאַרגלייך מיט די יאָהרען פאַר דער מלחמה).

אַזוי, למשל, זיינען אין דער דרוקעריי־אינדוסטריע אין ענגלאַנד די מענער־פאַרדינסטען געווען אין 1920 — 89 פּראָצענט פון די פאַר־מלחמה פאַרדינסטען און אין 1921 — 108 פּראָצענט. די פרויען־פאַרדינסטען, ווידער, זיינען געווען: 109 פּראָצענט אין יאָהר 1920 און 131 פּראָצענט אין 1921. אין שוועדען אין דער דורכשניט פון די מענערשע פאַרדינסטען געווען אין יאָהר 1920 — 109 פּראָצענט, די פרויען־פאַרדינסטען — 120 פּראָצענט. אין דענעמאַרק האָבען די מענערשע פאַרדינסטען אין 1920 באַטראָפען 149 פּראָצענט פון די פאַר־מלחמה פאַרדינסטען און אין יאָהר 1921 — 142 פּראָצענט. די פרויען־פאַרדינסטען זיינען געווען: 166 פּראָצענט אין יאָהר 1920 און 151 פּראָצענט אין 1921. אין פראַנקרייך (אין יאָהר

1921) די מענער פארדינסטען — 115 פראצענט, די פרויען־פארדינסטען — 127 פראצענט. אין אויסטראליע זיינען די מענערשע פארדינסטען געוועז אין 1920 — 101 פראצענט און אין 1921 — 111 פראצענט; די פרויען־פארדינסטען: אין 1920 — 102 פראצענט און אין 1921 — 116 פראצענט.

דאס זעלבע, ווי עס איז צו זעהן פון די פריהער־געבראכטע טאבעלען, איז דער פאל מיט ניט־קוואליפיצירטע ארבייטער. אויך זייערע פארדינסטען האבען זיך אפט פראפארציאנעל מעהר פארגרעסערט ווי די פארדינסטען פון די קוואליפיצירטע.

## וואוקס פון פארדינסטען און לעבענס־קאסטען אין אמעריקא און אין ענגלאנד

(לויט'ן באריכט פונ'ם אמעריקאנישען האנדעל־מיניסטעריום. — אלס באזיס פאר'ן יאהר 1913 ווערט אנגענומען די צאהל 100).

| יאהר | אין אמעריקא | | אין ענגלאנד | |
|---|---|---|---|---|
| | פארדינסטען | לעבענס־מיטלען | פארדינסטען | לעבענס־מיטלען |
| 1920 | 199 | 226 | 230 | 283 |
| 1921 | 205 | 147 | 260 | 181 |
| 1922 | 193 | 149 | 200 | 159 |
| 1923 | 211 | 154 | 170 | 162 |
| 1924 | 228 | 150 | 170 | 174 |

## דורכשניטליכע ארבייטער־פארדינסטען אין פארשידענע לענדער אין יאהר 1925.

### מענער

בריסעל, בעלגיע — פון 6⅓ ביז 18 סענט פער שעה.

פאריז — פון $1.40 ביז $1.70 פער טאג.

אנדערע פראנצויזישע שטעדט — פון 85 סענט ביז $1.64 פער טאג.

וויען — פון 12 ביז 19 סענט פאר קוואליפיצירטע; פון 8 ביז 18 סענט פאר ניט־קוואליפיצירטע — פער שעה.

קאפענהאגען, דענעמארק — פון 14 ביז 35 סענט פער שעה.

אנדערע דענישע שטעדט — פון 12 ביז 28 סענט פער שעה.

ענגלאנד — פון $9.33 ביז $18.00 פער וואך.

איטאליע — פון $1.15 ביז $3.66 פער טאג.

דייטשלאנד — פון 13 ביז 23 סענט פער שעה; $11.00 פאר קוואליפיצירטע, $8.00 פאר ניט־קוואליפיצירטע — פער וואך.

### פרויען

פראנצויזישע שטעדט — 60 סענט פער טאג.

וויען — פון 6 ביז 11 סענט פער טאג.

# דורכשניטליכע ארבייטער־פאַרדינסטען אין פאַרשידענע לענ־דער ביי פאַרשידענע פאַכען, אין יאהר 1925.

## אין בריסעל, בעלגיע.

בעקעריי — ביי 15 סענט פּער שעה.
אונטערוועש — קנאַפּע 7 סענט פּער שעה.
פּוצערינס — ‎$24.86‎ פּער מאָנאַט.
פוטער־אַרבייטער — איבער 10 סענט פּער שעה.
פרעסערס — איבער 6 סענט פּער שעה.

שניידערקעס — קנאַפּע 15 סענט פּער שעה.
שניידער — קנאַפּע 15 סענט פּער שעה.
מאַשין־שטריקער — קנאַפּע 11 סענט פּער שעה.
סיגאַר־מאַכער — קנאַפּע 13 סענט פּער שעה.
צירונג־אַרבייטער — קנאַפּע 18 ס. פּער שעה.

## אין פראַנקרייך.

דרוקער — ‎$1.73‎ פּער טאָג.
פּרעסער — 6 סענט פּער שעה.
נעהטאָרקעס — 60 סענט פּער טאָג.

פּוצערינס — 59 סענט פּער טאָג.
אַנדערע שניידעריי־אַרבייט — 60 ס. פּער טאָג.

## אין דענמאַרק.

שניידער — 28 סענט אין קאָפּענהאַגען, 25 סענט אין אַנדערע שטעדט — פּער שעה.

| 1921 | 181 | 260 | 1921 | 205 | 147 |
| 1922 | 159 | 200 | 1922 | 193 | 140 |
| 1923 | 162 | 170 | 1923 | 211 | 154 |
| 1924 | 174 | 170 | 1924 | 228 | 150 |

# נאַציאָנאַלע פּאַרקען אין אמעריקא

| נאָמען פון פּאַרק | ווען געמאַכט | וואו ער געפינט זיך | די גרויס אין קוואַדראַט מייל |
|---|---|---|---|
| האַט ספּרינגס | 1832 | אַרקענסאַ | 1½ |
| יעלאָסטאָון | 1872 | ווייאָמינג | 3,384 |
| סעקוואָיא | 1890 | קאַליפאָרניא | 252 |
| יאָסעמיט | 1890 | קאַליפאָרניא | 1,125 |
| גענעראַל גרענט | 1890 | קאַליפאָרניא | 4 |
| מאונט רעינער | 1899 | וואַשינגטאָן | 324 |
| קרייטער לייק | 1902 | אָרעגאָן | 249 |
| ווינד קייוו | 1903 | סאוטה דאַקאָטאַ | 17 |
| פּלאַטט | 1904 | אָקלאַהאָמאַ | 1¼ |
| סאָלים היל | 1904 | נאָרטה דאַקאָטאַ | 1⅛ |
| מעסאַ ווערדע | 1906 | קאָלאָראַדאָ | 77 |
| גליישיער | 1910 | קאָלאָראַדאָ | 1,534 |
| ראַקי מאונטיין | 1915 | קאָלאָראַדאָ | 397½ |
| האַוואַאי | 1916 | האַוואַאי | 118 |
| לאַסאַן וואָלקיינאָ | 1916 | קאַליפאָרניא | 124 |
| מאונט מעק־קינלי | 1917 | אַלאַסקאַ | 2,645 |
| גרענד קעניאָן | 1919 | אַריזאָנאַ | 958 |
| לאַפאַיעט | 1919 | מעין | 8 |
| זייאָן | 1919 | יוטאַה | 120 |

# אימיגראַציע קיין אַמעריקא

## אַלגעמיינע אימיגראַציע.

| יאָהר | צאָהל אימי־ גראַנטען | יאָהר | צאָהל אימי־ גראַנטען | יאָהר | צאָהל אימי־ גראַנטען |
|---|---|---|---|---|---|
| 1820 | 8,385 | 1856 | 195,857 | 1892 | 579,663 |
| 1821 | 9,127 | 1857 | 112,123 | 1893 | 439,730 |
| 1822 | 6,911 | 1858 | 191,942 | 1894 | 285,031 |
| 1823 | 6,354 | 1859 | 129,571 | 1895 | 258,536 |
| 1824 | 7,912 | 1860 | 133,143 | 1896 | 343,267 |
| 1825 | 10,199 | 1861 | 142,877 | 1897 | 230,832 |
| 1826 | 10,837 | 1862 | 72,183 | 1898 | 229,299 |
| 1827 | 18,875 | 1863 | 138,925 | 1899 | 311,715 |
| 1828 | 27,382 | 1864 | 191,114 | 1900 | 448,572 |
| 1829 | 22,520 | 1865 | 180,339 | 1991 | 587,918 |
| 1830 | 23,322 | 1866 | 332,577 | 1902 | 648,743 |
| 1831 | 22,633 | 1867 | 303,104 | 1903 | 857,046 |
| 1832 | 60,482 | 1868 | 282,189 | 1904 | 882,870 |
| 1833 | 58,640 | 1869 | 352,768 | 1905 | 1,026,499 |
| 1834 | 65,365 | 1870 | 386,203 | 1906 | 1,100,735 |
| 1835 | 45,374 | 1871 | 321,350 | 1907 | 1,285,943 |
| 1836 | 76,242 | 1872 | 404,806 | 1908 | 782,870 |
| 1837 | 79,340 | 1873 | 549,803 | 1909 | 751,786 |
| 1838 | 38,914 | 1874 | 313,399 | 1910 | 1,041,570 |
| 1839 | 68,069 | 1875 | 227,498 | 1911 | 878,587 |
| 1840 | 84,066 | 1876 | 169,986 | 1912 | 838,172 |
| 1841 | 80,289 | 1877 | 141,857 | 1913 | 1,197,892 |
| 1842 | 104,565 | 1878 | 138,469 | 1914 | 1,218,480 |
| 1843 | 52,496 | 1879 | 177,826 | 1915 | 326,700 |
| 1844 | 78,615 | 1880 | 457,257 | 1916 | 298,826 |
| 1845 | 114,371 | 1881 | 669,431 | 1917 | 295,403 |
| 1846 | 154,416 | 1882 | 788,992 | 1918 | 110,618 |
| 1847 | 234,968 | 1883 | 603,322 | 1919 | 141,132 |
| 1848 | 226,527 | 1884 | 518,592 | 1920 | 430,001 |
| 1849 | 297,024 | 1885 | 395,346 | 1921 | 805,228 |
| 1850 | 369,980 | 1886 | 334,203 | 1922 | 309,556 |
| 1851 | 379,466 | 1887 | 490,109 | 1923 | 522,919 |
| 1852 | 371,603 | 1888 | 546,889 | 1924 | 706,896 |
| 1853 | 368,654 | 1889 | 444,427 | 1925 | 294,314 |
| 1854 | 427,833 | 1890 | 455,302 | 1926 | 304,488 |
| 1855 | 200,877 | 1891 | 560,319 | סך־הכל | 36,573,505 |

# צוריקגעשיקטע און דעפּאָרטירטע אימיגראַנטען.

אין 1926 זיינען צוריקגעשיקט געוואָרען 20,550 אימיגראַנטען; דעפּאָרטירט געוואָרען זיינען 10,904.

# אימיגראַציע דורך פאַרשידענע אמעריקאַנישע פּאָרטען זינט 1902.

| יאָהר | ניו יאָרק | פילאַדעלפיא | באָסטאָן | באַלטימאָר | סאַן פראַנציסקאָ |
|---|---|---|---|---|---|
| 1902 | 493,262 | 17,175 | 39.465 | 39,679 | 5,271 |
| 1903 | 631,885 | 27,760 | 62,838 | 55,802 | 7,256 |
| 1904 | 606,019 | 19,467 | 60,278 | 55,940 | 9,036 |
| 1905 | 788,219 | 23,824 | 65,107 | 62,314 | 6,377 |
| 1906 | 880,036 | 23,186 | 62,229 | 54,064 | 4,138 |
| 1907 | 1,004,756 | 30,501 | 70,164 | 66,910 | 3,539 |
| 1908 | 585,970 | 16,458 | 42,263 | 31,489 | 3,608 |
| 1909 | 580,617 | 14,294 | 36,318 | 18,966 | 3,103 |
| 1910 | 786,094 | 37,641 | 53,617 | 30,563 | 4,233 |
| 1911 | 637,003 | 45,023 | 45,865 | 22,866 | 3,419 |
| 1912 | 605,151 | 43,749 | 38,782 | 21,667 | 3,958 |
| 1913 | 892,653 | 59,466 | 54,740 | 32,883 | 5,554 |
| 1914 | 878,052 | 57,857 | 69,365 | 39,048 | 6,716 |
| 1915 | 178,416 | 7,114 | 15,983 | 3,017 | 8,055 |
| 1916 | 141,930 | 229 | 12,428 | 124 | 7,955 |
| 1917 | 129,446 | 274 | 11,828 | 231 | 7,269 |
| 1918 | 28,867 | 386 | 3,392 | 268 | 9,812 |
| 1919 | 26,731 | 333 | 374 | 260 | 9,121 |
| 1920 | 225,206 | 4,205 | 15,820 | 301 | 8,830 |
| 1921 | 560,971 | 24,432 | 51,565 | 265 | 8,361 |
| 1922 | 209,778 | 3,257 | 4,924 | 163 | 6,724 |
| 1923 | 295,473 | 2,382 | 12,212 | 376 | 6,719 |
| 1924 | 315,587 | 8,711 | 36,320 | 480 | 7,659 |
| 1925 | 137,492 | 409 | 9,023 | 68 | 1,927 |
| 1926 | 149,289 | 66 | 8,025 | 36 | 2,144 |

# אימיגראַציע אין אמעריקא אין 1926.

(דאָס יאָהר ענדיגט זיך דעם 30טען יוני)

פאַר'ן לעצטען יאהר, וואס האָט זיך געענדיגט דעם 30טען יוני, 1926, זיינען קיין אמעריקא אריינגעקומען 304,488 אימיגראַנטען און פאַרלאָזען דאָס לאַנד האָבען 76,992 אימיגראַנטען.

פון די פאָלגענדע לענדער האָבען לעצטען יאָהר (1925־1926) מעהר אימיגראַנטען פאַרלאָזען אמעריקע ווי עס זיינען אַהער אריינגעקומען: בולגאַריע, סערביע, מאָנטענעגראָ, כינא, דאַלמאַציע, באָסניע, הערצעגאָווינע, אָסט־אינדיע, גריכענלאַנד.

איטאַליע, יאַפּאַן, ליטא, פּאָרטוגאַל, רומעניע, שפּאַניע, סלאָוואַקיע, טערקיי און וועסט־אינדיע (א חוץ קובא).

פון קענעדא און מעקסיקא, וועלכע זיינען ניט אונטערגעוואָרפען דעם קוואָטא־געזעץ, זיינען לעצטען יאָהר אריינגעקומען: פון קענעדא — איבער 91,000 (מיט א 9,000 ווייניגער ווי אין 1923-1924) און פון מעקסיקא — 43,316 (מיט 10,000 מעהר ווי פאָריגען יאָהר).

די צאָל פּראָפעסיאָנעלע צווישען די אימיגראַנטען איז לעצטען יאָהר, ווי די גאַנצע צייט נאָך דער מלחמה, געווען גאַנץ באַדייטענד. אראָפּרעכענענדיג די, וואָס זיינען צוריקגעפאָהרען, זיינען לעצטען יאהר צוגעקומען אין אמעריקא 9,041 פון דעם מין אימיגראַנטען.

פון ניט־קוואַליפיצירטע זיינען דעם יאהר צוגעקומען 10,436. פון דעם מין אימיגראַנטען זיינען לעצטען יאהר אריינגעקומען 43,543 און אָפּגעפאהרען צוריק זיינען 33,107.

95.6 פראצענט פון דער קוואָטא איז לעצטען יאָהר אויסגעפילט געוואָרען. פאריגען יאהר איז דער פראצענט געווען 88.6

## נאַטוראַליזירונג.

| יאָהר | דעקלאַראַציעס (ערשטע פּייפּערס) | בירגערשאַפט־פּעטיציעס | באַקומען בירגערשאַפט |
|---|---|---|---|
| 1909 | 145,745 | 42,141 | 38,374 |
| 1910 | 169,348 | 55,750 | 39,448 |
| 1911 | 189,249 | 74,740 | 56,683 |
| 1912 | 171,133 | 95,661 | 70,310 |
| 1913 | 182,095 | 95,380 | 83,561 |
| 1914 | 214,104 | 124,475 | 104,145 |
| 1915 | 247,958 | 106,399 | 91,848 |
| 1916 | 209,204 | 108,767 | 87,831 |
| 1917 | 440,651 | 130,865 | 88,104 |
| 1918 | 342,283 | 105,514 | 87,456 |
| 1919 | 391,156 | 128,523 | 89,023 |
| 1920 | 299,076 | 166,760 | 125,711 |
| 1921 | 303,904 | 177,898 | 163,656 |
| 1922 | 273,511 | 153,170 | 160,979 |
| 1923 | 296,636 | 158,059 | 137,975 |
| 1924 | 424,540 | 166,947 | 140,340 |
| 1925 | 277,218 | 162,258 | 152,457 |

חוץ דעם זיינען נאַטוראַליזירט געוואָרען סאָלדאַטען און מאַטראָזען פון וועלט־קריג:

| יאָהר | צאָהל | יאָהר | צאָהל |
|---|---|---|---|
| 1918 — — | 63,993 | 1921 — — | 17,636 |
| 1919 — — | 128,335 | 1922 — — | 9,468 |
| 1920 — — | 51,972 | 1923 — — | 7,109 |
| | | 1924 — — | 10,170 |

# יעהרליכע אימיגראַציע־קוואָטאס

| לאַנד | צאָהל לויט איצטיגער קוואָטאָ | צאָהל לויט פריערדיגער קוואָטאָ |
|---|---|---|
| אַפגאַניסטאַן | 100 | —— |
| אַלבאַניע | 100 | 288 |
| אַנדאָרא | 100 | —— |
| אַראַביע | 100 | —— |
| אַרמעניע (רוסישע) | 124 | 230 |
| אויסטראַליע | 121 | 279 |
| עסטרייך | 785 | 7,324 |
| בעלגיע | 512 | 1,563 |
| ביטהאַן | 100 | —— |
| בולגאַריע | 100 | 302 |
| קאַמערון (ענגל.) | 100 | —— |
| קאַמערון (פראַנצ.) | 100 | —— |
| כינא | 100 | —— |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 3,073 | 14,357 |
| דאַנציג | 228 | 301 |
| דענעמאַרק | 2,789 | 5,619 |
| עגיפּטען | 100 | 18 |
| עסטלאַנד | 125 | 27 |
| אַביסיניע | 100 | —— |
| פינלאַנד | 471 | 3,921 |
| פראַנקרייך | 3,954 | 5,729 |
| פיומע | —— | 71 |
| דייטשלאַנד | 51,227 | 67,607 |
| ענגלאַנד | 34,007 | 77,342 |
| גריכענלאַנד | 100 | 3,063 |
| אונגאַרן | 473 | 5,747 |
| איסלאַנד | 100 | 75 |
| אינדיע | 100 | —— |
| איראַק | 100 | —— |
| אירלאַנד | 28,567 | —— |
| איטאַליע | 3,845 | 42,057 |
| יאַפּאַן | 100 | —— |
| יוגאָסלאַוויע | 671 | 6,426 |
| לעטלאַנד | 142 | 308 |
| ליבעריא | 100 | —— |
| ליכטענשטיין | 100 | —— |
| ליטא | 344 | 526 |
| לוקסעמבורג | 100 | 92 |
| מאַנאַקאָ | 100 | —— |
| מאַראַקאָ | 100 | —— |
| מוסקאַט (אמאן) | 100 | —— |
| נאורו | 100 | —— |
| נעפּאַל | 100 | —— |
| האָלאַנד | 1,648 | 3,607 |
| ניו־זעעלאַנד | 100 | —— |
| נאָרוועגיע | 6,453 | 12,202 |
| ניו־גווינעא | 100 | 80 |
| א"י (מיט עבר הירדן) | 100 | 57 |
| פּערסיע | 100 | —— |
| פּוילען | 5,982 | 30,977 |
| פּאָרטוגאַל | 503 | 2,465 |
| רואַנדא און אורונדי (בעלגישע קאָלאָניע) | 100 | —— |
| רומעניע | 603 | 7.419 |
| רוסלאַנד (מיט בעסאַראַביע) | 2,248 | 24,405 |
| סאַמאָא | 100 | —— |
| סאַן מאַרינאָ | 100 | —— |
| סיאַם | 100 | —— |
| זיד־אַפריקא | 100 | —— |
| זיד־וועסט אַפריקא | 100 | —— |
| שפּאַניע | 131 | 912 |
| שוועדען | 9,561 | 20,042 |
| שווייץ | 2,081 | 3,752 |
| סיריע (און לבנון) | 100 | 882 |
| טאַנגאַניקא | 100 | —— |
| טאָגאָלאַנד (ענגליש) | 100 | —— |
| טאָגאָלאַנד (פראַנצ.) | 100 | —— |
| טערקיי | 100 | 2,654 |
| יאַפּ און אַנדערע פּאַסיפישע אינזלען | 100 | —— |
| אַנדערע טיילען פון אזיע | | 92 |
| אַפריקא | | 104 |
| אַטלאַנטישע אינזלען | | 121 |
| צוזאַמען | 164,667 | 357,803 |

# די ניי־געפּלאַנטע קוואָטאָ

לויט'ן געזעץ האָט דעם ערשטען יולי, 1927, באדארפט אריין אין קראפט א נייע קוואָטאָ „לויט דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג". זי איז אבער פארלויפיג אפגעלייגט געוואָרען אויף א יאָהר צוליב דעם, וואָס מען האָט זיך געכאַפּט, אז געליטען וואָלטען פון איהר גראד אייניגע „געווינשטע" נאַציאָנאַליטעטען און עס וואָלטען אפשר געוואונען פון איהר „אומגעווינשטע" און צוליב דעם, וואָס עס וואָלט פון איהר געליטען דער „אירלענדישער פרייער שטאַט".

די אָפּשאַצונג וועגען דער ניי־געפּלאַנטער קוואָטאָ, אריינגעבראַכט פון א קאָמי־סיע פון דריי מיניסטאָרען שטימט ניט מיט דער אָפּשאַצונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1924.

אָט דאָס איז א טאַבעלע פון די ניי־געפּלאַנטע „נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג" קוואָטאָס, געשאַצט אין 1924 און געשאַצט פון דער מיניסטאָרען־קאָמיסיע, אין פארגלייך מיט די איצטיגע קוואָטאָס.

| ל אַ נ ד | | געפּלאַנטע קוואָטאָ | |
|---|---|---|---|
| | איצטיגע קוואָטאָ | געשאַצט אין 1924 | לעצטע אָפּשאַצונג |
| עסטרייך | 785 | 2,171 | 1,485 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | 3,073 | 1,359 | 2,248 |
| בעלגיע | 512 | 251 | 410 |
| דענעמאַרק | 2,789 | 945 | 1,044 |
| פינלאַנד | 471 | 517 | 559 |
| פראַנקרייך | 3,954 | 1,772 | 3,837 |
| דייטשלאַנד | 61,227 | 20,028 | 23,428 |
| גרויס־בריטאַניע און נאָרד־אירלאַנד | 34,007 | 85,135 | 73,039 |
| גריכענלאַנד | 100 | 384 | 367 |
| אונגאַרן | 473 | 1,521 | 967 |
| אירלענדישער פרייער שטאַט | 28,567 | 8,330 | 13,862 |
| איטאַליע | 3,845 | 5,716 | 6,691 |
| ליטע | 344 | 458 | 494 |
| האָלאַנד | 1,648 | 2,762 | 2,421 |
| נאָרוועגיען | 6,453 | 2,053 | 2.267 |
| פוילען | 5,982 | 4,535 | 4,978 |
| רומעניע | 603 | 222 | 516 |
| רוסלאַנד | 2,248 | 4,002 | 4,781 |
| שפּאַניע | 131 | 148 | 674 |
| שוועדען | 9,561 | 3,072 | 3,259 |
| שווייץ | 2,081 | 783 | 1,198 |
| יוגאָסלאַוויע | 671 | 591 | 777 |
| טערקיי | 100 | 100 | 233 |
| סך הכל פון אַלע לענדער | 164,867 | 150,000 | 153,541 |

# דאָס נאַציאָנאַלע רייכטום פון אמעריקא

| | אין 1922 | אין 1912 | פּראָצ. פאַרגרעסערט אין צעהן יאָהר. | פאַרקלענערט פּראָצענט |
|---|---|---|---|---|
| „ריעל עסטייט”, וואָס ווערט באַשטייערט — — — — | 155,908,625,000 | 96,923,406,000 | 60.9 | — |
| ריעל עסטייט פריי פון שטייערן | 20,505,819,000 | 12,313,520,000 | 66.5 | — |
| שאָף, רינדער און פערד — — | 5,807,104,000 | 6,238,389,000 | 6.9 | — |
| פאַרם געציוג און מאַשינען — | 2,604,638,000 | 1,368,225,000 | 90.4 | — |
| פאַבריקען, מאַשינען און געציוג | 15,783,260,000 | 6,091,451,000 | 159.1 | — |
| אַייזענבאַנען, וואַגאָנען א. ז. וו. | 19,950,800,000 | 16,148,532,000 | 23.5 | — |
| אויטאָמאָבילען און טראָקס — | 4,567,407,000 | —— | —— | — |
| גאַסען־באַנען אין באַזונדערע גרויסע שטעדט — — — | 15,414,447,000 | 10,265,207,000 | 50.2 | — |
| סך הכל — — — | $320,803,862,000 | $186,229,664,000 | 72.2 | — |
| גאַסען־אַייזענבאַנען און זייערע מכשירים — — — — — — | 4,877,596,000 | 4,596,563,000 | 6.1 | — |
| טעלעגראַפען — — — — — | 203,896,000 | 223,253,000 | —— | 1.8 |
| טעלעפאָנען — — — — — | 1,745,774,000 | 1,081,433,000 | 61.4 | — |
| פולמאַן קאַרס, וואָס געהערען נית צו די אַייזענבאַנען — | 545,415,000 | 123,363,000 | —— | — |
| רעהר־ליניעס — — — — — | 500,000,000 | —— | —— | — |
| קאַנאַלען — — — — — — | 2,951,484,000 | 1,491,117,000 | —— | — |
| באַוואַסערונג פון וויסטען לאַנד | —— | 360,885,000 | —— | — |
| פאַבריקען געטריבען פון וואַסער | 360,885,000 | 290,000,000 | 24.4 | — |
| צענטראַלע עלעקטרישע סטאַנציעס | 429,357,000 | 290,000,000 | —— | — |
| אַנדערע זאַכען — — — — — | 80,281,762,000 | 36,950,934,000 | 117.2 | — |
| סחורות — — — — — — | 36,367,566,000 | 21,576,046,000 | —— | — |
| גאָלד און זילבער (פאַר געלט) | 4,278,155,000 | 2,616,643,000 | 63.5 | — |
| פערזענליכע צירונג א. ז. וו. — | 39,816,001,000 | 12,758,225,000 | 212.1 | — |
| סך־הכל — — | 245,542,100,000 | 149,348,730,000 | —— | — |

דאָס דאָזיגע נאַציאָנאַלע פאַרמעגען ווערט אַזוי צוטיילט:

2 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרמאָגט 60 פראָצענט רייכטום.

33 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרמאָגט 35 פראָצענט רייכטום.

65 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרמאָגט 5 פראָצענט רייכטום.

# דאָס נאַציאָנאַלע רייכטום פון אנדערע לענדער.

(אומאָפיציעלע אדער האלב־אָפיציעלע אָפּשאַצונג)

ענגלאַנד, אין יאָהר 1912 — $70,500,000,000; אין 1917 — $80,000,000,000. אין 1922 — $120,000,000,000.

בריטישע אימפּעריע, אין 1917 — $130,000,000,000 (130 ביליאָן דאָלאר).

דייטשלאַנד, אין 1908 — $77,800,000,000; אין 1924 — $40,000,000,000.

פראנקרייך, אין 1908 — $55,000,000,000; אין 1912 — $58,500,000,000; אין 1922 — $90,000,000,000.

רוסלאנד (אייראָפּעאישע רוסלאנד) — פאר דער וועלט־מלחמה, $60,000,000,000.

איטאַליע, אין 1912 — $22,000,000,000; אין 1922 — $35,000,000,000.

יאפאן, אין 1912 — $11,700,000,000; אין 1922, $22,500,000,000.

אינדיע (צוזאמען מיט ציילאָן), אין 1917 — $18,000,000,000.

אַרגענטינא, אין 1916 — $13,900,000,000.

עסטרייך־אונגאַרן (פאר דער וועלט־מלחמה) — $55,000,000,000.

אונגאַרן, אין 1924 — $3,155,200,000.

אויסטראַליע, אין 1917 — $6,000,000,000.

בעלגיע, אין 1912 — $5,800,000,000; אין 1920 — $12,000,000,000.

קאַנאדא, אין 1903 — $6,000,000,000; אין 1917 — $11,000,000,000; אין 1924 — $22,195,000,000.

דענעמאַרק, אין 1900 — $2,000,000,000.

ניי־זעעלאנד, אין 1917 — $500,000,000.

דרום־אַפריקא, אין 1917 — $3,000,000,000.

# אמעריקאנער עקספּאָרט און אימפּאָרט.

(פאַר די יאָהרען 1924 און 1925)

| | אימפּאָרט 1925 | אימפּאָרט 1924 | עקספּאָרט 1925 | עקספּאָרט 1924 |
|---|---|---|---|---|
| בהמות און זייערע פּראָדוקטען — — — | 291,548,000 | 227,269,000 | 345,308,000 | 349,966,000 |
| תבואות — — — — | 713,502,000 | 736,770,000 | 434,528,000 | 350,256,000 |
| פאַרשיידענע תבואות און פרוכטען — — — | 383,673,000 | 237,646,000 | 179,230,000 | 193,463,000 |
| | 779,127,000 | 627,941,000 | 800,693,000 | 669,055,000 |
| טעקסטיל אַרטיקלען — | 269,168,000 | 246,542,000 | 146,309,000 | 145,876,000 |
| האָלץ און פּאַפּיר — — | 193,675,000 | 134,667,000 | 476,624,000 | 460,773,000 |
| פאַבריצירטע אַרטיקלען | 193,675,000 | 134,667,000 | 476,624,000 | 460,773,000 |
| מעטאַלען — — — — | 237,279,000 | 217,354,000 | 362,250,000 | 328,253,000 |
| מאַשינען — — — — | 13,028,000 | 12,423,000 | 530,484,000 | 413,815,000 |
| כעמישע פּראָדוקטען — | 110,337,000 | 90,197,000 | 91,897,000 | 83,817,000 |
| פאַרשיידענעס — — — | 88,218,000 | 88,747,000 | 69,668,000 | 66,121,000 |
| סך הכל — — | $3,579,555,000 | $2,669,871,000 | $3,503,167,000 | $3,124,491,000 |

# די פּרעזידענטען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען

| נומער | נאָמען | געבוירען: טאָג | מאָנאַט | יאָר | אינויגורירט אין יאָר | געווען פּרעזידענט: טאָג | מאָנאַט | יאָר | עלטער, יאָר | געשטאָרבען: טאָג | מאָנאַט | יאָר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | דזש. וואַשינגטאָן | 22 | פעב. | 1732 | 1789 | 4 | 10 | 7 | 67 | 14 | דעצ. | 1799 |
| 2 | דזשאָן עדעמס | 30 | אָקט. | 1735 | 1797 | — | — | 4 | 90 | 4 | יולי | 1826 |
| 3 | ט. דזשעפערסאָן | 13 | אַפּר. | 1743 | 1801 | — | — | 8 | 83 | 4 | יולי | 1826 |
| 4 | דזש. מעדיסאָן | 16 | מאַר. | 1751 | 1809 | — | — | 8 | 85 | 28 | יוני | 1836 |
| 5 | דזש. מאָנראָו | 28 | אַפּר. | 1758 | 1817 | — | — | 8 | 73 | 4 | יולי | 1831 |
| 6 | דזש. ק. עדעמס | 11 | יולי | 1767 | 1825 | — | — | 4 | 80 | 23 | פעב. | 1848 |
| 7 | ע. דזשעקסאָן | 15 | מאַר. | 1767 | 1829 | — | — | 8 | 78 | 8 | יוני | 1845 |
| 8 | מ. וואַן ביורען | 5 | דעצ. | 1782 | 1837 | — | — | 4 | 79 | 24 | יולי | 1862 |
| 9 | וו. ה. העריסאָן | 9 | פעב. | 1773 | 1841 | — | 1 | — | 68 | 4 | אַפּר. | 1841 |
| 10 | דזש. טיילאָר | 29 | מאַר. | 1790 | 1841 | — | 11 | 3 | 71 | 17 | יאַנ. | 1862 |
| 11 | דזש. נ. פּאָלק | 2 | נאָוו. | 1785 | 1845 | — | 4 | — | 53 | 15 | יוני | 1849 |
| 12 | זאַכארי טעילאָר | 24 | נאָוו. | 1784 | 1849 | 5 | 4 | 1 | 65 | 9 | יולי | 1850 |
| 13 | מ. פילמאָר | 7 | יאַנ. | 1800 | 1850 | 26 | 7 | 2 | 74 | 8 | מאַר. | 1874 |
| 14 | פ. פּיערס | 23 | נאָוו. | 1804 | 1853 | — | — | 4 | 64 | 8 | אָקט. | 1869 |
| 15 | דזש. ביוקהענען | 23 | אַפּר. | 1791 | 1857 | — | — | 4 | 77 | 1 | יוני | 1868 |
| 16 | אייב. לינקאָלן | 12 | פעב. | 1809 | 1861 | 11 | 1 | 4 | 56 | 15 | אַפּר. | 1865 |
| 17 | ע. דזשאָנסאָן | 29 | דעצ. | 1808 | 1865 | 19 | 10 | 3 | 66 | 31 | יולי | 1875 |
| 18 | י. ס. גרענט | 27 | אַפּר. | 1822 | 1869 | — | — | 8 | 63 | 23 | יולי | 1885 |
| 19 | ר. ב. העיס | 4 | אָקט. | 1822 | 1877 | — | — | 4 | 70 | 17 | יאַנ. | 1893 |
| 20 | דזש. א. גאַרפיעלד | 19 | נאָוו. | 1831 | 1881 | 15 | 6 | — | 49 | 19 | סעפּ. | 1881 |
| 21 | ט. א. אַרטור | 5 | אָקט. | 1830 | 1881 | 15 | 5 | 3 | 56 | 18 | נאָוו. | 1886 |
| 22 | ג. קליוולענד | 18 | מאַר. | 1837 | 1885 | — | — | 4 | 71 | 24 | יוני | 1908 |
| 23 | בענדזש. העריסאָן | 20 | אויג. | 1833 | 1889 | — | — | 4 | 67 | 13 | מאַר. | 1901 |
| 24 | ג. קליוולענד | 18 | מאַר. | 1837 | 1893 | — | — | 4 | 71 | 24 | יוני | 1908 |
| 25 | וו. מעקינלי | 29 | יאַנ. | 1843 | 1897 | 10 | 6 | 4 | 58 | 14 | סעפּ. | 1901 |
| 26 | ט. רוזוועלט | 27 | אָקט. | 1858 | 1901 | 18 | 5 | 7 | 61 | 6 | יאַנ. | 1919 |
| 27 | וו. ה. טעפט | 15 | סעפּ. | 1857 | 1909 | — | — | 4 | — | — | — | — |
| 28 | וו. ווילסאָן | 28 | דעצ. | 1856 | 1913 | — | — | 8 | — | 3 | פעב. | 1924 |
| 29 | וו. ג. האַרדינג | 2 | נאָוו. | 1865 | 1921 | 29 | 4 | 2 | 58 | 2 | אויג. | 1923 |
| 30 | ק. קולידזש | 4 | דעצ. | 1865 | 1923 | — | — | — | — | — | — | — |

# צאָהל קאָנגרעסלייט פון יעדען שטאַאט

(איין קאָנגרעסמאַן אויף יעדע 211,877 פון דער באַפעלקערונג)

| שטאַאט | צאָהל קאָנגרעס־לייט. | שטאַאט | צאָהל קאָנגרעס־לייט. | שטאַאט | צאָהל קאָנגרעס־לייט. |
|---|---|---|---|---|---|
| אַלאַבאַמאַ | 10 | מעין | 4 | אָהייאָ | 22 |
| אַריזאָנאַ | 1 | מערילענד | 6 | אָקלאָהאָמאַ | 8 |
| אַרקענסאַ | 7 | מאַסאַטשוזעטס | 16 | אָרעגאָן | 3 |
| קאַליפאָרניא | 11 | מישיגען | 13 | פּענסילווייניא | 36 |
| קאָלאָראַדאָ | 4 | מינעסאָטאַ | 10 | רהאָוד אײלאַנד | 3 |
| קאָנעקטיקוט | 5 | מיסיסיפי | 8 | סאָוט קאַראָליינאַ | 7 |
| דעלאַווער | 1 | מיזורי | 16 | סאָוט דאַקאָטאַ | 3 |
| פלאָרידאַ | 4 | מאָנטאַנאַ | 2 | טענעסי | 10 |
| דזשאָרדזשיאַ | 12 | נעבראַסקאַ | 6 | טעקסעס | 18 |
| איידעהאָ | 2 | נעוואַדאַ | 1 | יוטאַה | 2 |
| אילינאָי | 27 | ניו העמפשייר | 2 | ווערמאָנט | 2 |
| אינדיאַנאַ | 13 | ניו דזשורזי | 12 | ווירדזשיניאַ | 10 |
| אַיאָוואַ | 11 | ניו מעקסיקאָ | 1 | וואַשינגטאָן | 5 |
| קענזעס | 8 | ניו יאָרק | 43 | וועסט ווירדזשיניאַ | 6 |
| קענטאַקי | 11 | נאָרט קאַראָליינאַ | 10 | וויסקאָנסין | 11 |
| לואיזיאַנאַ | 8 | נאָרט דאַקאָטאַ | 3 | וויאָמינג | 1 |

סך הכל — — — 435

סענאַטאָרען ווערען אויסגעקליבען 2 פון יעדען פון די 48 שטאַטען—צוזאמען 96.

# הכנסות און הוצאות פון דער אמעריקאנער רעגירונג.

## הכנסות.

| | (פון יעדע $100) |
|---|---|
| הכנסה־שטייער | $49.16 |
| פאַרשידענע אינערליכע הכנסות | 22.85 |
| טאַריף־אָפּצאָלונגען | 14.43 |
| שטראָפען | .84 |
| רעגירונג־„אינוועסטמענטס" | 1.62 |
| פאַרשידענעס | 3.99 |
| פּראָצענטען | 4.95 |
| פאַרשידענע פאָנדען | 2.16 |
| סך הכל | $100.00 |

## הוצאות.

| | (פון יעדע $100) |
|---|---|
| מיליטער און פלאָטע | $16.32 |
| מיליטערישע און פלאָטען־פּענסיעס | 16.55 |
| פּראָצענטען אויף נאַציאָנאַלע חובות | 22.75 |
| רעגירונג־הוצאות | 3.35 |
| אָפּצאָלונגען אויפ'ן נאַציאָנאַלען חוב | 14.76 |
| אָפּצאָלונגען פאַר איבערגענומענעם געלט | 4.91 |
| סובסידיע פאַר דער האַנדעלס־פלאָטע | 1.88 |
| פאַרשידענעס | 19.48 |
| סך הכל | $100.00 |

# ווייטקייט צווישען אַמעריקאַנער גרויסע שטעדט

מייל

| סינסינעטי | פּיטסבורג | סאַן פראַנציסקאָ | קליוולאַנד | באַלטימאָר | באָסטאָן | סיינט לואיס | פילאַדעלפיאַ | שיקאַגאָ | ניו יאָרק | ← פון |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 724 | 567 | 3,106 | 480 | 333 | 202 | 1,028 | 236 | 832 | 145 | אַלבאַני |
| 492 | 805 | 2,805 | 736 | 688 | 1,106 | 611 | 785 | 733 | 876 | אַטלאַנטאַ |
| 593 | 334 | 3,076 | 474 | — | 418 | 934 | 97 | 802 | 188 | באַלטימאָר |
| 926 | 674 | 3,308 | 682 | 418 | — | 1,230 | 231 | 1,034 | 217 | באָסטאָן |
| 427 | 270 | 2,799 | 183 | 398 | 499 | 731 | 416 | 525 | 442 | באַפאַלאָ |
| 298 | 468 | 2,274 | 357 | 802 | 1,034 | 284 | 821 | — | 912 | שיקאַגאָ |
| — | 313 | 2,572 | 244 | 593 | 926 | 341 | 666 | 298 | 757 | סינסינעטי |
| 244 | 135 | 2,631 | — | 474 | 682 | 548 | 493 | 357 | 584 | קליוולאַנד |
| 116 | 193 | 2,588 | 138 | 511 | 820 | 428 | 546 | 314 | 637 | קאָלאָמבוס |
| 1,257 | 1,490 | 1,371 | 1,379 | 1,850 | 2,056 | 916 | 1,843 | 1,022 | 1,934 | דענווער |
| 263 | 321 | 2,546 | 173 | 649 | 750 | 488 | 669 | 272 | 693 | דעטראָיט |
| 1,157 | 1,481 | 2,157 | 1,408 | 1,594 | 2,012 | 860 | 1,691 | 1,144 | 1,792 | גאַלוועסטאָן |
| 308 | 462 | 2,452 | 332 | 796 | 878 | 462 | 815 | 178 | 821 | גרענד רעפּידס, מיש. |
| 111 | 381 | 2,457 | 283 | 704 | 965 | 240 | 734 | 183 | 825 | אינדיאַנאַפּאָליס |
| 841 | 1,057 | 3,098 | 1,085 | 795 | 1,213 | 975 | 892 | 1,097 | 983 | דזשעקסאָנוויל, לפאַ. |
| 618 | 898 | 1,981 | 755 | 1,211 | 1,466 | 277 | 1,251 | 458 | 1,342 | קענזעס סיטי |
| 2,425 | 2,705 | 475 | 2,562 | 3,018 | 3,273 | 2,084 | 3,058 | 2,265 | 3,149 | לאָס אַנדזשעלעס |
| 114 | 427 | 2,468 | 358 | 703 | 1,040 | 274 | 780 | 304 | 871 | לואיסוויל |
| 383 | 553 | 2,359 | 442 | 887 | 1,119 | 369 | 906 | 85 | 997 | מילוואָקי |
| 718 | 888 | 2,096 | 777 | 1,222 | 1,454 | 586 | 1,241 | 420 | 1,332 | מינעאַפּאָליס |
| 826 | 704 | 3,115 | 623 | 574 | 330 | 1,051 | 477 | 841 | 386 | מאָנטרעאָל, קענ. |
| 748 | 435 | 3,177 | 575 | 179 | 226 | 1,056 | 82 | 903 | 9 | נואַרק, ניו דזשוירזי |
| 833 | 520 | 3,254 | 628 | 264 | 140 | 1,141 | 167 | 980 | 76 | ניו הייווען, קאָנ. |
| 757 | 444 | 3,186 | 584 | 186 | 217 | 1,065 | 91 | 912 | — | ניו יאָרק |
| 791 | 961 | 1,781 | 1,750 | 1,295 | 1,527 | 413 | 1,314 | 493 | 1,405 | אָמאַהאַ |
| 666 | 353 | 3,095 | 493 | 97 | 321 | 974 | — | 821 | 91 | פילאַדעלפיאַ |
| 313 | — | 2,742 | 135 | 334 | 674 | 621 | 353 | 468 | 444 | פּיטסבורג |
| 1,041 | 789 | 3,423 | 797 | 533 | 115 | 1,345 | 436 | 1,149 | 332 | פּאָרטלאַנד, מעין |
| 2,590 | 2,760 | 772 | 2,649 | 3,094 | 3,326 | 2,212 | 3,113 | 2,292 | 3,204 | פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן |
| 926 | 634 | 3,308 | 682 | 378 | 45 | 1,230 | 281 | 1,034 | 190 | פּראָווידענס |
| 1,039 | 876 | 3,287 | 795 | 718 | 402 | 1,343 | 621 | 1,013 | 530 | קוויבעק, קענעדאַ |
| 581 | 417 | 3,153 | 553 | 155 | 573 | 918 | 252 | 879 | 343 | ריטשמאָנד, וואַ. |
| 495 | 338 | 2,877 | 251 | 354 | 430 | 799 | 361 | 603 | 373 | ראָטשעסטער, נ. י. |
| 341 | 621 | 2,194 | 548 | 934 | 1,230 | — | 974 | 284 | 1,065 | סיינט לואיס |
| 708 | 878 | 2,086 | 767 | 1,212 | 1,444 | 576 | 1,231 | 410 | 1,322 | סיינט פּאָול |
| 1,217 | 1,541 | 1,911 | 1,468 | 1,755 | 2,150 | 920 | 1,852 | 1,204 | 1,943 | סאַן אַנטאָניאָ |
| 2,572 | 2,742 | — | 2,631 | 3,076 | 3,308 | 2,194 | 3,095 | 2,274 | 3,186 | סאַן פראַנציסקאָ |
| 2,537 | 2,707 | 957 | 2,596 | 2,941 | 3,273 | 2,332 | 3,060 | 2,239 | 3,151 | סיאַטעל |
| 203 | 261 | 2,518 | 113 | 595 | 795 | 437 | 615 | 244 | 705 | טאָלידאָ |
| 553 | 302 | 3,064 | 437 | 40 | 458 | 894 | 137 | 790 | 228 | וואַשינגטאָן |

# געזעצליכע ימים טובים

**יאנואר 1.** ניי־יאָהר. ווערט געהאַל־
טען אין אַלע שטאַטען, טעריטאָריעס
און קאָלאָניעס.

**פעברואַר 12.** לינקאָלנ'ס געבורטס־
טאָג. ווערט געהאַלטען אין די פאָל־
גענדע טיילען פון לאַנד: אַלאַסקאַ,
קאַליפאָרניא, קאָלאָראַדאָ, דעלאַוועָר,
אילינאָי אינדיאַנאַ, לואיזיאַנאַ, קענ־
זעס, קענטאָקי, מישיגען ,מינעסאָטאַ,
מיזורי, מאָנטאַנאַ, נעבראַסקאַ, נעוואַ־
דאַ, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, נאָרד דאַ־
קאָטאַ, אָהייאָ, אָרעגאָן, פענסילוויי־
ניא, פאָרטאָ ריקאָ, סאוטה דאַקאָטאַ,
יוטאַה, וואַשינגטאָן, וועסט ווירדזשי־
ניא, ווייאָמינג.

**פעברואַר 22.** וואַשינגטאָ'נס געבורטס־
טאָג. ווערט געהאַלטען אין אַלע שטאַ־
טען, טעריטאָריעס און קאָלאָניעס.

**מאַי 30.** דעקאָריישאָן דעי אָדער מע־
מאָריעל דעי (צום אנדענק פון די גע־
פאַלענע סאָלדאַטען פון בירגער־קריג
און אויך פון די שפּעטערע מלחמות).
ווערט געהאַלטען אין אַלע שטאַטען,
א חוץ די דאַזיגע זידליכע שטאַאַטען:
אַלאַבאַמאַ, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא,
לואיזיאַנאַ, מיסיסיפּי, נאָרטה קאַראָ־
ליינאַ, סאוטה קאַראָליינאַ, טענעסי
און טעקסעס.

**יולי 4.** אומאָפּהענגיגקייט־טאָג. ווערט
געפייערט אין אַלע שטאַטען, טע־
ריטאָריעס און באַזיצונגען.

**ערשטער מאָנטאָג אין סעפּטעמבער.**
לייבאָר דעי. ווערט געהאַלטען אין
אַלע טיילען פון לאַנד, א חוץ ווייאָ־
מינג און די פיליפינען־אינזלען.

**אָקטאָבער 12.** קאָלומבוס־טאָג. ווערט
געהאַלטען אומעטום, א חוץ: אַלאַס־
קאַ, ארקענסאַ, דיסטריקט אָוו קאָלאָמ־
ביא, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא, האַוואַ־
אי, לואיזיאַנאַ, מעין, מינעסאָטאַ, מי־
סיסיפּי, נאָרטה קאַראָליינאַ, אָקלאַ־
האָמאַ, פיליפּינען, סאוטה קאַראָליינאַ,
סאוטה דאַקאָטאַ, טענעסי, יוטאַה,
ווירדזשיניא, וויסקאָנסין און ווייאָ־
מינג. אין קענזעס איז עס אַ האַל־
בער יום־טוב. די געריכטען זיינען
אָפען.

**ערשטער דינסטאָג נאָכ'ן ערשטען
מאָנטאָג אין נאָוועמבער.** וואַהל־
טאָג. עס איז אַ געזעצליכער רוה־טאָג
אומעטום, א חוץ אַלאַסקאַ, דיסט־
ריקט אָוו קאָלאָמביא (די שטאָדט וואַ־
שינגטאָן), האַוואַאי, אילינאָי, מאַסאַ־
טשוזעטס, מיסיסיפּי, אָהייאָ, פילי־
פּינען און ווערמאָנט. אין אילינאָי
איז עס אַ געזעצליכער יום־טוב נאָר
אין איינינע שטעדט. אין אָהייאָ איז
עס אַ האַלבער יום־טוב. אין מעין
זיינען נאָר די געריכטען געשלאָסען.

**לעצטער דאָנערשטאָג אין נאָוועמבער.**
דאַנקזאַגונג־טאָג. ווערט געהאַלטען
אומעטום. אין יוטאַה איז עס ניט קיין
אָפיציעלער געזעצליכער יום־טוב,
ווערט אָבער געהאַלטען.

**דעצעמבער 25.** קריסטמעס. ווערט גע־
האַלטען אומעטום.

## אַנדערע לאָקאַלע געזעצליכע ימים טובים.

**יאַנואַר 8.** יאהרעספעסט פון דער
שלאַכט אין ניו אָרלינס. אין לו־
איזיאַנאַ.

**יאַנואַר 19.** ליע'ס געבורטסטאָג. אין
אַלאַבאַמאַ, ארקענסאַ, פלאָרידאַ,
דזשאָרדזשיא, מיסיסיפּי, נאָרטה קאַ־
ראָליינאַ, סאוטה קאַראָליינאַ, טענעסי
און ווירדזשיניא.

פעברואַר 14. אַדמישאַן דעי. אין אַרי־זאָנאַ.

פעברואַר 28. מאַרדי גראַ. אין אַלאַ־באמא, פלאָרידא, לואיזיאַנא.

מערץ 2. סעם יוסטאַן מעמאָריעל דעי. אין טעקסעס.

מערץ 22. עמענסיפּיישאַן דעי. אין פּאָרטאָ ריקאָ.

מערץ 25. מערילענד דעי. אין מערי־לענד.

מערץ 30. סיוערד דעי. אין אַלאַסקאַ.

אַפּריל 12. האַליפאַקס אינדעפּענדענס רעזאָלושאַן. אין נאָרטה קאַראָליינא.

אַפּריל 13. טהאָמאַס דזשעפערסאָנ׳ס געבורטס־טאָג. אין אַלאַבאמא.

אַפּריל 14. גוד פריידעי. אין קאָנעקטי־קוט, דעלאווער, פלאָרידא, לואיזיאַנא, מערילענד, מינעסאָטאַ, ניו דזשוירזי, פענסילווייניא, פיליפינען, פּאָרטאָ רי־קאָ און טענעסי.

אַפּריל 19. פּייטריאָט׳ס דעי. אין מעין און מאַסאַטשוזעטס.

אַפּריל 21. יאהרעספעסט פון דער שלאַכט אין סאַן זשאַסינטאָ, אין טעקסעס.

אַפּריל 26. מעמאָריאַל דעי. אין אַלאַ־באמא, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיא און מיסיסיפּי.

אַפּריל 27. פעסט דעי. אין ניו העמפּשייר.

מאַי 1. לייבאָר דעי. אויף די פיליפּי־נען־אינזלען.

מאַי 10. קאָנפעדעריים מעמאָריאַל דעי. אין נאָרטה קאַראָליינאַ און סאַוטה קאַראָליינאַ.

מאַי 12. יאהרעספעסט פון דעם אונ־טערשרייבען פון דער מעקלענבורג דעקלערייאַן אוו אינדעפּענדעס. אין נאָרטה קאַראָליינא.

יוני 3. דזשעפערסאָן דווייד׳ס גע־בורטסטאָג. אין אַלאַבאַמאַ, אַרקענ־סאָ, פלאָרידאַ, דזשאָרדזשיאָ, מיסי־סיפּי, סאַוטה קאַראָליינאַ, טענעסי און טעקסעס.

יוני 3. קאָנפעדעריים מעמאָריאַל דעי. אין לואיזיאַנא און טענעסי.

יוני 11. קאַמעהמעהא דעי. אין האַוואַי.

יוני 15. פּייאָניר דעי. אין איידאַהאָ.

יוני 17. באַנקער היל דעי. אין באָס־טאָן (ניט קיין געזעצליכער יום טוב, אָבער אַלע באַנקען זיינען געשלאָסען).

יולי 24. פּייאָניר דעי. אין יוטאַה.

יולי 25. אָקיופּיישאָן דעי. אין פּאָרטאָ ריקאָ.

אויגוסט 1. קאָלאָראַדאָ דעי, אין קאָ־לאָראַדאָ.

אויגוסט 13. אָקופּיישאָן דעי. אויף די פיליפּינען־אינזלען.

אויגוסט 16. בענינגטאָן בעטל דעי, אין ווערמאָנט.

סעפּטעמבער 9. אַדמישאַן דעי. אין קאַליפאָרניא.

סעפּטעמבער 12. דיפענדערס דעי. אין מערילענד.

דריטער שבת אין סעפּטעמבער. רע־גאַטאָ דעי, אין האַוואַי.

צווייטער דאָנערשטאָג אין אָקטאָבער, פראָטווירנאַל דעי, אין אַלאַבאַמאַ.

אָקטאָבער 18. אַלאַסקאַ דעי. אין אַלאַסקאַ.

אָקטאָבער 31. אַדמישאַן דעי. אין נעוואַדאַ.

נאָוועמבער 1. אָל סיינט׳ס דעי. אין לואיזיאַנאַ.

נאָוועמבער 11. וויקטאָרי דעי. אין אַלאַבאַמאַ, קאַליפאָרניא, קאָלאָראַדאָ, פלאָרידא, האַוואַי, נאָרטה קאַראָליי־נאַ און טענעסי.

דעצעמבער 30. רייזעל דעי. אויף די פיליפּינען אינזלען.

ווען אַ יום־טוב פאַלט אויס אום זונטאָג, ווערט דער נעקסטער טאָג געפייערט.

# די שטאָדט ניו יארק

(לויט'ן צענז פון 1920).

### באַפעלקערונג פון דער שטאָט.

| | |
|---|---|
| מענער | 2,802,638 |
| פרויען | 2,817,410 |
| ווייסע איינגעב. מענער | 1,703,127 |
| ווייסע איינגעב. פרויען | 1,764,789 |
| ווייסע פרעמד-געב. מענער | 1,020,090 |
| ווייסע פרעמד-געב. פרויען | 971,457 |
| נעגערס-מענער | 72,351 |
| נעגערס-פרויען | 80,116 |

### געבורט-לאַנד און נאַציאָנאַליטעט.

| | |
|---|---|
| פון רוסלאנד | 479,797 |
| פון איטאַליע | 390,832 |
| פון אירלאנד | 203,450 |
| פון דייטשלאנד | 194,154 |
| פון פוילען | 145,679 |
| פון עסטרייך | 126,739 |
| פון ענגלאנד | 71,404 |
| פון אונגארן | 64,393 |
| צאָל אידען | 1,640,000 |

### אָנגעגעבענע מוטער-שפּראך.

| | |
|---|---|
| אידיש און העברעאיש | 946,139 |
| ענגליש און קעלטיש | 897,452 |
| איטאַליעניש | 803,048 |
| דייטש | 702,303 |
| סלאוויש און לעטיש | 486,666 |

### באַפעלקערונג אין עלטער פון 21 יאָהר און העכער.

| | |
|---|---|
| צאָל איינגעב. ווייסע | 1,559,549 |
| צאָל פרעמד-געב. ווייסע | 1,797,882 |
| צאָל נאטוראליזירטע | 765,264 |

### הייראַט-צושטאַנד פון דער ווייסער באַפעלקערונג.

| | |
|---|---|
| ניט-פארהייראטע מענער | 761,197 |
| ניט-פאַרהייראטע פרויען | 667,247 |
| פארהייראטע מענער | 1,143,643 |
| פארהייראטע פרויען | 1,115,670 |
| אלמנ'ס | 78,999 |
| אלמנות | 232,991 |
| גע'גטע מענער | 4,303 |
| גע'גטע פרויען | 6,775 |

### פאַרדינער אין דער שטאָדט — לויט באָראָס.

| | |
|---|---|
| בראנקס | 308,204 |
| ברוקלין | 861,913 |
| מאַנהעטען | 1,115,966 |
| קווינס | 197,832 |
| ריטשמאַנד | 47,497 |
| צוזאמען | 2,513,412 |

# קוואַליפיקאַציעס פאַר שטימען אין די פאַרשידענע שטאַאַטען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

| שטאַאַט | ווי לאַנג דאַרף מען וואוינען אין: שטאַאַט | קאונטי | שטאָדט | וואַל־באַצירק | ספּעציעלע קוואַליפיקאַציעס פאַר׳ן בירגער (א חוץ בירגערשאַפט) | דיסקוואַליפיקאַציעס (א חוץ פאַרברעכער, אידיאָטען און משוגעים). |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אַלאַבאַמאַ | 2 יאָהר | 1 יאָהר | 3 חדשים | 3 חדשים | מוז פאַרמאָגען אייגענטום, אדער קענען לייענען און שרייבען און זיין באַשעפטיגט, וואהל־שטייער. | כּאַבּאַרניקעס |
| אַריזאָנאַ | 1 יאָהר | 30 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | וואַל־שווינדלער און פאַר׳משפּט׳ע וואַגאַבונדען. |
| אַרקענסאַ | 1 יאָהר | 6 חדשים | 1 חודש | 1 חודש | דעקלאַראַנטען קענען שטימען. וואהל־שטייער געפאָדערט. | |
| קאַליפאָרניא | 1 יאָהר | 90 טעג | — — | 30 טעג | פעהיגקייט צו לייענען די קאָנסטיטוציע און זיך אונטערשרייבען. | כּאַבּאַרניקעס, דועליסטען און כינעזער |
| קאָלאָראַדאָ | 1 יאָהר | 90 טעג | 30 טעג | 10 טעג | | פערזאָנען אונטער אַפּוטרופּסות |
| קאָנעקט. | 1 יאָהר | — — | 6 חדשים | — — | אנשטענדיגקייט און פעהיגקייט צו לייענען די קאָנסטיטוציע. | כּאַבּאַרניקעס און דועליסטען |
| דעלאַווער | 1 יאָהר | 3 חדשים | — — | 30 טעג | פעהיגקייט צו לייענען די קאָנסטיטוציע און זיך אונטערשרייבען. | כּאַבּאַרניקעס און פּאופּערס (אָרימע לייט, בעטלער) |
| פלאָרידא | 1 יאָהר | 6 חדשים | — — | 30 טעג | פעהיגקייט צו לייענען די קאָנסטיטוציע און זיך אונטערשרייבען. | כּאַבּאַרניקעס, דועליסטען, מענשען אונטער אַפּטרופּסות און די וואָס וועטען ביי די וואַלען |
| דזשאָרדזשיא | 1 יאָהר | 6 חדשים | — — | — — | פעהיגקייט צו לייענען און שרייבען | הינטערשטעליגע שטייערן־צאָלער |
| איידעהאָ | 6 חדשים | 30 טעג | 3 חדשים | 10 טעג | מוז זיין רעגיסטרירט. | שולדיגע אין וואַל־פאַרברעכענס, פרעדיגער פון פּאָליגאַמיע און מענשען אונטער אַפּטרופּסות |
| איליני | 1 יאָהר | 90 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | פאַר׳משפּט׳ע צו געפענגניש |
| אינדיאַנאַ | 6 חדשים | 60 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | |
| אייאָווא | 6 חדשים | 60 טעג | 10 טעג | 10 טעג | | |

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| קענזעס | 6 חדשים | 30 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | כאבארניקעס, מענשען אונטער אפטרופסות, דועליסטען און ענטזאגטע (אונעהרענהאפטע) באאמטע |
| קענטאקי | 1 יאהר | 6 חדשים | 60 טעג | 30 טעג | מוז זיין רעגיסטרירט. | כאבארניקעס |
| לואיזיאנא | 2 יאהר | 1 יאהר (אין געמיינדע באצירק) | 1 יאהר (אין געמיינדע באצירק) | 3 חדשים | מוז פארמאגען אייגענטום אדער קענען לייענען און שרייבען. | די, וואס לעבען אין צדקה־אנשטאלטען (א חוץ סאלדאטען־היימען) און אריינגעלעגטע אין חרם |
| מעין | 3 חדשים | — — | — — | — — | פעהיגקייט צו לייענען די קאנסטיטוציע און זיך אונטערשרייבען. | כאבארניקעס, פערזאנען אונטער אפטרופסות, פאופערס און ניט־באשטייערטע אינדיאנער |
| מערילענד | 1 יאהר | 6 חדשים | 6 חדשים | 1 טאג | פעהיגקייט צו לייענען. | די וואס האבען זיך פארזינדיגט מיט כאבאר און וואל־שווינדלען |
| מאסאטשוז. | 1 יאהר | 6 חדשים | 6 חדשים | 6 חדשים | פעהיגקייט צו לייענען די קאנסטיטוציע און זיך אונטערשרייבען, וואהל־שטייער. | פארזינדיגטע אין וואהל־פארברעכענס, פאופערס און פערזאנען אונטער אפטרופסות. |
| מישיגען | 6 חדשים | 20 טעג | 20 טעג | 20 טעג | ציוויליזירטע אינדיאנער מעגען שטימען. | ניט ציוויליזירטע אדער שבטים־אינדיאנער |
| מינעסאטא | 6 חדשים | 30 טעג | 30 טעג | 30 טעג | ציוויליזירטע אינדיאנער מעגען שטימען. | ניט ציוויליזירטע אינדיאנער און פערזאנען אונטער אפטרופסות |
| מיסיסיפי | 2 יאהר | 1 יאהר | 1 יאהר | 1 יאר | פעהיגקייט צו לייענען אדער דערקלערען די קאנסטיטוציע, וואהל־שטייער. | פארמישטע אין כאבאר, דועליסטען, הינטערשטעליגע שטייערען־צאלער |
| מיזורי | 1 יאהר | 60 טעג | 60 טעג | 60 טעג | | סאלדאטען, מאטראזען פון קריגס־שיפען און פאופערס |
| מאנטאנא | 1 יאהר | 30 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | אינדיאנער |
| נעבראסקא | 6 חדשים | 40 טעג | 10 טעג | 10 טעג | | סאלדאטען און מאטראזען פון קריגס־שיפען |
| נעוואדא | 6 חדשים | 30 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | דועליסטען, בינעזער און די אינדיאנער פון די רעזערוואציעס |

# קוואליפיקאציעס פאר שטימען אין די פארשידענע שטאאטען פון די פאראייניגטע שטאאטען.

| שטאאט | ווי לאנג דארף מען וואוינען אין: שטאאט | שטאדט | קאונטי | וואל־באצירק | ספעציעלע קוואליפיקאציעס פאר'ן בירגער (א חוץ בירגערשאפט) | דיסקוואליפיקאציעס (א חוץ פארברעכער, אידיאטען און משוגעים). |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ניו העמפשיר | 6 חדשים | 6 חדשים | 6 חדשים | 6 חדשים | פעהיגקייט צו לייענען די קאנסטיטוציע און אנשרייבען איין שורה. | פאופערס און די וואס צאלען ניט קיין שטייערען |
| ניו דזשוירזי | 1 יאהר | 5 חדשים | —— | —— | | פאופערס |
| ניו מעקסיקא | 1 יאהר | 90 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | ניט־באשטייערטע אינדיאנער |
| ניו יארק | 1 יאהר | 4 חדשים | 30 טעג | 30 טעג | (זעה באמערקונג אונטען) | די וואס וועטען ביי די וואלען און פארמישטע אין באבאר |
| נארטה קארא. | 1 יאהר | 4 חדשים | —— | 4 חדשים | מוזען זיין רעגיסטרירט און קענען שרייבען און לייענען. | |
| נ. דאקאטא | 1 יאהר | 90 טעג | —— | 30 טעג | ציוויליזירטע אינדיאנער האבען שטימט־רעכט. | פעראזנען אונטער אפטרופסות, סאלדאטען און מאטראזען פון קריגס־שיפען |
| אהייא | 1 יאהר | 30 טעג | 20 טעג | 20 טעג | | סאלדאטען און מאטראזען פון קריגס־שיפען. |
| אקלאהאמא | 1 יאהר | 6 חדשים | 30 טעג | 30 טעג | מוזען זיין רעגיסטרירט און קענען לייענען און שרייבען. | די וואס געפינען זיך אין אנשטאלטען פאר ארימע לייט (א חוץ סאלדאטען) און ניט־איינגעבארענע אינדיאנער |
| ארעגאן | 6 חדשים | —— | —— | —— | פאדערט זיך רעגיסטראציע. | כינעזער, סאלדאטען און מאטראזען פון קריגס־שיפען |
| פענסילווייניא | 1 יאהר | —— | —— | 2 חדשים | | שולדיגע אין באבאר, און וואהל־פארברעכענס, און וואס צאלען ניט קיין שטייערן. |
| ראוד איילענד | 2 יאהר | —— | 6 חדשים | —— | פאדערט זיך א פארמעגען פון 134 דאלאר, אדער א יעהרליכע הכנסה פון זיבען דאלאר. | שולדיגע אין באבאר, פאופערס, פעראזנען אונטער אפטרופסות און אינדיאנער פונ'ם נאראגאנסעט־שבט. |
| ס. קאראל. | 2 יאהר | 1 יאהר | 4 חדשים | 4 חדשים | פעהיגקייט צו לייענען און שרייבען; א פארמעגען פון 300 דאלאר. | באבארניקעס, פאופערס, דועליסטען און שולדיגע אין וואל־פארברעכענס. |

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ס. דאקאטא | 1 יאהר | 90 טעג | 30 טעג | 30 טעג | | פערזאנען אונטער אפטרופסות. |
| טענעסי | 1 יאהר | 6 חדשים | — — | — — | וואהל־שטייער. | |
| טעקסעס | 1 יאהר | 6 חדשים | 6 חדשים | 6 חדשים | וואהל־שטייער. | כאבארניקעס, דועליסטען, פאופערס, סאלדאטען און מאטראזען פון קריגס־שיפען. |
| יוטאה | 1 יאהר | 4 חדשים | — — | 60 טעג | | שולדיגע אין וואל־פארברעכענס. |
| ווערמאנט | 1 יאהר | 3 חדשים | 3 חדשים | 3 חדשים | פאדערט זיך גוטע אויפפיהרונג און א ספעציעלע שבועה. | שולדיגע אין וואל־כאבאר. |
| ווירדזשיניא | 2 יאהר | 1 יאהר | 1 יאהר | 30 טעג | וואהל־שטייער; פעהיגקייט צו לייענען אדער פארשטעהן די קאנסטיטוציע. | פארמישטע אין כאבאר, דועליסטען און פאופערס. |
| וואשינגטאן | 1 יאהר | 90 טעג | 30 טעג | 30 טעג | פעהיגקייט צו לייענען און שרייבען ענגליש. | ניט־באשטייערטע אינדיאנער. |
| וו. ווירדזש. | 1 יאהר | 60 טעג | 10 טעג | — — | | פארמישטע אין כאבאר, פאופערס, סאלדאטען און מאטראזען פון קריגס־שיפען. |
| וויסקאנסין | 1 יאהר. | 10 טעג | 10 טעג | 10 טעג | ציוויליזירטע אינדיאנער האבען שטימרעכט. | די, וואס וועטען ביי די וואלען, דועליסטען און פערזאנען אונטער אפטרופסות. |
| וויאמינג | 1 יאהר | 60 טעג | 10 טעג | 10 טעג | פעהיגקייט צו לייענען די קאנסטיטוציע (סיידען מען איז שטום). | |

## עקזאמענס פאר בירגער.

לויט'ן געזעץ פאדערט זיך אין שטאאט ניו יארק, אז דער בירגער, וואס וויל שטימען, זאל ביי אן עקזאמען באווייזען, אז ער קען איבער־לייענען 50 ווערטער פון דער שטאט־קאנסטיטוציע און לעזבאר אויפ־שרייבען אין ענגליש צעהן פון די דאזיגע ווערטער.

עקזאמענס פאר בירגער צו באווייזען, אז זיי קענען לייענען און שרייבען, זיינען איינגעפיהרט געווארען: אין אלאבאמא — אין יאהר 1900, אין אריזאנא — אין 1913, אין קאליפארניע — אין 1894, אין קאלאראדא — 1876 (דאס געזעץ איז אריין אין קראפט ערשט אין 1890), אין קאנעקטיקוט — אין 1897, אין דעלאווער — אין 1897, אין דזשארדזשיא — אין 1908, אין לואיזיאנא — אין 1898, אין מעין — אין 1892, אין מאסאטשוזעטס — אין 1857, אין מיסי־סיפי — אין 1890, אין ניו העמפשייר — אין 1902, אין ניו יארק — אין 1921, אין נארטה קאראליינא — אין 1900, אין נארטה דאקאטא — אין 1896 — אין אקלאהאמא — אין 1911, אין סאוטה קאראליינא — אין 1895, אין ווירדזשיניא — אין 1902, אין וואשינגטאן — אין 1896, אין וויאמינג — אין 1889.

# ארץ ישראל

## די געאָגראַפיע פון ארץ ישראל.

אין מערב־זייט ליגט ארץ ישראל אויפ'ן ברעג פון דעם מיטעללענדישען ים אָדער „הים התיכוני" אין העברעאיש. דערפאַר רופט מען זעהר אָפט אין אונזער קלאַסישער ליטעראַטור די מערב־זייט מיט דעם נאָמען „ים". אין צפון־זייט געהט די גרעניץ צווישען דער שטאָדט עכו און צור און הויבט זיך אויף טיפער צו די אַנטי־לבנון בערג, פאַרלייגענדיג אַ סך דאָס לאַנד, כדי אַריינצו־נעמען כפר־גלעדי און מתולה אין די גרעניצען פון ארץ ישראל. די צפון־גרעניץ געהט, אַלזאָ, פון דעם מיטעללענדישען ים אין אַ קרומער ליניע, ביז דעם ירדן. אין מזרח־זייט איז דער ירדן די גרעניץ פון לאַנד און אין דרום איז ואדי־אל־עריש די גרעניץ. די דאָזיגע גרעניצען זיינען אָבער קינצליך געמאַכט געוואָרען און זיי זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט די ריכטיגע היסטאָרישע גרעניצען פון ארץ ישראל און ניט מיט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדערפנישען פון'ם לאַנד. ווייל היסטאָריש געהט אונזער לאַנד אין צפון ביז די לבנון־בערג, און דער טהאָל צווישען זיי און די אַנטי־לבנון בערג איז די נאַטירליכע גרעניץ צווישען ארץ ישראל און סיריע. איצט, ווייל די דאָזיגע ברייטע שטרעקע לאַנד געהערט צו סיריע, בלייבט ארץ ישראל אָהן איהר נאַטירליכען בעסטען באָדען טייל. אין אַ מעהר אומנאַרמאַלער לאַגע איז אָבער ארץ ישראל אָוועקגעשטעלט געוואָרען מיט דעם וואָס אדמיניסטראַטיוו איז פון איהר דערוויייל אָפּגעשניטען דער „עבר־הירדן", וואָס איז אַ מערקווירדיג־גוטער פּלאַץ פאַר פיה־צוכט.

אין דרום, אָדער ווי מען רופט עס אין ארץ ישראל, דער „נגב", איז פריי פאַר אונזער קאָלאָניזאַציע, הגם זי געהט ניט אריין אין דעם ענגלישען מאַנדאַט אויף ארץ ישראל, אַ גרויסע שטרעקע לאַנד, וואָס ציהט זיך ביז דעם ברעג פון רויטען ים און דעם סועץ־קאַנאַל, שליסט איין דעם באַרג סני און איז מעהר ווי צוויי מאָל גרעסער פון דעם איצטיגען ארץ ישראל. דאָס לאַנד געהערט צו ענגלאַנד און שטעהט פריי פאַר קאָלאָניזאַציע. די געגענד איז אָבער זעהר אַ טרוקענע, אַ זאַמדיגע און עס וואָלטען זיך געפאָדערט גרויסע סומען געלט אויף קינסטליכער באַוואַסערונג. די געגענד איז נאָך כמעט אינגאַנצען אַ אומבאַזעצטע, זי האָט אויך אַמאָל באַלאַנגט צו ארץ ישראל; אין שלמה'ס צייטען זיינען דאָרט אויסגעבויט געוואָרען אויפ'ן ברעג פון רויטען ים צוויי באַדייטענדע פּאָרטען: עציון־גבר און אילת. דער לעצטער טראָגט איצט דעם נאָמען עקבה.

היסטאָריש טיילט זיך ארץ ישראל איין אין 5 פּראָווינצען: יהודה, גליל, שומרון, גלעד און בשן. די לעצטע צוויי געפינען זיך אויף יענער זייט ירדן. יהודה ליגט אין דרום־זייט, גליל אין צפון־זייט און אין מיטען, צווישען יהודה און

---

*) די מאַטעריאַלען וועגען ארץ ישראל זיינען צונויפגעשטעלט פון דר. מ. חסין־ארנוני.

גליל, ליגט שומרון. דעם אויבערשטען האַלב גליל, וועלכער ליגט ביי די פיס פון די אַנטי־לבנון בערג און דעם חרמון באַרג, רופט מען „גליל־העליון“ און די צווייטע העלפט, ביי די וואַסערען פון כנרת, רופט מען „גליל־התחתון“. ירושלים איז די הויפט שטאָדט פון יהודה און פון גאַנץ ארץ ישראל. תל־אביב געפינט זיך אויך אין יהודה, איז אָבער געוואָרען דער הויפט קאָמערציעלער צענטער פון גאַנצען לאַנד. אַנדערע גרויסע שטעדט אין יהודה זיינען: יפו, חברון, עזה, באר־שבע און לוד. חיפה איז די שעהנסטע און גרעסטע שטאָדט פון שומרון. שכם (נאַבעלוס) האָט נאָר אַן אַראַבישע באַפעלקערונג. אין שכם איז נאָך דאָ אַ שריד פון די אַמאָליגע שומרונים, וועלכע ווערען איצט געשטיצט פון אידישען ישוב. טבריה איז איינער פון די צענטרען פון גליל־התחתון, אויפ'ן ברעג פון כנרת. און איצט בויט זיך אין עמק, וועלכער איז אויך אין גליל־התחתון, אַ נייע אידישע חלוצישע שטאָדט, עפולה. צפת איז איינע פון די הויפט שטעדט פון גליל־העליון.

די איצטיגע ארץ־ישראל'דיגע רעגירונג האָט איינגעטיילט דאָס לאַנד לויט אַן אַדמיניסטראַטיווען אופן, וועלכער ענטשפּרעכט איהרע באַקוועמליכקייטען פון דעם מאָמענט און וועלכע זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט די היסטאָרישע אַדמי־ניסטראַטיווע גרעניצען. די אידישע באַפעלקערונג אָבער האַלט זיך פאַר דער היסטאָרישער איינטיילונג.

יהודה איז הויפּטזעכליך די פּראָווינץ פון פּלאַנטאַציע, פון וויין־גערטנער, אָראַנזשען־גאָרטענס, אַליווען, מאַנדלען און טאַבאַק. עס איז הויפּטזעכליך אַ געגענד פון גרויסע בערג און טיפע טאָלען און פון גאַנץ גרויסע שטרעקעס פון דיונען און זאַמדען. אין מזרח־זייט פון דער פּראָווינץ געפינט זיך דער ים־המלח אָדער „טויטער ים“, וועלכער אַנטהאַלט צוויי מאָל אַזוי פיל זאַלץ ווי יעדער אַנדער ים אין דער וועלט, אַספאַלט און אויך מינעראַלען, אָבער ער האָט ניט קיין פיש. אויפ'ן ברעג פון ים געפינט זיך אַ שטרעקע לאַנד, וואָס מען רופט „מדבר־יהודה“. דאָ געפינען זיך נאָך די רואינען פון צוויי גלאָררייכע אידישע אַלטע שטעדט. די ערשטע הייסט עין־גדי און די צווייטע איז די אומפאַרגעסליכע פעסטונג מסדה. אין דער פּראָווינץ יהודה, איבערהויפּט אין דער מדבר־געגענד, געפינען זיך חיות, איבערהויפּט היענעס און זעהר אַ סך פוקסען. די געגענד איז רייך אין פאַרשידענע מינים פויגלען און בלומען.

שומרון איז אַמאָל געווען דער צענטער פון די צעהן שבטים. דאָ געפינט זיך האַרט ביי דער שטאָדט שכם דער באַרג גריזים און דער באַרג עיבל. דאָ געפינט זיך אויך דער שעהנער טהאָל „עמק־השרון“. דאָס איז דער מיטעלפּונקט פון ארץ ישראל.

גליל איז די אַקערבוי פּראָווינץ פון'ם לאַנד. אידען האָבען דאָ דעם גרעסטען חלק פון זייער באָדען, דאָ געפינט זיך דער עמק־יזרעאל, וואו די אַרבייטערשאַפט בויט אויף איהר שטייגער איהרע קאָאָפּעראַטיווע נייע ישובים. דאָ איז די שטאָדט חיפה, וואו עס וועט זיך בויען דער גרעסטער פּאָרט פון לאַנד און דער הויפּט קנופּ פון אַלע אייזענבאַהנען. דאָ געפינט זיך די שטאָדט נצרת. דאָ געפינט זיך דער „כנרת“, וועלכער האָט די פאָרמע פון אַ האַרפע. ער איז רייך אין פיש. גליל האָט אַמאָל אַרויסגעגעבען די גרעסטע פאָלקס־גבורים ווי בר־גיורא און יוחנן מגוש־חלב, און איז געווען אַ צענטער פון בילדונג און וואונדער־שעהנע שטעדט.

ארץ ישראל האט א סך טייכען און פלוסען. אממעהרסטען ווערען זיי אבער זומער אויסגעטריקענט, ווייל עס פעהלט וואלד וואס זאל פארהאלטען די פייכטקייט. ארץ ישראל ליידט פון מאנגעל אין וואלד, און די לעצטע צייט פלאנצט מען א סך בוימער. דער הויפט טייך איז דער ירדן, וועלכער פליסט מיט אן אומגעוועהנליכער שנעלקייט, און דער הויפט בארג איז דער חרמון. עס זיינען פאראן אין ארץ ישראל זעהר גוטע בוכטעס, וועלכע מען דארף אבער אויסבילדען, און פארלאשענע, ניט מעהר טעטיגע ווולקאנען.

## דער יורידישער סטאטוס פון ארץ ישראל

דעם 31טען אקטאבער, 1917, האט דאס ענגלישע מיליטער, אונטער דער קאמאנדע פון פעלדמארשאל, לארד אלענבי, אקופירט די שטאדט באר־שבע. דעם 9טען נאוועמבער פון דעם זעלבען יאהר איז אויך ירושלים איינגענומען געווארען און גאנץ יהודה. אין דער אקופאציע האבען אנטייל גענומען אידישע לעגיאנען, הויפטזעכליך דער 38טער און 39טער באטאליאן פון די ראיאל פוזיליערס, וועלכע זיינען געווען צוזאמענגעשטעלט פון אמעריקאנער, ענגלישע און ארץ־ישראל לע־גיאנערען.

דעם צווייטען נאוועמבער, 1917, האט די בריטישע רעגירונג ארויסגעגעבען די באוואוסטע באלפור־דעקלאראציע, וועלכע פארזיכערט די וויליגקייט פון דער ענגלישער רעגירונג צו דערמוטיגען די אויפבויאונג פון א אידישער היים אין ארץ ישראל.

נאך דער אקופאציע פון'ם ענגלישען מיליטער בלייבט ארץ ישראל אונטער א מיליטערישער אדמיניסטראציע ביז 1920. דעם 30טען יולי, 1920, ענדיגט זיך די פעריאדע פון דער מיליטערישער אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל און דעם 1טען יולי, 1920, ווערט פראקלאמירט א ציווילע אדמיניסטראציע און סער הערבערט סעמועל ווערט נאמינירט פון דער ענגלישער רעגירונג פאר דעם ערשטען נציב העליון (האי קאמישאנער) פון ארץ ישראל.

לויט דעם מלחמה־אפמאך צווישען ענגלאנד און טערקיי, זאגט זיך טערקיי אפ פון אלע איהרע רעכטען אין ארץ ישראל און עבר־הירדן, און די צוויי פראווינצען ווערען אוועקגעשטעלט אונטער אן ענגלישען מאנדאט, וועלכען זי באקומט פון דעם פעלקער־בונד. די ענגלישע רעגירונג שטעלט דארט צונויף פון איהרע מענשען א רעגירונג און דארף פארוואלטען דאס לאנד אין איינקלאנג מיט די פרינציפען און די סטאטוטען, וועלכע זיינען באשטימט פון דעם פעלקער־בונד. די איינוואוינער פון לאנד האבען דאס נאמינאלע רעכט צו אפעלירען צום ראט פון פעלקער־בונד, אין פאל די מאנדאטארישע מאכט (ענגלאנד) רעגירט ניט אין'ם גייסט און לויט די פרינציפען פון מאנדאט.

אויסער דער באלפור־דעקלאראציע, מיט וועלכער די ענגלישע רעגירונג פאר־זיכערט איהר מיטווירקונג צו דער אויפבויאונג פון א אידישער היים אין ארץ ישראל, איז אריין א ספעציעלער פונקט אין דעם מאנדאט, וואס ענגלאנד האט באקומען פון'ם פעלקער־בונד, אז זי, ענגלאנד, מוז אין ארץ ישראל פיהרען אזא פאליטישע, פינאנציעלע און געזעלשאפטליכע פארוואלטונג, וועלכע זאל מיטהעלפען דעם אויפבוי פון דער אידישער היים אין ארץ ישראל, ניט פארלעצענדיג די אינטע־

רעסען פון די אראבער און אנדערע איינוואוינער. דער מאנדאט איז געגעבען געוואָרען צו ענגלאנד אין דער ספּעציעלער סעסיע פון׳ם פעלקער־בונד, דעם 24טען יולי, 1922, אין לאָנדאָן, אין׳ם באוואוסטען סענט־דזשיימס פּאלאץ. די מאנדאטען סיסטעם איז אָנגענומען און אונטערגעשריבען געוואָרען פון פעלקער און מלוכות, וואָס באלאנגען צום פעלקער־בונד, גע׳חתמ׳עט אין ווערסאיל, פראנקרייך, און איז אריין אלס פּאראגראף צוויי און צוואנציג פון ווערסאליער שלום־אָפּמאך.

אויסער די אָפיציעלע און פאָרמעלע אונטערשריפטען, וואָס אלע פעלקער־בונד מלוכות האָבען געגעבען אויף דעם ענגלישען מאנדאט פאר ארץ ישראל, פארפליכטענדיג זיך מיטצוהעלפען דעם אויפבוי פון א אידישער היים דאָרטען, האָבען אויך אלע אנדערע גרויסע מלוכות, ווי אמעריקא, דורך פּרעזידענט ווילסאָן, און פראנקרייך, איטאליע, דייטשלאנד, בעלגיע, האָלאנד און א סך קלענערע פעלקער, דורך זייערע שטאאט־לייט אָפיציעל און פאָרמעל ארויסגעלאָזען דעקלאַראציעס, אז זיי אנערקענען דאָס רעכט פון אידען אויפצובויען אין ארץ ישראל זייער נאציאָנאלע היים.

## די רעגירונג.

די ארץ־ישראל׳דיגע רעגירונג באשטעהט פון: א) דער נציב־העליון; ב) אן עקזעקוטיווע, וועלכע באשטעהט פון 4 הויכע ענגלישע באאמטע, נאָמינירט פון דעם „קאָלאָניאל אָפיס״ אין לאָנדאָן; זי ווערט פּרעזידירט פון׳ם נציב־העליון און פילט אוים די אויפגאבען פון א מיניסטאָרען־קאבינעט; ג) א ראט, וועלכער האָט נאָר באראטונגס־רעכט.

דער ראט דאַרף באשטעהן פון 22 פּערזאָנען: 10 רעגירונגס־באאמטע און די איבעריגע 12 דארפען זיין אויסגעקליבען פון׳ם פאָלק. אָבער אזוי ווי אין יאָהר 1923 האָבען זיך די אראבער אָפּגעזאָגט צו געהן צו די וואהלען, איז פון לאָנדאָן, דעם 4טען מאי, געקומען א דעקרעט, וועלכער מאכט דערווייל אינגאנצען בטל דעם ראט. איצט, ווען אין ארץ ישראל ווערט געמאכט א נייע געזעץ, לאָזט מען צוערשט וויסען די איינוואוינער א חודש פריהער איידער דאָס געזעץ געהט אריין אין קראפט. אין משך פון דעם חודש קאָנען די איינוואוינער אויפמערקזאם מאכען די רעגירונג, אז דאָס געזעץ איז שעדליך, און די רעגירונג איז נים מחויב זיך צוצוהערען.

## די געזעצען.

ארץ ישראל האָט נאָך נים קיין באזונדערע אויפ׳ן־אָרט אויסגעארבייטע געזעצען. די ענגלישע מיליטערישע מאכט פריהער, און שפּעטער אויך די ציווילע אדמיניסטראציע אונטער די נציבים, האָט איבערגעלאָזען אין קראפט אלע ט ע ר־ק י ש ע  ג ע ז ע צ ע ן, וועלכע זיינען זעהר נים צוגעפּאסט צום לעבען פון א קולטורעלען פאָלק. נאָר אין אדמיניסטראטיווע רעגירונגס־ענינים זיינען די אלטע טערקישע געזעצען נים גילטיג. פאר אדמיניסטראטיווע ענינים ווערען ארויסגעגעבען ספּעציעלע דעקרעטען פון דער ארץ ישראל רעגירונג, אָדער פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע ווערען די געזעצען פון׳ם לאנד.

נים קוקענדיג דאַרויף וואָס פאָרמעל זיינען אין קראפט די אלטע טערקישע

געזעצען, ווערען אבער אונאויפהערליך דורך דעקרעטען איינגעפיהרט נייע, מעהר פאסיגע געזעצען. אזוי זיינען איינגעפיהרט געווארען פון דער ארץ ישראל'ער רעגירונג, הגם זעהר פארזיכטיג, נייע געזעצען וועגען דער רעגולאציע פון מסחר־ענינים, וועגען גרינדען קאמערציעלע געזעלשאפטען, וועגען אויטאר־רעכטען און וועגען ארכעאלאגישע אויסגראבונגען. אויך די ארגאניזאציע און די פארמירונג פון די פארשידענע טריבונאלען און די פראצעדורע אין זיי זיינען איינגעשטעלט געווארען לויט דעם ענגלישען שטייגער. א דעקרעט פון 1922 זאגט, אז אין פאל ווען עס עקזיסטירט ניט קיין געזעץ בנוגע א געוויסער פראגע, אדער ווען דאס עקזיסטירענדע טערקישע געזעץ איז אין ציווילע ענינים אבסאלוט ניט אין איינקלאנג מיט די בעלי־דין, דארף זיך דער טריבונאל פיהרען לויט די ענגלישען כללים, וועלכע זיינען באקאנט אונטער דעם נאמען „קאמאן לאא".

אין דער הינזיכט שפילט דער אידישער „משפט השלום" זעהר א וויכטיגע ראליע. ער גיט ארויס זיינע אורטיילען אין'ם גייסט פון „תלמוד", צוגעפאסט צו די נייע לעבענס־פארמען. זיינע אורטיילען ווערען אנערקענט פון דער רעגירונג. די אורטיילען פונ'ם משפט השלום און פון אלע אנדערע בתי־דין ווערען שפעטער שטענדיג גענומען אלס פרעצעדענטען און רעגלען פאר עהנליכע משפטים. געגען זיי קען מען אפעלירען אין משפט־העליון, וועלכער ווערט אויך רעגולירט פון ענגלישען „קאמאן לאא" און לאקאלע פרעצעדענטען.

## דער נציב העליון.

דער נציב־העליון איז די העכסטע אויטאריטעט אין לאנד. ער האט דאס רעכט ארויסצוגעבען דעקרעטען און דארף זעהן, אז אלע געזעצען זאלען דורכגעפיהרט ווערען. ער האט אלע רעכטען אין אלע באדען־אנגעלעגענהייטען, ער קען דעם באדען שיינקען אויף אלע מאל, אדער אוועקגעבען אויף א לאנגען אדער קורצען טערמין. ער קען ניט ערלויבען געוויסע מכירות פון באדען, ער גיט די קאנצעסיעס אויף דער עקספלואטאציע פונ'ם אונטער־באדען, פון מינעראלען און אויף אלע אנדערע אונטערנעמונגען. ער האט דאס רעכט צו באשטימען און אפזאגען אלע פקידים. ער קאן באוויליגען און פארקלענערען א שטראף, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון א טריבונאל. ער קאן מבטל זיין א טויט־אורטייל פון א פארברעכער. ער איז דער היטער פון דעם שטעמפעל פונ'ם לאנד.

## די עקזעקוטיווע.

זי איז נאמינירט געווארען פונ'ם נציב־העליון דעם 14טען סעפטעמבער, 1922. זי דארף איהם העלפען אויספיהרען זיינע אויפגאבען און פליכטען פאר'ן לאנד. זי באשטעהט, אויסער דעם נציב, פון די פאלגענדע פערזאנען: דער הויפט לאנדס־סעקרעטער, ליוטענענט קאלאנעל ג. סטוארט סיימס, יוסטיץ סעקרעטער נארמאן ד. מעטיוס בענטוויטש (א איד), טרעזשורער־סעקרעטער, סטוארט ספענסער דעבס.

## דער ראט.

ער באשטעהט פון די פאלגענדע צעהן רעגירונגס באאמטע, וועלכע פילען אויס זייערע אויפגאבען אהן די 12, וועלכע האבען געדארפט אויסגעקליבען ווערען

פון׳ם פאָלק. זיי זיינען דער הויפּט סעקרעטער, וועלכער פאַרוואַלטעט מיט דעם געזונדהייטס־דעפּאַרטמענט, דאָס הייסט אויך מיט אַלע רעכטען פון הייזער און שטעדט און דערפער אויסבויאונג, און פון יעדער בוי־ארבייט. דער יוסטיץ־סעקרעטער איז דער פאַרוואַלטער איבער געזעלשאַפטליכע ארבייטען. דער טרע־זשורער־סעקרעטער איז דער פאַרוואַלטער פון פאָלקס־ערציהונג. דער גובערנאַטאָר פון ירושלים און פון דער דרום־געגענד איז דער פאַרוואַלטער איבער לאַנדווירט־שאַפט. דער הויפּט פון דער פּאָליציי איז דער פאַרוואַלטער פון האנדעל, צאָלען (קאַסטאָמס) און אַקציז. דער סעקרעטער פון׳ם ראַט איז א. ש. קערוורייד. דער נציב־העליון פאַרעפענטליכט קיינמאָל ניט קיין דעקרעט זיך ניט באַראַטענדיג פריהער מיט דעם ראַט.

## די פּאָליציי.

די פּאָליציי אין ארץ ישראל ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי גרופּען. א) די ארץ ישראל׳דיגע, וועלכע ווערען גענומען פון צווישען די פאַרשידענע איינוואוינער, אידען, אראַבער און דרוזען. זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון פוס־געהער, רייטער און גמלים־רייטער. די שטאָדט־פאַרוואַלטונג פאַרוואַלט מיט דער פּאָליציי, אין דאָרטען וואו אידען האָבען אייגענע שטאָדט־פאַרוואַלטונגען, ווי אין תל־אביב און אין געוויסע אידישע קאָלאָניעס, איז די פּאָליציי איינגאַנצען אין אידישע הענט. ווען אין תל־אביב׳ער שטאָדט־ראַט איז געווען אַן ארבייטער מערהייט, איז פאַקטיש די שטאָדט־פּאָליציי געווען אין דער מאַכט פון דער ארבייטערשאַפט. ב) די בריטישע פּאָליציי, וועלכע שטעהט אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער רעגירונג. זי ווערט אויסגעהאַלטען פון די אַלגעמיינע שטייערען פון׳ם לאַנד און ווערט צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסליך פון געוועזענע בריטישע סאָלדאַטען, הויפּט־זעכליך אירלענדער. אָבער עס קענען אויך אריינגענומען ווערען אהין אידען, אויב זיי זיינען בריטישע אונטערטאַנען און אויסגעדינטע סאָלדאַטען. די דאָזיגע פּאָליציי איז אויסשליסליך אַ פוס־געהערישע.

---

# געריכט.

## שטאָדט־פאַרוואַלטונגס געריכטען.

עס זיינען פאַראַן שטעדט, וואָס האָבען שטאָדט־פאַרוואַלטונגס־געריכטען. אזוי האָט תל־אביב אויך אַן אייגענעם געריכט. די דאָזיגע געריכטען קאָנען משפט׳ען נאָר וועגען איינעם פון די פאָלגענדע דריי ענינים: א) וועגען קלענערע פאַרברעכענס, פאַר וועלכע עס קומט אַ געלט־שטראָף ניט מעהר פון 5 פונט אָדער 15 טאָג געפענגניש, אָדער ביידע צוזאַמען. ב) וועגען פאַרברעכענס געגען פאַר־אָרדנונגען פון דער רעגירונג און ג) וועגען פאַרברעכענס געגען פאַראָרדנונגען פון דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג. אין ביידע פעלען, ווען עס קומט פאַר דעם ניט מעהר ווי איינע פון די ביידע אָדער ביידע אַנגעוויזענע שטראָפען.

## פרידענס־געריכטען.

אין די פאלגענדע שטעדט זיינען פאראן פרידענס־געריכטען: ירושלים, תל־אביב, יפו, היפה, שכם, דזשענין, ראמאלא, טול־ברם, מיגדאל, נאזארעט, טבריה, צפת, עכו, ראמלה, בית־לחם, חברון, באר־שבע, עזה.

די דאזיגע געריכטען קענען משפט'ען נאר וועגען איינעם פון די פאלגענדע זאכען: א) פארברעכענס, פאר וועלכע עס קומט ניט מעהר ווי א יאהר געפענגניש, אדער ניט מעהר ווי 100 פונט שטראף; ב) וועגען אפקויפען חזקות אויף באדען, פון יעדען ווערט; ג) וועגען פארשידענע באדען־ענינים; ד) וועגען שכירות, דירות, דירה־געלט און שכנים, און עהנליכעס.

## דיסטריקט געריכטען.

דיסטריקט געריכטען זיינען פאראן נאר 4: אין ירושלים, יפו, היפה און שכם; פאקטיש אין די אידישע צענטרען. אין די דאזיגע געריכטען זיינען פאראן שופטים א) פון ערשטער אינסטאנץ, פאר אלע ציווילע און קרימינעלע ענינים, וועלכע געהען ניט אריין אין דער יוריסדיקציע פון די פרידענס און שטאדט־געריכטען, דאס הייסט, משפטים פון איבער 100 פונט שטראף און איבער א יאהר געפענגניש; ב) א באזונדער שופט צו אורטיילען וועגען די אפילען, וואס ווערען צוגעשטעלט געגען די אורטיילען פון די פרידענס געריכטען, אויב דער משפט איז געווען העכער פון א וואך געפענגניש אדער 5 פונט שטראף.

## העכסטער געריכט (משפט העליון).

דער העכסטער געריכט געפינט זיך אין דער הויפט־שטאדט, ירושלים. ער ערפילט צוויי אויפגאבען: א) ער איז די העכסטע אינסטאנץ פאר אפעלאציעס, וועלכע פאדערען צו באטראכטען און צו אורטיילען אויפס־ניי אן אורטייל פון אן אנדער געריכט; ב) ער איז דער האי־קאורט, אדער בית־דין צדק גבוה. נאר דער דאזיגער הויכער געריכט קאן געבען די פאראדענונג צו באפרייען מענשען פון תפיסה, ווען עס ווערט ערקלערט אז זיי זיינען אומגעזעצליך פארהאלטען געווארען. דער געריכט שיקט אויך צו זיינע פאראדנונגען צו הויכע בעאמטע און צו געזעלשאפטליכע אנשטאלטען אויף ניט צו ערלויבען, אדער ערלויבען געוויסע אויפגאבען. ער באשטימט דאס פלאץ און צייט פאר פארשידענע געריכטען פון הויכע פארברעכענס. משפטים, וועלכע זיינען העכער ווי אויף 500 פונט, קאנען אפעלירען אהער אויף צו באטראכטען אויפס־ניי א פריהערדיגען משפט, מיט וועלכען מען דארף זיך ווענדען צו דעם ראט פון נציב־העליון. צווישען אנדערע בריטישע און אראבישע שופטים זיצט אין דעם געריכט אלס שופט־עליון מר. גד פרומקין.

## לאנדווירטשאפטליכע געריכטען.

לאנדווירטשאפטליכע געריכטען זיינען אויפגעשטעלט געווארען אין 1921, דאס איז איינער פון די וויכטיגסטע געריכטען אין'ם לאנד, וועלכער האט פאר

אונז אַ ספּעציעלען ווערט און באַדייטונג, ווייל ער האָט צו באַשטימען איבער אַלע באַדען־סכסוכים און פאַרשידענע תביעות פון פאַרשידענע רעכטען אויף באַדען. דער נשיא פון דעם געריכט מוז זיין אַן ענגלענדער.

## רעליגיעזע געריכטען.

די אידען האָבען דעם „משרד הרבנות" און די מוסולמאַנער האָבען אַן ענליכען הויכען אייגענעם געריכט, וועלכע האָבען דאָס רעכט אַרויסצוגעבען אורטיילען אין רעליגיעזע און געמיינדע ענינים פון גרויסער וויכטיגקייט.

## משפט השלום.

משפט השלום איז אַ פרייוויליגע אינסטיטוציע, געשאַפען פון׳ם אידישען ישוב נאָך אין 1910. דאָס איז אַ פרייוויליגער טריבונאַל אין יעדער שטאָדט און גרעסערער קאָלאָניע. דער ועד־העיר, אָדער ועד־המושבה קלייבט די ריכטער אויס אויף אַ יאָהר אָהן אויסנאַהם פון קלאַס און פאַרטיי־אָנגעהעריגקייט. אַלע שיכטען ווערען פאַרטראָטען אין די וואַהלען צו די דאָזיגע משפט־אינסטאַנצען. די לאָקאַלע בתי־משפט קלייבען אויס 5 פערזאָנען פאַר דעם משפט־השלום־העליון, וועלכער איז דער „סופרים־קאָורט", די העכסטע אינסטאַנץ פון׳ם פרייוויליגען געריכט. דאָס איז אויך דער אַפּעלאַציע־טריבונאַל, צו וועלכען מען קאָן אַפּעלירען אין פאַל מען איז אומצופרידען מיט׳ן אָרטיגען פסק־דין.

דער משפט־השלום האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען פון׳ם ישוב, אונטער דער הערשאַפט פון דער טערקישער רעגירונג, ווען די טערקישע געריכטען זיינען געווען, לויט זייער גייסט, פרעמד און ווייט ניט צוגע־פאַסט ניט צום אידישען גייסט און ניט צו דער אייראָפּעאישער השגה. די אידען האָבען דאַן אויסגעמיטען צו געהן מיט זייערע ענינים צו פרעמדע געריכטען און פלעגען איבערגעבען זייערע סכסוכים צום משפט־השלום און פלעגען אָננעמען זיין פסק־דין.

דער משפט־השלום איז סאַנקציאָנירט פון דער ארץ־ישראל׳דיגער רעגירונג. ווען איינער אַנטזאָגט זיך אויסצופאָלגען דעם פסק־דין פון׳ם משפט־השלום, קען ער דערצו געצוואונגען ווערען פון דער רעגירונג. אין די נייע אידישע שטעדט אָבער, ווי תל־אביב, וואו דער רעגירונגס־געריכט איז אונטער דער פאַרוואַלטונג פון׳ם אידישען שטאָדט־ראַט, פאַרלירט דער משפט־השלום אינגאַנצען זיין ווערט, ווייל דער רעגירונגס־געריכט איז דאָך אַן אייגענער, ניט קיין פרעמדער. נאָכדעם ווי מען האָט אייגענע רעגירונגס־געריכטען, זיינען שוין מעהר ניט נויטיג קיין שום פּערמאַנענטע פרייוויליגע געריכטען. אין דער מאָס, אלזאָ, אין וועלכער עס וועלען זיך אויסבילדען אין ארץ ישראל אידישע שטעדט מיט אייגענע שטאָדט־פאַרוואַלטונגען, וועלען ווערען אומניצליך די „משפט־שלום" געריכטען.

# הוצאות און הכנסות פון דער ארץ־ישראל'ער רעגירונג פאר די לעצטע פינף יאָהר

## א. הוצאות.

| | 1922 | 1923 | 1924 | 1925 | 1926 |
|---|---|---|---|---|---|
| | פונטען | פונטען | פונטען | פונטען | פונטען |
| פענסיעס | 17,145 | 21,408 | 16,424 | 16,200 | 18,250 |
| אויפ'ן פאָלקס־חוב און אַלס פראָצענט | 6,516 | 41,127 | 62,376 | 134,000 | 223,000 |
| געהאַלט דעם נציב־העליון און זיינע אויסגאַבען | 12,809 | 7,104 | 6,778 | 6,900 | 9,620 |
| פאַר'ן רעגירונגס סעקרעטאַריאַט | 32,358 | 18,197 | 16,875 | 22,700 | 26,844 |
| פאַר די דיסטריקט רעגירונגס־אַנשטאַלטען | 78,608 | 61,861 | 96,127 | 93,000 | 97,479 |
| אויף די געריכט אַנשטאַלטען | 78,608 | 61,861 | 96,127 | 93,000 | 97,479 |
| פאַר אויסהאַלטען די לאַנדווירטשאַפטליכע אָפּטיילונג | 19,408 | 16,096 | 14,458 | 14,500 | 15,796 |
| פאַר ערד־מעסטען | 1,834 | 1,697 | 1,980 | 3,500 | 16,836 |
| טרעזשורי סעקרעטאַר | 4,896 | 312 | — | — | — |
| טרעזשורי הוצאות | 29,322 | 22,136 | 18,731 | 17,000 | 18,131 |
| אוידיטאָר'ס אָפּטיילונג | — | 2,765 | 5,894 | 6,700 | 8,019 |
| אויסהאַלטען צאָל־אַמט, אייזענבאַהנען און האַפענס | 103,987 | 93,649 | 34,363 | 35,000 | 43,412 |
| אויסהאַלטען קאָמערץ. און אינדוסטריעלע אָפּטיילונגען | 15,469 | 13,791 | 9,591 | — | — |
| פאַר אַגריקולטור און פיטעריי | 45,179 | 37,645 | 35,617 | 35,000 | 38,606 |
| אויף ערציהונג | 88,158 | 89,232 | 97,278 | 99,000 | 106,511 |
| א"י פּאָליציי, תפיסות און געהיים־פּאָליציי | 328,801 | 307,848 | 181,353 | 188,000 | 211,415 |
| זשאַנדאַרמעריע | — | — | 83,920 | 80,000 | 83,360 |

| | 1922 | 1923 | 1924 | 1925 | 1926 |
|---|---|---|---|---|---|
| | פונטען | פונטען | פונטען | פונטען | פונטען |
| בריטישע געהיים־פאליציי אויסגעהאלטען אויף ענגלאנד'ס רעכענונג — — — — — — — — — — — | — | — | — | 192,000 | 189,247 |
| אימיגראציע און טוריסטען אפטיילונג — — — — — | 13,304 | 10,014 | 8,272 | — | — |
| ארכעאלאגישע אויסגראבונגען — — — — — — — | 6,640 | 4,873 | 5,125 | 5,000 | 5,910 |
| פאסט, טעלעגראף און טעלעפאן — — — — — — | 87,626 | 100,403 | 95,935 | 84,000 | 93,485 |
| באזונדערע פאסט אויסגאבען — — — — — — — | — | — | 2,508 | — | 10,000 |
| פאר אייזענבאהנען — — — — — — — — — | 527,657 | 411,196 | 306,041 | 240,000 | 255,841 |
| באזונדערע אייזענאהן־אויסגאבען — — — — — — | — | — | 99,096 | 93,500 | 152,782 |
| פאר געזעלשאפטליכע ארבייטען — — — — — — | 38,200 | 113,900 | 65,925 | 27,500 | 25,011 |
| אויסטויש געזעלשאפטליכע ארבייטען — — — — — | 63,585 | 100,001 | 69,813 | 96,000 | 119,850 |
| באזונדערע אויסגאבען פאר געזעלשאפטליכע ארבייטען | — | — | 8,139 | 4,500 | 85,166 |
| פארשידענע הוצאות — — — — — — — — — — — | 141,211 | 176,435 | 126,748 | 132,000 | 146,479 |
| סך־הכל — — — — — — — — — — | 1,881,108 | 1,837,173 | 1,633,227 | 1,589,000 | 1,977,354 |

דער בודזשעט אלזא איז — — — — — — —

אין פונטען: — — — — 8,917,862

אין דאלארס: — — — — 44,589,310

## א. הכנסות.

| קוועלען פון הכנסה | אין 1924 | אין 1925 |
|---|---|---|
| | פונטען | פונטען |
| פון טאַריפען — — — — — — — — — — — | 481,778 | 605,000 |
| פון האפענס און שיף־אפצאָלונגען — — — — | 5,653 | 5,800 |
| פון ערלויבנישען און צינזען — — — — — — — | 518,229 | 603,000 |
| פון געריכטס־שטראָפען — — — — — — — — | 141,982 | 150,200 |
| פון פאָסט, טעלעגראַף און טעלעפאָן — — — — | 114,389 | 113,200 |
| פון אייזענבאַנען — — — — — — — — — — — | 347,440 | 320,000 |
| פון רעגירונגס אייגענטום — — — — — — — | 15,684 | 15,300 |
| פון פּראָצענטען — — — — — — — — — — — | 1,606 | 2,000 |
| פון באָדען־צינזען און צאָלונגען — — — — — | 1,203 | 2,000 |
| פון פארשיידענעם — — — — — — — — — — | 5,929 | 3,500 |
| סך הכל — — — — — — — — — | 1,633,893 | 1,820,000 |
| אויסגאַבען — — — — — — — — — | 1,633,227 | 1,589,000 |
| בלייבט א ריינער איבערפלוס — — — | 666 | 231,000 |

פון דעם איבערפלוס פון הכנסות איז אָפּגעצאָלט געוואָרען דער ענגלישער רעגירונג אויפ'ן חשבון פון דער אָטאָמאַנישער קאָנטריבוציע, מלחמה חובות און פאַר אַנדערע זאַכען.

# דער שטח פון ארץ ישראל'ער באָדען

(לויט אָפיציעלע באַריכטען פון ענגלישען לאָרדען־הויז)

דער גאַנצער שטח פון ארץ ישראל באָדען מיט דעם עבר־הירדן, וועלכער קומט אין באַטראַכט בלויז אונטער דעם הייניגען ענגלישען מאַנדאַט, באַשטעהט פון 65,000 קוואַדראַט קילאָמעטער (אין דעם איז ניט אריינגערעכענט דער גאַנצער היסטאָרישער טייל פון דרום ארץ־ישראל, וועלכער איז אויסער דעם הייניגען מאַנדאַט און וועלכער איז נאָך אַמאָל אַזוי גרויס. אויך איז אהער ניט אריינגערעכענט געוואָרען דער צפון ארץ־ישראל, וועלכער באַלאַנגט איצט צו סיריע אונטער דעם פראַנצויזישען מאַנדאַט). דער מערב־טייל פון ארץ־ישראל אָהן דעם עבר־הירדן באַשטעהט פון 23,300 קוואַדראַט קילאָמעטער.

## דער באָדען

| | | |
|---|---|---|
| באַארבייטער באָדען אין יאָהר 1926 איז — — | 6,000,000 | דונאַם*) |
| גראָז און פיה־צוכט באָדען — — — — — — — | 2,000,000 | " |
| לאַנד באַוואַלדעט — — — — — — — — — — — | 650,000 | " |
| פעהיגער אומבאַארבייטער באָדען — — — — — | 7,000,000 | " |
| אומפעהיגער אומבאַארבייטער באָדען — — — — | 11,000,000 | " |
| צוזאַמען — — — — | 27,000,000 | דונאַם |
| באַארבייטער באָדען וואָס געהערט צו אידען — | 1,200,000 | דונאַם |
| באַארבייטער באָדען וואָס געהערט צו אַראַבער — | 8,450,000 | " |
| באַארבייטער באָדען וואָס געהערט צו אַנדערע | 150,000 | " |
| שאָסייען, אייזענבאַנען, שטעט, דערפער פאַרנעמען | 2,500,000 | " |

*) אַ דונאַם איז 919 קוואַדראַט מעטער, אָדער 0.24 אַקער.

# דער וואוקס פון אידישען ישוב אין ארץ־ישראל

(אַנטנומען פון דער ארץ־ישראל׳ער „דירעקטאָרי")

23טען דעצעמבער, 1922 — 83,000 אידען, אָדער 11.5% פון גאַנצער באַפעלקערונג
1טען יאַנואַר, 1924 — — 91,000 אידען, אָדער 11.7% פון גאַנצער באַפעלקערונג
1טען יאַנואַר, 1925 — — 104,000 אידען, אָדער 12.9% פון גאַנצער באַפעלקערונג
1טען יאַנואַר, 1926 — — 138,000 אידען, אָדער 16.2% פון גאַנצער באַפעלקערונג
1טען יוני, 1926 — — — 147,000 אידען, אָדער 17% פון גאַנצער באַפעלקערונג

מיט די וועלכע זיינען ניט געקומען אין דער אָפיציעלער צעהלונג אויס פאַרשיידענע רעליגיעזע און אַנדערע טעמים געפינען זיך אין א"י ביי היינטיגען טאָג 175,000 אידען — 19.6% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

### די ארץ־ישראל׳ער באַפעלקערונג לויט ראַסען און רעליגיעס:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אידען — — — — — — — — | 175,000 | דרוזען — — — — — — — | 7,000 |
| מוסולמאַנער — — — — — — | 590,000 | סאַמאַריטאַנען (שומרונים) — | 163 |
| קריסטען — — — — — — — | 75,000 | אַנדערע ראַסען (ארום) — — | 3,000 |

### באַפעלקערונג לויט געשלעכט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| זכרים — — — — — — — | 399,118 | נקבות — — — — — — — | 385,064 |

### שטאָדטישע און דאָרפישע באַפעלקערונג

| | |
|---|---|
| שטאָדט איינוואויאַנער — — — — — — — — — — — — | 274,317 |
| דאָרף איינוואוינער — — — — — — — — — — — — — | 396,534 |
| נאָמאַדען אָדער האַלב נאָמאַדען — — — — — — — — | 103,331 |

### געבורט און שטערבליכקייט אין ארץ־ישראל.

| יאָהר | געבוירען | געשטאָרבען | יאָהר | געבוירען | געשטאָרבען |
|---|---|---|---|---|---|
| 1921 — — | 20,915 | 11,994 | 1924 — — | 34,955 | 17,672 |
| 1922 — — | 27,516 | 12,172 | 1925 — — | 35,464 | 19,576 |
| 1923 — — | 31,402 | 16,994 | | | |
| | | | ס"ה | 150,252 | 78,408 |

## נאַטירליכער צואוואוקס אויף יעדע צעהן טויזענד איז:

| יאָהר | | געבורטען | טויטען | אונטער־שייד | יאָהר | | געבורטען | טויטען | אונטער־שייד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | נימ־אידען. | | | | | אידען. | | |
| 1923 | — | 371 | 148 | 223 | 1923 | — | 490 | 273 | 217 |
| 1924 | — | 385 | 127 | 280 | 1924 | — | 533 | 280 | 253 |

## די שטאָדטישע באַפעלקערונג אין 1925.

| שטאָדט | אַלגעמיינע | אידען | שטאָדט | אַלגעמיינע צאָהל | אידען |
|---|---|---|---|---|---|
| ירושלים — — | 72,578 | 51,969 | רמלה — — — | 7,312 | 178 |
| תל־אָביב — — | 45,060 | 45,000 | טבריה — — — | 6,950 | 5,161 |
| יפו — — — — — | 15,000 | 6,887 | בית־לחם — — | 6,658 | —— |
| חיפה — — — | 24,634 | 15,000 | עכו — — — | 6,420 | 1,790 |
| עזה — — — | 17,480 | 291 | תול־כרם — — | 3,350 | 22 |
| חברון — — — | 16,577 | 1,100 | עין־גנים — — | 2,687 | 10 |
| שכם — — — | 15,947 | 5 און 63 שומרונים. | באר־שבע — — | 2,356 | 20 |
| | | | בית־שאן — — | 1,941 | 1 |
| צפת — — — | 8,761 | 3,500 | | | |
| לוד — — — | 8,103 | 39 | | | |
| נצרת — — — | 7,424 | 24 | | | |

אין ארץ ישראל זיינען פאראן 750 אראבישע דערפער און 121 אידישע דערפער.

## די איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל זייט דעם סוף פון דער מלחמה ביז צום 1טען יולי 1926.

| יאָרען | אַלגעמיינע איינוואַנדערונג | דערפון סערטיפיקאַטען באַזיצער: אין צאָלען | דערפון סערטיפיקאַטען באַזיצער: אין % | משפחה אַנגעהעריגע פון די סערטיפיקאַטען באַזיצער | סך הכל פון דער סערטיפיקאַטען־עליה: אין צאָלען | סך הכל פון דער סערטיפיקאַטען־עליה: אין % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1919 | 2,618 | | | | | |
| 1920 | 7,129 | | | | | |
| 1921 | 8,517 | | | | | |
| 1922 | 9,481 | | | | | |
| 1923 | 9,478 | 2,027 | 21,4 | 2,330 | 4,357 | 46,0 |
| 1924 | 16,297 | 3,191 | 19,6 | 2,162 | 5,353 | 32,9 |
| 1925 | 36,933 | 10,731 | 29,1 | 5,438 | 16,169 | 43,8 |
| ערשטער האַלב יאָר 1926 | 10,185 | 4,977 | 48,9 | 1,799 | 6,776 | 66,5 |
| סך הכל — (זייט 1 יאַנ 1926) | 100,638 | 20,926 | 28,7 | 11,729 | 32,655 | 44,8 |

## ארוים זיינען פון לאַנד:

| | | | אידען | אידען און אַנד. | | | | אידען | אידען און אַנד. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אין | 1922 | — | 310 | 500 | אין | 1925 | — | 2,151 | 4,100 |
| אין | 1923 | — | 3,466 | 4,947 | | 1926 | (ביז יוני) | 1,428 | 2,133 |
| אין | 1924 | — | 2,037 | 2,500 | סך הכל | | — | 9,392 | 14,180 |

# אימיגראַנטען פון פאַרשידענע לענדער אין 1925.

| | יאנואר | פעברואר | מערץ | אַפּריל | מאַי | יוני | יולי | אויגוסט | סעפּטעמבער | אָקטאָבער | נאָוועמבער | דעצעמבער | ס"ה | %% |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פוילען | 122 | 227 | 204 | 210 | 239 | 416 | 324 | 476 | 473 | 618 | 462 | 435 | 4206 | 51.06 |
| רוסלאַנד | 86 | 112 | 92 | 76 | 87 | 122 | 136 | 67 | 79 | 166 | 171 | 194 | 1388 | 16.85 |
| רומעניע | 9 | 40 | 31 | 35 | 54 | 158 | 48 | 50 | 130 | 114 | 64 | 96 | 829 | 10.07 |
| ליטא | 21 | 21 | 45 | 45 | 35 | 41 | 33 | 49 | 71 | 24 | 86 | 45 | 516 | 6.28 |
| עסטרייך | 2 | 4 | 2 | 11 | 4 | 36 | 51 | 8 | 43 | 74 | 21 | 73 | 329 | 4.01 |
| דייטשלאַנד | 5 | 6 | 19 | 6 | 11 | 13 | 24 | 10 | 34 | 73 | 25 | 12 | 238 | 2.91 |
| לאַטוויא | 3 | 9 | 18 | 7 | 7 | 19 | 22 | 10 | 16 | 20 | 18 | 24 | 173 | 2.11 |
| קאָנסטאַנטינאָפּאָל | — | — | 6 | .7 | — | 34 | 35 | 17 | 11 | 10 | 2 | 7 | 129 | 1.57 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע | — | — | 3 | 5 | 2 | 8 | 5 | 8 | 8 | 15 | 10 | 4 | 68 | 0.84 |
| בולגאַריע | — | — | 1 | 1 | 9 | 3 | 8 | 4 | 9 | 14 | 5 | 5 | 59 | 0.73 |
| פראַנקרייך | — | — | 6 | 6 | 4 | 9 | 7 | 3 | 2 | 7 | 6 | 5 | 56 | 0.68 |
| עגיפּטען | — | — | 7 | — | 1 | 2 | 1 | 18 | 15 | 2 | 1 | — | 41 | 0.49 |
| אַרגענינא | — | — | 4 | 6 | — | 4 | — | — | 6 | 5 | 2 | 1 | 28 | 0.34 |
| בעלגיע | — | — | 1 | 5 | — | 4 | — | 3 | 3 | 9 | 1 | — | 26 | 0.32 |
| אונגאַרן | — | — | 6 | — | 1 | — | — | 6 | — | 3 | 2 | 3 | 21 | 0.25 |
| אַמעריקא | 2 | — | 1 | 4 | 1 | — | — | 4 | 1 | 3 | 1 | 3 | 20 | 0.24 |
| גריכענלאַנד | — | — | — | 7 | 2 | 6 | 1 | — | 4 | — | — | — | 20 | 0.24 |
| איטאַליע | — | — | — | — | — | 5 | — | — | 4 | 5 | 1 | — | 15 | 0.17 |
| ענגלאַנד | — | — | — | — | 1 | — | 8 | — | 3 | 1 | — | 1 | 14 | 0.17 |
| דאַנציג | — | — | 1 | — | — | — | 3 | 1 | 5 | 2 | 2 | — | 14 | 0.17 |
| עסטלאַנד | — | — | — | — | 1 | — | — | 1 | 5 | — | — | 1 | 8 | 0.09 |
| תימן | — | — | — | — | — | — | 1 | 5 | 1 | — | — | — | 7 | 0.08 |
| האָלאַנד | — | — | 1 | 1 | — | 2 | 1 | 1 | — | — | — | — | 6 | 0.07 |
| סיריע | — | — | — | — | 2 | — | 3 | — | — | — | 1 | — | 6 | 0.07 |
| יוגאָסלאַוויע | — | — | 1 | 1 | — | — | — | — | 1 | 1 | — | — | 4 | 0.04 |
| שווייץ | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 2 | — | 4 | 0.04 |
| אויסטראַליע | — | — | — | — | — | — | 1 | — | — | — | — | — | 1 | 0.01 |
| דרום-אַפריקא | — | — | — | — | — | — | — | 1 | — | — | — | — | 1 | 0.01 |
| קובאַ | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | — | — | 1 | 0.01 |
| כינא | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | — | 1 | 0.01 |
| אומבאַשטימטע | — | 6 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 6 | 0.07 |
| סך-הכל | 250 | 425 | 444 | 433 | 461 | 882 | 712 | 742 | 924 | 1169 | 884 | 909 | 8235 | 100% |

# די פּראָפעסיע פון די איינגעוואנדערטע.

| פּראָפעסיעס | אפּריל | מאי | יוני | יולי | אויגוסט | סעפּטעמבער | אָקטאָבער | נאָוועמבער | דעצעמבער | ס"ה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אַקערבויער | 56 | 71 | 141 | 91 | 106 | 207 | 267 | 133 | 194 | 1266 |
| שניידער און שניידערינס | 31 | 41 | 104 | 57 | 87 | 76 | 120 | 95 | 90 | 701 |
| סטאָלאַרעס | 27 | 31 | 73 | 53 | 71 | 83 | 118 | 75 | 83 | 614 |
| שלעסער | 26 | 17 | 67 | 43 | 40 | 61 | 83 | 57 | 51 | 445 |
| עלעקטראָטעכניקער | 18 | 23 | 24 | 18 | 32 | 21 | 46 | 27 | 29 | 238 |
| הייזער־בויער | 16 | 12 | 14 | 21 | 24 | 24 | 30 | 22 | 47 | 210 |
| בעקער | 5 | 11 | 17 | 17 | 13 | 14 | 19 | 17 | 21 | 134 |
| פאַרבער | 10 | 4 | 10 | 10 | 18 | 16 | 25 | 27 | 9 | 129 |
| פּרעסער | 14 | 7 | 9 | 20 | 17 | 11 | 18 | 19 | 5 | 120 |
| דרוקער | 9 | 10 | 14 | 11 | 11 | 14 | 22 | 15 | 12 | 118 |
| גאַרבער | 5 | 9 | 10 | 9 | 8 | 16 | 18 | 11 | 11 | 97 |
| וועבער | 13 | 7 | 11 | 16 | 8 | — | 18 | 10 | 13 | 96 |
| בלעכער | 2 | 6 | 12 | 14 | 7 | 11 | 12 | 12 | 8 | 84 |
| שמידען | 2 | 2 | 7 | 6 | 5 | 6 | 11 | 9 | 12 | 60 |
| שוסטער | 1 | — | 7 | 4 | 4 | 7 | 10 | 8 | 8 | 49 |
| טאַפּעצירער | 1 | 1 | — | — | — | — | 5 | 4 | 7 | 18 |
| בעל־עגלות | 2 | — | — | — | — | — | 3 | 6 | 6 | 17 |
| פישער | — | — | 1 | 2 | — | 2 | 1 | 4 | 6 | 16 |
| גלעזער | 3 | 4 | — | — | — | 2 | 3 | 2 | — | 14 |
| איינבינדער | — | — | — | — | — | — | 3 | 6 | 4 | 13 |
| זאָטעל־מאַכער | 1 | — | — | — | — | — | 9 | 2 | — | 12 |
| שעהרער | — | 2 | — | — | — | — | 5 | 2 | — | 9 |
| מילנער | 1 | — | — | — | — | — | 4 | 4 | — | 9 |
| פארשידענע | 64 | 88 | 134 | 100 | 103 | 136 | 103 | 116 | 125 | 969 |
| פאכלאָזע | 126 | 115 | 227 | 220 | 188 | 217 | 216 | 201 | 168 | 1678 |
| סך־הכל | 433 | 461 | 882 | 712 | 742 | 924 | 1169 | 884 | 909 | 7116 |

# אימיגראַנטען לויט זייער קענטשאַפט פון העברעאיש.

| | מענער אונפאַרהייראַטע | | | | מענער פאַרהייראַטע | | | | פרויען אונפאַרהייראַטע | | | | פרויען פאַרהייראַטע | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | קענען | % | קענען ניט | % | קענען | % | קענען ניט | % | קענען | % | קענען ניט | % | קענען | % | קענען ניט | % |
| יאַנואַר | 122 | 79.2 | 32 | 20.8 | 26 | 68.4 | 12 | 31.6 | 36 | 64.3 | 20 | 35.7 | — | — | 2 | 100 |
| פעברואַר | 215 | 80.8 | 51 | 19.2 | 60 | 71.4 | 24 | 28.6 | 44 | 68.8 | 20 | 31.2 | 7 | 63.6 | 4 | 36.4 |
| מערץ | 210 | 83.7 | 41 | 16.3 | 64 | 68.8 | 29 | 31.2 | 61 | 67.7 | 29 | 32.3 | 5 | 50.0 | 5 | 50.0 |
| אפּריל | 175 | 72.9 | 65 | 27.1 | 78 | 70.0 | 34 | 30.0 | 46 | 64.8 | 25 | 35.2 | 5 | 50.0 | 5 | 50.0 |
| מאַי | 157 | 59.7 | 106 | 40.3 | 62 | 51.2 | 59 | 48.8 | 41 | 56.2 | 32 | 43.8 | 2 | 50.0 | 2 | 50.0 |
| יוני | 351 | 73.3 | 128 | 26.7 | 115 | 56.4 | 89 | 43.6 | 100 | 58.8 | 70 | 41.2 | 11 | 38.0 | 18 | 62.0 |
| יולי | 248 | 70.3 | 105 | 29.7 | 109 | 50.9 | 105 | 49.1 | 66 | 53.7 | 57 | 46.3 | 4 | 18.2 | 18 | 81.8 |
| אויגוסט | 293 | 79.6 | 75 | 20.4 | 104 | 55.6 | 83 | 44.4 | 104 | 68.9 | 47 | 31.1 | 18 | 50.0 | 18 | 50.0 |
| סעפּטעמבער | 347 | 71.5 | 138 | 28.5 | 120 | 53.3 | 105 | 46.7 | 113 | 64.2 | 63 | 35.8 | 14 | 36.8 | 24 | 63.2 |
| אָקטאָבער | 460 | 70.4 | 193 | 29.6 | 130 | 48.3 | 139 | 51.7 | 137 | 59.6 | 93 | 40.4 | 5 | 29.4 | 12 | 70.6 |
| נאָוועמבער | 308 | 71.4 | 123 | 28.6 | 137 | 60.8 | 88 | 39.2 | 107 | 53.5 | 93 | 46.5 | 8 | 28.6 | 20 | 71.4 |
| דעצעמבער | 290 | 76.5 | 120 | 23.5 | 106 | 55.5 | 85 | 44.5 | 84 | 50.0 | 84 | 50.0 | 9 | 22.5 | 31 | 77.5 |
| סך הכל | 3276 | | 1177 | | 1111 | | 852 | | 939 | | 633 | | 88 | | 159 | |

| | | קענען העברעאיש | קענען ניט. |
|---|---|---|---|
| מענער: | אונפאַרהייראַטע | 3276 — 73.6% | 1177 — 26.4% |
| | פאַרהייראַטע | 1111 — 56.6% | 852 — 46.4% |
| פרויען: | אונפאַרהייראַטע | 939 — 59.7% | 633 — 40.3% |
| | פאַרהייראַטע | 88 — 35.6% | 159 — 64.4% |

## די פארטיילונג פון די אימיגראַנטען אין שטאָדט און אין דאָרף

| | אין שטאָדט | %% | אין דאָרף | %% |
|---|---|---|---|---|
| יאַנואַר | 168 | 67.2 | 82 | 32.8 |
| פעברואַר | 267 | 62.8 | 158 | 37.2 |
| מערץ | 290 | 65.3 | 154 | 34.7 |
| אפריל | 359 | 82.9 | 74 | 17.1 |
| מאַי | 374 | 81.1 | 87 | 18.9 |
| יוני | 668 | 75.7 | 214 | 24.3 |
| יולי | 550 | 77.4 | 162 | 22.6 |
| אויגוסט | 548 | 73.9 | 194 | 26.1 |
| סעפּטעמבער | 757 | 81.9 | 167 | 18.1 |
| אָקטאָבער | 1016 | 86.9 | 153 | 13.1 |
| נאָוועמבער | 772 | 87.3 | 112 | 12.7 |
| דעצעמבער | 770 | 84.7 | 139 | 15.3 |
| סך־הכל | 6539 | 79.4% | 1696 | 20.60% |

## אימיגראַנטען וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט הסתדרות־סערטיפיקאַטען.

| | מענער | | פרויען | |
|---|---|---|---|---|
| | אונפאַר־הייראַטע | פאַרהייראַטע | אונפאַר־הייראַטע | פאַרהייראַטע |
| יאַנואַר | 154 | 38 | 56 | 2 |
| פעברואַר | 264 | 86 | 64 | 11 |
| מערץ | 251 | 93 | 90 | 10 |
| אפריל | 240 | 110 | 73 | 10 |
| מאַי | 263 | 121 | 73 | 4 |
| יוני | 479 | 204 | 170 | 29 |
| יולי | 353 | 214 | 123 | 22 |
| אויגוסט | 368 | 187 | 151 | 36 |
| סעפּטעמבער | 485 | 225 | 176 | 38 |
| אָקטאָבער | 653 | 269 | 230 | 17 |
| נאָוועמבער | 431 | 225 | 200 | 28 |
| דעצעמבער | 510 | 191 | 168 | 40 |
| סך הכל | 4451 | 1963 | 1574 | 247 |

צוזאַמען:

מענער — 6,414 ; פרויען — 1,821

פּראָצענט, 77.9 22.1

# די טוריסטען־באַוועגונג

| חדשים | 1924 | 1925 | 1926 | חדשים | 1924 | 1925 | 1926 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יאנואר — | 2171 | 2886 | 3391 | יולי — — | 4335 | 5370 | צאָהל נאָך ניט באַוואוסט |
| פעברואר — | 3063 | 5686 | 5669 | אויגוסט — | 5835 | 4933 | |
| מערץ — — | 5182 | 8003 | 7609 | סעפּטעמבער | 5715 | 5241 | |
| אפּריל — — — | 6990 | 9304 | צאָהל נאָך ניט באַוואוסט | אָקטאָבער | 4056 | 3413 | |
| מאי — — | 2978 | 6278 | | נאָוועמבער | 3251 | 3369 | |
| יוני — — | 3694 | 4484 | | דעצעמבער | 2614 | 3376 | |

# אימפּאָרט און עקספּאָרט

(פון אפּריל 1924 ביז אפּריל 1925).

## אימפּאָרט.

| | ענגלישע פונטען |
|---|---|
| פארשידענע בהמות און פיה־פּראָדוקטען אויך — — — — — — — | 422,466 |
| פעל, לעדער און גארבעריי סחורה אויך — — — — — — — — — | 511,395 |
| אויסגעארבייטע פּראָדוקטען פון טהירע — — — — — — — — | 12,383 |
| מעהל און אנדערע תבואות אויך — — — — — — — — — — | 616,700 |
| באַקאַליי — — — — — — — — — — — — — — — — — | 352,454 |
| אַלקאָהאָל, געטראנקען און אויל אויך — — — — — — — — — | 438,511 |
| ביכער און פּאַפּיר — — — — — — — — — — — — — | 40,700 |
| קוילען, האָלץ און זייערע פּראָדוקטען אויך — — — — — — — — | 294,387 |
| שטיין און שטיין־פּראָדוקטען — — — — — — — — — — | 203,792 |
| פארבען און פארבעריי פּראָדוקטען אויך — — — — — — — — — | 13,598 |
| כעמישע פּראָדוקטען און מעדיצינישע אויך — — — — — — — | 66,409 |
| פּאַק־סחורה און גאַלאַנטעריי — — — — — — — — — — | 1,014,990 |
| מעטאַלען און מעטאַל־געצייג — — — — — — — — — — | 592,649 |
| טאַבאַק און ציגאַרען — — — — — — — — — — — — | 64,664 |
| פארשידענע פּראָדוקטען אויך — — — — — — — — — — | 766,187 |
| סך הכל — — — — — — — — — | 6,011,285 |

## עקספּאָרט.

| | |
|---|---|
| בהמות און טהירען־פּראָדוקטען אויך — — — — — — — — — | 10,761 |
| לעדער און לעדער־סחורות אויך — — — — — — — — — | 36,775 |
| מעהל און תבואות אויך — — — — — — — — — — — | 766,361 |
| באַקאַליי פּראָדוקטען, ווי פעפער א. א. וו. אויך — — — — — — — | 9,764 |
| אַלקאָהאָל, וויינען און געטראנקען אויך — — — — — — — — — | 62,684 |
| פּראָדוקטען פון אַליוון־האָלץ אויך — — — — — — — — — | 2,911 |
| זייף אויך — — — — — — — — — — — — — — — | 240,022 |

שפּיצען און ענליכע מאַטעריאַלען אויף — — — — — — — — — — 790
קאַמייעס, מעדאַליאָנען און אַנדערע גאָלד־אָרנאַמענטען — — — 258,641
פאַרשידענע סחורות אויף — — — — — — — — — — — — — 143,376

סך הכל — — — — — — — 1,541,623
אימפּאָרט — — — — — — — — 6,011,285

א דעפּיציט אין עקספּאָרט אויף — 4,469,662

# אימפּאָרט און עקספּאָרט אין די לעצטע 4 יאָהר.

(אין עגיפּטישע פונטען)

## א.

| יאָהר | אימפּאָרט | עקספּאָרט | די פּראָצענטען פון עקספּאָרט אין באַצוג צום אימפּאָרט |
|---|---|---|---|
| 1922 | 5,471,667 | 1,257,449 | 23 % |
| 1923 | 4,825,185 | 1,377,207 | 28½ % |
| 1924 | 5,266,349 | 1,342,654 | 25½ % |
| 1925 | 7,338,491 | 1,437,260 | 19½ % |

## ב.

| סחורות | אימפּאָרט | | | | עקספּאָרט | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| שפּייז־פּראָדוקטען | 1922 | 1923 | 1924 | 1925 | 1922 | 1923 | 1924 | 1925 |
| געטראַנק און טאַבאַק | 1,419,505 | 1,352,112 | 1,407,169 | 1,987,110 | 860,986 | 835,109 | 838,003 | 882,234 |
| רויע פּראָדוקטען | 317,708 | 293,320 | 355,470 | 627,618 | 18,032 | 52,549 | 43,769 | 66,858 |
| פאַבריצירטע | 2,897,032 | 2,486,126 | 2,848,500 | 3,967,519 | 186,071 | 251,646 | 258,635 | 300,128 |
| פאַרשידענע | 837,422 | 693,627 | 655,210 | 756,300 | 5,082 | 3,930 | 10,405 | 48,339 |
| סך הכל | 5,471,667 | 4,825,185 | 5,266,349 | 7,338,491 | 1,070,171 | 1,423,234 | 200,812 | 1,297,559 |

## ג.

עקספּאָרט

| יאָר | אָראַנזשען | | | זייף | | וויין |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | קאַסטענס אין טויזענט | פונטען אין טויזענט | טאָנען | פונטען אין טויזענט | ליטערס אין טויזענט | פונטען אין טויזענט |
| 1912 | 1,418 | 284 | 7,790 | 254 | — | 60 |
| 1913 | 1,608 | 299 | 6,250 | 200 | — | 61 |
| 1919-20 | 647 | 162 | 1,540 | 142 | 1,375 | 65 |
| 1920-21 | 831 | 200 | 1,475 | 132 | 1,266 | 50 |
| 1921-22 | 1,234 | 325 | 3,316 | 86 | 1,592 | 53 |
| 1923-24 | 1,895 | 507 | 5,034 | 222 | — | 55 |
| 1924-25 | 1,853 | 498 | 5,625 | 248 | 1,899 | 52 |

# וואוקס און ווערט פון דער אידישער אינדוסטריע אין ארץ ישראל

(אהער זיינען אריינגערעכענט נאָר די יעניגע וועלכע האָבען צוגעשטעלט זייערע באריכטען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע).

| | | | |
|---|---|---|---|
| צאָהל פון פאַבריקען | אין 1923 — — 279 | אין יולי, | 1925 — 547 |
| צאָהל פון פאַבריק־ארבייטער | אין 1923 2,331 | אין יולי, | 1925 — 4,894 |
| צאָהל פון מאָטאָר־מאשינען | אין 1923 — 84 | אין יולי, | 1925 — 180 |
| ענערגיע פון פערד־קראַפט | אין 1923 — 1,379 | אין יולי, | 1925 — 5,734 |
| אינוועסטירטער קאַפּיטאַל | אין 1923 — 966,548 | אין יולי, | 1925 — 1,641,705 |

## לויט די אינדוסטריען.

| | אינוועסטירטער קאַפּיטאַל (אין פונטען) | צאָהל פון ארבייטער | פערדען־קראַפט |
|---|---|---|---|
| טעקסטיל אינדוסטריע | 138,000 | 579 | 159 |
| לעדער־אינדוסטריע | 44,830 | 330 | 68 |
| האָלץ און מעבעל־אינדוסטריע | 54,000 | 512 | 262 |
| אַלקאָהאָל, אויל און כעמישע אינדוסטריע | 337,440 | 223 | 321 |
| בוי־מאַטעריאַל אינדוסטריע | 482,980 | 963 | 3,464 |
| דרוק און פּאַפּיר אינדוסטריע | 91,485 | 676 | 71 |
| מעטאַל־אינדוסטריע | 73,155 | 484 | 184 |
| שפּייז־אינדוסטריע | 383,705 | 971 | 1,165 |
| פאַרשידענע אינדוסטריען | 36,150 | 156 | 40 |
| אינדוסטריען וועלכע האָבען זיך ניט געמאָלדען, | 358,285 | 106 | 266 |
| סך־הכל | 2,000,000 | 5,000 | 6,000 |

## די בוי־באַוועגונג.

אין יאהר 1925 איז אויפגעבויט געוואָרען:

| | געבײַדעס | ווערט אין פונטען | | געבײַדעס | ווערט אין פונטען |
|---|---|---|---|---|---|
| אין ירושלים | 527 | 226,936 | אין חיפה | 514 | 111,100 |
| אין תל־אביב | 2,818 | 1,436,000 | אין נצרת | 84 | 3,092 |
| אין יפו | 574 | 146,500 | אין טבריה | 57 | 20,807 |
| אין רמלה | 107 | 12,500 | אין צפת | 93 | 2,228 |
| אין חברון | 62 | 3,126 | אין שכם | 289 | 12,800 |
| אין באר־שבע | 37 | 1,500 | אין עכו | 19 | 5,320 |
| אין בית־לחם | 143 | 7,840 | אין תול־כרם | 33 | 2,480 |
| אין עזה | 83 | 1,633 | אין בית־שאן | 56 | 1,625 |

# דער ווערט פון אידישע ווירטשאפטען אין די קאָלאָניעס.

קאָלאָניעס געגרינדעט פאר דער מלחמה האָבען א ווערט אין פונטען:

| | |
|---|---|
| אראנזשען־פּרדסים | 1,100,000 |
| וויינגערטנער און מאנדלען | 1,400,000 |
| שטיינערנע און בעטאָן־בנינים | 300,000 |
| אינסטיטוציעס פון אירינאציע | 600,000 |
| 10,000 קעפּ בהמות און שאָף | 150,000 |
| צוזאמען | 3,550,000 |

ווירטשאפטען וואס זיינען געגרינדעט נאָך 1921:

| | |
|---|---|
| ווערט פון די פּלאנצונגען | 110,000 |
| ווערט פון בנינים | 240,000 |
| ווערט פון אינסטאַלאציעס | 90,000 |
| ווערט פון 7,000 קעפּ בהמות | 210,000 |
| צוזאמען | 650,000 |

אלגעמיינער סך־הכל: פינף מיליאָן מיט 200,000 פונט ווערט.

# אייזענבאהן־ליניען אין ארץ ישראל.

| | |
|---|---|
| אין יאהר 1881 — 0 קילאָמעטער | אין יאהר 1906 — 584 קילאָמעטער |
| אין יאָהר 1892 — 87 " | אין יאהר 1923 — 1312 " |

# די ארץ ישראל שולעס, לויט די קאַטעגאָריעס, אין 1926.

### א.

| | 1־טע קאַטעגאָריע | | 2־טע קאַטעגאָריע | | 3־טע קאַטעגאָריע | | 4־טע קאַטעגאָריע | | סך־הכל | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | שולעס | שילער | שולעס | שילער | שולעס | שילער | שולעס | שילער | שולעס | שילער |
| **געוועהנליכע שולעס:** | | | | | | | | | | |
| קינדער־גערטנער | 23 | 1,574 | 22 | 548 | 7 | 182 | 5 | 71 | 58 | 2,375 |
| פאָלקס־שולעס — | 28 | 5,424 | 14 | 1,026 | 12 | 548 | 1 | 11 | 55 | 7,009 |
| מיטעל־שולעס — | 1 | 159 | 2 | 1,206 | — | — | — | — | 3 | 1,365 |
| סעמינאַריעס — | 2 | 206 | — | — | — | — | — | — | 2 | 206 |
| פאַך־שולעס — — | — | — | 1 | 41 | — | — | 3 | 521 | 4 | 562 |
| פאַרשידענע — — | — | — | 2 | 192 | — | — | — | — | 2 | 192 |
| | 54 | 7,363 | 41 | 3,013 | 19 | 730 | 9 | 603 | 124 | 11,709 |
| **רעליגיעזע שולעס:** | | | | | | | | | | |
| קינדער־גערטנער | 4 | 334 | 3 | 130 | 3 | 38 | 2 | 159 | 12 | 661 |
| פאָלקס־שולעס — | 27 | 3,672 | 1 | 9 | 3 | 80 | — | — | 31 | 3,761 |
| סעמינאַריעס — | 1 | 87 | — | — | — | — | — | — | 1 | 87 |
| פאַך־שולעס — | | | | | | | | | | |
| פאַרשידענע — | — | — | 1 | 25 | — | — | — | — | 1 | 25 |
| | 52 | 4.039 | 5 | 164 | 6 | 118 | 2 | 159 | 45 | 4,534 |
| **סך־הכל:** | | | | | | | | | | |
| קינדער־גערטנער | 27 | 1,908 | 25 | 678 | 10 | 220 | 7 | 230 | 70 | 3,038 |
| פאָלקס־שולעס — | 55 | 9,096 | 15 | 1,035 | 15 | 628 | 1 | 11 | 86 | 10,770 |
| מיטעל־שולעס — | 1 | 159 | 2 | 1,206 | — | — | — | — | 3 | 1,365 |
| סעמינאַריעס — | 3 | 293 | — | — | — | — | — | — | 3 | 293 |
| פאַך־שולעס — — | — | — | 1 | 41 | — | — | 3 | 521 | 4 | 552 |
| פאַרשידענע — — | — | — | 3 | 217 | — | — | — | — | 3 | 217 |
| אונטערשטער סך־הכל — — | 86 | 11,456 | 46 | 3,177 | 25 | 848 | 11 | 762 | 169 | 16,243 |

1טע קאַטעגאָריע מיינט שולעס אויפגעהאַלטען פון ועד החנוך.

2טע קאַטעגאָריע מיינט שולעס אויפגעהאַלטען פון עלטערען און פריוואַטע געזעלשאַפטען.

3טע קאַטעגאָריע מיינט שולעס אויפגעהאַלטען פון פיק"א.

4טע קאַטעגאָריע מיינט שולעס אויפגעהאַלטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

## ב.

## די שולעם פון ועד־החנוך אין יאָהר 1924־1925.

| דער פלאַץ | צאָהל שולעם 1924 | 1925 | 1926 | צאָהל לעהרער 1924 | 1925 | 1926 | צאהל שילער 1924 | 1925 | 1926 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ירושלים — — — | 29 | 31 | 31 | 177 | 172 | 171 | 4,143 | 4,024 | 4,172 |
| יפו־תל־אביב — — | 14 | 15 | 18 | 115 | 130 | 153 | 3,240 | 3,332 | 4,298 |
| חיפה — — — — — | 5 | 7 | 7 | 31 | 42 | 48 | 727 | 836 | 950 |
| טבריה — — — — — | 3 | 3 | 2 | 12 | 13 | 12 | 357 | 348 | 320 |
| צפת — — — — — — | 5 | 4 | 4 | 19 | 16 | 17 | 455 | 402 | 407 |
| אַנדערע שטעדט — | 6 | 6 | 6 | 11 | 9 | 9 | 142 | 148 | 153 |
| יהודה'ר־קאָלאָניעס | 22 | 24 | 27 | 65 | 67 | 72 | 1,492 | 1,609 | 1,749 |
| שומרון־קאָלאָניעס | 8 | 8 | 8 | 17 | 18 | 17 | 306 | 348 | 379 |
| גליל־קאָלאָניעס — | 23 | 26 | 29 | 38 | 41 | 51 | 663 | 677 | 818 |
| סך הכל — — — | 118 | 124 | 132 | 497 | 508 | 550 | 11,962 | 11,724 | 13,246 |

## ג.

## די ענטוויקלונג פון די ועד־החנוך שולעם.

| יאָהר | קינדער־גערטנער | פאָלקס־שולעם | מיטעל־שולעם | סעמינאַריעם | פאַך־שולעם | פאַר־שידענע | צאָהל שילער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1914 | 165 | 535 | 364 | — | — | — | 1,064 |
| 1915 | 380 | 1,473 | 809 | — | 153 | — | 3,315 |
| 1916 | 556 | 2,341 | 789 | — | 95 | 174 | 3,955 |
| 1917 | 870 | 2,469 | 832 | — | 154 | 172 | 5,002 |
| 1918 | 1,476 | 2,407 | 571 | — | 79 | 240 | 5,273 |
| 1919 | 2,525 | 6,234 | 679 | 198 | 182 | 354 | 10,172 |
| 1920 | 2,764 | 6,684 | 802 | 252 | 318 | 400 | 11,220 |
| 1921 | 2,713 | 8,368 | 669 | 323 | 385 | 372 | 12,830 |
| 1922 | 2,623 | 8,084 | 686 | 319 | 348 | 396 | 12,456 |
| 1923 | 1,976 | 8,289 | 851 | 289 | 304 | 253 | 11,962 |
| 1924 | 2,067 | 7,904 | 827 | 310 | 384 | 232 | 11,724 |
| 1925 | 2,337 | 9,030 | 1,009 | 277 | 337 | 256 | 13,246 |
| 1926 | 3,038 | 10,770 | 1,365 | 293 | 552 | 217 | 16,243 |

## ד.

## רעגירונגס־שולעם.

| רעליגיע | שילער |
|---|---|
| מוסולמאַנער — — | 16994 |
| אידען — — — — | 19 |
| קריסטען — — — | 2151 |
| סך־הכל — — | 19164 |

# די אַרבייטער־באַוועגונג אין א״י

## הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל

(אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל)

די הסתדרות איז געגרינדעט געווארען ענדע יאהר 1921 (חנוכה תרפ״א) אין חיפה, דורך דער איניציאַטיווע פון „אחדות העבודה“.

די הסתדרות איז א רעגיסטרירטע ארבייטער געזעלשאפט, אנערקענט פון דער ארץ־ישראל׳דיגער רעגירונג, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון אַלע אַר־בייטס־געבער אין לאנד.

סערטיפיקאַטען, וועלכע די הסתדרות גיט ארויס באַרעכטיגען אויסלענדישע אַר־בייטער אַריינצוקומען אין לאנד. זיי דארפען ניט ווייזען די נויטיגע סומע פון 500 פונט ביים אריינגעהן אין לאנד. די הסתדרות באקומט אבער פון דער רעגירונג נאָר א באַגרעניצטע צאָהל ערלויבענישען פאַר אַזעלכע סערטי־פיקאַטען. די הסתדרות ווערט געהאלטען פאַראנטוואָרטליך פאַר אלע וועלכע קו־מען אריין אין לאנד אויף איהרע סערטיפיקאַטען, אין משך פון א יאהר צייט.

די צאָהל מיטגלידער פון דער „הסתדרות“ זיינען געוועזן:

| | | |
|---|---|---|
| ביי דער גרינדונג, ענדע 1921 | 5,000 | מיטגלידער |
| אין יאנואר, 1923 | 7,586 | ״ |
| אין יולי, 1923 | 8,500 | ״ |
| אין יאנואר, 1924 | 10,085 | ״ |
| אין יולי, 1924 | 11,500 | ״ |
| אין יאנואר, 1925 | 14,755 | ״ |
| אין יולי, 1925 | 16,500 | ״ |
| אין יאנואר, 1926 | 18,663 | ״ |
| אין יולי, 1926 | 21,615 | ״ |

אין דער צאָהל 21,615 חברים פון דער הסתדרות זיינען אין די שטעדט ניט אריינגערעכענט געווארען די פרויען און קינדער פון די ארבייטענדע, וועלכע לע־בען אויף זייער עלטערנ׳ס ארבייט. די צאָהל מיטגלידער פון דער הסתדרות מיט פרויען און קינדער, וועלכע שטעהען אויפ׳ן פרינציפ פון „זעלבסט־ארבייט“, שטייגט איבער 40,000 נפשות. דאָס הייסט, איבער 30 פראצענט פון דער גאַנ־צער אידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז אָרגאַניזירט אין דער „הסתדרות“.

## די הסתדרות לויט די פּראָפעסיעס.

| | |
|---|---|
| לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער, | 6,400 |
| בוי און שטראסען ארבייטער | 5,060 |
| בוי־מאטעריאל־ארבייטער | 580 |
| שטיינער־ארבייטער | 301 |
| האָלץ־ארבייטער | 1,336 |
| מעטאל־ארבייטער | 750 |
| עלעקטראָטעכניקער | 307 |
| טראנספּאָרט־ארבייטער | 872 |
| מולארעס | 315 |
| טעכניקער | 180 |
| פאבריק־ארבייטער | 997 |
| דרוק און קארטאָנאזש ארבייטער, | 365 |
| שניידער־ארבייטער | 498 |
| וועבער | 200 |
| לעדער־ארבייטער | 185 |
| בעקער־ארבייטער | 246 |
| האנדעל און אפיס אָנגעשטעלטע | 1,142 |
| באַהן־ארבייטער (צווישען זיי 420 אראַבישע מיטגלידער). | 884 |
| פּאָסט און טעלעגראַף־ארבייטער (22 אראַבישע מיטגלידער) | 78 |
| עררּאנד ארבייטער | 46 |
| באַרבערס | 51 |
| איינבינדער | 16 |
| קצבים און רעסטאָראן־ארבייטער | 306 |
| לעהרער | 133 |
| שפּיטאל־ארבייטער | 279 |
| פארמאצעפּטען | 80 |
| קונסט־געווערבע ארבייטער | 120 |

## צאָהל פון די ארגאַניזירטע אידישע אַרבייטער לויט די פּלעצער.

| | |
|---|---|
| תל־אביב | 8,500 |
| ירושלים | 2,300 |
| חיפה | 3,624 |
| טבריה | 120 |
| פּתח־תקוה | 1,700 |
| עפולה | 450 |
| אין די לאנדווירטשאפטען | 2,500 |
| אין די קאָלאָניעס | 2,300 |
| באַשעפטיגט אויף די וועגען | 600 |
| ס"ה | 22,090 |

# די אַנשטאַלטען פון דער הסתדרות.

המשביר. — קאָאָפּעראטיווע קאָנסום און איינקויף אָרגאניזאציע, וועלכע פארמאָגט אייגענע קראָמען, בעקערייען, וועשערייען, קיכען, פאבריקען און מילך־פארמס.

קופּת־חולים (קראנקען קאסע) — וועלכע באַשטעהט פון אייגענע אמבולאַ־טאָרישע שפּיטאלען, א שטאב פון אייגענע דאָקטוירים און נוירסעס און פארמאָגט צוויי אייגענע סאנאטאריומס.

ועדת התרבות. — ערציהונגס און קולטור אנשטאַלט, מיט אייגענע שולעס איבער'ן גאנצען לאנד, קינדער־גערטנער און קינדער־קאָמונעס, אמבולאטאָרישע ביבליאָטעקען אין 5—6 שפּראכען, ליטעראטור און פּרעסע אויסגאבען, פּאַך און בילדונג־קורסען.

אַרבייטער־באַנק. — אייגענטום פון דער „הסתדרות" און פארוואלטעט פון איהר. זי פינאנסירט און ענטוויקעלט די פּראדוקטיווע אונטערנעהמונגען פון דער „הסתדרות".

מרכז חקלאי. — דער אגראַרער פּאַרוואַלטונגס־צענטער איבער דעם האָב און גוטס פון די אַרבייטער קבוצות און קבוצים און דעם גאַנצן לאַנדווירטשאַפטליכען פאַרמעגען וואָס די „הסתדרות“ פאַרמאָגט אין דאָרף סיי אין אינווענטאַר, סיי אין בהמות, בינען, עופות, א. ד. ג.

סולל־בונה. — אַן אונטערנעמונגס־צענטער פון דער „הסתדרות“ אויף צו בויען הייזער, בריקען, שאָסייען, דורכלייגען וועגען און דאָס גלייכען.

פאַבריקען (56 אין צאָהל) — וועלכע פּראָדוצירען פאַרשידענע פּראָדוקטען אין אייזען, האָלץ, לעדער; דרוקערייען; נאָדלען און פּאַפּיר־אינדוסטריע.

„דבר“ — טעגליכע אַרבייטער צייטונג, די איינציגע און ערשטע אַרבייטער־צייטונג אין גאַנצען נאָהענטען מזרח.

קפּא"י (קופּת פועלים ארץ־ישראלית) — דאָס איז „דער פּאַלעסטינא אַרביי־טער פאָנד“ וועלכער ווערט געזאַמעלט צווישען די אַרבייטער אין אַלע לענדער, צו סובסידירען פאַרשידענע אַרבייטער־אונטערנעמונגען אין ארץ ישראל אונטער דער אומפּאַרטייאישער פאַרוואַלטונג פון דער „הסתדרות“.

קופּות־מלוה און קופּת־אחריות. — די דאָזיגע צוויי אַנשטאַלטען האַלטען זיך ערשט ביים פאָרמירען. דאָס זיינען די „אַרבייטער לייה און שפּאָר־קאַסען“ און אַ ספּעציעלע אייגענע „אַרבייטער פאַרזיכערונג־אינסטיטוציע“. אין דער ערש־טער וועלען אַרבייטער קענען אויסלייהען קלענערע און גרעסערע סומען געלט פאַר פּריוואַטע פּערזענליכע צוועקען אויף לאַנגע טערמינען; אין דער צווייטער אינ־סטיטוציע וועלען די אַרבייטער קענען זיך פאַרזיכערען אין זייער אייגענער „הסתדרות“ קעגען טויט און אומגליק־פאַלען.

אינפאָרמאַציע־ביוראָס, אַרבייט־פאַרטיילונג־אָפיסעס, ספּאָרט און מוזיק קערפּערשאַפטען.

## קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און וואַרשטאַטען, וועלכע באַלאַנגען צו דער „הסתדרות“.

אין אַלע קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע אַנשטאַלטען פון דער „הסתדרות“ עק־זיסטירט די „דרגת המשכורת“־סיסטעם, דאָס הייסט, אַז אַלע וואָס זיינען באַשעפ־טיגט אין קאָאָפּעראַטיוו, באַקומען דעמזעלבינגן לוין. דעם לוין אין יעדען קאָאָפּע־ראַטיוו באַשטימט די „הסתדרות“ און ער איז כמעט דערזעלבער אין אַלע קאָאָפּע־ראַטיווען איבער'ן גאַנצען לאַנד. די פּראָפיטען גיהען אויף צו פאַרגרעסערען און אויף אויסצובעסערען די אונטערנעמונג, ווי אויך אויף אַ רעזערוו־קאַפּיטאַל. דער רעזערוו־קאַפּיטאַל ליגט אין אַרבייטער־באַנק אויף דעם נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו. דער קאָאָפּעראַטיוו באַשטימט, מיט דער הסכמה פון דער „הסתדרות“, וואָס צו טאָן מיט איבערפליסיגע קאַפּיטאַלען; געוועהנליך גיהט עס אויף צו גרינדען נייע קאָאָפּעראַטיווען אין נייע שטעדט, וועלכע ווערען גלייכבאַרעכטיגטע שותפים מיט'ן ערשטען קאָאָפּעראַטיוו און ביידע אַרבייטען צוזאַמען לויט אַ סיסטעם פון ערגענצען איינע די אַנדערע.

| | תל־אביב | חיפה | ירושלים | פאַרשידענע שטעדט | יאָהר |
|---|---|---|---|---|---|
| צאָהל פון קאָאָפּעראַטיוון — — — | 36 | 10 | 7 | 3 | 1926 |
| באַשעפטיגטע ארבייטער — — — | 526 | 120 | 82 | 20 | ״ |
| צאָהל פון קאָאָפּעראַטיוון — — — | 17 | 2 | 6 | — | 1923 |
| באַשעפטיגטע ארבייטער — — — | 207 | 95 | 51 | — | ״ |

לויט די פאכען פארטיילען זיך די קאָאָפּעראַטיוון אויף פאָלגענדען אופן:

| | צאָהל קאָאָפּעראַטיוון | | צאָהל קאָאָפּעראַטיוון |
|---|---|---|---|
| שלאָסעריי־ארבייטן, אינסטאַלאַציע | 17 | שוסטערייען — — — — — — | 3 |
| עלעקטראָטעכניק — — — — — | 3 | בוי־מאַטעריאַלען — — — — — | 6 |
| טישלערייען — — — — — — | 3 | בעקערייען, טראַנספּאָרט, וועשערייען, טאַפּיצירער, באַרבער, גאַרבער, רימער, בוכבינדער: יעדער איינער פון — — 1 ביז | 3 |
| דרוקערייען — — — — — — — | 3 | | |
| שניידערייען — — — — — — — | 5 | | |

# די קבוצה און דער מושב־עובדים.

נאָך פילע עקספּערימענטען אין לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציאָנס־פאָרמען אין ארץ ישראל האָט די קאָלאָניזאַציע איצט אָנגענומען דריי פאָרמען: ערשטענס, די זעלבסט־קאָלאָניזירונג פון פּריוואטע אייגענטימער אויף באָדען, וואס זיי קויפען אליין פאר זיך און ווערען מיט זייערע אייגענע מיטלען אדער מיט דער הילף פון אנלייהען אין פּריוואַט־באַנקען בירגערליכע אקערבויער. אזעלכע עלעמענטען זיינען אָבער זעהר ווייניג. געוועהנליך קויפען אוים דעם באָדען גרויסע קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפטען, ווי דער קרן קימת (נאַציאָנאַל פאָנד), „הכשרה־הישוב״, „יק״א״, „גאולה״ און א. וו. זיי גיבען אָפּ אין אייביגער ארענדע דעם באָדען פאַר אויסגעבילדעטע אין ארץ־ישראל ארבייטער און דער קרן היסוד גיט די מיטלען פאַר דעם אקערבוי־געצייג, פאַר דער ווירטשאַפט, בהמות און געביידעס.

צווייטענס, די „קבוצה״; דריטענס, דער „מושב־עובדים״.

די קבוצה באַזעצט זיך אויף דעם באָדען קאָאָפּעראַטיוו. דאָס הייסט, אז זיי באַארבייטען זייער באָדען ניט יעדערער א באַזונדער חלק, נאָר ווי מיטגלידער פון איין משפחה, טיילען זיי זיך איין אַלע ארבייטען פון דער ווירטשאַפט לויט די פעהיגקייטען און דער צוגעפּאַסטקייט פון יעדען איינעם. די גאַנצע ווירטשאַפט איז, אַלזאָ, א בשותפות׳דיגע, די עופות און בהמות און געצייג און מאַשינעריע. מיט די פּראָדוקטען אדער פּראָפיטען טיילט מען זיך איין, אדער מען באַשטימט עס אויף אוים־

בעסערונג פון דער בשותפות׳דיגער קאָלאָניע, אויף נייע מאַשינען און אויף קולטור־רעלע באַדערפענישען.

דער מושב־עובדים באַזעצט זיך אויף דעם באָדען, וועלכען ער באַקומט אויך אין אַרענדע, אלס געוועהנליכע פּריוואַטע קאָלאָניסטען, יעדער פאַר זיך, אבער געבויט אויף דעם פּרינציפּ אַז קיינער פון זיי טאָר ניט לעבען אויף געדונגענער אַרבייט, אויף עקספּלואַטאַציע.

די לעצטע צוויי סאָרטען לאַנדווירטשאַפטען, די „קבוצה" און דער „מושב־עובדים", זיינען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער „הסתדרות".

דער „מרכז חקלאי", דער אַגריקולטורעלער קאָמיטעט פיהרט אָן מיט די לאַנדווירטשאַפטליכע ענינים פון דער „הסתדרות", איז דער פאַרוואַלטער, דער איניציאַטאָר און דער וועג־ווייזער אין אַלע און איבער אַלע קבוצות און מושבי־עובדים. אַלע קאָלאָניסטען פון די קבוצות און פון די מושבי־עובדים מוזען זיין מיטגלידער פון דער „הסתדרות" און אונטערוואַרפען זיך אַלע באַשליסען פון דער „הסתדרות".

כמעט אין אַלע ישובים פון קבוצות אַזוי גוט ווי אין די מושבי־עובדים, זיינען פאַראַן אַ סך גרויסע געביידעס וואו מעהרערע פאַמיליעס האָבען זייערע וואוינונגען.

ניט נאָר אין די קבוצות, וואו די גאַנצע ווירטשאַפט איז שטענדיג קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אויך אין די מושבי־עובדים זיינען פאַראַן אַרבייטען, וועלכע ווערען געמאַכט קאָלעקטיוו. פאַראַן שטחים פון באָדען פאַר פּיהצוכט און אַנדערע געמיינשאַפטליכע ענינים, ווי דאָרף־גערטנער און שולע־פּלעצער, עקספּערימענטאַלע גערטנער פאַר לאַנדווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג, וועלכע באַלאַנגען צום גאַנצען קאָלעקטיוו פונ׳ם מושב־עובדים און ווערען בשותפות׳דיג באַאַרבייט. אויך די גרעסערע אַגריקולטורעלע מאַשינען פונ׳ם מושב באַלאַנגען ניט צו פּריוואַטע אייגענטימער, נאָר צום גאַנצען קאָלעקטיוו און אָפט אַפילו צו צוויי קאָלעקטיוועו, צו צוויי מושב־עובדים קאָלאָניעס.

וועגען דער ערציהערישער זייט פונ׳ם מושב־עובדים און פון דער קבוצה, וועגען די שולעס און דער גאַנצער קולטורעלער טעטיגקייט פון אָרט זאָרגט זיך די „ועדת־התרבות" פון דער „הסתדרות". זי אַרבייט אויס, צוזאַמען מיט די אַרבייטער־קאָלאָניסטען פונ׳ם אָרט, די פּראָגראַמען און דעם פּלאַן. די ועדת־התרבות שטעלט אויך צו די לעהרער און לעקטשורערס, די ביבליאָטעקען און די קאָנצערטען אדער די טעאַטער וואַנדער־טרופּען. די ועדת־התרבות באַטייליגט זיך אָפט אין אַ גרויסען טייל פון די אויסגאַבען אדער ביודזשעט פון די אַרבייטער־ישובים.

די „קופּת־חולים" באַזאָרגט די סאַניטאַרע און מעדיצינישע באַדערפענישען פון די קבוצות און מושבי־עובדים, אָפט אויף איהרע אייגענע מיטלען.

# די אַגריקולטורעלע אַרבייטער־ווירטשאַפטען אין ארץ ישראל אין 1925.

## א. קבוצות.

| דאָרף | גרינדונגס־יאָהר | אַרבייטענדע: מענער | אַרבייטענדע: פרויען | אַרבייטענדע: קינדער | אַרבייטענדע: סך־הכל | שטח פונ'ם באַקומענעם ערד (דונאַם) | שטח פונ'ם באַאַרבייטעטען ערד | בעל־הבית פון דער ערד | מאַשינען | בהמות | עופות | קליינע בהמות |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כפר גלעדי — — | 1918 | 37 | 21 | 29 | 87 | 2,500 | 1860 | פיק"א | 12 | 75 | 600 | 15 |
| תל־חי — — — | 1919 | 23 | 18 | 9 | 50 | 800 | 750 | " | 10 | 58 | 800 | — |
| אילת השחר — — | 1919 | 30 | 22 | 2 | 54 | 3,800 | 2000 | " | 11 | 56 | 100 | — |
| כנרת — — — — — | 1913 | 30 | 19 | 12 | 61 | 1,800 | 1200 | קרן קימת | 15 | 62 | 300 | 15 |
| דגניה א. — — — — | 1910 | 34 | 25 | 17 | 76 | 1,500 | 1332 | " | 12 | 65 | 1369 | 15 |
| דגניה ב. — — — — | 1920 | 38 | 22 | 17 | 77 | 1,500 | 1440 | " | 11 | 49 | 400 | 12 |
| גשר — — — — — | 1922 | 25 | 11 | 5 | 41 | 2,000 | 1300 | פיק"א | 6 | 57 | 650 | — |
| שרונה — — — — | 1924 | 14 | 8 | 2 | 24 | 2,000 | 700 | אחוזה | 5 | 12 | 60 | — |
| בית־אלפא — — | 1923 | 70 | 25 | 11 | 106 | 3,500 | 2850 | קרן קימת | 21 | 269 | 300 | 70 |
| חפצי־בה — — — — | 1923 | 36 | 27 | 21 | 84 | 1,750 | 1600 | " | 25 | 67 | 581 | 8 |
| תל־יוסף — — — — | 1022 | 139 | 102 | 54 | 295 | 6,500 | 1600 | " | 65 | 295 | 795 | 48 |
| עין־חרוד — — — — | 1922 | 157 | 122 | 99 | 378 | 6,500 | 6200 | " | 60 | 228 | 1680 | 98 |
| גבעה — — — — | 1922 | 27 | 27 | 22 | 76 | 1,250 | 1000 | " | 9 | 14 | 150 | — |
| מרחביה — — — — | 1911 | 22 | 18 | 3 | 43 | 2,500 | 2500 | " | 10 | 76 | 470 | 85 |

| נאָמען פונ׳ם דאָרף | גרינדונגס־יאָהר | אַרבייטענדע: מענער | פרויען | קינדער | סך־הכל | שטח פונ׳ם גאַנצען באָדע (דונאם) | שטח פונ׳ם בעאַרבייטען באָדען | בעל־הבית פון באָדען | וויפיל געבויידעם | וויפיל בהמות | וויפיל עופות | וויפיל קלעצער בינען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| קבוצת־מרקנהוף — | 1924 | 12 | 11 | 1 | 24 | 2,500 | 1000 | " | 9 | 24 | 200 | — |
| קבוצת־צריפין — — | 1924 | 27 | 22 | 6 | 55 | 2,500 | 1250 | " | 13 | 29 | 350 | — |
| גניגאר — — — | 1923 | 22 | 16 | 6 | 44 | 3,000 | 1865 | " | 10 | 47 | 250 | 50 |
| גניגאר־אחות — — | 1924 | 15 | 9 | 7 | 31 | 3,000 | 950 | " | 9 | 24 | 180 | 10 |
| יעזור — — — — — | 1923 | 38 | 22 | — | 60 | 3,000 | 1040 | " | 15 | 52 | 300 | 10 |
| טירה — — — — — | 1919 | 9 | 9 | — | 18 | 510 | 510 | " | 9 | 57 | 26 | 37 |
| גן־שמואל — — | 1913 | 26 | 15 | 6 | 47 | 527 | 455 | " | 8 | 15 | — | 85 |
| חולדה — — — — — | 1911 | 22 | 8 | 2 | 32 | 2,000 | 2000 | " | 13 | 44 | 200 | 50 |
| קרית־ענבים — — | 1920 | 37 | 9 | 18 | 84 | 700 | 400 | " | 8 | 58 | 250 | 38 |
| קבוצת פועלית נ. י (מיידעלשע קבוצה) | 1922 | 2 | 22 | — | 24 | 60 | 50 | " | 8 | 13 | 200 | 10 |
| " פ. ת. — — | 1922 | — | 22 | — | 22 | 43 | 43 | " | 9 | 10 | 628 | 7 |
| " ש. ב. — — | 1923 | — | 25 | — | 25 | 77 | 77 | " | 11 | 21 | 515 | 10 |
| " ירושלים — | 1920 | 1 | 11 | — | 12 | 3 | 3 | „ניר" | 1 | — | — | — |
| כרכור — — — — — | 1913 | 13 | 2 | — | 15 | 1 500 | 1020 | קרן קימת | 9 | 30 | 240 | — |
| סך הכל — — | | | | | 1940 | 57,820 | 41995 | | 402 | 1,798 | 11 552 | 671 |

## ב. מושבי־עובדים.

| אָרט | אַרבייטענדע: מענער | פרויען | קינדער | אַראָפּגע־בראַכטע קרובים | סך־הכל | שטח באָדען | שטח פונ'ם בעאַרבייטען באָדען | בעל־הבית פונ'ם באָדען | אַרײַנגע־לעגטער קאַפּ. | פלאַנצונגען | צאָהל פון בהמות | צאָהל עופות | צאָהל בינען־קלעצער | צאָהל געבוידעס | גרינדונגס יאָהר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מחנים — | 22 | 14 | 11 | 8 | 55 | 2700 | 2000 | פיק"א | ניט באוואוסט | 100 | 75 | 300 | 64 | 10 | 1910 |
| כפר יחזקאל | 73 | 65 | 97 | 59 | 194 | 6000 | 3100 | קרן קימת | 52,775 | 600 | 320 | 6000 | 41 | 197 | 1922 |
| נהלל — — | 102 | 101 | 166 | 77 | 446 | 8000 | 7700 | " | 55,405 | 385 | 462 | 8497 | 171 | 291 | 1922 |
| תל עדשים | 48 | 41 | 66 | 25 | 180 | 4000 | 4000 | " | 15,388 | 360 | 166 | 800 | 15 | 59 | 1924 |
| מרחביה — | 51 | 36 | 90 | 22 | 179 | 3400 | 3400 | " | 11,469 | 135 | 137 | 1085 | — | 118 | 1922 |
| בלפוריה | 45 | 34 | ניט באוואוסט | | 180 | 4000 | 4000 | קהלת ציון | 5,904 | 280 | 211 | 1216 | — | 97 | 1923 |
| בן־שמן — | 15 | 11 | 25 | 11 | 62 | 800 | 737 | קרן קימת | נ. ב. | 152 | 63 | 500 | — | 16 | 1925 |
| נחלת יהודה | 45 | 40 | — | ניט באוואוסט | 215 | 890 | 521 | " | —— | 125 | 165 | 1089 | 9 | 80 | 1913 |
| עטרות — | 18 | 14 | 14 | 12 | 58 | 492 | 200 | " | 7,916 | 130 | 44 | 250 | — | 27 | 1922 |
| כפר מלול | 41 | 31 | 39 | 25 | 186 | 2480 | 2480 | " | 27,909 | 300 | 156 | 1650 | — | 110 | 1921 |
| כרכור — | 9 | 6 | 5 | 5 | 25 | 1000 | 650 | " | 1,909 | — | 5 | — | — | 10 | 1925 |

פאַסטוכער און צייטווייליגע אַרבייטער 105.

## די לאַנדווירטשאַפטליכע לוין־אַרבייטער אין פּריוואַטע פלאַנצען־קאָלאָניעס

1) לויט'ן געשלעכט

| | |
|---|---|
| מענער — — — — — — | 1,858 |
| פרויען — — — — — — | 544 |
| צוזאַמען — — — | 2,402 |

2) לויט אַרבייטס־צווייגען

| | | פּראָצ. |
|---|---|---|
| לאַנדווירטשאַפט — | 1338 | 55,7 |
| צהרויטונג־אַרבייט | 94 | 20,6 |
| בוי־אַרבייטער — | 570 | 23,7 |

3) לויט דער אָרגאַניזירונג

| | | פּראָצ. |
|---|---|---|
| איינצעל־אַרבייטער | 1520 | 63 |
| קיבוצים — — — | 882 | 37 |

4) לויט'ן אַרבייטס־אופן

| טאָג אָדער חודש־ | | פּראָצ. |
|---|---|---|
| לוין — — — — | 1301 | 54,2 |
| אַקאָרד־לוין — — | 1101 | 45,8 |

# די ארבייטסלאָזיגקייט אין ארץ ישראל.

(פון 1טען יאנואר ביז 1טען יולי 1926).

יאנואר 1 1926 — 4729 ארבייטסלאָזע. מאי 1, 1926 — 6113 ״
פעב. 1, 1926 — 4741 ״ יוני 1, 1926 — 6400 ״
מערץ 1, 1926 — 4902 ״ יולי 1, 1926 — 6700 ״
אפריל 1, 1926, 5657 ״

פאר די זעלבע זעקס חדשים זיינען אריינגעקומען אין לאנד נייע 10,238 אימיגראַנטען, פון זיי — 5,101 סערטיפיקאט־באזיצער, דאָס הייסט, ארבייטער פאר דירעקטער באשעפטיגונג. א גאָר גרויסער טייל פון די איבעריגע איינוואנדערער זיינען אויך ארבייטער. דאָס הייסט, אז אין די זעלבע זעקס חדשים האָבען מעהר ווי 6,700 געפונען ארבייט, אריינרעכענענדיג די נייע־אָנגעקומענע, און אז די ארבייטסלאָזיגקייט ליגט ניט בלויז אין דעם צייטווייליגען קריזיס, נאָר אויך אין דעם שטענדיגען שטראָם פון נייעם צופלוס פון אימיגראַנטען ביז זיי געפינען ארבייט.

אן איבערבליק איבער די שטעדט און פאַכען, וואו עס הערשט ארבייטס־לאָזיגקייט, באווייזט, אז די ארבייטסלאָזיגקייט ריהרט כמעט ניט אָן דאָס דאָרף.

| | תל־אביב | ירושלים | עפולה | טבריה | חיפה |
|---|---|---|---|---|---|
| בוי ארבייטער | 461 | 181 | — | — | — |
| האָלץ ארבייטער | 458 | — | — | — | — |
| מעטאל ארבייטער | 91 | — | — | — | 38 |
| בעקער | 106 | — | — | — | — |
| מאלער | 74 | — | — | — | 43 |
| עלעקטראטעכניקער | 44 | — | — | — | 56 |
| שניידער | 40 | — | — | — | — |
| לעדער ארבייטער | 59 | — | — | — | — |
| אָנגעשטעלטע | 129 | 61 | — | — | 50 |
| מעכאניקער | 49 | — | — | — | — |
| וועבער | 38 | — | — | — | — |
| שטיין־ארבייטער | — | — | — | — | — |
| פורמאנעם | — | — | — | — | 17 |
| באלאטען־לייגער | — | — | — | — | 14 |
| רעסטאָראן־אָנגעשטעלטע | — | — | — | — | 9 |
| אונקוואליפיצירטע | 1029 | 164 | — | — | 258 |
| פרויען | 371 | — | — | — | 225 |
| לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער | — | — | — | — | — |
| סך הכל | 3441 | 406 | 400 | 56 | 690 |

די איבעריגע צאָהל איז אין די דערפער.

עס מוז אויך פאַרצייכענט ווערען אַז צו די אַרבייטסלאָזע ווערען צוגערעכענט אַ היבשע צאָהל אַרבייטער, וועלכע קריגען אַרבייט אין חיפה'ער האפען, אָבער אונרעגעלמעסיג. אויך זיינען ניט גענומען געוואָרען אין באַטראַכט די 1134 אַרבייטס־טעג, וועלכע די „הסתדרות" האָט פאַרשאַפט אין תל־אָביב.

## די סטרייק באַוועגונג אין ארץ ישראל אין 1925.

דאָס יאהר איז געווען אַ יאָהר פון אַ הויכער איינוואַנדערונג און פון אינטענסיווער ווירטשאַפטליכער און אינדוסטריעלער טעטיגקייט. די "הסתדרות" גיט די פאָלגענדע אָפיציעלע טאַבעלע פון די ווירטשאַפטליכע עקאָנאָמישע קאָנפליקטען אין לאַנד:

| | | | |
|---|---|---|---|
| תל־אָביב — — — — — — — | 35 סטרייקס, | 16,091 | סטרייק־טעג. |
| חיפה — — — — — — — | 17 סטרייקס, | 11,031 | סטרייק־טעג. |
| ירושלים — — — — — — — | 8 סטרייקס, | 4,980 | סטרייק־טעג. |
| טבריה — — — — — | 1 סטרייק, | 1,200 | סטרייק־טעג. |
| צוזאַמען — — — — — | 61 סטרייקס, | 33,302 | סטרייק־טעג. |

### לויט די פאַכען זיינען עס געווען.

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין דער בוי־אינדוסטריע — | 9 סטרייקס מיט | 9,485 | סטרייק־טעג. |
| אינדוסטריעלע — — — | 15 סטרייקס מיט | 11,721 | סטרייק־טעג. |
| האַנדווערקער — — — | 33 סטרייקס מיט | 10,419 | סטרייק־טעג. |
| פאַרשידענע פאַכען — — | 4 סטרייקס מיט | 1,680 | סטרייק־טעג. |

### לויט די רעזולטאַטען.

| | פולער נצחון | פשרה | דורכפאַל | |
|---|---|---|---|---|
| תל־אָביב — — — — — | 27 | 7 | 1 | |
| חיפה — — — — — | 7 | 7 | 2 | |
| ירושלים — — — — — | 5 | 1 | 2 | |
| טבריה — — — — — | — | — | 1 | |
| סך הכל — — — | 64% | 25% | 10%, | 1% ניט פאַרענדיגט. |

# די ארבייטער־אימיגראציע קיין ארץ־ישראל פון איהר אנפאנג ביז דעם יאר 1922

אויפ'ן גרונט פון דער ארבייטער־צעהלונג אין סעפטעמבער 1922.

## עם זיינען איינגעוואנדערט קיין א"י

| | ארבייטער |
|---|---|
| ביז 1894 — — — — — — — | 201 |
| פון 1895 ביז 1898 — — — | 98 |
| פון 1899 ביז 1902 — — — | 147 |
| פון 1903 ביז 1906 — — — | 441 |
| פון 1907 ביז 1910 — — — | 792 |
| פון 1911 ביז 1914 — — — | 1,316 |
| פון 1915 ביז 1918 — — — | 231 |
| פון 1919 ביז 1922 — — — | 8,808 |
| סך הכל איינגעוואנדערט — — | 12,034 |
| געבוירען אין לאנד — — — — — | 2,390 |
| אהן אן ענטפער אין פראגע־בויגען | 2,184 |
| סך הכל האבען זיך באטייליגט אין דער צעהלונג — | 16,608 |

## באמערקונג:

סך הכל זיינען איינגעוואנדערט אין ארץ־ישראל נאכ'ן קריג ביז'ן 1טען יולי 1925, לויט דער אפיציעלער סטאטיסטיק, 74,000 אידען, פון זיי ביי 23,000 אומפארהייראטע, וועלכע מען דארף מערסטענטיילס פאררעכענען אויפ'ן חשבון פון דער ארבייטער עליה. אין ערשטען האלבען יאהר פון 1925 האבען איינגעוואנדערט 2,457 חלוצים, ד. ה. 15 פראצענט פון דער אלגעמיינער עליה.

## ארבייטער מיט פאמיליעס:

| | צאל | פראצ. |
|---|---|---|
| מענער — — — | 11,904 | 55,64 |
| פרויען — — — | 4,704 | 21,99 |
| קינדער — — — | 4,786 | 22,37 |
| סך הכל — — | 21,394 | 100 |

## דער פאמיליע צושטאנד פון דער ארבייטער־עליה.

| | מענער | פרויען | אומפארהייראטע | פארהייראטע |
|---|---|---|---|---|
| אומפארהייראטע | 8,095 (48,7%) | 1,634 (9,8%) | מענער 8,095 (48,%) | מענער אהן פאמיליע 1,241 |
| אלמנים—ות<br>גרושים—ות<br>אן די פאמיליען (מענער אדער פרויען אין אויסלאנד) | 1,241 (7,5%) | 500 (3%) | פרויען 1,634 (9,8%) | פרויען אהן פאמיליע 500<br>מענער מיט פאמיליע 2,568 |
| פארהייראטע — | 2,568 (15,5%) | 2,570 (15,5%) | | פרויען מיט פאמיליע 6,570 |
| סך הכל — | 11,904 (71,7%) | 4,704 (28,3%) | 9,729 (58,5%) | 6,879 (41,5%) |

# די פאַכען פון 16,608 אידישע ארבייטער אין חוץ לארץ און אין א"י

אויפ'ן גרונט פון דער אַרבייטער־צעהלונג אין סעפּטעמבער 1922.

| | אין אבסאָלוטע ציפערן | | אין פראָצענטען | |
|---|---|---|---|---|
| | אין גלות צאָל | אין א"י צאָל | אין גלות פראָצ. | אין א"י פראָצ. |
| לאַנדווירטשאַפט — — — — — — — — | 884 | 2,603 | 5.2 | 15.7 |
| בוי־אַרבייט — — — — — — — — — | 205 | 2,196 | 1,2 | 13,2 |
| טעקסטיל און לעדער — — — — — — | 760 | 1,273 | 4,6 | 7,7 |
| מעטאַל — — — — — — — — — — | 882 | 967 | 5,3 | 5,8 |
| האָלץ — — — — — — — — — — | 342 | 707 | 2,0 | 4,3 |
| טראַנספּאָרט — — — — — — — — | 93 | 629 | 0,6 | 3,8 |
| לעבענסמיטעל — — — — — — — — | 195 | 487 | 1,2 | 2,9 |
| פּאַפּיר און דרוק — — — — — — — | 194 | 281 | 1,2 | 1,7 |
| באַאַמטע — — — — — — — — — | 492 | 1,165 | 2,9 | 7,0 |
| לערעריי — — — — — — — — — — | 362 | 377 | 2,2 | 2,3 |
| מעדיצינישע אָנגעשטעלטע — — — — | 245 | 317 | 1,5 | 1,9 |
| פאַרשידענע האַנדווערקער — — — — | 244 | 264 | 1,5 | 1,6 |
| פאַרשידענע פרייע פּראָפעסיעס — — | 165 | 236 | 0.9 | 1,4 |
| הויז־אַרבייט — — — — — — — — | | 2,229 | | 13,6 |
| ניט־קוואַליפיצירטע אַרבייטער — — — | 665 | 1,551 | | |
| אָהן אַן ענטפער *) — — — — — — | 5,993 | 1,291 | | |
| צוזאַמען ניט־קוואַליפיצירטע — — — | 6,658 | 2,842 | 40,1 | 17,1 |
| האַנדעל — — — — — — — — — — | 786 | | 4,8 | |
| שילער — — — — — — — — — — | 1,721 | | 10.4 | |
| געבוירען אין לאַנד — — — — — — — | 2,390 | | 14.4 | |
| סך הכל — — — — — — — — — | 16,608 | 16,608 | 100 | 100 |

*) עס איז אָנגענומען, אַז די, וואָס האָבען ניט געענטפערט אויף די פראַגע־בויגענס, זיינען ניט־קוואַליפיצירטע אַרבייטער, מיט דעם אונטערשיד, וואָס אין גלות האָבען זיי מעהרסטענס ניט געאַרבייט פיזיש און אין ארץ־ישראל זיינען זיי אַריבער צו פיזישער אַרבייט.

---

אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין האַנטווערק זיינען געווען באַשעפטיגט:

(אַ חוץ ניט־קוואַליפיצירטע)

פאַר זייער עליה — 22,8% ; נאָך זייער עליה — 54%.

# די ארבייטס-צייט אין די ארץ-ישראל'דיגע שטעדט

די אלגעמיינע צעהלונג פון אלע ארבייטער אין ארץ ישראל, וואָס די אלגעמיינע אידישע ארבייטער ארגאניזאציע (הסתדרות הכללית) האָט דורכגעפיהרט דעם 1טען סעפּטעמבער, 1926, איז אויך אויסגענוצט געוואָרען אויף פעסטצושטעלען די ארבייטס-צייט פון דער ארבייטערשאַפט אין לאַנד. מיר ברענגען איצט די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער אויספאָרשונג אין די שטעדט:

| | אשכנזים | | ספרדים | | תימנער | | אַנדערע עדות | | מיטגלידער פון הסתדרות | | נישט-מיטגל. פון הסתדרות | | אַרבייטער | | אַרבייטאָרינס | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % | אין צאָהל | אין % |
| ווייניקער ווי 8 שעה | 431 | 5.4 | 40 | 4.7 | 10 | 5.3 | 16 | 5.5 | 334 | 5.2 | 163 | 5.9 | 348 | 4.5 | 149 | 10.0 |
| 8 שעה — — — — | 5885 | 74.3 | 347 | 40.6 | 74 | 38.9 | 73 | 25.5 | 5107 | 78.6 | 1274 | 46.1 | 5492 | 70.8 | 889 | 59.6 |
| 9—10 שעה — — | 926 | 11.7 | 313 | 36.7 | 60 | 31.6 | 110 | 37.4 | 625 | 9.7 | 784 | 28.3 | 1139 | 14.7 | 270 | 18.1 |
| 11—12 שעה — — | 427 | 5.4 | 129 | 15.1 | 27 | 14.2 | 67 | 22.7 | 259 | 3.9 | 391 | 14.2 | 526 | 6.8 | 124 | 8.3 |
| מעהר ווי 12 שעה | 252 | 3.2 | 25 | 2.9 | 19 | 10.0 | 26 | 8.9 | 169 | 2.6 | 153 | 5.5 | 262 | 3.2 | 60 | 4.0 |
| | | | | | | | 294 | 100 | | | | | | | | |
| | 7921 | 100 | 854 | 100 | 190 | 100 | | | 6494 | 100 | 2765 | 100 | 7767 | 100 | 1492 | 100 |

| ארבייטן פון מעהר ווי 8 שעה | | אין די שטעדט | אין די פּריוו. קאָל. |
|---|---|---|---|
| | אשכנזים — — — — — | 20.3% | 17.0% |
| | ספרדים — — — — — | 54.7% | 21.4% |
| | תימנער — — — — — — | 55.8% | 38.9% |
| | מזרח עדות — — — — | 69% | 34.1% |

| ארבייטן פון מעהר ווי 8 שעה | | אין די שטעדט | אין די פּריוו. קאָל. |
|---|---|---|---|
| | חברים פון דער הסתדרות | 16.2% | 16.2% |
| | נישט אָרגאניזירטע ארב. | 48.% | 26.4% |
| | ארבייטער (מענער) — | 24.7% | 17.9% |
| | ארבייטער (פרויען) | 30.4% | 18.8% |

אין דער אונטערשטער טאַבעלע ברענגען מיר אויך אין אלגעמיינע ציפערען די רעזולטאַטען פון דער אויספאָרשונג אין די פּריוואטע קאָלאָניעס. מעהר ווי 8 שעה האָבען געארבייט, ארגאניזירטע ארבייטער: אין תל-אביב, 14.9%; אין חיפה, 10.35%; אין ירושלים, 28.1%; נישט אָרגאניזירטע ארבייטער: אין תל-אביב, 33.0%; אין חיפה, 41.1%; אין ירושלים, 66.9%.

# די פּאָליטישע גרופּירונגען אין דער ארץ־ישראל'דיגער ארבייטערשאפט

די ווייטערע טאַבעלע גיט אונז א בילד פון דער פּאָליטישער דיפערענציאַציע פון דער ארץ־ישראל'דיגער ארבייטערשאפט, לויט דער צעהלונג וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען דעם 1טען סעפּטעמבער, 1926.

| אָרגאַניזירט געוואָרען אין חוץ־לארץ אין: | זיינען אין לאַנד אַריין אין: | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אחדות־העבודה | הפועל־הצעיר | קאָמ. פוע"צ | רעוויז. און פאָלקס־סאָצ. | הפועל המזרחי | קאָמוניסטען | אומ־פּאַרטייאיש | סך־הכל |
| התאחדות — — — | 327 | 1091 | 18 | 18 | 13 | 2 | 1301 | 2764 |
| צ. ס. — — — — — | 1029 | 28 | 17 | 6 | 6 | 2 | 825 | 1913 |
| פּועלי ציון — — — — | 554 | 18 | 18 | 2 | 2 | 2 | 391 | 987 |
| קאָמ. פּועלי ציון — | 13 | 1 | 143 | 1 | 2 | 5 | 138 | 303 |
| השומר הצעיר — — — | 35 | 16 | 20 | 3 | 4 | 2 | 578 | 658 |
| מזרחי — — — — — | 2 | 3 | — | — | 57 | — | 97 | 159 |
| הפועל המזרחי — — — | 6 | — | 1 | — | 109 | — | 36 | 152 |
| אַלגעמיינע ציוניסטען | 46 | 47 | 1 | 5 | 4 | — | 463 | 560 |
| רעוויז. און פאָלק סאָצ. | 9 | 5 | — | 4 | 1 | — | 10 | 29 |
| אַנדערע סאָצ. פּאַרט. | 23 | 11 | 4 | 1 | — | 1 | 96 | 136 |
| פּראָפ. פאַראיינען — | 7 | 1 | 2 | — | 2 | 1 | 269 | 282 |
| חלוצים, וועלכע זיינען ניט געווען פּאָליטיש אָרגאַניזירט — — | 260 | 86 | 18 | 4 | 14 | 3 | 2933 | 3318 |
| קאָמוניסטען — — | — | — | 1 | — | — | — | 9 | 10 |
| בונד — — — — — | 6 | 1 | — | — | — | 1 | 20 | 28 |
| דרור — — — — — | 22 | 2 | 3 | — | — | — | 19 | 46 |
| 9 פאַרשידענע יוגענט אָרגאַניז. (ברית הנער, בלוי־ווייס און אַנד. | 23 | 8 | — | — | 1 | — | 76 | 99 |
| אומפּאַרטייאישע — | 504 | 193 | 39 | 15 | 50 | 17 | — | 818 |
| ניט אָנגעגעבען — | 251 | 158 | 16 | 5 | 27 | 26 | 204 | 687 |
| סך הכל — — | 3111 | 1669 | 295 | 64 | 292 | 62 | 7456 | 12949 |

סך הכל זיינען בכן ארגאַניזירט, לויט דער אויביגער צעהלונג, 5587 ארבייטער אין די ארץ־ישראל'דיגע פּאָליטישע פּאַרטייען, דאָס מיינט 24.5 פּראָצענט פון די הסתדרות מיטגלידער. אין חוץ לארץ זיינען געוועזען ארגאַניזירט 7090 ארבייטער אין די פאַרשידענע פּאָליטישע ארגאַניזאַציעס. פון דער דאָזיגער צאָהל זיינען אָבער נאָר 3682 אריין אין ארץ ישראל אין זייערע פּאַרטייען. דערפאַר זיינען 1905 ארבייטער, וועלכע זיינען אין חוץ לארץ ניט געוועזען פּאָליטיש ארגאַניזירט, אריין אין די פּאָליטישע פּאַרטייען. 18,872 פון די ארבייטער, וועלכע האָבען אויסגעפילט די פראַגע בויגענס בעת דער צעהלונג, האָבען ניט געהערט אין חו"ל צו קיין שום פּאָליטישער פּאַרטיי און זיינען אויך אין לאַנד פאַרבליבען אומפּאַרטייאיש.

בדרך כלל זיינען אָבער די אויביגע צאָהלען פון די פּאָליטישע פּאַרטייען ניט קיין אַבסאָלוט ריכטיגע, ווייל בערך 15 פּראָצענט פון דער ארבייטערשאפט האָבען בכלל ניט אויסגעפילט די פראַגע־בויגענס בעת דער צעהלונג.

# די בילדונגס־שטופע פון ארץ־ישראל׳דיגער ארבייטערשאפט

(לויט דער צעהלונג פון דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל, דעם 1טען סעפּטעמבער, 1926)

| | אַשכנזים | | ספרדים | | תימנ׳ער | | אַנדערע מזרח־עדות | | די עדה ניט באַוואוסט | | סך־הכל | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אין צאָל | אין % | אין צאָל | אין % | אין צאָל | אין % | אין צאָל | אין % | אין צאָל | אין % | אין צאָל | אין % |
| הויך־שול בילדונג — — | 1012 | 4.6 | 14 | 1.3 | 3 | 0.8 | 8 | 2.4 | 21 | 6.7 | 1058 | 4.4 |
| גימנאַזיע־בילדונג — — | 9426 | 42.9 | 116 | 10.5 | 16 | 4.8 | 29 | 8.6 | 128 | 40.7 | 9715 | 40.4 |
| פאָלק־שול־בילדונג — — | 6341 | 28.9 | 565 | 50.9 | 77 | 22.7 | 132 | 39.3 | 102 | 32.5 | 7217 | 30.0 |
| הויז־בילדונג — — — | 4665 | 21.2 | 273 | 24.6 | 154 | 45.4 | 112 | 33.3 | 53 | 16.9 | 5257 | 21.85 |
| באַזונדערע פאַך־בילדונג*) | 255 | 1.1 | 6 | 0.6 | 2 | 0.6 | — | — | 1 | 0.3 | 264 | 1.1 |
| אָהן בילדונג — — — | 260 | 1.2 | 134 | 12.1 | 87 | 25.7 | 55 | 16.4 | 9 | 2.9 | 545 | 2.25 |
| סך־הכל — — — — — | 21959 | 100 | 1108 | 100 | 339 | 100 | 336 | 100 | 314 | 100 | 24056 | 100 |
| ניט אָנגעגעבען — — — | 6308 | — | 543 | — | 290 | — | 225 | — | 399 | — | 7765 | — |
| צוזאַמען — — — | 28267 | 100 | 1651 | 100 | 629 | 100 | 561 | 100 | 713 | 100 | 31821 | 100 |

*) אין דער דאָזיגער רובריק קומען אַריין אינזשינערען־ספּעציאַליסטען, טעכניקער, אַגראָנאָמען און בכלל אַלע די יעניגע, וועלכע האָבען זיך ספּעציאַליזירט אויף אַ געוויסען געביט.

# דער וואוקס פון דער קאָנסום־ און פּראָדוקטיווע־קאָאָפּעראַטיוו־געזעלשאַפט „המשביר" פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל

(עגיפּטישע פונטען)

| יאָרען | תרע"ו | תרע"ח | תרע"ט | תר"פ | תרפ"א | תרפ"ב | תרפ"ג | תרפ"ד | תרפ"ה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| קאפּיטאל פון דער געזעלשאַפט (אקציעס און רעזערוו פאָנד) — — — — — | | | 321,356 | 1,284,791 | 2,545,113 | 6,032,960 | 7,409,155 | 10,392,385 | 11,690,341 |
| דער אלגעמיינער פדיון — — | 640 | 3,652 | 55,164 | 28,794 | 92,024 | 108,864 | 108,965 | 131,434 | 179,243 |
| די צאָל פון די אָפּטיילונגען — | 2 | 3 | 8 | 7 | 8 | 8 | 10 | 13 | 14 |
| ווירטשאַפטליכע אונטערנעמונגען (קיכען, בעקערייען, מאלקערייען) — — — — — | | | | | 2 | 4 | 7 | 11 | 9 |
| די צאָל פון חברים — — — — | | | 321 | 698 | 819 | 1,393 | 1,504 | 2,173 | 3,898 |
| די צאָל פון די אָנגעשטעלטע | 3 | 4 | 12 | 18 | 34 | 41 | 80 | 90 | 95 |
| דער אומזאץ פון מאלקערייען | | | | | 5,450 | 10,500 | 13,094 | 19,100 | 35,308 |
| די צאָל ווירטשאַפטען, וועלכע ליפערען דעם „המשביר" זייער מילך — — — — — — | | | | | 11 | 15 | 20 | 29 | 38 |

# די הכנסות פון פאַלעסטינאַ אַרבייטער־פאָנד

## פון אָנהויב פון זיין טעטיגקייט — אָקטאָבער 1912 ביז דער גרינדונג פון קאָמיטעט פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ־ישראל אין אפריל 1924 (11½ יאָר).

(עגיפטישע פונטען)

| | |
|---|---|
| אריינגעקומען פון פארשידענע לענדער פאר דער צייט פון אָקטאָבער 1912 ביז אפריל 1918 — 149,059.07 פראַנק — — — — — — — — — — | 5.749.944 |
| אריינגעקומען פון פארשידענע לענדער פאר דער צייט פון אפריל 1918 ביז יאַנואר 1920 (די 5טע וועלט קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין ווין) | 7.515.231 |
| אריינגעקומען פון פארשידענע לענדער פאר דער צייט פון יאַנואר 1920 ביז אפריל 1924 (די גרינדונג פון קאָמיטעט פאר ארבייטענדען א"י) | 32.432.040 |
| אריינגעקומען דורך הלואות פון בענק און פריוואטע פערזאָנען — — — | 12,274.501 |
| צוזאַמען — | 57.971.716 |

## פון אפריל 1924 ביז יאַנואַר 1926.

### 1. דורכ'ן וועלט פאַרבאַנד פועלי ציון.

פון פועלי ציון אין:

| | עגיפטישע פונט |
|---|---|
| אַמעריקא — — — — — | 5,923.795 |
| ענגלאַנד — — — — — | 266.875 |
| ארגענטינא — — — | 290.870 |
| פאַריז — — — — — — | 39.835 |
| מזרח גאַליציע — — | 38.725 |
| בוקאָווינא — — — — | 34.205 |
| בערלין — — — — — — | 28.400 |
| צוזאַמען — — — — | 6.622.705 |
| באַצאָלט לויט'ן אויפטראַג פון די פועלי ציון אין אַמעריקא — — — — — | 928.470 |
| באַלאַנס — — — — | 5.694.235 |

### 2. דורכ'ן קאָמיטעט פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ־ישראל.

| | עגיפּ. פונטען |
|---|---|
| פון קאָמיטעט פאַר'ן ארבייטענדען א"י אין | |
| בערלין — — — — — — | 237.640 |
| פוילען — — — — — — | 794.582 |
| ליטע — — — — — — | 160.015 |
| שווייצאַריע — — — — | 43.185 |
| ווילנע — — — — — — | 55.625 |
| טשערנאָוויץ — — — — | 4.850 |
| צוזאַמען — — — — | 1.295.897 |
| אויסגעצאָלט אויפ'ן חשבון פון קאָמיטעט פאַר'ן אַר־בייטענדען ארץ ישראל | 98.110 |
| באַלאַנס — — — — | 1.197.787 |

### 3. פון די געווערקשאַפטען אין אַמעריקא.

| | עגיפּ. פונטען |
|---|---|
| דורכ'ן ועד הפועל פון דער הסתדרות און דורך אויס־צאָלונגען אין אַמעריקא | 1.590.295 |

### 4. הלואות.

| | עגיפּטישע פונט |
|---|---|
| א הלואה פון קרן היסוד 2,000 פונט — — — — | 2.803.420 |
| אָפּגערעכענט א חוב דעם קאָלאָניאַל באַנק — — | 242.500 |
| באַלאַנס — — — — | 2.560.920 |
| הלואות אין בענק און ביי פריוואטע פערזאָנען — | 1.148.966 |
| צוזאַמען — — — — | 3.609.886 |
| סך־הכל הכנסות — | 12.092.203 |

# די אינוועסטירונגען פון פּאַלעסטינאַ אַרבייטער־פאָנד

## אין משך פון די יאָרען 1912—1924.

עגיפּטישע פונט

אין לאַנדווירטשאַפט: אין תל־חי, כפר גלעדי, אילת השחר, טירה, כרכור, אָרגאַניזאַציע פון לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטער, „אחוה“ אין פתח־תקוה, תל־עדשׁ, אַרבייטערינס־ווירטשאַפט אין שכונת באָראָכאָוו, קבוצות פאַר גרינ־ציוג־ווירטשאַפט אין ירושלים, ראשון לציון, רחובות, באר יעקב א. א. — 5.133.045

אין דער מלחמה צייט: פּאָליטישע אַרבייט, קולטורעלע אַרבייט, אַרבייט־ביוראָס אין די שטעדט, עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען, קראַנקען־קאַסעס, אַרבייטער־קיכען, הילף פאַר חברים, גערופענע אין דער טערקישער אַרמיי, הילף פאַר אַרויסגעשיקטע קיין דמשק, א. אַ. — — — — — — — — — — — — 5.771.460

אין שטאָדטישע אונטערנעמונגען: סטאָלער־קבוצות, קאָאָפּעראַטיווע שוסטעריי „תועלת“, קאָאָפּעראַטיווען פון שניידערינס אין יפו, טבריה, פתח־תקוה, קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי אין יפו, „עמל“ אין חיפה, „כרמל“ אין חיפה, קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי „אחדות“ אין יפו, קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי אין ירושלים — — — — — — — — — — — — — — — — 12.079.760

אין שכונת באָראָכאָוו: 22 הלואות אויף בויען הייזער צו 40 פונט = 800 פונט; אויף איינאָרדנען וואַסער־לייטונג — 250 פונט; צוזאַמען — — 1.130.000

אין אַרבייטער אינסטיטוציעס: קראַנקען־קאַסעס, אַרבייטס־ביוראָס אין יפו, ירושלים, חיפה, טבריה און צפת, ועדת התרבות, אַרבייטער־קיכען, באַן־אַרבייטער פאַראיין, מעטאַל־אַרבייטער פאַראיין, סטרייק־פאָנד, לוי־קאַסעס, ועד הפועל פון דער הסתדרות א. א. — — — — — — — — — — — 5.857.407

אין סאַנאַטאָריום: סאַנאַטאָריום אין מוצא — — — — — — — — — — — — 1.000.000

אין הכשרה און איינדרינגונג אין נייע אַרבייטס־צווייגען: עפענטליכע אַר־בייטען אין דער מלחמה־צייט, קבוצות פאַר בוי־אַרבייטען, שניידער־שולע, פיש־פאַנג, שיפעריי א. א. — — — — — — — — — — — — — 875.786

אין פּאָליטישע אַרבייטען: פּרעסע, פּאָליטישע אַרבייט — — — — — — — 5.306.418

אין מאַשינען אָפּטיילונג — — — — — — — — — — — — — — — — 7.579.500

אין הלואות צו קבוצים און יחידים: הויפּטזעכליך אין דער מלחמה־צייט — — 5.413.347

צוזאַמען — — 50.146.723

אַדמיניסטראַטיווע הוצאות: פּאָסט און טעלעגראַף, נסיעות, דרוק־אַרבייט, דירה־געלט, געהאַלט אָנגעשטעלטע פאַר עלף און אַ האַלב יאָר — — — — — — — 7.824.993

סך הכל — — 57.971.716

## אין דער צייט פון אַפּריל 1924 ביז יאַנואַר 1926.

עגיפּטישע פונט

אין לאַנדווירטשאַפט: אילת השחר, אַרבייטערינס קבוצות, מרכז החקלאי — 883.700

אין שטאָדטישע אונטערנעמונגען: קאָאָפּעראַטיוו „עמל“ אין חיפה, קאָאָפּע־ראַטיוו „כרמל“ אין חיפה, קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי „אחדות“ אין תל־אביב, „תועלת“ אין תל־אביב — — — — — — — — — — — — — — 2.744.672

אין ארבייטער אינסטיטוציעס: מועצת פועלי יפו, ארבייטער-היימען אין תל־אביב, אין רמת־גן, מרכז לעליה, מועצת פועלי פתח־תקוה, ועד הפועל פון דער הסתדרות, קרן טראמפעלדאר, ועדת התרבות, באן־ארבייטער פאראיין, פאראיין פון כראניש קראנקע — — — — — — — — — — — — — — — 964.635 עגיפ. פ.

| | |
|---|---|
| אין סאנאטאריום אין מוצא | 1.290.000 |
| אין דער מאשינען אפטיילונג | 692.399 |
| אין הלואות צו איינצעלנע חברים | 162.900 |
| אויסגעצאלט פארשידענע בעלי חובות | 2.948.113 |
| צוזאמען | 9.686.419 |

אדמיניסטראטיווע הוצאות: פאסט און טעלעגראף, דירה־געלט, באלייכטונג, דרוק־ארבייט, געהאלט, פראצענט — — — — — — — — — — — — 1.814.784

הוצאות ביי דער ליקווידאציע פון די פריהערדיגע ענינים — — — — — — — 591.000

סך הכל — — 12.092.203

## די אנטוויקלונג פון דער ארבייטער־באנק אין ציפערן.

### גרונד־קאפיטאל
(אין ארויסגעלאזטע אקציעס)

| אין יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 30.000 |
| 1923 | 60.000 |
| 1924—5 | 100.000 |

### געלט פון פארקויפטע אקציעס
(אין רונדע צאלען)

| סוף יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 24.000 |
| 1923 | 36.000 |
| 1924 | 58,000 |
| 1925 | 68.000 |

### דעפאזיטען און שפאר־איינלאגען

| סוף יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 10.189.043 |
| 1923 | 11.101.972 |
| 1924 | 33.633.362 |
| 1925 | 43.212.275 |

### געלט־אומזאץ

| אין יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 751.697.877 |
| 1923 | 1.006.411.679 |
| 1924 | 1.452.790.502 |
| 1925 | 2.179.568.129 |

### ברוטא־רוחים

| אין יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 3.815.282 |
| 1923 | 6.944.219 |
| 1924 | 9.019.568 |
| 1925 | 12.325.507 |

### נעטא־רוחים

| אין יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 675 |
| 1923 | 2.100 |
| 1924 | 3.100 |
| 1925 | 5.300 |

### רעזערוו־פאנד

| אין יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | ——— |
| 1923 | 541.000 |
| 1924 | 2.106.250 |
| 1925 | 4.106.250 |

### מזומן געלט אין קאסע און אין בענק

| סוף יאר | פונט |
|---|---|
| 1922 | 6.819.510 |
| 1923 | 6.804.162 |
| 1924 | 17.441.993 |
| 1925 | 25.406.288 |

# דער בוי־קאָאָפּעראַטיוו „סולל־בונה“.

א) דער אומפאַנג פון די אַרבייטען, וואָס סולל־בונה האָט דורכגעפיהרט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ:

| | פונט |
|---|---|
| אין יאָר 1920 (דורך די ארבייטער פּאַרטייען) — — — — — — — — — | 161.000 |
| פון 1921 ביז מערץ 1924 (אַלס משרד לעבודות צבוריות) — — — — — | 514.000 |
| פון מערץ 1924 ביז 1925 (אַלס סולל־בונה) — — — — — — — — — — | 198.318 |
| אין יאָר 1925 (אַלס סולל־בונה) — — — — — — — — — — — — — | 285.682 |
| סך הכל — — | 1.500.000 |

## ב) די אַרבייטסגעבער פון סולל־בונה

ביז מערץ 1924:

| | פונט | פראָצ. |
|---|---|---|
| פון פּריוואַטע אונטערנעמער און געזעלשאַפטען — — — — | 334.900 | 49.61 |
| פון דער רעגירונג — — — — — — — — — — — — — — | 228.000 | 33.77 |
| פון נאַציאָנאַלע און קאָלאָניזאַציע אינסטיטוציעס — — — — | 112.100 | 16.60 |
| סך הכל — — — | 675.000 | 100 |

אין יאָר 1925:

| | פונט | פראָצ. |
|---|---|---|
| פון פּריוואַטע אונטערנעמער און געזעלשאַפטען — — — | 209.005 | 73 |
| פון דער רעגירונג — — — — — — — — — — — — — — | 43.503 | 15 |
| פון נאַציאָנאַלע און קאָלאָניזאַציע אינסטיטוציעס — — — | 33.624 | 12 |
| סך הכל — — — | 285.682 | 100 |

## ג) די צאָל אַרבייטער פון סולל־בונה אין 1925:

אין סולל־בונה זיינען געווען דורכשניטליך באַשעפטיגט 2,022 אַרבייטער אַ חודש.

| | | | |
|---|---|---|---|
| בוי אַרבייט — — — — — — — | 1,040 | גלעזער און מאָלער — — — — — | 64 |
| שטיינהאַקעריי — — — — — — | 127 | מעטאַל אַרבייטער — — — — | 28 |
| שאָסייען — — — — — — — — | 403 | ציגעל אינדוסטריע — — — — — | 11 |
| טראַנספּאָרט — — — — — — — | 133 | אַדמיניסטראַציע — — — — — — | 100 |
| בוי־טישלעריי — — — — — — | 116 | | |

צווישען די אַרבייטער געפינט זיך אַ גרויסע צאָל חברות.

## ד) קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע פון סולל־בונה אין 1925:

1) טישלעריי „דרור“ אין תל־אביב — 80 אַרבייטער. יאָר אַרבייט 14.000 פונט.

2) טישלעריי „כרמל“ אין חיפה — — 25 אַרבייטער. יאָר אַרבייט 6.000 פונט.

3) טישלעריי „נמליט“ אין חיפה — — 15 אַרבייטער. יאָר אַרבייט 6.000 פונט.

4) קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט „אבן“, וועמען עס געהערען אַלע שטיין־האַקערייען און שלייפעריייען אין ירושלים, חיפה, מגדל־צדק, פּתח־תקוה, מתולה א. א.

# קולטורעלע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס אין ארץ ישראל

**הסתדרות המורים** — די לעהרער ארגאניזאציע וועלכע פארטרעט און פארטיידיגט די פראפעסיאנעלע אינטערעסען פון איהרע מיטגלידער, אבער הויפטזעכליך האט זי דעם ענטשיידענעם איינפלוס אויף דעם גאנצען גאנג פון ערציהונג אין לאנד. זי גיט ארויס דעם „החנוך" און אנדערע ערציהונגס אויסגאבען. זי האט א „פארזיכערונגס פאנד" אויף אויסצוהאלטען די לעהרער ווען זיי ווערען אלט, ווי אויך לייה און שפאר קאסען, און אן ערציהונגס מוזיי.

**הסתדרות הסופרים** — די פאראייניגטע ארגאניזאציע פון שרייבער, פובליציסטען, פאעטען און זשורנאליסטען; דער פרעזידענט איז אחד־העם, אין צענטראל־קאמיטעט געפינען זיך ח. נ. ביאליק, יעקב פיכמאן, אשר ברש וועלכער איז סעקרעטאר, קאבאק, מ. בן־הלל הכהן און טשערנאוויץ.

**הסתדרות הרופאים** — די ארגאניזאציע פון מעדיצין־דאקטוירים, הויפט זיץ איז אין תל־אביב, רחוב הערצל. פרעזידענט: דר. יוסף שטיין.

**הסתדרות המהנדסים והאדריכלים** — די ארגאניזאציע פון אינזשינערען און ארכיטעקטען פונ'ם לאנד. אדרעס: רחוב ליליענבלום, תל־אביב.

**אגודת עורכי־דין** — איז די פאראייניגונג פון אדוואקאטען און געריכטס־מענשען.

**הסתדרות הרוקחים** — די ארגאניזאציע פון פארמאצעפטען.

**אגודת אגרונומים** — פאראייניגונג פון אגראנאמען, לאנד־מעסטער און געאלאגען.

**הסתדרות הפקידים** — די ארגאניזאציע פון בעאמטע און אנגעשטעלטע אינ'ם לאנד.

**אגודות עבריות למען חבר־הלאומים** — די אידישע ארגאניזירטע קערפערשאפטען פאר שטיצען דעם פעלקער־בונד, פרעזידענט איז מ. דיזענגאף.

**אגודת מנגני ארץ־ישראל** — דער פאראיין פון מוזיקער און קאמפאזיטארען אין לאנד.

**אגודת האיקונומיסטימא** — דער פאראיין פון עקאנאמיסטען. דער פאראיין פאראנשטאלט לעקציעס און האט געגרינדעט א וויסענשאפט־סטאטיסטישע אפטיילונג.

**הסתדרות נשים עבריות** — די אידישע פרויען ארגאניזאציע. איהר צוועק איז אויפצוהויבען דעם גייסטיגען צושטאנד פון דער פרוי; געבען הילף קינפעטארינס און קליינינקע קינדערלאך. זי האט 9 פאראיינען און א צוויי טויזענד מיטגלידער. איהר יעהרליכער בודזשעט איז פון 15 ביז 20 טויזענד דאלאר א יאהר. א דריטעל פון דעם ווערט געשאפען פון חבר'שע ביטראגען און דאס איבעריגע פון מתנות און אוועקטען. הויפט זיץ אין ירושלים.

# פאליטישע פארטייען אין ארץ ישראל

**אחדות העבודה**—איז די גרעסטע ארבייטער־פארטיי אין ארץ ישראל. זי פארמאגט ארום 5 טויזענט מיטגלידער און האט קלובען און פאראיינען אין אלע שטעדט און קאלאניעס איבער'ן גאנצען לאנד. דורך איהר אויסגעשפראכענער פראגראם פון קאנסטרוקטיווען סאציאליזם און איהר שטרעבונג אויפצובויען די אידישע היים אויף עקאנאמישער גלייכהייט, באזירט אויף זעלבסט־ארבייט, האט זי זיך ערווארבען די גרעסטע חשפעה אין אלע ארבייטער־אינסטיטוציעס, אין דער „הסתדרות" און אין אלע אונטערנעמונגען פונ'ם לאנד. זי האט די שטארקסטע פארטרעטערשאפט אין אלע פאליטישע און געזעלשאפטליכע נאציאנאלע אינסטאנצען. „אחדות העבודה" איז געווען די שאפערין און די גרינדערין פון דער „הסתדרות". די „פועלי ציון" און די „צעירי־ציון" באטראכטען „אחדות העבודה" פאר זייער אייגענער פארטיי אין ארץ ישראל און טרעטען גלייך אין איהר אריין ביי זייער אנקומען אין לאנד; זי

איז דער ארץ־ישראל'דיגער מיטגליד פון אַלוועלטליכען פּועלי־ציון פאַרבאַנד. איהרע פּראָמינענטע פאַרשטעהער זיינען: בן־צבי, רובאַשאָוו, בן־גוריון, ב. כצנלסאָן, רמז, רחל ינאית, ביילינסאָן, א. ז. רבינוביץ, האַרצפעלד, מערעמינסקי און קאַפּלאַנסקי. איהר אָרגאַן איז דער „קונטרס". אַדרעס פון צענטראַל ועד־הפועל איז: תל־אביב, רחוב שיינקין 20.

הפועל הצעיר — איז די צווייטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין לאַנד, לויט איהר גרויס. זי האָט אַ צוויי טויזענד מיטגלידער און איז צוזאַמענגעשטעלט הויפּטזעכליך פון אַרבייטער. לויט איהרע טענדענצען איז זי אַ ראַדיקאַל־ציוניסטישע פּאַרטיי וועלכע שטעהט אָבער נאָהענט צו „אחדות־העבודה". צווישען איהרע פּראָמינענטע פיהרער זיינען: יוסף אהרונאָביץ וועלכער איז געוועזן איינער פון איהרע גרינדער, אַרלאָזאָראָוו, שפּרינצאַק, טבערסקי און יוסף באַראַץ. זי איז די ערשטע אַרויס מיט'ן לאָזונג פון „כבוש העבודה". זי איז די צווייטע פּאַרטיי אין דער "הסתדרות" לויט איהר השפּעה און איז אַ מיטגליד פונ'ם אַלוועלטליכען פאַרבאַנד „התאחדות צעירי־ציון". איהר אָרגאַן איז „הפועל־הצעיר" און אַדרעס: תל אביב, רחוב נחלת־בנימין.

פּועלי ציון — איז אַן ארץ ישראל אָפּטיילונג פון די לינקע „פּועלי ציון", וועלכע האָט זיך געגרינדעט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק און צעהלט אַ 4 אָדער 5 הונדערט מיטגלידער אין לאַנד. זי באַזירט זיך אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם אידישיזם.

מאָפּסען — אַ קאָמוניסטישע גרופּע וואָס צעהלט אַ 50 מיטגלידער. זיי האָבען זיך אַליין אַ נאָמען געגעבען „מאָפּסען" פונ'ם ראשי־יבות מ. פּ. ס. זיי זיינען געגען דער אויפבויאונג פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער היים אין ארץ ישראל.

הנוער העובד — אַ יוגענדליכע אַרבייטער־פּאַרטיי, מיט אַ לעבעדיגער אַקטיוויטעט און ווירקזאַמער פאַרצווייגטער קולטורעלער טעטיגקייט. זי האָט פאַראיינען אין אַלע גרעסערע צענטערען.

הפועל־המזרחי — אַ מזרח'יסטישע אַרבייטער פאַראייניגונג מיט דער רעליגיעזער „מזרחי"־פּראָגראַם און פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטער־אויפגאַבען.

הסתדרות הציונים העמלנים — אַ ליבעראַלע ציוניסטישע פאַראייניגונג ווי אויך די „הסתדרות הציונים הדמוקרטיים". ביידע האָבען זייערע צענטערען אין תל־אביב.

התאחדות נשים עבריות און הסתדרות נשים עממיות — זיינען צוויי פרויען־פּאַרטייען (די לעצטע אַ פּאָלקסטימליכע), וועלכע קעמפען פאַר דער פרויען גלייכבאַרעכטיגונג.

הקלוב הציוני — איז אַן אַלגעמיין ציוניסטישע פאַראייניגונג, מיט ריין בירגערליכע טענדענצען.

התאחדות עולמית של היהודים הספרדים — איז די אַלוועלטליכע פאַראייניגונג פון די ספרד'ישע אידען, וועלכע שטרעבט אויפצוהויבען די קולטורעלע ניוואָ פון די ספרדישע אידען.

הסתדרות הרביזיוניסטים — איז די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע פון ארץ־ישראל, לויט דעם נוסח פון זשאַבאָטינסקי. זי האָט איהר אָרגאַן „הצפון".

הסתדרות בני בנימין — איז אַן אָרגאַניזאַציע פון רעאַקציאָנערען בירגערטום, געפיהרט פון "דואר־היום".

התאחדות עולי פולניה — איז אַ פאַראייניגונג פון געוועזענע פּוילישע בירגער אין ארץ ישראל, מיט דעם צוועק צו שטיצען די פּוילישע אידען אין לאַנד.

התאחדות עולי רוסיה ואוקראינה — איז אַ פאַראייניגונג פון רוסישע און אוקראַאינישע אידען פאַר געגענזייטיגער הילף און שטיצע.

הסתדרות המעמד הבינוני — איז אַ פאַראייניגונג פון מיטעל־קלאַס מענשען און בעלי־בתים.

הסתדרות בעלי הבתים והמגרשים — איז די פאַראייניגונג פון אייגענטימער און ערד־באַזיצער.

הסתדרות השכנים — איז די פאַראייניגונג פון „שכנים" (טענענטס).

הסתדרות החילים המשוחררים — איז די אָרגאַניזאַציע פון געוועזענע לעגיאָנערען. זייער שטרעבונג איז, מען זאָל זיי באַזעצען אויף באָדען, ווי די רעגירונג האָט זיי צוגעזאָגט.

הסתדרות המכבי — איז די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע פון לאַנד. זי האָט סניפים אין אַלע אידישע גרויסע ישובים. זי

איז אַן אומפּאַרטייאישע קערפּערשאַפט מיט דעם צוועק אויסצובילדען פיזיש די אײנוואוינער. זי אָרגאַניזירט ספּאָרט קאָנקורסען און שפּילערייען.

הסתדרות הצופים העברים — איז די אידישע באָי־סקאַוט אָרגאַניזאַציע, פון אינגלאַך און מיידלאַך אין שול־עלטער און איז אַ טייל פון דער אַלוועלטליכער באָי־סקאַוט פעראייניגונג.

גדוד מגיני השפה — איז אַן אָרגאַניזאַציע פאַר פאַרטיידיגען די שפּראַך.

הסתדרות המזרחי הצעיר — איז אַ רעליגיעזע צעירי־ציון פעראייניגונג פון ארץ־ישראל.

המזרחי—איז די וועלט אָרגאַניזאַציע פון די רעליגיעזע ציוניסטען, וועלכע האָט אין יאָהר 1921 אַריבערגעפיהרט איהר פאַרוואַלטונג אין ירושלים. די פיהרער זיינען היינט: פּראָפעסאָר חיים פיק, דער קינסטלער הערמאַן שטרוק און רבי פישמאַן.

מועצת המזרחי — צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון צוויי מזרחיסטישע שטרעמונגען, וואָס זיינען פאַרטראָטען אַלגעמיינע מזרחיסטען, „המזרחי הצעור" און „הפועל המזרחי".

מועצת הפועלות — איז אַ פעראייניגונג פון אַרבייטער פרויען, הויפּטזעכליך לאַנדווירטשאַפטליכע, זי באַלאַנגט צו דער „הסתדרות". זי פאַרוואַלטעט מיט אייגענע אַרבייטאָרינס־קבוצות.

אגודת ישראל — אן אָרגאַניזאַציע פון פאַנאַטישע אידען, וועלכע שטעלען דעם גלות־גייסט פונ'ם אידענטום העכער פון יעדער נאַציאָנאַלער נויטווענדיגקייט און פאָרטשריט.

הסתדרות נשים מזרחיות — איז די פאַראייניגונג פון מזרחיסטישע פרויען.

הסתדרות בעלי מלאכה — איז די אָרגאַניזאַציע פון קליינבירגער, וועלכע האָבען ווערקשטאַטען, פיהרען מסחר און זיינען אונטערנעהמער.

# ארץ ישראל פרעסע

הארץ (טעגליך) — די עלטסטע טעגליכע צייטונג אין לאַנד. געגרינדעט אין 1917, אַלס וועכענטליכע צייטונג מיט דעם נאָמען „חדשות הארץ". אין 1919 הויבט זי אָן ערשיינען אין ירושלים אַלס ערשטע העברעאישע טעגליכע צייטונג אין לאַנד. אין 1922 פיהרט זיך די צייטונג אַריבער אין תל־אביב, לויט איהרע אַנשויאונגען באַלאַנגט די צייטונג צו אַ ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג, זי איז די צייטונג פון אידישען ליבעראַליזם.

דבר (טעגליך) — די ערשטע העברעאישע טעגליכע אַרבייטער צייטונג אין דער וועלט. זי ווערט אַרויסגעגעבען פון דער „הסתדרות"—דאָס הייסט, פון דער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע. די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרען נאָך אן אונגעהייערער אָנשטרענגונג, איהר ערשטער נומער איז אַרויס דעם 1טען יוני 1925, אין תל־אביב. הויפּט רעדאַקטאָר איז ב. כצנלסון.

דאר היום (טעגליך) — געגרינדעט אין 1918 פון איתמר בן־אבי, אין ירושלים.

קונטרס (וועכענטליך) — די צייטונג פון „אחדות העבודה".

הפועל. הצעיר (וועכענטליך) — פאַרטייזשורנאַל פונ'ם „הפועל הצעיר".

הישוב (וועכענטליך) — געהט אַרויס אין תל־אביב, דאָס איז די צייטונג פונ'ם ארץ־ישראל'דיגען בירגערטום.

הצפון (וועכענטליך) — רעוויזיאָניסטישע צייטונג, געהט אַרויס אין דער שטאָדט חיפה.

קול ישראל (וועכענטליך) — די צייטונג פון „אגודת ישראל", ערשיינט אין ירושלים.

העתון הרשמי (צוויי־וועכענטליך) — דער אָפיציעלער רעגירונגס זשורנאַל.

ידיעות עירת תל־אביב (צוויי־וועכענטליך) — דער אָפיציעלער שטאָדט מאָניטאָר פון דער תל־אביב'ער שטאָדט פאַרוואַלטונג.

מסחר ותעשיה (צוויי־וועכענטליך) — געווידמעט הויפּטזעכליך דעם פאָרטשריט פון מסחר און אינדוסטריע אין ארץ־ישראל.

התור (צוויי־וועכענטליך) — „מזרחי'סטישע" צייטונג, אין ירושלים.

השלח (מאָנאַטליך) — איז איינער פון אונזערע עלטסטע און גרעסטע מאָנאַט־שריפטען, מיט אַ לאַנגער און רייכער געשיכטע. ער איז געגרינדעט געוואָרען אין 1902

פון וויסאָצקי, אין רוסלאַנד. זיין ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען אחד העם. ער איז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין ארץ ישראל, און ווערט איצט רעדאגירט פון דר. יוסף קלויזנער, זיין אַדרעס איז: פּאָסט באָקס 273, ירושלים. (אַלע אַדרעסען אין ארץ־ישראל דאַרפען געשריבען ווערען אין העברעאיש, און נאָר דאָס וואָרט ארץ־ישראל, מיט לאַטייגישע בוכשטאַבען).

השדה (מאָנאַטליך) — דער ערשטער אידישער אָרגאַן געווידמעט צו לאַנדווירטשאַפטליכע ענינים.

החנוך — (מאָנאַטליך) — אַ וויסענשאַפטליכער אָרגאַן געווידמעט פראַגען פון ערציהונג. ערשיינט אין תל אביב אונטער דער רעדאַקציע פון ד. לוין, אַרויסגעגעבען פון דער „הסתדרות המורים העברים בארץ ישראל“, אַדרעס: ת. ד. 34, תל־אביב.

הגנה (מאָנאַטליך) — דער אָרגאַן פון די גננות, פאַר פרעבעל פראַגען און קינדערגערטנער און אָנפאַנג־קנדער־ערציהונג אין שולע, רעדאַקטאָר איז מ. י. האַלפּערין.

תיאטרון ואמנות (טעאַטער און קונסט) — ערשיינט מאָנאַטליך אין תל אביב.

הפועל המזרחי (מאָנאַטליך) — דער אָרגאַן פון די „מזרחי“ אַרבייטער, געגרינדעט מיט דריי יאָהר צוריק, ערשיינט אין ירושלים אונטער דער רעדאַקציע פון מ. גשור.

הרפואה (מאָנאַטליך) — געווידמעט מעדיצינישע פראַגען, אַרויסגעגעבען פון דער הסתדרות הרופאים, אונטער דער רעדאַקציע פון פראָפעסאָר דאָלדשאַנסקי, ירושלים.

האשה (מאָנאַטליך) — פרויען־זשורנאַל, געהט אַרויס אין תל אביב.

הנוער והארץ אַ צוויי מאָנאַטליכער אָרגאַן, אַרויסגעגעבען פון יוגענט פאַרבאַנד, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. ריגער, תל־אביב.

הדים, ליטעראַרישע צוויי־מאָנאַטליכע זאַמעלשריפט, אונטער דער רעדאַקציע פון אשר באַראַש און יעקב ראַבינאָוויץ.

קרית ספר — א פערטעל־יעהרליכע אויסגאַבע פון דעם ירושלים׳ער אוניווערסיטעט און פון דער אידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

ידיעות. — פעריאַדישע שריפטען, געווידמעט דער מעכאַניק און טעכניק און דעם אַלגעמיינעם פאָרטשריט פונ׳ם לאַנד.

ספר השנה — אַ יאָהר־בוך, ווערט אַרויסגעגעבען אין תל אביב.

כל ארץ ישראל — די ארץ ישראל „דירעקטאָרי“ מיט ידיעות וועגען די פאַרשידענסטע געביטען פון פּאָליטישען, קולטורעלען, אינדוסטריעלען לעבען און ענטוויקלונג פון לאַנד, ווי אויך מיט ידיעות וועגען יעדער עקזיסטירענדער קערפערשאַפט און אַנשטאַלט.

סט״א — די אידישע טעלעגראַפען אַגענטור פון ארץ ישראל.

# אראבישע צייטונגען.

„פאַלעסטין“ — א קריסטליך־נאַציאָנאַלע צייטונג; ערשיינט צוויי מאָל אַ וואָך אין יפו.

„אלדזשעזירא“ — א מוסולמאַניש־נאַציאָנאַלע צייטונג, ערשיינט וועכנטליך אין ירושלים.

„מאאראט על שאראק“ — אָ וועכענטליכע אָרטאָדאָקסיש־קריסטליכע צייטונג אין ירושלים.

„צוט על־שיעב“ — אַ וועכענטליכע קאַטוילישע צייטונג, ערשיינט אין בית־לחם.

„אל־אטחאד על־אראווי“ — אַ וועכענטליכע, מוסולמאַנישע, ערשיינט אין טול־כרם.

„אל־אטחאר אדעמאאל“ — ערשיינט יעדען חודש אין חיפה.

„אל נאפיר“ — אַ אידיש־געשטימטע קריסטליכע צייטונג, ערשיינט אין חיפה וועכענטליך.

„אל כרמל“ — א מוסולמאנישע געגען־ציוניסטישע צייטונג.

„אל זאמור“ — אַ וועכענטליכע מוסולמאנישע צייטונג אין עכו.

„אל סוראט על מוסטאקים“ — אַ וועכענטליכע רעליגיעז־מוסולמאַנישע צייטונג אין יפו.

„הבולטן המפחרי“ — אַ אידישע אויסגאַבע אין אַראַביש, פאַר מסחר און אינדוסטריע.

„אל־האַקוק“ — אַ וועכענטליכע שריפט, ערשיינט אין יפו און געווידמעט די געזעצען.

„אל אַרמוק“.

## ענגלישע צייטונגען.

„די אָפישעל גאזעט" — איז די רעגירונגס אָפיציעלע צייטונג, וועלכע ווערט ארויסגעגעבען פּאַראַלעל מיט דער העברעאישער אויסגאבע.

„פּאַלעסטיין ביולעטין" — איז אַ טעגליכע ענגלישע צייטונג, ארויסגעגעבען פון ס. ט. א. איהר רעדאקטאָר איז אַדוואָקאט ש. שווארץ.

„די פּאַלעסטיין וויקלי" — אויסגאַבע פון „הסולל"; וועכענטליך.

„די פּאַלעסטיין ענד ניר־איסט עקאָנאָמיק מעגעזין" — ווערט אַרויסגעגעבען צוויי־וועכענטליך אין תל־אביב, פון דער געזעלשאַפט „מסחר ותעשה".

„קאָמוירשעל ביולעטין" — איז אַ האַנדעלס רעגירונג זשורנאַל.

„ביולעטין" — איז אַ קאָמערציעלע אויסגאַבע פון תל־אביב׳ער האנדעלס־קאַמער.

## פּארלאגען און ביכער אויסגאבען.

זיינען פאראן אין ארץ ישראל: 24. די גרעסטע פון זיי איז „דביר", דער פּאָעט ח. נ. ביאַליק שטעהט אין דער שפּיצע פון איהר, אין תל־אָביב. איינע פון די וויכטיגסטע פארלאגען איז פון דער „ועדת התרבות", וועלכע איז אַ הסתדרות־אַנשטאַלט. זי גיט ארויס ביכער, וועלכע האָבען אַ דירעקטען ווערט פאר די באדערפעניששען פון די אידישע אַרבייטער, הסתדרות־שולעס און פאר קורסען. „אחדות" איז איינע פון די אָנגעזעהענסטע קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריען, זי באַלאַנגט צו דער הסדרות.

## ביבליאטעקען.

אין ירושלים — די גרעסטע אין לאַנד און די גרעסטע ביים אידישען פאָלק, ווי אויך די גרעסטע אין דעם גאַנצען נאָהענטען מזרח, איז די „הספריה הלאומית", אין ירושלים.

אין תל־אביב, — אַ גרויסע, רייכע ביבליאָטעק, אויך אין מעהרערע שפּראַכען, מיט דעם נאָמען „שער ציון"; געפינט זיך אין רחוב אחד־העם. אויך די צענטראַל־ביבליאָטעק פון „ועדת התרבות" געפינט זיך אין תל־אביב; רחוב נחמני.

אין טבריה — הייסט די ביבליאָטעק „ספרית הרמב"ם"; אין דער שטאָדט חברון הייסט די ביבליאָטעק „נהוראי"; אין חיפה הייסט זי „עין־הקורא" און אין פּתח־תקוה": „ספיר". אויסער דעם זיינען אין יעדער שטאָדט פאראַן קלענערע פאָלקס־ביבליאָטעקען, לעזע־זאַלען, בית־עם׳ען, פאָלקס־הייזער פאר פארזאמלונגען און שפּילערייען.

# האַנדעלס־אנשטאַלטען

האַנדעלס־קאַמער — אין ירושלים, וועלכע קאָנטראָלירט דעם מסחר פון דער געגענד און איז די אָפיציעלע פאָרשטעהערין פון האַנדעל פאר דער רעגירונג. זי פיהרט אַ האַנדעל־סטאַטיסטיק און שטרעבט צו ענטוויקלען און צו פאַרלייכטערען דעם האַנדעל אין לאַנד.

האַנדעלס־קאַמער — אין תל־אָביב, וועלכע איז די וויכטיגסטע אין לאַנד לויט איהר איינפלוס און באשטעהט אויסשליסליך פון אידען אין איהר לייטונג.

האַנדעלס־קאַמערען — זיינען אויך פאַראַן אין חיפה. איינע, אַן אַלגעמיינע, און איינע אַן אראַביש־נאַציאָנאַלע פון קלענער וויכטיגקייט. אַן אראַביש־נאַציאָנאַלע האַנדעלס־קאַמער עקזיסטירט אויך אין יפו. די האַנדעלס־קאַמערען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די בירזשעס, די רעגירונג באַראַט זיך מיט זיי, ווען זי וויל איינפיהרען נייע שטייערען און נייע אָפּצאָהלונגען אויף אימפּאָרטירטע אָדער עקספּאָרטירטע סחורות.

מסחר ותעשיה — איז אַ פּריוואטע געזעלשאַפט פאר האַנדעל און אינדוסטריע, די גרעסטע און די פרוכטבארסטע אין נאָהענטען מזרח. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1923 און האָט ארויסגעוויזען אַ פאַרצווייגטע, ברייטע טעטיגקייט. זי האָט אַ גוט אָרגאַניזירטע אינפאָרמאציאָנס־ביוראָ פאר האנדעל, וועלכע גיט די גרינדליכסטע ידיעות וועגען אלע מעגליכע קאָמערציעלע אונטער־

נעמונגען אין לאַנד. זי האָט אַ מוזיי
פון ארץ ישראל פּראָדוקטען און זי אָר־
גאַניזירט און נעמט אנטייל אין די אויס־
שטעלונגען פון דער גאַנצער וועלט, וואו
זי צייגט די מעלות פון די ארץ ישראל
פּראָדוקטען און זוכט מאַרקען פאַר זיי.
זי האָט אַ צוויי־וועכענטליכע צייטונג אין
העברעאיש און אין אַראַביש ווי אויך
אין ענגליש און דייטש. זי האָט אַן אָפּיס
פאַר לאַנדווירטשאַפט. איהר גרונד־קאַ־
פּיטאַל איז 6000 פונט. אַדרעס: רחוב
אחד העם 13, תל־אביב.

למען תוצרת הארץ — איז אַ געזעלשאַפט,
וועלכע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס א
צוועק צו פאַרשפּרייטען נאָר א״י פּראָ־
דוקטען אין ארץ־ישראל, כדי צו אַנטוויק־
לען און העלפען דעם וואוקס פון דער
אידישער אינדוסטריע אין לאַנד. זי האָט
אויך אַ ספּעציעלע אויפגאַבע צו ווירקען,
אַז די פּראָדוקטען פון לאַנד זאָלען זיין
פון גוטער קוואַליטעט; זי אָרגאַניזירט
אין לאַנד אויסשטעלונגען און פיהרט אַ
פּראָפּאַגאַנדע פאַר די נאַציאָנאַלע פּראָ־
דוקטען. אַדרעס: תל־אביב, רחוב אלנבי
51 ת. ד. 128.

חברה להתפתחות כלכלית — איז אַ געזעל־
שאַפט פאַר דער עקאָנאָמישער ענטוויק־
לונג פון'ם לאַנד און פאַר אויספאָרשען
און אויסנוצען די עקאָנאָמישע מעגליכ־
קייטען, פאַרשפּרייטענדיג ריכטיגע **ידיעות**
איבער דער לאַגע. אַדרעס: תל־אביב,
ת. ד. 92.

ועד לסיוע ולפתוח התעשיה. — רחוב אלנ־
בי, בית מוסנזון, ביי דעם „ועד לאומי“.
איז די ציוניסטישע אַנשטאַלט פאַר פאָרט־
שריט פון אינדוסטריע און מסחר.

התאחדות בעלי־התעשיה — איז אַ פאַר־
אייניגונג פון פאַבריקאַנטען פאַר זייערע
אינדוסטריעלע און מארק אינטערעסען.
אַדרעס: רחוב אחד העם, תל־אביב.

התאגדות לתערוכות וירידים — איז אַ
פאַראייניגונג מיט'ן צוועק צו פאַראַנשטאַל־
טען אויסשטעלונגען און יארידען פאַר
ארץ ישראל פּראָדוקטען. אדרעס: פתח־
תקוה, רחוב יפו.

אגודת מגדלי הטבק — איז די אָרגאַניזאַ־
ציע פאַר ענטוויקלען און אויסשפּרייטען
אין ארץ ישראל די טאַבאַק אינדוסטריע
און שאַפען די מאַרקען. תל־אביב, רחוב
כפר־גלעדי.

מרכז בעלי־מלאכה. — אַ פאַראייניגונג פון
בעלי־מלאכות. האָבען אַן אייגענע באַנק.

התאגדות בעלי־הדפוס. — אַ פאַראייניגונג
פון די אייגענטימער פון די דרוקעריען.

# פאַבריקען און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

יקבי ראשון־לציון — איז דער גרעסטער
וויין־קעלער אין א״י און איינער פון
די גרעסטע אין דער וועלט. ער איז גע־
בויט געוואָרען פון באַראָן ראָטשילד און
איז איבערגעגעבען געוואָרען אין 1911
צו דער „אגודת הכורמים“, דער פאַראיי־
ניגונג פון וויין פּראָדוצירער. דאָס איז
א 3־שטאָקיגע, זעהר גוט איינגעאָרדענטע
געביידע, 120 מעטער לאַנג און 80 ברייט.
אין דער צייט פון וואנדאַזש זיינען אין
איהם באַשעפטיגט איבער 200 ארבייטער,
וועלכע ארבייטען טאָג און נאַכט. א
פערטעל מיליאָן קילאָגראַם וויינטרויבען
אַ טאָג ווערט פאַרוואַנדעלט אין כרמל־
וויין.

בית־חרושת „סיליקאַט„ — איז אַ מאָדער־
נע, גרויסע ציגעל־פאַבריק. זי
איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין יאהר
1922, האָט איבערגעלעבט די אומפאַר־
מיידליכע שוועריגקייטען פון צופאַסען
זיך און האָט אין 1925 אריינגעבראַכט
נייע מאַשינעריע, וועלכע מאַכט אויס
מעגליך צו פּראָדוצירען 1,000,000 „סי־
ליקאַט־ציגל“ אַ חודש. עס זיינען דאָ באַ־
שעפטיגט איבער 100 ארבייטער שטענדיג,
אויסער בעל־עגלות און אנדערע זייטיגע
מענשען.

חברת החשמל הארץ ישראלי —
איז רוטענבערג'ס עלעקטריפיקאַציע־
געזעלשאַפט, איהר קאַפּיטאַל איז איין
מיליאָן פונט סטערלינג. דאָס איז די
איינציגע געזעלשאַפט אין לאַנד אויף צו־
צושטעלען עלעקטרישע קראַפט. עס עק־
זיסטירן איצט איהרע עלעקטרישע סטאַנ־
ציעס אין תל־אביב, יפו, חיפה, טבריה
און אין פתח־תקוה. אין תל־אביב אליין

ארבייטען דריי דינאַמאָ־מאַשינען, צו 500 פערד־קראַפט יעדע.

**נ ש ר** — דאָס איז אַ צעמענט־פאַבריק, וועלכע באַשעפטיגט איבער 300 ארבייטער. איהר פראָדוקציאָנס־פעהיגקייט איז 70,000 טאָן צעמענט אַ יאָהר. זי האָט אן אייגענע עלעקטרישע סטאַנציע, 3000 פערד־קראפט שטאַרק און די פאָלקאָמסטע מאָדערנע מאַשינעריע. זי האָט אויך אין 1922 אָנגעפאַנגען צו בויען אַ זעקס קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָדט חיפה, נעבען דער חיפה־דמשק אייזענבאַן. זי האָט אייגענע אייזענבאַן־ליניעס צוצופיהרען איהרע פראָדוקטען צו דער הויפט אייזענבאַן.

**חברת־המלח בעטלית.** — דאָס איז אַ געזעלשאַפט אויף אויסצוארבייטן און פראָדוצירען זאַלץ. זי איז געגרינדעט אין 1922 מיט אַ קאַפיטאַל פון 40.000 פונט סטערלינג, אַלס אַקציע געזעלשאַפט. איהר פראָדוקציע איז אויסגעשפרייט אויף אַ שטח פון 3370 דונאם באדען. אין לעצטען יאָהר האָט זי פארקויפט צו דער רעגירונג אליין 4794 טאָן זאַלץ. זי געפינט זיך נעבען דער קאָלאָניע עטלית ניט ווייט פון חיפה, שומרון.

**נור** — איז אַ שוועבעלאַך־פאַבריק אין דער שטאָדט עכו, נעבען חיפה. עס זיינען דאָ שטענדיג באַשעפטיגט אַ 100 אַרבייטער און עס ווערט פראָדוצירט אַ 100,000 קעסטעלאַך אַ טאָג. דאָס איז אַן אקציאָנערע געזעלשאַפט פון ליטווישע אידען.

**הטחנות הגדולות בחיפה** — איז איינע פון די גרעסטע מעכאַנישע מילען אין לאַנד. דאָס איז אַ 5 שטאָקעדיגע געביידע מיט דער פאָלקאָמסטער מאָדערנער אינסטאָלאַציע אויף צו פראָדוצירען מעהל. דאָ אַרבייטען שטענדיג אַ 50 אַרבייטער און זי גיט אַרויס אַ 35 טאָן מעהל אַ טאָג דורכשניטליך אין משך פון יאָהר. די מעהל האָט באַקומען אַן אנשטענדיגען מאַרק אין אַ סך שטעדט אין סיריע און פיהרט איצט אן ערפאָלגרייכע קאָנקורענץ מיט דער מעהל וואָס קומט אָן אין לאַנד פון הוץ־לאַרץ.

**בית החרושת למצות** — דאָס איז אַ נייע און פאַרפאָלקאָמטע פאַבריק פאַר מצות. ארץ־ישראל'דיגע מצות ווערען שוין איצט פאַרלאַנגט אין חוץ־לארץ. דאָ זיינען באַשעפטיגט אַ 60 אַרבייטער, האַלב פון זיי פרויען.

**חברת „שמן"** — איז אַ זייף־פאַבריק, די גרעסטע אין לאַנד; געגרינדעט אין 1923 אויפ'ן ברעג ים אין חיפה. איהר קאַפיטאַל איז 150,000 פונט סטערלינג און זי באַשעפטיגט שטענדיג אַן אָנגעזעהענע צאָל אַרבייטער. זי מוז נאָך אַריינפיהרען אַ סך פון איהרע רויהע פראָדוקטען פון חוץ־לארץ. איהר זייף האָט זיך שוין ערוואָרבען אַ נאָמען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען. איהרע הויפט מאַרקען זיינען, אויסער ארץ־ישראל, אויך סיריע און מצרים.

**דעלפינער'ס זייד פאַבריק** — איז געגרינדעט אין 1923 אין תל אביב, מיט אַ קאַפיטאַל פון אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר. עס זיינען דאָ באַשעפטיגט איבער 200 אַרבייטער און די מאַרקען זיינען אויסער ארץ־ישראל וועלכע איז אַליין אַ גרויסער קאָנסומענט אויף זייד, אויך מצרים און סיריע און איצט שוין אויך איראָפעאישע לענדער.

**אַנדערע פאַבריקען** — עס זיינען נאָך פאַראַן אין ארץ־ישראל, הויפטזעכליך אין די דריי צענטרען, חיפה, תל־אביב, ירושלים. אַנדערע קלענערע פאַבריקען, וואו עס אַרבייטען פון 10 ביז 50 אַרבייטער, אי אַזעלכע וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין קאָאָפעראַטיווען און באַלאַנגען צו דער הסתדרות, אי אַנדערע געגרינדעט פון פריוואַטען קאַפיטאַל. די מעהר אָנגעזעהענע פון זיי, זיינען: „לודזיה" אין תל־אביב, אַ טעקסטיל פאַבריק; נגה, אַ זייף־פאַבריק אין תל־אָביב; אַן אויל־פאַבריק שמן אין חיפה; אַ קאַווע־פאַבריק אין תל־אביב; אַן אייזען פאַבריק אין יפו; די גרויסע מעטאַל־פאַבריק „אחוד", אַ קאָאָפעראַטיוו, באַלאַנגט צו דער הסתדרות, תל־אביב; „מעדן" — אַן אייז־פאַבריק אין תל אביב; אַ מעבל־פאַבריק אין תל־אביב; „נגרניה" פון דער הסתדרות. די גרעסטע קאָאָפעראַטיווע הסתדרות מעבל־פאַבריק איז „דרור" אין תל־אביב, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט אויף פאַרשידענע אויסשטעלונגען. אַ ביר־פאַבריק אין עכו. „עוגב" אַ פאַבריק פון פיאַנאָס און אַנדע־

רע מוזיק־אינסטרומענטען אין תל־אָביב. „רענן" אַ פאַבריק פון טשאָקאָלאַד, קאָנפעקטען און קאָסערוו־פרוכטען אין תל־אָביב. „חרות", אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר אינסטאָלאַציעס אין ירושלים. ליטאָגראַפיעס און צינקאָגראַפיעס אין ירושלים און תל־אביב; שפּיצען־פאַבריקען פון אגודות נשים אין ירושלים און קליינע כעמישע פאַבריקען, וואו עס ווערען פּראָדוצירט אויך פאַרבען. טאַבאַק, סיגאַר און סיגאַרעטען־פאַבריקען אין תל־אביב און ירושלים: קלענערע לעדער־פאַבריקען, ביסקוויט און לאָקשען־פאַבריקען. שניצערייו אין האָלץ און שטיין, „בצלאל", ירושלים.

# פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען אין ארץ ישראל

הנהלה ציונית — איז די פאָרשטעהערשאַפט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ ישראל. איהר פּאָליטישער פאָרשטעהער איז קאָלאָנעל קיש.

קרן־קימת. — דער הויפּט אָפיס פונ׳ם נאַציאָנאַל־פאָנד. איהר פאָרשטעהער איז: מנחם אוסישקין.

אספת־הנבחרים. — די רעפּרעזענטאַטיווע פאָלקס־פאַרזאַמלונג פונ׳ם גאַנצען אידישען **ישוב אין ארץ ישראל**, ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע שיכטען און קלאַסען פון פאָלק. פרויען ווערען נאָך ניט צוגעלאָזען. געגרינדעט אין 1918. זי דאַרף זיך צוזאַמענקלייבען דורך נייע אַלגעמיינע וואַהלען, אַלע צוויי יאָהר. זי קלייבט אויס דעם ועד לאומי.

ועד־לאומי. — דער רעפּרעזענטאַטיווער און פּערמאַנענטער אָרגאַן פון דעם גאַנצען אידישען ישוב אין ארץ ישראל, באַפאָלמעכטיגטער אויטאָריטעט צו ריידען אין אַלע ענינים אינ׳ם נאָמען פון גאַנצען ישוב. עס געהען אין איהם אריין אויסדערוועהלטע פון אַלע קלאַסען און פּאַרטייען. די ארבייטערשאַפט איז אין איהם פאַרטראָטען דורך אַן אַנגעזעהנער מעהרהייט.

הסתדרות. — די ארבייטער פּאַרטיי פון ארץ ישראל. זי איז פּאָליטיש אומפּאַרטייאיש און נעמט אריין יעדען איינעם, וועלכער אַנערקענט דעם פּרינציפּ פון לעבען אויף אייגענער ארבייט, ניט באַנוצען זיך מיט פרעמדער אַרבייט און איז פאַר דעם אויפבוי פון אַן ארבייטער געזעלשאַפט אין ארץ ישראל, געבויט אויף עקאָנאָמישער גלייכהייט און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע איינוואוינער, אָהן אויסנאַם פון ראַסע און רעליגיע. זי האָט אַ סך זעהר וויכטיגע אייגענע געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע, קולטורעלע, פינאַנציעלע און קאָלאָניזאַטאָרישע אָנשטאַלטען; אייגענע צייטונגען, שולעס פאר קינדער און דערוואַקסענע און קונסט מוזיק און טעאַטער אָנשטאַלטען. זי האָט יעדען יאָהר אַ צוזאמענפאָהר, וועלכער איז איהר העכסטע אינסטאַנץ, זי קלייבט אויס דעם ועד־הפועל*).

הרבנות־הראשית. — אַ יורידישע העכערע אינסטאַנץ פון רבנים. געקליבען פונ׳ם ישוב און סאַנקציאָנירט פון דער ארץ־ישראל רעגירונג. זייער באַשטימונג אין געוויסע ציווילע ענינים, וואָס האָבען אַ רעליגיעזען כאַראַקטער, האָט אַ לעגאַלען ווערט פונקט ווי פון אַ רעגירונגס־טריבונאַל.

המכללה־העברית. — דער ארץ ישראל׳דיגער אוניווערסיטעט, וועלכער האָט נאָך דערווייל ניט אַלע פאַקולטעטען, נאָר די היסטאָרישע, אידישע און סעמיטישע וויסענשאַפטען ווערען שוין דאָרט געלערנט. די געביידעס פאַר די איבעריגע אָפּטיילונגען פונ׳ם אוניווערסיטעט האַלטען זיך אין בויען. ער שטעהט אויפ׳ן הר הצופים; דער וועלט־באַרימטער געלערנטער, פּראָפעסאָר איינשטיין, ווי אויך אחד־העם און דער פּאָעט ח. נ. ביאַליק געפינען זיך אין קוראַטאָריום. געגרינדעט אין 1925.

---

*) זעה אויף אַ צווייטען פּלאַץ איהרע אנשטאַלטען און זייער ראָלע.

הספריה־הלאומית. — די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק. **זי פאַרמאָגט צעהנדליגע טויזענטער ביכער אויף אַלע מעגליכע שפּראַכען** און זעלטענע אַלטע און נייע מאַנוסקריפּטען פון אן אונשעצבארען ווערט (130,000 בענדער). איהר ערשטער גרינדער איז געווען דר. חאַזאַנאָוויטש, וועלכער האָט איהר געשיינקט זיין זעלטענע פּריוואַטע ביבליאָטעק. זי ווערט איצט די ביבליאָטעק פונ׳ם אוניווערסיטעט. געגרינדעט אין 1897.

„בצלאל". — די אַקאַדעמישע קונסט־שולע פון ארץ ישראל, וואו מען לערענט אויך קונסט געווערבע ווי מאַכען טעפּיכער, שניצערייען אין שטיין און האָלץ און מאָזאיקע אינקרוסטאַציע. איהר גרינדער און פיהרער איז פּראָפעסאָר באָרים שאַץ. געגרינדעט אין 1906.

המוזיאום־הלאומי. — דער נאַציאָנאַלער מוזיי פאַר לאַנדווירטשאַפט און נאַטור־וויסענשאַפט, וועלכער ענטהאַלט אַלע ספּעצימענטען פון דער ארץ ישראל׳דיגער פלאָרא און פאונא. געגרינדעט (און אויסגעהאלטען) פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע, אין יאָהר 1919.

פּאַסטאַר־אינסטיטוט. — געגרינדעט (און אויסגעהאלטען) פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע, אין יאָהר 1913; הויפּט דירעקטאָר איז דער באַקטעריאָלאָג, דר. בעהם.

אַגריקולטור־שולע. — די גרעסטע אין ארץ ישראל, אין מקוה־ישראל, נעבען דער שטאָט יפו. עס ווערען דאָרטען יעדען יאָהר אויף עטליכע חדשים פאַראנשטאַלט קורסען פאַר לאַנדווירטשאַפטליכער פאַרפאָלקאָמונג, ווי אויך אין בינען־צוכט און פיה־צוכט, אויך פאַר דערוואַקסענע. דער געוועהנליכער קורס איז 3 יאָהר. געגרינדעט פון קאַרל נעטער אין 1870.

אנגלא־פאַלעסטינא באַנק קאָמפּ. — געגרינדעט דורך דער „איד. קאָלאָניאַל באַנק". איהר הויפּט באַנק איז אין ירושלים און זי האָט אָפּטיילונגען אין תל־אביב, יפו, חיפה, טבריה, צפת און בירוט.

תחנת־הנסיונות. — אַן אַגריקולטורעלע עקספּערימענט־אינסטיטוציע. געגרינדעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע, אין יאָהר 1922.

ווירטשאַפט־מוזיי. — אין תל־אביב. געגרינדעט פון דער געזעלשאַפט „מסחר־ותעשיה" אין 1925. דאָ ווערען געוויזען די פאַרשידענע פּראָדוקטען פאַבריצירט אין ארץ ישראל, ווי אויך דער פּראָגרעס פון דער פּראָדוקציע.

די אָפּערא. — געגרינדעט אין 1923. זי האָט געגעבען אין העברעאיש די גרעסטע וועלט־אָפּעראס.

התאטרון העברי. — דער אידישער טעאַטער אין ארץ ישראל איז אַ קינד פון דער מאָסקווער „הבימה", איז אריבערגענומען געוואָרען אין ארץ ישראל אין יאָר 1920.

„אוהל". — אַרבייטער טעאַטער, אַ וואַנדערער. אויסגעהאלטען פון דער „הסתדרות" אונטער דער פאַרוואלטונג פון דער „ועדת־התרבות", געגרינדעט אין 1925.

התאטרון הדרמתי. — דער דראמאטישער טעאַטער, געגרינדעט אין 1923.

התחניון העברי. — דער טעכנישער אינסטיטוט אין חיפה, ביי די פיס פון דעם כרמל־באַרג, פאַר אויסבילדונג פון טעכניקער אין אַלע פאַכען. די זעהר אייגענאַרטיג שעהנע געביידע האָט זיך אָנגעהויבען בויען נאָך אין 1913, אָבער די קורסען האָבען זיך אָנגעפאנגען ערשט אין 1925.

בית־ספר למסחר. — אַ קאָמערץ־שולע, געגרינדעט אין תל אביב אין 1919.

בית־ספר למסחר. — אין ירושלים, מיט דער זעלבער פּראָגראַם און צוועק. ביידע ווערען אויסגעהאלטען פון ועד־החנוך, וועלכער איז פינאַנסירט פון קרן היסוד.

בית־ספר־הקלאי, לצעירות. — אַן אַגריקולטורעלע שולע פאַר מיידלאך, אין דער גרויסער פערמע נהלל. דאָרט ווערט געלערענט ווי אזוי צו פיהרען אַ הויזווירטשאַפט אזוי גוט ווי פעלד־אַרבייט, היגיענע און מוטערליכע וויסענשאַפט. געגרינדעט אין 1924.

בית־מדרש לנגינה. — אין ירושלים. אַ מיטעל־שולע פאַר מוזיק. געגרינדעט אין 1920.

בית־מדרש לנגינה. — אין תל אביב, וואָס הייסט „שולמית". געגרינדעט אין 1912.

בית־העם. — אין ירושלים. דאָס איז דאָס

ירושלים'ער פאָלקס־הויז, וואָס געפינט זיך אין אַ שעהנער געביידע מיט אַ היבשען גאָרטען. האָט אַ לעזע־זאַל מיט אַ בופעט און אַ ביבליאָטעק מיט צימערען פאַר באַנקעטען, פאַרזאַמלונגען און צייטפאַרוויילונג. געגרידעט אין 1910.

בית־העם — אין תל־אביב, לויט דעם זעלבען פּלאַן און פאַר'ן זעלבען צוועק. געגרינדעט אין 1921.

בית העם'ן זיינען אויך פאַראַן אין אַ קלענערען מאַסשטאַב אין חיפה, טבריה און פתח־תקוה און אין עטליכע אַנדערע פּלעצער.

בית־הפּועלים. — אין תל־אביב. אַ שיין אַרבייטער־הויז, לויט דעם פּלאַן פון א בית־עם, אָבער הויפּטזעכליך פאַר די באַדערפעניש'ען פון דער אַרבייטערשאַפט. די אַרבייטער אַליין האָבען ניט נאָר געגעבען די מיטלען אויף דעם, נאָר יעדער האָט געגעבען אַ פּאָר טעג אַרבייט אָדער מעהר און זיי האָבען אַליין געטראָגען די ציגעל, געמאַכט פענסטער און טירען און עס אויפגעבויט.

בית־הפּועלים. — אין חיפה, האַלט זיך אין בויען, אויפ'ן זעלבען שטייגער. ביידע געביידעס ווערען פאַרוואַלטעט פון דער „הסתדרות".

בית־חנוך עורים. — אַ שולע, וואו מען לערענט בלינדע מיידלאַך און איינגלאַך, צו שרייבען און לייענען. מען לערענט זיי דאָרטען אויך מוזיק און הויפּטזעכליך א פאַך, מיט וועלכען זיי זאָלען שפּעטער קענען אויף זייער לעבען פאַרדינען, ווי פלעכטערייען, בערשטלאַך מאַכען און זיין מוזיקער. זייער אָרקעסטער איז איינער פון די בעסטע אין לאַנד. געגרינדעט אין 1900.

שעורים למשפּט. — די רעגירונגס־שולע פאַר יוריספּרודענץ. יעדער וועלכער האָט געענדיגט אַ מיטעל־שולע ווערט אַהין צוגענומען אויף אַ קורס פון 2־3 יאָהר און האָט דאָס רעכט צו פּראַקטיציר'ען אַלס אַדוואָקאַט, ווען ער ענדיגט. לעהר־שפּראַכען: ענגליש, העברעאיש און אַראַביש.

בית־ספר למלאכה. — אַ פאַך־שולע, אין ירושלים. געגרינדעט פון „אליאַנס איזראַעליט" אין 1882. הויפּט שפּראַכען: העברעאיש און פראַנצויזיש.

ועד העיר. — יעדע שטאָט כמעט אין א"י האָט אַ ועד־העיר, ס'מיינט א געמיינדע־קאָמיטעט, וועלכער פאַרוואַלטעט מיט געזעלשאַפטליכע ענינים, זי וועהלט מיטגלידער צום „משפּט השלום" און האָט אַ סך אַנדערע פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבען. איהרע אַ באַשטימונג איז אַ חוב פאַר דער באַפעלקערונג. זיי זיינען פון דער רעגירונג סאַנקציאָנירטע אנשטאַלטען. אין מעהרערע פון זיי האָט די „הסתדרות" אַ מעהרהייט.

ועד המושבה. — דער קאָמיטעט פון אַ קאָלאָניע, געוועהלט פון די קאָלאָניסטען לויט פאַרשידענע סיסטעמען. אין א סך פּלעצער האָבען נאָך ניט די אַרבייטער קיין שטים־רעכט, אויב זיי פאַרמאָגען ניט קיין האָב־און גוטס אין דער קאָלאָניע. די באַשטימונג פונ'ם ועד המושבה איז אַ חוב פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע אין אַלע ענינים און קען אויסגעפיהרט ווערען דורכ'ן רעגירונגס געריכט און דורך רעגירונגס־מאַכט.

# לאַנדווירטשאַפטליכע און קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפטען.

## חברת הכשרת־הישוב בארץ־ישראל.

אַ געזעלשאַפט געגרינדעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף אַיינצוקויפען דעם באָדען אין ארץ־ישראל, פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. זי איז דער יורידישער פּערזאָן, וועלכע קויפט איין דעם באָדען און זי גיט עס איבער, דאָס הייסט, זי פאַרקויפט עס צו דעם קרן־קימת, אָדער צו אַנדערע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען און צו פּריוואַט פּערזאָנען, איבערלאָזענדיג זיך פאַר איהרע אויסגאַבען אַ קליינעם פּראָצענט. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1908 און איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אין ענגלאַנד אַלס אַקציע־געזעלשאַפט. זי האָט אַליין איינגעקויפט כמעט דעם גאַנצען באָדען, וואָס געפינט זיך איצט אין אידישע הענט. זי באַשעפטיגט זיך אָבער ניט מיט קאָלאָניזירען מענשען אויף איהר באָדען, זי קויפט נאָר און פאַרקויפט.

## קרן־קימת לישראל.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד, וועלכער איז די שעהנסטע אינסטיטוציע ביי דעם אידישען פאָלק און דער שטאָלץ פון אונזער אויפבויאונגס אַרבייט אין ארץ־ישראל. דער קרן־קימת קויפט באָדען און פאַרקויפט עס מעהר קיינמאָל ניט צו קיינעם. דער באָדען, וואָס ווערט געקויפט דורך דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, בלייבט אויף אייביג דאָס אייגענטום פונ׳ם גאַנצען אידישען פאָלק. אויף דעם נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען באַזעצט מען די חלוצים, זיי בעאַרבייטען דעם באָדען און בויען אויס אויף איהם דערפער און קאָלאָניעס און צאָלען צינזען צו דעם נ. פ. אַזוי לאַנג ווי זיי ווילען בלייבען אויפ׳ן באָדען. דאָס רעכט צו זיצען אויף דעם באָדען לאָזען זיי איבער צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אַזוי לאַנג ווי זייערע דורות וועלען זיצען אויפ׳ן באָדען און צאָהלען צינזען פאַר איהם צו אונזער נאַציאָנאַל־פאָנד. די צינזען זיינען גערעכטע און קליינע און צאָהלען זיך אין ראַטען.

דער קרן־קימת אָדער נאַציאָנאַל־פאָנד, איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1901 אויפ׳ן 5טען קאָנגרעס אין באַזעל, אָבער אויפ׳ן ערשטען ציון־קאָנגרעס איז שוין דער פּלאַן אַרויפגעבראַכט געוואָרען פון פּראָפעסאָר שאַפּירא. איצט פאַרמאָגט דער נאַציאָנאַל־פאָנד 185,000 דונאם באָדען און שטרעבט מיט אַלע כחות צו קויפען און אויסלייזען נייע שטחים באָדען. ניט נאָר קויפט דער קרן־קימת דעם באָדען, נאָר ער פאַרפלאַנצט איהם אויך מיט ביימער, פאַרזייהט וועלדער און מאַכט געזונט דעם קלימאַט פון דעם לאַנד און פרוכטבאַר די אַרומיגע שטרעקעס מיט דעם, וואָס די וועלדער פאַרהאַלטען די נאַטירליכע פייכטקייט פונ׳ם באָדען. דער קרן־קימת האָט עס געגעבען דעם באָדען פאַר דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים, פאַר די גימנאַזיעס און שולעס און סעמינאַריומס און קינדער־גערטנער איבער׳ן גאַנצען לאַנד. איצט דערנעהנטערט זיך דער אייגענטום־באָדען פון קרן־קימת צו 200 טויזענט דונאָם. די געלטער פון קרן־קימת ווערען געזאַמעלט דורך סענטען און קליינע מטבעות, וואָס מען וואַרפט אַריין אין די קרן־קימת־פושקעס, און דורך מתנות און זאַמלונגען. דאָס איז איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע פאָנדען ביי דעם אידישען פאָלק. ער ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ דירעקטאָריום, וועלכער ווערט געוועהלט אויף די ציון־קאָנגרעסען, וואו עס ווערט אויך אָפּגעגעבען אַ דין־וחשבון פון זיין טעטיגקייט, פון זיינע אַלע הכנסות און הוצאות. איצט איז דער פיהרער און פאַרוואַלטער פון קרן־קימת מנחם אוסישקין. עס זיינען אין דירעקטאָריום פאַרטראָטען פאָרשטעהער פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, און דער אַרבייטער־פאָרשטעהער איז דאָרטען ב. כצנלסן. דער הויפּט־זיץ פונ׳ם קרן־קימת איז אין ירושלים.

## נ י ר.

אַ הסתדרות לאַנדווירטשאַפטליכע אַנשטאַלט, געגרינדעט פונ׳ם „מרכז־הקלאי“, דאָס איז אַן אַרבייטער־געזעלשאַפט, געגרינדעט אויף אַקציעס און קאָנטראָלירט פון דער הסתדרות. איהר צוועק איז צו אָרגאַניזירען אַרבייטער־ישובים אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, קבוצות און קבוצים, לויט דעם פּרינציפּ פון עבודה־עצמית.

## קרן־היסוד.

דער קרן־היסוד איז ערשט דאָס יאָהר אַריבערגעפיהרט געוואָרען אין ארץ־ישראל. זיין הויפּט־זיץ איז אין ירושלים. דער דאָזיגער פאָנד איז ניט עהנליך צו אַנדערע נאַציאָנאַלע פאָנדען מיט דעם, וואָס ער קויפט ניט קיין באָדען און ער קאָלאָניזירט ניט, נאָר ער גיט די געלטער און די מיטלען אויף אויפצובויען דיווירטשאַפטען. אַז מען האָט שוין דעם באָדען, וועלכען דער נאַציאָנאַל־פאָנד גיט, מוז מען ערשט האָבען הייזער און שטאַלען, און שפייכלערס, און אַרבייט־בהמות, און דעם גאַנצען אינוועטאַר — דאָס קויפט־איין דער קרן־היסוד. ער איז דער פאַקטישער אויפבויפאָנד. אָבער ער פינאַנסירט, ניט נאָר די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטליכע אויפבויאונגס־אַרבייט אין ארץ־ישראל, ער האַלט אויך אויס אַלע ציוניסטישע ערציהונגס־אַנשטאַלטען, גיט צושטייער דער עליה, האַלט אויס אַ סך האָספּיטעלער און בויט אַלע געזעלשאַפטליכע און נאַציאָנאַלע בנינים.

דער קרן היסוד האָט אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט אין אַפּריל 1921 און האָט אויסגעגעבען אויף דער עליה אַליין 250,000; אויף געזעלשאַפטליכע אַרבייטען 150,00; און אויף ערציהונג 400,000 פונט סטערלינג; 170,000 פאַר געזונדהייט באַדערפעניששען און 600,0000 פונט סטערלינג פאַר לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז נאָר אַ טייל פון די אויסגאַ־

בען פון קרן־היסוד. דער דירעקטאָריום פונ׳ם קרן־היסוד ווערט באַשטימט פונ׳ם קאָנגרעס וואו עס ווערט אָפּגעגעבען אַ דין־וחשבון פון די געלטער. ער באַשטעהט איצט פון יושב־ראש י. נוידיטש און דירעקטאָר, בערטאָלד פייוועל, מיט דירעקטאָרען: א. ברט, ג. האַלפּערין, ש. קאַפּלאַנסקי, ע. ניומאַן, מ. רוטנבערג, ה. ל. סימאָנס און ליאָ הערמאַן אַלס סעקרעטאַר.

## פ י ק ״ א .

אַ ראשי־תיבות פון אידישער קאָלאָניזאַציאָנס אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל; געגרינדעט איז זי פון די געלטער וואָס באַראָן הירש האָט איבערגעלאָזען פאַר עהנליכע צוועקען און ווערט איצט פאַרוואַלטעט פון באַראָן ראָטשילד אין פּאַריז. דער באַראָן ראָטשילד האָט אויסגעבויט די עלטסטע קאָלאָניעס פון ארץ־ישראל און האַלט נאָך איצט אויך ביים אויפשטעלען נייע. פּיק״א קויפט דעם באָדען אין לאַנד און פינאַנסירט אויך די ווירטשאַפט, פאַר וועלכע די קאָלאָניסטען צאָהלען אויס אין ראַטען דעם אַריינגעלעגטען קאַפּיטאַל. פּיק״א האָט אויך אויפגעשטעלט ערציהונגס אַנשטאַלטען מיט אַ פראָ־פראַנצויזישער טענדענץ. זי איז געווען איינע פון די גאַנץ־ערשטע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען אין לאַנד, און מיט געוויסע אינטערוואַלען פאַרנעמט זי זיך מיט קאָלאָניזאַציע פאַר די לעצטע 40 יאָהר.

## מ ז ר ח י .

די אָרגאַניזאַציע פון די רעליגיעזע ציוניסטען. „מזרחי״ האָט אויך אַן אָפּטיילונג פאַר קאָלאָניזאַציע, איהר טעטיגקייט איז נאָך דערוויילע אַ התחלה. זי געהט לויט דער סיסטעם פון אַנדערע פריוואַטע קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפטען.

## קהילת־ציון.

איינע פון די וויכטיגסטע פריוואַטע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען (ענגלישער נאָמען „זייאָן קאָמאָנוועלטה״). זי איז צוגעטראָטען צו אַן אינטענסיווער טעטיגקייט באַלד נאָך דער מלחמה און האָט פון יענער צייט אָן אָפּגעקויפט גרויסע שטרעקעס באָדען, וועלכען זי פאַרקויפט צו פריוואַטע פּערזאָנען און צו גרופּען, מיט קליינע פּראָפיטען. זי האָט אויך געגרינדעט פאַרשידענע קאָלאָניזאַציאָנס־אַנשטאַלטען אין ארץ ישראל, ווי אַן אַגראַר־באַנק און אַ היפּאָטעקען (מאָרטגיידזש) באַנק; זי טוט נאָך אַרבייטען וועלכע העלפען דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון לאַנד.

## מ ש ק .

אויך אַ פריוואַטע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט, געגרינדעט פון רוסישע אידען, אין יאָהר 1923. איהר גרונד־קאַפּיטאַל איז 50,000 פונט סטערלינג. זי קויפט און פאַרקויפט באָדען, מיט ניט קיין גרויסע פּראָפיטען.

## הכשרת מפרץ היפה

אויך אַ פריוואַטע לאַנדווירטשאַפטליכע געזעלשאַפט, קאָמבינירט פון „קהלת־ציון״ און „משק״ און אַנדערע געזעלשאַפטען, פאַר דעם צוועק צו ענטוויקלען און אויסנוצען דעם גרויסען שטח באָדען לעבען חיפה.

## ג א ו ל ה .

אַן אַלטע לאַנדווירטשאַפטליכע געזעלשאַפט געגרינדעט אין 1904 און אינקאָרפּאָרירט פון דער רעגירונג. איהר הויפּט טעטיגקייט איז איינצוקויפען און פאַרקויפען באָדען פאַר בוי־פּלעצער נאָהענט צו שטעדט און דערפער. זי פיהרט אויך דורך וואַסער־לייטונג און טרוקענט אויס זומפּען.

## חברה לסדור משקים זעירים.

אַ געזעלשאַפט פאַרוואַלטעט פון דר. סאָסקין, י. ראַזאָוו און קאַפּלאַנסקי. דאָס איז אַ ציוניסטישע געזעלשאַפט, ניט געגרינדעט אויף פּראָפיטען, וועלכע האָט דעם צוועק אויסצופיהרען דר. סאָסקינ׳ס פּלאַן, וועלכער באַשטעהט אין באַזעצען חלוצים אויף קליינע שטרעקעס לאַנדווירטשאַפטליכען באָדען מיט אַן אינטענסיווער ווירטשאַפט פון גרינס און אַנדערע פּראָדוקטען וועלכע פאָדערען ניט קיין סך באָדען.

# די ארץ־ישראל׳דיגע ציוניסטישע עקזעקוטיווע.

די ארץ־ישראל׳דיגע ציוניסטישע עקזעקוטיווע איז אַ טייל, אַן אָפּטיילונג פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. זי ווערט געוועהלט יעדעס מאָל אויף צוויי יאָהר, אויפ׳ן ציון קאָנגרעס, כדי צו פאַרוואַלטען מיט אַלע ענינים אין ארץ־ישראל. אין איהר

דאַרפען זיין און זיינען פאַרטראָטען די דריי הויפּט שטרעמונגען אין ציוניזם: די אַלגעמיין בירגערליכע, די אַרבייטער ריכטונג און די מזרחי. די ארץ־ישראל עקזעקוטיווע באַשטעהט פון דריי מיטגלידער וועלכע זיינען: קאָלאָנעל קיש, וועלכער איז דער פיהרער פון דער עקזעקוטיווע; ער פאַרטרעט דעם אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט פון די בירגערליכע ציוניסטען; יוסף שפּרינצאַק איז לויט זיין פּאַרטיי אָנגעהעריגקייט אַ מיטגליד פון „הפועל־הצעיר״ אָבער אויך אַ מיטגליד פון דער הסתדרות. ער איז געווען דער קאַנדידאַט פאַר דער עקזעקוטיווע פון דעם אַרבייטער־בלאָק וועלכער איז צושטאַנדע געקומען אויפ׳ן לעצטען ציון־קאָנגרעס אַ דאַנק דער פאַראייניגונג פון אַלע ציון־אַרבייטער ריכטונגען; דער דריטער מיטגליד איז פּראָפעסאָר ח. פּיק, אַ מזרחי.

די עקזעקוטיווע האָט אַ סעקרעטאַריאַט, אַ פּאָליטישע אָפּטיילונג, אַ פינאַנס אָפּטיילונג, אַן עליה אָדער עמיגראַציע אָפּטיילונג, אַ לאַנדווירטשאַפטליכע, אַן אַלטערטום, אַ געזונדהייט, אַן ערציהונג און אַן אַרבייט אָפּטיילונג, ווי אויך אַן אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ און אַ ביוראָ פאַר טוריסטען.

איהר מזכירות. אָדער סעקרעטאַריאַט פאַרנעמט זיך מיט דער צענטראַליזירונג פון אַלע דערמאָנטע דעפּאַרטאַמענטען און מיט דער אַלגעמיינער טעטיגקייט פון דער עקזעקוטיווע.

די פּאָליטישע אָפּטיילונג פאַרנעמט זיך מיט פיהרען אַלע פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם נציב העליון, מיט אַראַבישע פאָרשטעהער און מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע אָרגאַנען אָדער קערפּערשאַפטען. זי שטרעבט צו פאַרווירקליכען דעם מאַנדאַט אין לאַנד און שאַפען פאַר ארץ ישראל גינסטיגע פּאָליטישע אומשטענדען פאַר דעם אויפבוי פון אונזער היים. אין דער שפּיצע פון דער אָפּטיילונג שטעהט קאָלאָנעל קיש, זיין סעקרעטאַר איז מ. נעמני, וועלכער שטעהט אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער קאָנסולאַט אַרבייט.

פינאַנס אָפּטיילונג. די פינאַנס אָפּטיילונג זאָרגט צו שאַפען די נויטיגע סומען פאַר אַלע בודזשעטען פאַר דער גאַנצער אַרבייט אין לאַנד, סעקרעטאַר איז א. בבלי.

עליה אָדער אימיגראַציע־אָפּטיילונג. אָרגאַניזירט און קאָנטראָלירט די גאַנצע אימיגראַציע אין לאַנד און שטעהט אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ציוניסטישע עמיגראַציע־ביוראָס אין חוץ־לארץ אין די פאַרשידענע האַפען־שטעדט. זי שטיצט די אימיגראַציע און האַלט אויס די בתי־עולים אין יפו, חיפה און ירושלים. דאָס זיינען גרויסע גוט איינגעאָרדענטע געביידעס וואו דער אימיגראַנט פאַרברענגט אַ וואָך אָדער צוויי, ווען ער קומט אָן אין ארץ ישראל. ער באַקומט אויסער דירה אויך שפּייז און אַלע ידיעות וועלכע זיינען איהם נויטיג אויף צו אָריענטירען זיך און געפינען אַ באַשעפטיגונג. די סעקרעטאַרען זיינען י. גאָרדאָן און ח. באַרלאָס.

לאַנדווירטשאַפטליכע אָפּטיילונג. אין דער שפּיצע פון איהר שטעהט קאַפּלאַנסקי, מיטגליד פון פועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד. זיינע געהילפען און סעקרעטאַרען זיינען: אַגראָנאָם דוד שטערן, קורט, דר. רופין, און ב. יפה. דער לאַנדווירטשאַפטליכער דעפּאַרטאַמענט פירט דורך די גאַנצע קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבייט, ער פינאַנסירט זי און קאָנטראָלירט זי און פירט אויס אַלע אַגריקולטורעלע אויסבעסערונגען און די גאַנצע פּראָגראַם פון לאַנדווירטשאַפטליכער אויפבויאונג.

אַלטערטום אָפּטיילונג. האָט די אויפגאַבע צו זאַמלען און האַלטען אויסגעשטעלט אַלע זאַכען וואָס קענען זיין ווערטפול אויף אַלע געביטען, סיי פאַר וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונגען, סיי פאַר פּראַקטישע באָבאַכטונגען, דירעקטאָר איז ש. עטינגער.

אַרבייט־אָפּטיילונג. די אַרבייט־אָפּטיילונג זאָרגט פאַר דער אויסבעסערונג פון אַרבייטס מעגליכקייטען, פאַר שאַפען אַרבייט און פינאַנסירען נייע געביטען פון אַרבייט.

מסחר און אינדוסטריע. זאָרגט פאַר דעם עקאָנאָמישען און אינדוסטריעלען פאָרטשריט פון דעם לאַנד, אינפאָרמירט וועגען אַלע קאָמערציעלע באַדינגונגען און זוכט צו ענטוויקלען יעדען האַנדעלס געביט און שאַפען נייע מערק אין אויסלאַנד.

ערציהונג־אָפּטיילונג. פינאַנסירט אַלע שולעס אין ארץ־ישראל וועלכע געהערען צום ועד־החנוך, דירעקטאָר: י. עזריהו.

געזונדהייט־דעפּאַרטאַמענט. פאַרנעמט זיך מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום אויסבעסערען דעם געזונדהייט־צושטאַנד פון לאַנד, היגיענע און סאַניטאַרען פאָרטשריט.

אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ. ווערט געפיהרט פון ג. אַגראָנסקי, גיט אַרויס

אַלע סאָרטען ידיעות, שריפטליך און מינדליך וועגען אַלע אנגעלעגענהייטען פונ'ם לאַנד.

לשכת התירות. איז אַ ספּעציעלע ביוראָ פאַר טוריסטען, אין וועלכע דאָס לאַנד איז שטאַרק פאַראינטערעסירט; איהר פאַרוואַלטער איז אַגרונסקי.

## הדסה

„הדסה" איז אַ מעדיצינישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט און אויסגעהאַלטען פון אַמעריקאַנער ציוניסטען, זי ווערט אָנגעפיהרט פון פרויען און הייסט דאַרום „הדסה". אין 1918, באַלד נאָך דער מלחמה האָט זיך ארץ־ישראל געפונען אין אַן אויסערגעוועהנליך שלעכטען מעדיצינישען צושטאַנד. דאַן האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אויפגעפאָדערט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע עָס זאָל געשאַפען ווערען באַלדיגע מעדיצינישע הילף; אַמעריקאַנער אידען האָבען זיך אָפּגערופען. אין דעם בודזשעט פון 450,000 דאָל. איז דאָס אַמעריקאַנער אידענטום אַריין מיט 200,000 דאָלאַר. אַ גרופּע פון 44 אידישע אַמעריקאַנער בירגער, דאָקטוירים און קראַנקען־שוועסטער זיינען אָפּגעפאָהרען קיין ארץ ישראל, כדי אַליין פאַרנעמען זיך מיט דער אַרבייט. איצט זיינען פון יענער גרופּע געבליבן אין „הדסה" נאָר דריי פּערזאָן: 1 דאָקטאָר און 2 קראַנקען שוועסטער. אָבער די אָרגאַניזאַציע איז אויסגעוואָקסען אַזוי ווייט אַז זי איז אַריבערגעוואָקסען יעדע ערוואַרטונג. איצט האַלט די „הדסה" אוים אין לאַנד: 67 דאָקטוירים, 5 באַקטעריאָלאָגען, 42 דיפּלאָמירטע קראַנקען שוועסטער, 128 פּראַקטישע קראַנקען־שוועסטער און אַקושאָרקעס, 65 שילערינס קראַנקען־שוועסטער, 19 פאַרמאַצעפטען, 44 באַאַמטע, 160 ביי־אַרבייטענדע, צוזאַמען אַ פּערסאָנאַל פון 530 מענשען. איהר בודזשעט איז אַ האַלבער מיליאָן דאל. און דאָס ווערט איצט געשאַפען פון דער פרויען אָרגאַניזאַציע „הדסה" אין אַמעריקא. זי האַלט איצט אוים אין ארץ ישראל 4 האָספּיטעלער אין ירושלים, יפו, חיפה און צפת, וואו מעדיצינישע הילף ווערט געגעבען צו קריסטען, אידען און אַראַבער אָהן אויסנאַם. עס זיינען פאַראַן אָפּטיילונגען פאַר קינפּעטאָרינס, פאַר קינדער־קראַנקהייטען, כירורגיע, אינערליכע און הויט־קראַנקהייטען, נערוועז־קראַנקהייטען און נאָז, מויל, האַלז און אויער קראַנקהייטען, ווי אויך באַקטעראָלאָגישע, כעמישע און פּאַטאָלאָגישע אָפּטיילונגען. ספּעציעלע אָפּטיילונגען ווערען אויסגעהאַלטען פאַר דער מלחמה מיט מאַלאַריע און טראַכאָמע און אַ באַזונדער אָפּטיילונג פאַר טובערקולאָזע. הגם דאָס לאַנד אַליין איז כמעט ווייניג פעהיג פאַר טובערקולאָז־קראַנקע, איז עס אָבער אַ הילף פאַר די וואָס קומען אַהער זיך היילען פון חוץ־לארץ. אין 1925 האָט די „הדסה" געגעבען מעדיצינישע הילף צו 542,584 פּערזאָנען אָהן אויסנאַם פון גלויבען און ראַסע.

## די קופּת־חולים.

איז נאָך „הדסה" די גרעסטע מעדיצינישע הילף אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, געגרינדעט און אויסגעהאַלטען פון דער אַרבייטערשאַפט אַליין, דאָס איז אַ הסתדרות אָרגאַניזאַציע און ווערט אויסגעהאַלטען פון חברים־אָפּצאָלונגען און מתנות. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין 1921 און האָט איצט מעדיצינישע קליניקס אָדער סטאַנציעס, אין 50 אַרבייטער ישובים. זי האָט אַן אייגענעם פּערסאָנאַל פון 53 דאָקטוירים, 33 קראַנקען־שוועסטער, פאַרמאַצעפטען. אויף וויפיל אַראַבער אָדער אַנדערע פעלקער זיינען אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון דער הסתדרות און צאָהלען שטייערען אין קופּת־חולים, קענען זיי זיין גלייכבאַרעכטיגטע חברים אין קופּת־חולים. זי האָט איצט אַן אייגענעם סאַנאַטאָריום אין מוצא און אַ צווייטען אין עמק; דער ווערט פון איהר פאַרמעגען איז 21,890 פונט סטערלינג.

## שפּיטאָלען.

שערי צדק, ירושלים, איז איינער פון די עלטסטע אידישע שפּיטאָלען אין לאַנד; ער איז געגרינדעט אין יאָהר 1901 און ווערט פאַרוואַלטעט פון דר. וואָלאַך, איינער פון די גרויסע עקספּערטען אין לאָקאַלע קראַנקהייטען. דאָס איז זעהר אַ שעהנע און אָריגינעלע געביידע, מיט אַלע מאָדערנע אינסטאָלאַציעס, אַרומגערינגעלט פון אַ פּראַכטפולען גרויסען גאָרטען. איבערהויפּט איז דאָ גוט אַנטוויקעלט די כירורגישע אָפּטיילונג.

בקור חולים איז אָבער אַ סך עלטער פון שערי צדק און זיין געשיכטע איז פאַרבונדען מיט אַ סך ערשיינונגען, איינגעקניפּטע אין דעם קאַמף פונ'ם אידישען ישוב פאַר זיין עקזיסטענץ. מיט 70 יאָהר צוריק, אין 1856, האָט דער האָספּיטאַל אָנגעפאַנגען עקזי־

סטירעט אין אַן אַלטער חורבה אויף איינע פון די טרעפּ אויפ'ן באַרג ציון. שפּעטער, ווען משה מאָנטעפיאָרע איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער געלייגט דעם ערשטען שטיין פאַר איהר נייער געביידע אין דעם אַלטען שטאָדט־טייל. דער האָספּיטאַל האָט זיך אָבער באַלד אַזוי צוואוואָקסען, אַז מ'האָט געדאַרפט אַ נייע געביידע און אין 1911 איז ווירקליך אויסגעבויט געוואָרען אַ נייע אָריגינעלע און פּראַכטפולע געביידע אין צענטער פון ירושלים. ער האָט זיך אָבער געעפענט ערשט אין 1924. די אַלטע געביידע איז איצט געבליבען אַלס סניף.

משגב לדך איז אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון ספרד'ישע אידען. ער איז אָבער געגרינדעט פון ראָטשילד'ן און נעהמט צו קראַנקע אומזיסט. ער האָט אַ פּאָליקליניק און ווערט אויסגעהאַלטען פון מתנות און זאַמלונגען

בית־מרפא לחולי־רוח איז אַ האָספּיטאַל פאַר גייסטיג־קראַנקע, אין ירושלים, אויסגעהאַלטען פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע. ער געפינט זיך אויף איינעם פון די שעהנסטע פּלעצער אין ירושלים און איז איינגעאָרדענט לויט די לעצטע ערפינדונגען אין דער וויסענשאַפט פון גייסטיג־קראַנקע.

אַנדערערע האָספּיטאַלען אידישע זיינען פאַראַן 12 אין לאַנד, הויפּטזעכליך פון „הדסה" און קופּת־חולים; אויסער אַמבולאַטאָריעס און פּאָליקליניקס כמעט אין יעדען קלענסטען ישוב פונ'ם לאַנד.

קריסטליכע און מוסולמאַנישע האָספּיטאַלען זיינען פאַראַן נאָר אין עטליכע שטעדט. דער ענגלישער אויגען־האָספּיטאַל אין ירושלים איז גאַנץ פּאָפּולער. אויסער דעם איז פאַראַן אַ האָספּיטאַל פאַר קרעציגע און מיסיאָנערישע האָספּיטאַלען פון יעדער קריסטליכער סעקטע, פאַרוואַלטעט פון מאָנאַכען.

מושב־זקנים, איז אַ היים פאַר אַלטע מענער און פרויען, וואוהין זיי ווערען צוגענומען פאַר מינימאַלע איינצאָהלונגען און זעהר אָפט אומזיסט, ביז דער ענדע פון זייער לעבען. דאָס איז אַ סעריע פון אויסגעשפּרייטע שעהנע געביידעס אין אַ זעהר גרויסען הויף און אַרומגערינגעלט און דורכגעוועבט מיט מאָדערנע גערטנער, מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. זיי האָבען דאָרטען אייגענע בתי־מדרשים, אַן אייגענעם האָספּיטאַל, קיכען און וועשערייען און ביבליאָטעקען. ער געפינט זיך אויף איינעם פון די ירושלים'ער בערגלעך, אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, מיט די הרי יהודה אַלס פּערספּעקטיווע. די אַנשטאַלט איז געגרינדעט געוואָרען אין 1880 און האָט זיך געהאַלטען אין שטענדיגען אַנטוויקלען און אויסבעסערען.

עס איז אויך פאַראַן אַ באַזונדער מושב־זקנים, געגרינדעט פון ספרד'ישע אידען, לויט דעם פּלאַן פונ'ם ערשטען, און אַ מושב־זקנות, פאַר אַלטע פרויען, אין תל־אָביב.

---

## בתי־יתומים.

עס זיינען פאַראַן 4 פון די מעהר־באַוואוסטע בתי־יתומים פאַר אידישע קינדער, אַלע פיער אין ירושלים. דאָרטען באַקומען די קינדער אויסער בילדונג אויך די אויסבילדונג אין אַ פאַך. זיי ווערען אויסגעהאַלטען הויפּטזעכליך פון נדבות און שטיצע פון פאַרשידענע געזעלשאַפטען און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

# קאָלאָניעס און דערפער

## יהודה.

שכונת בורוכוב, אַ פאָרשטאָדט פון תל־אָביב אויפ'ן וועג צו פּתח־תקוה, געגרינדעט אין 1921 פון קרן־היסוד אויף נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען, אויפ'ן נאָמען פון ב. באָראָכאָוו, גרינדער און פיהרער פון פּועלי־ציון. איהר שטח איז 650 דונאַם, צו 2¾ פאַר יעדען. דער מושב לעבט אויף דער אַנטוויקלונג פון גרינס, מילך, עופות און בלומען. ער באַשטעהט פון 250 נפשות, אויסער דעם געפינט זיך אין דער שכונה אַ מיידעלשע קבוצה. יעדע האַלבע שעה געהט פון דאַנען אַ קאַר קיין תל־אָביב.

נחלת־יצחק. צווישען שרונה און שכונת בורוכוב. באַשטעהט פון 84 ווירטשאַפטען, צו 5 דונאַם יעדע. זי באַשעפטיגט זיך הויפּטזעכליך מיט גרינס, מילך און עופות.

רמת־גן, אַ פאָרשטאָדט פון תל־אביב, אַ 5 מייל פון יפו. געגרינדעט אין 1921. איהר שטח איז 1500 דונאַם, צוטיילט צווישען 240 ווירטשאַפטען, צו 5 דונאם פאַר יעדער.

זי באַשטעהט איצט פון הונדערט און צוואַנציג משפחות, וועלכע האָבען אַנטוויקעלט אַן אינטענסיווע ווירטשאַפט פון גרינס, מילכיגס און בינען. אַן אויטאָ געהט פון דאַנען יעדע האַלבע שעה נאָך תל־אָביב.

נחלת־גנים געפינט זיך אין צפון־זייט פון רמת־גן. געגרינדעט אין 1925 און באַשטעהט פון 280 דונאַם, צוטיילט צווישען 50 ווירטשאַפטען; 60 אייגוואוינער זיינען אַממערסטען בעלי־מלאכות, וועלכע אַרבייטען אין שטאָדט.

ארטין, אַ קליינער ישוב, הויפטזעכליך פאַר פראָדוצירען זריעה פאַר פלאַנצונגען און בלומען. ער באַשטעהט פון 100 דונאַם באָדען, אויף וועלכען עס לעבען 10 משפחות. דער ערשטער ישוב, וועלכער פראָדוצירט אויך פאַר אויסלאַנד.

שכונת־שיינקין, נעבען שכונת־בורוכוב, אַ מושב־עובדים. בעשטעהט פון 600 דונאַם באָדען. איז געגרינדעט פון קהלת־ציון.

בני־ברק, אַ נייער ישוב, געגרינדעט אין 1924 פון פוילישע אידען אויפ׳ן אָרט פון אַלטען היסטאָרישען דאָרף, וואָס האָט אַמאָל געטראָגען דעמזעלבען נאָמען. דער שטח באָדען איז 1330 דונאַם, 5 דונאַם פאַר יעדער ווירטשאַפט. דער ישוב האָט 550 נפשות, וועלכע לעבען, אויסער אויף קליינער פלאַנטאַציע, אויך אויף שפינעריי און אַנדער קליין־אינדוסטריע.

פתח־תקוה. די גרעסטע און איינע פון די עלטסטע קאָלאָניעס אין יהודה. איז געגרינדעט געוואָרען אין 1878 מיט דער הילף פון באַראָן ראָטשילד. איהר שטח באָדען באַשטעהט היינט פון 25,807 דונאם אַקערבוי באָדען און 15,800 פאַר פלאַנטאַציע, ווי אָראַנזשען, מאַנדלען, אָליווען, וויינטרויבען און אַנדערע פרוכט. אויסער דעם האָט זי 500 דונאם וואַלד, הויפטזעכליך פון עקאַליפטוס בוימער. עס געפינט זיך אין איהר אַ לאַנדווירטשאַפטליכע עקספערימענטען סטאַנציע, אַ פאָסט, טעלעגראַף, טעלעפאָן און אַן עלעקטרישע סטאַנציע. זי האָט מעהרערע שולעס, אַ אידישע פאָליציי אָפטיילונג, האָטעלען, ביבליאָטעקען, דרוקערייען, טעאַטער־האָלען און אַ גוטען קינעמאַטאָגראַף. די הסתדרות האָט דאָ אַ שעהנע געבוידע, וועלכע איז דער אַרבייטער קלוב, און אַ שעהנע שולע. אַ שטענדיגער פאַרקער פון אויטאָמאָבילען און דיליזשאַנסען פאַרבינדט די קאָלאָניע מיט תל־אביב און יפו. איהר באַפעלקערונג באַשטעהט פון 7000 נפשות, צווישען זיי 500 תימנים. זי געפינט זיך 16 קילאָמעטער אין צפון־מזרח פון יפו, אין דעם עמק־השרון. זי ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ ועד־המושבה, געוועהלט בלויז פון מענער און גוטס־באַזיצער, וועלכער האָט אויך אַלע יורידישע רעגירונגס רעכט. פתח־תקוה רופט מען „אם המושבות” די מוטער פון די יהודה׳ר קאָלאָניעס.

עין־גנים. געגרינדעט אין 1908 דורך דעם חובבי־ציון קאָמיטעט פון אָדעס. זי שטעהט אויפן שוועל פון פתח־תקוה און פיל פון איהרע איינוואוינער באַקומען באַשעפטיגונג אין פתח־תקוה. איהר שטח באָדען באַשטעהט פון 765 דונאם און העלפט פון דעם איז געפלאַנצט מיט אָראַנזשען, לימענעס און אתרוגים. איהרע 250 נפשות לעבען פון פלאַנטאַציע, גרינס, ביענען און מילכיגס.

פדגה. אַ גאָר נייער ישוב נעבען עין־גנים. באַשטעהט פון 840 דונאם באָדען, באַזעצט פון דריי „מזרחי” קבוצות און אַ פלאַץ פאַר אַ בית־יתומים.

כפר־גנים. אין מערב־זייט פון פתח־תקוה. האָט 3000 דונאם באָדען. אַ טייל דערפון באַלאַנגט צום נאַציאָנאַל־פאָנד, אויף וועלכען עס דאַרף זיך באַזעצען די גרופע „התחיה” און אויפ׳ן איבעריגען באָדען באַזעצען זיך די קאָלאָניסטישע קינדער פון פתח־תקוה.

גבעת־השלושה. אויף דעם גרעניץ פון כפר־גנים און באַשטעהט פון אַ הסתדרות־קבוצה פון 250 חברים וועלכע האָבען זיך ערשט ניט לאַנג באַזעצט. זי אַרבייט קאָאָפעראַטיוו און האָט שוין אויפגעשטעלט אַ שעהנע פערמע אויף 96 דונאם.

קרית־שאול. אַ קליינינקע קאָלאָניע פון ספרד׳ישע אידען, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט פון סמירנאַ, סאַלאָניקי און אַנדערע גריכישע שטעדט. באַשעפטיגען זיך מיט גערטנעריי און מילכיגס; 30 משפחות.

עיר־שלום. באַשטעהט פון 2000 דונאם, אויסגעטיילט אין 5 דונאם פאַר אַ משפחה. דאָס איז אַ גערטנעריי־ישוב, וואו עס געפינען זיך דערווייל נאָר באַראַקען אַנשטאָט הייזער.

הרצליה. 14 קילאָמעטער ווייט פון תל־אביב אין צפון־זייט, אויפ׳ן ברעג ים. האָט

13000 דונאם באָדען, געקויפט פון „קהילת־ציון” און אויספאַרקויפט צו קליינע אייגענטימער. דאָרטען האָבען זיך באַזעצט צווישען אַנדערע, אַ סך אַמעריקאַנער בירגער. דער ישוב באַשטעהט שוין פון 350 נפשות, וועלכע לעבען אין 70 הייזער. דאָ ווערט ענטוויקעלט אַ גוטע באַנאַנעס־פּלאַנטאַציע. וואַסער־בירקעס פון די רוימישע צייטען זיינען דאָ ענטדעקט געוואָרען און זיינען איצט ניצליך פאַר די קאָלאָניסטען.

ארסוף. אויך אויפ׳ן ברעג ים, אין שכנות פון הרצליה. דאָס איז אַ נייער ישוב פון פוילישע מזרחיסטען וועלכער באַזירט זיך אויף פּלאַנצונגען. דער שטח באָדען איז 3600 דונאם. איינוואוינער לעבען נאָך אין באַראַקען.

מגדיאל. 4 קילאָמעטער אין צפון־זייט פון פתח־תקוה. געגרינדעט אין 1924, פון ליטווישע אידען, אויף אַ שטח פון 6500 דונאם, אויסגעטיילט אין 50 דונאם פאַר אַ משפחה. די ווירטשאַפט איז באַזירט אויף פּלאַנטאַציע פון באַנאַנעס, גרינס און אתרוגים. 200 נפשות.

כפר־מלל. געפינט זיך 7 קילאָמעטער אין צפון־זייט פון פתח־תקוה, אין עמק־השרון. געגרינדעט אין 1912 פון פתח־תקוה׳ר קאָלאָניסטען און רומענישע אידען. איהר שטח באָדען איז 6400 דונאם און זי ערנעהרט 150 נפשות וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט פּלאַנטאַציע, וואַלד־פּלאַנצונג און טאַבאַק. צוויי מאָל איז זי צושטערט געוואָרען און ווידער אויפגעבויט געוואָרען; איין מאָל אין דער מלחמה, דאָס צווייטע מאָל פון אַן אַראַבישען איבערפאַל אין 1921; דאָס איז אַ הסתדרות־ווירטשאַפט.

כפר־סבא. איז אין שכנות מיט כפר־מלל, געגרינדעט אין 1892. זי איז גענצליך צושטערט געוואָרען אין דער מלחמה, ווייל זי איז געשטאַנען אין פייער־פראָנט; איז אויפסניי אויפגעבויט געוואָרען פון קרן־היסוד און ווידער צושטערט געוואָרען פונ׳ם אַראַבישען איבערפאַל אין מאַי 1921. דער קרן־היסוד האָט זי צום צווייטען מאָל אָפּגעבויט און עס איז איצט ווידער אַ בליהענדער ישוב, וועלכער לעבט הויפטזעכליך פון פּלאַנצונגען. 2900 דונאם באָדען, 220 נפשות לעבען דאָ און באַשעפטיגען זיך מיט אַקערבוי.

רעננה, איז אויסגעבויט אויף די חורבות פון דער אַלטער „עזון”, ניט ווייט פון כפר־סבא, אין יאָהר 1922, פון אַמעריקאַנער בירגער. איהר שטח באַשטעהט פון 4700 דונאם. טאַבאַק און בלומען און זריעה פאַר פּלאַנצונגען זיינען די הויפט פּראָדוקציע. אָבער אויך מילך ווערט פּראָדוצירט פאַר תל־אביב, און פיה־צוכט איז גוט ענטוויקעלט, 80 נפשות.

בן־שמן, איז דריי און אַ האַלב קילאָמעטער פון דער שטאָדט לוד, וואו עס געהט דורך די אייזענבאַהן ליניע תל־אביב־ירושלים; שטעהט ביי די פיס פון די הרי־יהודה. דאָס איז קרן־קימת באָדען, געקויפט און פאַרפלאַנצט אין 1905. דאָ געפינט זיך דער „הערצל־וואַלד”. אַ הסתדרות־ישוב פון 120 נפשות באַאַרבייט דעם באָדען און פּראָדוצירט מילך, גרינס און עופות.

גזר, אויפ׳ן וועג יפו־ירושלים, איז געקויפט און אויסגעבויט פון באַראָן ראָטשילד אין 1913. איהר שטח איז 5950 דונאם גוטער אַקערבוי־באָדען, פאַר ווייץ, דורא און גראָז. דער אֶרדען „מכבים קדמונים” פון לאָנדאָן האָט צוגעקויפט נאָך 3400 דונאם, וועלכע אַ גרופּע פון דער הסתדרות באַאַרבייט, הויפטזעכליך טאַבאַק. דאָ געפינען זיך הייליגע פון אור־אַלטע קברים און פאַרציייטיגע מצבות, וועלכע באַלאַנגען צום באַראָן ראָטשילד.

סודון, איז אַ קליינינקע קאָלאָניע נעבען חולדה, ביי דער אייזענבאַהן־ליניע. באַשטעהט פון 18 משפחות פון קאַווקאַז און בולגאַריע. זיי זיינען גרויסע ספּעציאַליסטען אין טאַבאַק פּלאַנטאַציע. דער שטח באָדען איז 450 דונאם. 50 נפשות.

נחל שורק, איז אַ נייער ישוב פון בולגאַרישע אידען, אויף דער גרעניץ פון דער קאָלאָניע עקרון. דער שטח באַדען איז 900 דונאם, גוט פאַר פּלאַנצונגען. 20 נפשות.

חולדה, ליגט אויף די קניע פון די יהודה׳ר בערג, געקויפט און געגרינדעט פון נאַציאָנאַל־פאָנד, אין 1909 פאַר׳ן הערצל־וואַלד. וועמעס הכנסות דאַרפען געהן פאַר דעם אוניווערסיטעט פון ירושלים. דער שטח באַדען איז 1890 דונאם, פאַרפלאַנצט מיט אַליוועז בוימער, מאַנדלען און עקאַליפּטוס. אויף די פּליצעס פון דעם באַרג זיינען פאַרפלאַנצט קאַזואַרינעס, ארזים און אַקאַציעס. אַ הסתדרות גרופּע פון 50 נפשות באַאַרבייט דעם באָדען. באַשעפטיגען זיך אויך מיט אַקערבוי און האָדעווען עופות.

כפר־אוריה, געפינט זיך אויך אויף די קניע פון די יהודה׳ר בערג, אויף דער לינקער זייט פון דער אייזענבאַהן. איז געגרינדעט אין 1912 פון רוסישע אידען. איז אינגאַנצען צושטערט געוואָרען פון דער מלחמה. דער קרן־היסוד האָט זי ווידער אויפגעבויט און פאַרוואַנדעלט אין אַ מושב־עובדים פון דער הסתדרות. דער פלאַץ איז רייך אין גראָז, און דעריבער איז עס אַ פלאַץ פאַר פיה־צוכט.

הר־טוב, איז צוויי קילאָמעטער פון דער אייזענבאַהן־סטאַנציע. אויפ׳ן וועג פון חברון. איז געגרינדעט אין 1896 פון בולגאַרישע אידען און ערנעהרט איצט 150 נפשות, וועלכע בעאַרבייטען 5670 דונאַם באָדען, הויפטזעכליך פלאַנצונגען. די קאָלאָניע האָט אן אייגענע מיהל, אן אויל פאַבריק, 4 ציגעל־און־קאַלך ברען־אויוועגס און אן עקאַליפטוס וואַלד. זי האָט אַ שעהנעם בית־עם.

קרית ענבים, איז איינע פון די שעהנסטע רעזולטאַטען פון דער חלוצ׳ישער אָנשטרענגונג. 12 קילאָמעטער פון ירושלים, אויפ׳ן וועג קיין יפו, אויף די כמעט נאַקעטע שטיינער פון די יהודה׳ר בערג וועלכע זיינען געשטאַנען וויסט ביז 1920 ווען עס איז אַהער געשיקט געוואָרען אַ קבוצה פון חלוצים, וועלכע האָבען געלעבט אין ביידלעך און באַדעקט די שטיינער מיט ערד און פלאַנצונגען. דאָס איז אַ הסתדרות־קבוצה, וועלכע באַאַרבייט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען — 4000 דונאַם, הויפטזעכליך טרויבען פאַר׳ן עסען. דער באַרג איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין טעראַסען, וואו עס וואַקסען איצט פאַרשידענע פרות. די מילך־פערמע איז דאָ זעהר ענטוויקעלט און די מילך ווערט אויסגעבראַכט אין ירושלים. 90 נפשות זיינען זיי. אַ סך זיצען נאָך אין ביידלעך.

ארזה, איז אַ קבוצה פון דער הסתדרות, וואו עס געפינט זיך דער סאַנאַטאָריום פון דער קופת־חולים. 35 נפשות.

מוצא, איז אַ קאָלאָניע 5 קילאָמעטער אין מערב פון ירושלים. געגרינדעט אין 1890 פון יק״א. איהר הויפט פראָדוקציע איז מילך, וועלכע זי זעצט אָפ אין ירושלים.

עמק ארזים, איז אַ קליינער ישוב פונ׳ם מזרחי, נעבען מוצא. די איינוואוינער באַשעפטיגען זיך מיט גערטנעריי, שפינעריי און פלאַנצונגען.

רמה. דאָ געפינט זיך שמואל הנביא׳ס קבר. דאָס איז אַ נייער ישוב, 6 קילאָמעטער אין צפון־זייט פון ירושלים. דער שטח איז 1400 דונאַם, וועלכער באַלאַנגט צו די אידישע איינוואוינער פון ירושלים און איז גוט פאַר תבואה. יעדע משפחה באַאַרבייט 5 דונאַם.

נוה־יעקב. 7 קילאָמעטער אין צפון פון ירושלים. דאָס איז אַ קליינע קאָלאָניע געגרינדעט פונ׳ם מזרחי. איהר שטח איז 800 דונאַם גוטער באָדען פאַר תבואה. דאָ איז אַוועקגעשטעלט אַ גוטע מילך פערמע, די פראָדוקטען ווערען אָפגעזעצט אין ירושלים.

עטרות. 10 קילאָמעטער פון ירושלים, אויפ׳ן וועג קיין שכם. איז געגרינדעט פון דער חברה „הכשרת הישוב״ אין 1914, אַ טייל פונ׳ם באָדען באַלאַנגט איצט צום קרן־קימת. דאָס איז אַ מושב־עובדים פון דער הסתדרות, וועלכער באַשטעהט פון 18 משפחות. דער גאַנצער שטח איז 1317 פלאַנטאַציע באָדען. ביענען־צוכט און גערטנעריי איז דאָ שטאַרק ענטוויקעלט.

בית־וגן, איז אַ גאַר נייער ישוב אין דרום פון יפו, באַשטעהט פון 7000 דונאַם, געקויפט פון פוילישע אידען מיט דעם צוועק אויפצושטעלען אַ געמישטען ישוב פון ערד־אַרבייט און אינדוסטריע.

מקוה־ישראל, איז אַ פערמע, 3 קילאָמעטער פון יפו, אויפ׳ן וועג קיין ירושלים. זי איז געגרינדעט אין 1870 פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט „אַליאַנס איזראַעליט״, פאַר אַ צענטראַל לאַנדווירטשאַפטליכער שוהלע. איהר שטח איז 2612 דונאַם אויסגעצייכענטער באָדען און ס׳איז איצט איינע פון די מעהר בליהענדע אידישע ישובים. די שולע האָט אַרויסגעגעבען צוויי דורות פון אַקערבויער און עס איז איצט דער בעסטער פלאַץ פאַר לאַנדווירטשאַפטליכער פאַרפאָלקאָמונג. דאָ געפינען זיך 300 נפשות, פון וועלכע 180 זיינען שילער, 60 אַרבייטער און 60 באַאַמטע און לעהרער. אַלע צווייגען פון לאַנדווירטשאַפט און פלאַנטאַציע ווערען דאָ קולטיווירט, אויך פיה־צוכט און ביענען־צוכט. דאָ געפינט זיך אַ לאַנדווירטשאַפליכער מוזיי, אַ מעטעראָלאָגישע סטאַנציע, אַ רייכע פאַך־ביבליאָטעק און אַ ספאָרט־פעלד.

נחלת־יהודה, איז אַ מושב עובדים אויפ׳ן וועג צווישען יפו און ראשון־לציון. דער ישוב איז געגרינדעט פון די חובבי־ציון אין 1912 און באַלאַנגט איצט צום קרן־קימת. דער מושב באַשטעהט פון 215 נפשות, וועלכע בעאַרבייטען 750 דונאַם. דאָ איז ענטוויקעלט

גערטנעריי, ביענען און עופות און מילכיגס. דאַ איז פאַראַן אַ מיידעלשע אַקערבוי־קבוצה, וואו די מיידלאַך לערנען זיך אַלע צווייגען פון פרויען־ערד־אַרבייט.

ראשון־לציון. 15 קילאָמעטער אין דרום פון יפו. געגרינדעט אין 1882 פון רוסישע אידען מיט דער הילף פון באַראָן ראָטשילד. דאַ געפינט זיך דער באַוואוסטער „יקב", וועלכער רעכענט זיך דער צווייטער אין דער וועלט, לויט זיין גרויס. אַ מאָדערנער שאַסיי אויסגעבויט פון חלוצים, פאַרבינדט די קאָלאָניע מיט יפו און רחובות. די קאָלאָניע לעבט הויפּטזעכליך אויף פּלאַנטאַציע און האָט 2000 איינוואוינער. זי האָט גוטע שולעס, אַ ביבליאָטעק, אַן אַרבייטער קלוב, אַ לעזע־זאַל און אַ בית־עם. זי האָט אַן אייגענע פּאָסט, טעלעפאָן און טעלעגראַף ביורא, אַ פּאָליציי אַפּטיילונג און זעהר אַ שעהנע שוהל, איהר פּאַרק איז רייך מיט דער אייגענאַרטיגער ארץ־ישראל פלאָראַ, און זי רעכענט זיך פאַר דעם פערעל פון די יהודה׳ר קאָלאָניעס. אַן אויטאָמאָביל־פאַרקעהר פאַרבינדט זי מיט יפו און תל־אביב.

שיבת־ציון און נוה־ציון, זיינען צוויי פאַר־שכונות פון ראשון־לציון, באַזעצט פון תימנ׳ער אידען, אויף נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען, באַשטעהט פון עטליכע און פערציג משפחות וועלכע לעבען אויף זייער אייגענעם שטייגער און באַשעפטיגען זיך מיט גרינס און מיט אַרבייטען אין די אַרומיגע קאָלאָניעס.

נס־ציונה. 4 קילאָמעטער אין דרום פון ראשון־לציון; זי איז פונקט ווי די לעצטע איינגעטונקט אין גרינס און אָראַנזשען־גערטנער, געגרינדעט אין 1882 פון רוסישע אידען מיט דער הילף פון יק"א. די 380 איינוואוינער באַשעפטיגען זיך מיט אַקערבוי און פלאַנצונגען און ביענען־צוכט. בעבען איהר עקזיסטירען צוויי אַרבייטער קבוצות. די קאָלאָניע האָט אַ שולע, אַ מעכאַנישע ווערקשטעלע, אַ האָטעל און אַ לעזע־זאַל.

באר יעקב. 5 קילאָמעטער פון ראשון־לציון און אַזוי פיל פון דער שטאָדט רמלה. געגרינדעט אין 1908 פון די חובבי־ציון, אָדעס, פאַר די יונגע אַקערבויער און אַרבייטער פון ראשון־לציון. די איינוואוינער, איבער 200, באַשעפטיגען זיך מיט ביענען־צוכט, מילך, גערטנעריי און מאַנדלען־פלאַנטאַציע. האָט אַ שולע און אַנדערע אַנשטאַלטען.

רחובות — 7 קילאָמעטער פון רמלה, איז דער קולטורעלער צענטער פון די יהודה׳ר קאָלאָניעס. געגרינדעט אין 1890 פון דער געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה" און באַשטעהט פון איבער 2000 איינוואוינער. איהר ווירטשאַפט איז געמישט פון אַקערבוי און פלאַנטאַציע, וויינגערטנער, מאַנדלען, אָראַנזשען און אַליווען. איהר שטח באָדען איז 14198 דונאם, און 1000 דונאם פלאַנצונגען. די קאָלאָניע פאַרמאָגט צוויי שולעס און אַ קינדער־גאָרטען, אַ שעהנע שוהל, אַ בית־עם, אַ יקב, אַ מאָדערנעם האָטעל, אַ פּאָסט, טעלעגראַף און טעלעפאָן, אויך אַ באַנק און אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. דאַ געפינט זיך די אַרבויטער קבוצה „חבורת־הדרום" וועלכע דינט אַלס אַגריקולטורעלע שולע פאַר די ניי־אָנגעקומענע חלוצים, וואו זיי לערנען ערד־אַרבייט. אין דעם ועד פון דער קאָלאָניע ווערען געוועהלט מע־ער און פרויען.

שערים, איז אַ תימנים ישוב פון איבער 500 נפשות וועלכער זיצט אויף קרן־קימת באָדען נעבען רחובות און באַשעפטיגט זיך מיט גערטנעריי און אַרבייט אין די אַרומיגע אידישע דערפער; יעדער איינוואוינער האָט אַ שעהנעם געמיזע־גאָרטען. דאַ אייראָפּעאיזירען זיך שטאַרק די תימנים־אידען און ־ענען זיך אויס מיט זייער קולטורעלען פאָרטשריט.

עקרון אָדער מזכרת־בתיה, איז אויף דעם וועג צווישען רמלה און רחובות, געגרינדעט אין 1884 פון באַראָן ראָטשילד פאַר די אידישע קאָלאָניסטען פון דרום־רוסלאַנד. זי באַשטעהט פון 410 איינוואוינער וועלכע באַשעפטיגען זיך הויפּטזעכליך מיט אַקערבוי, תבואות און טאַבאַק. האָט אַ שולע, אַ שוהל, אַ לעזע־זאַל און אַנדערע אַנשטאַלטען.

גדרה, איז די קאָלאָניע פון די „בילויצעס", סטודענטען וועלכע האָבען פאַרלאָזען דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט אין 1885 און האָבען זיך באַזעצט אויף די זאַמדען פון דער געגענד. מיט אַן אויסערגעוועהנליכער אָנשטרענגונג אין משך פון לאַנגע יאָהרען, עלענדע אין דער וויסטע, האָבען זיי די געגענד פאַרוואַנדעלט אין איינעם פון די פרוכטבאַרסטע נייע ישובים. די קאָלאָניע צעהלט איצט 185 איינוואוינער און באַשעפטיגט זיך מיט אַקערבוי און פלאַנצונגען. 20 נייע משפחות פון די קאָלאָניסטישע קינדער זיינען

איצט באַזעצט פונ'ם קרן־היסוד אויף נייע 1347 דונאם באָדען. די קאָלאָניע האָט אַ ספּירט־פאַבריק, אַ האָטעל, אַ שעהנעם לעזע־זאַל און ביבליאָטעק, אַ שוהל, אַ שוהלע און אַנדערע אַנשטאַלטען.

באר־טוביה, איז 9 קילאָמעטער ווייט פון גדרה אין דער שפלה. געגרינדעט פון די חובבי־ציון אין 1896 און האָט 129 איינוואוינער. זי לעבט הויפּטזעכליך אויף אַקערבוי, תבואה, טאַבאַק און אַביסעל פּלאַנצונגען. דער קרן־קימת האָט דאָ פאַרפלאַנצט אַן עקאַליפּטוס וואַלד אויף אַ גרויסער שטרעקע. איצט האָבען זיך דאָ באַזעצט נייע 10 משפחות פון אוקראינע. די קאָלאָניע האָט אַן אייגענע מיהל, אַ שוהל און אַ שוהלע.

רוחמה, איז די עקסטרעם דרום־קאָלאָניע, צווישען עזה און באר־שבע. געגרינדעט אין 1911 פון מאָסקווער אידען. איהר הויפּט פּראָדוקציע איז טאַבאַק וועלכער האָט באַקומען אַ שם. זי האָט אַ וואַסער־מיהל און אַ עקאַליפּטוס וואַלד. 1200 דונאם פּלאַנצונגען.

## שומרון־קאָלאָניעס.

חדרה, איז איינע פון די גרעסטע קאָלאָניעס אין שומרון. זי איז געגרינדעט אין 1891 פון רוסישע אידען און צעהלט 850 איינוואוינער. דאָס איז איינע פון די בעסטע אַקערבוי־קאָלאָניעס און זי פאַרמאָגט 32.500 דונאם גוטען תבואה־באָדען און 5,400 פון פּלאַנצונגען און עקאַליפּטוס־וואַלד. זי האָט 544 קעפּ אַרבייט־בהמות, פערד און מויל־אייזלען און 179 מעלקיגע קיה, זי שיקט קעז און פוטער אין חיפה, יפו און ירושלים. די קאָלאָניע האָט 8 געזעלשאַפטליכע געביידעס, ווי לעזע־זאַלען, אַ האָספּיטאַל, אַ שול, אַ פּאָסט און אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג, אויך אַ פאַבריק אויף זעגען ברעטער. אויסער דעם געפינט זיך דאָ אַ גרויסע אַרבייטער־קבוצה פון 200 פערזאָן.

נחליאל איז אַ תימנים־ישוב, וועלכער ליבט ביי דער קאָלאָניע אויף קרן־קימת־באָדען. ער צעהלט 109 איינוואוינער, וועלכע לעבען אויף פיה־צוכט און גערטנעריי; האָבען אַ שוהל.

גן־שמואל איז געגרינדעט באַלד נאָך חדרה אויפ'ן נאָמען פון רבי שמואל מאָהילעווער. דער באָדען באַלאַנגט צום קרן־קימת. עס איז דאָ איינגעאָרדענט אַ הסתדרות־קבוצה, וועלכע באַאַרבייט איהם. צעהלט 50 נפשות. די ביענען־צוכט איז דאָ שטאַרק אַנטוויקעלט.

חפצי־בה איז 4 קילאָמעטער פון חדרה און האָט 5900 דונאם, וועלכע באַלאַנגען צו קהלת־ציון און אגדות־נטעים. באַשעפטיגט זיך מיט פּלאַנטאַציע און גערטנעריי. זי איז געגרינדעט אין 1901, נעבען טייכעל מפיגר און האָט אַ גוטע וואַסער־לייטונג.

כרכור, 7 קילאָמעטער פון חדרה, איז געגרינדעט אין 1921 פון לאָנדאָנער ציוניסטען און סיבירער אידען. דאָ האָט אויך דער קרן־קימת, יק"א און אַנדערע געזעלשאַפטען באָדען, וועלכער באַשטעהט צוזאַמען פון 60,000 דונאם. די צאָל איינוואוינער איז דערווייל 85, אויסער דעם אַן אַרבייטער קבוצה; אַ גרויסע פלעכע האַלט ערשט ביים באַזעצט ווערען.

קיסריה, ניט ווייט פון זכרון־יעקב, איז געגרינדעט געוואָרען פון באַראָן ראָטשילד אין 1920. די איינוואוינער, 30, האָבען ניט לאַנג ערשט אויסגעטריקענט די געפערליכע זומפּען און דער שטח באַשטעהט איצט פון 50 טויזענט דונאַם פרוכטבאַרען תבואה־באָדען. דאָ איז געגרינדעט געוואָרען פון קרן־קימת אַן עקספּערימענט־סטאַנציע, לויט דר. סאָסקינ'ס מעטאָדע.

זרחניה געפינט זיך צווישען חדרה און זכרון־יעקב, אויף דער אייזענבאַן־ליניע. זי איז געגרינדעט אין 1913 פון יק"א. 25 משפחות באַשעפטיגען זיך דאָ מיט פּלאַנצונגען און גערטנעריי. אויך דאָ געפינט זיך אַן עקספּערימענט־סטאַנציע, אָבער פאַר פּלאַנצונגען.

בנימינה איז דער ליבלינג און מיזינקע פון באַראָן ראָטשילד, געגרינדעט אין 1921. דאָ האָט דער גרינדער איינגעפיהרט אַ מילך־פערמע, וואָס איז ס'לעצטע וואָרט פון פאַרפאָלקאָמונג אין מאַשינערי. די 180 משפחות באַשעפטיגען זיך אויך מיט פּלאַנצונגען: ניס, באָקסער און פלוימען. אַ גרויסער שטח איז אָפּגעגעבען פאַר בלומען, פון וועלכע מען מאַכט פּערפיום דאָ אויפ'ן אָרט. איהר מילכיגס האָט אַ שם אין ירושלים, תל־אביב און חיפה. דער „המשביר" האָט דאָ אַ גרויסע אָפּטיילונג.

בורג, ניט ווייט פון בנימינה, איז געגרינדעט פון יק"א אין 1912, פאַר אַלטע קאָלאָניסטען. אויף איהרע 300 דונאַם באָדען זיצען 12 משפחות.

גבעת־עדה, 5 קילאָמעטער אין צפון פון כרכור, איז געגרינדעט פון באַראָן ראָטשילד אין 1902, פאַר קאָלאָניסטישע קינדער. 100 יונגע קאָלאָניסטען באַשעפטיגען זיך דאָ מיט תבואה, האָבען אַ וויכטיגען דעמבען־וואַלד.

תל־צור (שוני), נעבען בנימינה, איז געגרינדעט פון יק"א פאַר יונגע קאָלאָניסטען, אין 1913. די קאָלאָניע האָט 14,494 דונאם באָדען, פון וועלכע נאָר 10971 זיינען פאַרפלאַנצט און ווערען באַאַרבייט. דאָס איבעריגע איז שטיינער און זומפּ־באָדען, וועלכער ווערט צוגעגרייט.

זכרון־יעקב איז די מוטער פון די שומרון־קאָלאָניעס, וועלכע קוקט אויס ווי אַ קליינע, שעהנע גרינס־שטאָדט. זי איז געגרינדעט אין 1882 פון באַראָן ראָטשילד און באַזעצט מעהרסטענטייל פון רומענישע אידען. זי געפינט זיך אויף דער אייזענבאַן־ליניע חיפה־קאַנטאראה און האָט עטליכע גרויסע געוועלבען, צווישען זיי אַ „המשביר"־צענטער. זי האָט אַ שעהנע שוהל און אַ שולע מיט אַרום 200 שילער, אַ האָספּיטאַל, אַ לוי־קאַסע, אַ בעקעריי, צוויי מאָדערנע האָטעלען, אַ פּאָסט, אַ טעלעגראַף, אַ טעלעפאָן און אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג. פאַרוואַלטעט ווי אין די אַנדערע קאָלאָניעס, פון דער קאָלאָניע אַליין. איהרע 1300 איינוואוינער באַשעפטיגען זיך מיט פּלאַנטאַציע, אַקערבוי, פיה־צוכט און טאַבאַק. זי האָט נאָך 8,000 דונאם אומבאַאַרבייטען באָדען. אַ גרויסען שטח פאַרנעמט איהר וואַלד פון עקאַליפּטוס, דעמבען און פיסטאַשקעס־ביימער, וועלכער דראַפּעט זיך אַרויף אויף די שומרונער בערג. איהר וויין־קעלער איז דער גרעסטער נאָך ראשון לציון און זי איז דער צענטער־פּונקט פון שומרון.

חצר הכרמל איז אַ שעהנע פערמע פון רייכע פּלאַנצונגען, אויפ'ן שוועל פון זכרון־יעקב, 1677 דונאַם.

שפיה, דריי קילאָמעטער אין צפון פון זכרון, איז געגרינדעט פון באַראָן ראָטשילד אין 1891. איהרע איינוואוינער, 167, באַאַרבייטען 7187 דונאַם פּלאַנטאַציע באָדען. דאָס איבעריגע איז שטיינער, וועלכע דאַרפען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פרוכטבאַרען באָדען. אָבער אויך די שטיינער זיינען שוין דאָ און דאָרטען באַדעקט מיט דעמבען און אַנדערע וואַלד־ביימער. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון דרום־אַפריקע האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ שעהנעם בית־יתומים פאַר 100 מיידלאַך, פּאָגראָם־קרבנות פון אוקראַינע.

בית־שלמה, 5 קילאָמעטער אין צפון־מזרח פון זכרון, איז געגרינדעט אין 1901 פון באַראָן ראָטשילד. איהרע 80 איינוואוינער באַאַרבייטען 4356 דונאַם פאַר פּלאַנצונגען און תבואה, הויפּטזעכליך וויינטרויבען. 1227 דונאַם מוזען ערשט פאָרבאַרייטעט ווערען פאַר באַאַרבייטונג. די קאָלאָניע האָט אַ גוטע שולע און אַ קעז־פאַבריק.

טנטורה געפינט זיך אויפ'ן ברעג ים, 6 קילאָמעטער פון זכרון. זי איז געגרינדעט פון באַראָן ראָטשילד מיט דעם געדאַנק צו אַנטוויקלען דאָ אַ גלאָז־אינדוסטריע. אויס מאַנגעל אין פאַך־לייט איז דער געדאַנק אויפגעגעבען געוואָרען דערווייל. די 300 דונאַם באָדען ווערען באַאַרבייט פון עטליכע איינגעזעסענע משפחות.

עתלית שטעהט אויך אויף דער אייזענבאַן־ליניע חיפה־קאנטאראה. זי איז געגרינדעט אין 1909 פון יק"א און האָט איצט 225 איינוואוינער, פון וועלכע אַ טייל זיינען קאָלאָניסטען או, אַ טייל האָבען הייזער און גערטנער, אָבער זיי אַרבייטען אין דער זאַלץ־פאבריק, די היגע זאַלץ־פאַבריק „מלח" שטעלט צו זאַלץ פאַר גאַנץ ארץ־ישראל און גיבט אויך אָן עקספּאָרטירען זאַלץ קיין אויסלאַנד. דאָ איז געווען ניט לאַנג איבער פון די געפערליכסטע מאַלאַריע־פּלעצער, וועלכע די חלוצים האָבען געזונט געמאַכט מיט דער מאַטעריעלער הילף פון יק"א.

טירה איז 7 קילאָמעטער אין צפון פוז עתלית און איין שעה ווייט פון חיפה. זי איז געגרינדעט אין 1918 מיט קרן־היסוד געלט. איהר באָדען איז 500 דונאַם, וועלכע אַ קבוצה פון 35 פּערזאָן באַאַרבייטען מיט אויסגעצייכענטער קענטשאַפט. איהר ווירטשאַפט באַשטעהט פון מילכיגס, גרינס, עופות און האָניג, וועלכע ווערען אָפּגעזעצט אין חיפה. דאָ געפינט זיך אויך אַ קבוצה פון דער הסתדרות.

## די קאָלאָניעס פון גליל־התחתון.

רושמיה, איז אַ קליינע קבוצה אויפ'ן כרמל־באַרג מיט אַ זעלטען שעהנער פּערספּעקטיווע. זי איז געגרינדעט פון דער ציון־אָרגאַניזאַציע מיט די געלטער פון קרן־היסוד, אין 1922. 20 יונגע משפחות באַשעפטיגען זיך מיט פּלאַנצען אַ וואַלד און לעבען אויף

אַקערבוי און גערטנעריי. זי רעכענט זיך פאַר דער מוסטער קבוצה אין גליל־התחתון.

אחוה, איז אויך אַ קליינע קבוצה פון 35 משפחות, וועלכע זיצען אויף נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען און באַשעפטיגען זיך מיט טאַבאַק־פלאַנטאַציע, מילך און עופות.

כפר עטטה, געפינט זיך אין דעם טהאָל פון דער שטאָדט עכו. 10 משפחות באַשעפטיגען זיך דאָ מיט פיה־צוכט און אַקערבוי, אויף 10000 דונאם גוטען באָדען. ערשט געגרינדעט.

עבודת־ישראל, איז אַ קאָלאָניע געגרינדעט פון פוילישע חסידים. 120 נפשות וועלכע האָבען זיך דאָ באַזעצט, לעבען נאָך אין ביידלעך און באַראַקען. דאָס איז אַן אַקערבוי פלאַץ, וואו עס ווערען געהאָדעוועט אויך רינדער.

חרושת־הגוים, איז אַ גאָר נייער ישוב. 30 משפחות באַשעפטיגען זיך דאָ מיט גערטנעריי.

שיך אבריק, געפינט זיך אויפ'ן דרום־אַקסעל פון די גליל'ער בערג, פונקט אַנטקעגען דעם עמק־יזרעאל. דאָ האָבען זיך באַזעצט יאַבלאָנער חסידים מיט זייער צדיק בראש. די חסידים האָבען באַוויזען אַ באַזונדער ליבע צו דעם באָדען און אויך גוטע פעהיגקייטען. זיי לעבען נאָך דערווייל אין ביידלעך און באַראַקען און באַשעפטיגען זיך מיט אַקערבוי, מילכיגס און שאָף־האָדעווען.

טבאון, איז אַ נייער מושב וועלכער באַשטעהט פון 60 פערזאָן וועלכע לעבען אין באַראַקען. דאָס איז אַ לאַנדווירטשאַפטליכער באָדען און גוט פאַר האָדעווען שאָף און רינדער. דער שטח באָדען איז 10000 דונאַם. אַ באַזונדערע גרופע, וועלכע לעבט אויף גערטנעריי, האָט דאָ 3000 דונאם.

גדה, איז אַ גאָר נייער פלאַץ וואו עס גרינדעט זיך איצט אַ ישוב מיט דעם נאָמען יפה־ישראל. דער שטח באָדען באַשטעהט פון 5600 דונאם, גוט פאַר פלאַנצונגען און לאַנדווירטשאַפט. 20 משפחות זיינען שוין אַויפ'ן באָדען, לעבען נאָך אין באַראַקען.

מנור, איז אויך אַ נייער פלאַץ וואו עס בילדעט זיך אַ וועבעריי אינדוסטריע און אַקערבויעריי צוזאַמען. 3400 דונאם איז רעזערווירט פאַר גערטנעריי.

נהלל, איז אויפ'ן וועג צווישען חיפה און נאַזארעט. איז געגרינדעט אין 1922 אויף נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען אויף קרן־היסוד געלד. 80 משפחות וועלכע באַשטעהען פון 455 נפשות. יעדע משפחה באַאַרבייט 100 דונאם באָדען. דאָס איז אַ מאָדערנע פאָלקאָם אָרגאַניזירטע אַרבייטער פערמע, וועלכע ענטוויקעלט שאָף און ביענען, פראָדוצירט מילך און גרינס. דאָ איז פאַראַן אַ לאַנדווירטשאַפטליכע שולע פאַר מיידלאַך, וואו עס לערנען 40 פערזאָן. דער גאַנצער שטח איז 23000 דונאם. דאָ איז פאַראַן אַ גוטע קאָאָפּעראַטיווע איינאָרדענונג פון הויז אינדוסטריע.

תול־טורה, איז אַ נייער שטח באָדען געקויפט פונ'ם נאַציאָנאַל־פאָנד, אויף וועלכען אַ ישוב וועט זיך אויסבויען אין 1927.

תל־עדש, האַלט זיך אויך ערשט אין אויפבויען. איהר שטח באָדען איז 4473 דונאם, אַ הסתדרות קבוצה וועלכע זיצט אויף 2150 דונאם באָדען וועלכער גרעניצט זיך מיט דעם פריהערדיג־דערמאָנטען באָדען, באַאַרבייט אים דערווייל און גרייט איהם צו פאַר אַ נייעם ישוב. זי באַשטעהט פון 50 פערזאָן וועלכע לעבען אויף אַקערבוי.

בית־זרע, אויף דעם וועג צווישען נאַזאַרעט און דער נייער שטאָדט עפולה. דאָ אַרבייט אַ הסתדרות קבוצה פון 70 פערזאָן און בילדעט זיך אין אַ נייעם ישוב.

גדעון, 4 קילאָמעטער פון עפולה. 40 משפחות וועלכע באַשטעהען פון 150 נפשות פון טראַנסילוואַניער אידען באַשעפטיגען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. זי האָט אַ שטח פון 4000 דונאם באָדען און אַ גוטע וואַסערלייטונג.

תל־עדשים, 5 קילאָמעטער אין צפון פון עפולה. איז געקויפט אין 1914 פון הכשרת־הישוב און באַזעצט פון 70 משפחות. דאָ איז שוין פאַרפלאַנצט געוואָרען אַ שעהן וועלדעל און וועגען זיינען אויסגעלעגט געוואָרען. דער מושב האָט אַ גוטע שולע, אַ קינדער־גאַרטען און אַן אַרבייטער־קלוב.

בלפוריה, 2 קילאָמעטער אין צפון בון מרחביה, איז אַ שעהנע גוט איינגעאָרדענטע קאָלאָניע, לויט דעם מוסטער פון בנימינה. דער באָדען איז געקויפט געוואָרען פון קהילת־ציון אין 1920. זי באַשטעהט פון 320 נפשות, וועלכע צייכענען זיך אויס אין טאַבאַק פלאַנטאַציע, גערטנעריי און מילכיגס. האָבען אויך תבואה.

כפר־ילדים, איז אַ קינדער־קאָלאָניע,

וועלכע באַשטעהט פון רוסישע פאָגראָם־יתומים. 120 יונגע יתומים באַארבייטען אַליין 1000 דונאם אונטער דער אָנפיהרערשאַפט פון זייערען אַן אַגריקולטורעלען קאָמיטעט, אין דער שפּיצע פון וועלכען עס שטעהט אַן אַגראָנאָם. די מיטלען ווערען גענעבען פון דער דרום־אַפריקאַנער ציון־אָרגאַניזאַציע. דאָס קינדער־דאָרף ענטוויקעלט זיך שעהן, עס בויען זיך הייזער, שטאַלען און שפּייכלערס, אויך מאַשינעריע ווערט ערוואָרבען.

מושבת בור נעבען כפר־ילדים און תל־עדשים איז ניט לאַנג געגרינדעט פון דער „אגודת־ישראל”. 4000 דונאם באָדען, אויף וועלכען עס האָבען זיך באַזעצט 50 אַרבייטער וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און פיה־צוכט.

מרחביה, נעבען עפולה, איז געגרינדעט אין 1911, אויפ’ן באָדען פונ’ם קרן־קימת. 350 נפשות זיצען דאָ אויף 9000 דונאם אַקערבוי באָדען. פרוכט־גערטנער און אַ מילך פערמע איז דאָ גוט ענטוויקעלט, אויך אַ גרויסער חלק פון גוטען וואַלד.

עפולה, איז געקויפט פון קהילת־ציון. האָט שוין אַ באַפעלקערונג פון 1090 נפשות. דאָ ווערט געבויט די ערשטע אידישע שטאָדט אין עמק יזרעאל. זי ווערט געבויט לויט אַן אויסגעאַרבייטען פלאַן פאַר פריוואַטע און געזעלשאַפטליכע געביידעס. דער גאַנצער שטח איז 16,000 באָדען, פון וועלכען 4,000 דונאם געהט אויף שטאָדט־געביידעס און דאָס איבעריגע פאַר לאַנדווירטשאַפט. אַ פלאַץ פאַר אַ טעאַטער, פאַר אַ שולע, פאַר אַן האָספּיטאַל און פאַר אַ מסחר צענטער איז ספּעציעל רעזערווירט.

שונם, באַשטעהט פון 10,000 דונאם באָדען, אָפּגעקויפט ערשט ניט לאַנג, און האַלט ביי באַזעצט ווערען.

כפר תבור אָדער מסחה, אויף דער מזרח־זייט פון באַרג תבור, 10 קילאָמעטער פון עפולה, איז איינע פון די שעהנסטע געגענדען פון גליל־התחתון. זי איז געגרינדעט געוואָרען פון יק"א אין 1902 און האָט 303 איינוואוינער. זי לעבט אויף אַקערבוי און פיה־צוכט און טאַבאַק פלאַנטאַציע. די קאָלאָניע האָט אַ שולע, אַ מוהל, אַ קבוצה פון אַרבייטער מיידלאַך און נאָך אַ קבוצה פון מענער וועלכע אַרבייטען ביי די קאָלאָניסטען.

איהר שטח איז 14900 דונאם, פון וועלכען 1409 פלאַנצונגען, מאַנדלען און וויינגערטנער און אָליווען.

אילניה, האָט אַ לאַנגע צייט געהייסען סעדזשערה און האָט געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון אונזער קאָלאָניזאַציע אין גליל. זי געפינט זיך 13 קילאָמעטער אין מערב פון דער שטאָדט טבריה און איז געגרינדעט אין 1889 פון יק"א, פאַר רוסישע אידען. זי האָט איצט 362 איינוואוינער וועלכע באַשעפטיגען זיך הויפּטזאַכליך מיט אַקערבוי, תבואה, אויך מיט פלאַנטאַציע, עופות און מילכיגס. די קאָלאָניע האָט 17,720 דונאם באָדען וועלכער באַשטעהט אין גרויסער מאָס פון פעלזען, וועלכע זיינען באַדעקט מיט אַן אַלטען דעמבען־וואַלד פון הונדערטער יאָהרען. די קאָלאָניע האָט אַ הסתדרות קבוצה און אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער וועלכע זיינען באַשעפטיגט ביי די קאָלאָניסטען, אויך אַ גרופּע פון קורדיסטאַנער אידען וועלכע האַלטען ביי קאָלאָניזירט ווערען. דאָ איז פאַראַן אַ גוטע שולע, אַן אַפּטייק און אַרבייטערקיך.

רמה, אָדער שרונה געפינט זיך אויף אַ באַרג 1 קילאָמעטער ווייט פון בית גן. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין 1913 פון אַמעריקאַנער אידען פון שיקאַגאָ. די איינוואוינער לעבען אויף לאַנדווירטשאַפט און גערטנעריי דורך דער קאָלאָניע פליסט אַ קוואַל זיסע און געזונטע וואַסער.

יבנאל, 16 קילאָמעטער אין דרום פון טבריה איז געגרינדעט אין 1902, פון דער יק"א. זי צעהלט 499 נפשות און האָט 23,220 דונאם באָדען פון וועלכע 4000 דונאם קענען ניט באַאַרבייט ווערען. האָט אַ שעהנעם וואַלד און פלאַנצונגען. זי האָט צוויי שולעס, אַן אַפּטייק, און דאָ געפינט זיך אויך דער צענטער פון דער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט פאַר בהמות, און וועטערינאַרן. פיה־צוכט איז דאָ באַזונדער גוט ענטוויקעלט ווי אויך טאַבאַק פלאַנטאַציע.

פוריה, געפינט זיך אויף אַ באַרג 2 און אַ האַלב קילאָמעטער פונ’ם ים־כנרת. זי איז געקויפט געוואָרען פון דער אַמעריקאַנער אַחוזה פון סענט־לואיס און געגרינדעט אין 1911, פאַר מאַנדלען־פלאַנטאַציע. איהר שטח איז 3445 דונאם.

בית־גן, איז אָנדערהאַלבען קילאָמעטער

ווייט פון יבנאל, געגרינדעט אין 1924 פון יק"א. איהרע 166 איינוואוינער פּראָדוצירען תבואה און טאַבאַק. איהר שטח איז 5000 דונאם, פון וועלכע 385 זיינען אונטער פלאַנצונגען. אַרום 1900 איז בערגיקער פעלזען באָדען, באַוואַלדערט.

מצפה, 3 מיט אַ האַלבען קילאָמעטער פון טבריה, אין מערב, איז געגרינדעט אין 1908 דורך יק"א און האָט 53 משפחות. איהרע פעלדער פון 2481 דונאם פּראָדוצירען תבואה און זיינען גוט פאַר גערטנעריי ווייל זי האָט אַ שטראָמענדען קוואַל נעבען דער קאָלאָניע.

נעבען טבריה געפינט זיך אַ קאָלאָניע פון 3 משפחות, איינגעטונקט אין גרינס; זיי בעאַרבייטען 780 דונאם באָדען, וועלכער דינט פאַר זומער־וואוינונגען פון דער אומגעגענד. זיי שטעלען צו מילך, אייער און גרינס פאַר דער שטאָדט טבריה.

חיטין, איז געגענאיבער מצפה, צווישען כנרת און טבריה. זי איז געגרינדעט אין 1910 פון מאָסקווער אידען, מיט'ן צוועק צו ענטוויקלען דאָ אַ בוימוואָל פלאַנטאַציע. דערווייל איז דער געדאַנק אויפגעגעבען, די קאָלאָניסטען, 46 נפשות באַשעפטיגען זיך מיט פלאַנצונגען און גערטנעריי. דער געדאַנק פון בוימוואָל־פלאַנטאַציע איז איצט צוריק באַנייט געוואָרען פון ענגלישע אידען און אַמעריקאַנער. ביי דעם פּלאַץ געפינט זיך אַ פערמע וואו עס וואַקסט דער באַמבוק בוים, טייטעלבוימער און באַנאַנעס. זי שטעלט צו אין טבריה און שיקט אַפילו אין דמשק גרינס, אייער, טאָמאַטעס, אוגערקעס און קאַוואַנעס.

כנרת, איז אַ קאָלאָניע אויפ'ן ברעג פונ'ם ים כנרת, 7 קילאָמעטער אין דרום פון טבריה. זי איז געגרינדעט אין 1907 דורך יק"א און האָט 67 איינוואוינער וועלכע זיצען אויף 7000 דונאם באָדען. די קאָלאָניע האָט אַן אינטענסיווע געמישטע ווירטשאַפט פון גרינס און פאַרשידענע פלאַנצונגען. זי האָט אַ שולע, אַן אַפּטייק און אַ קליינע פערמע פון תימנים.

הר כנרת, איז אַ פערמע אויף דעם וועג צו יבנאל. זי איז געגרינדעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף נאַציאָנאַל־פאָנד באָדען, אין 1920, מיט דער הילף פון קרן־היסוד. אַ וועלדעל פון 50,000 בוימער באַלאַנגט צום קרן־קימת.

ביתניה, נעבען כנרת און נעבען ירדן, איז געגרינדעט פון יק"א אין 1913. דאָ איז אַן עקספּערימענטען פערמע פון טראָפּישע און סוב־טראָפּישע פלאַנצונגען. 30 משפחות באַשעפטיגען זיך דאָ מיט זריעות פאַר פלאַנצונגען און גערטנעריי.

מנחמיה, מלחמיה, 6 קילאָמעטער פון צמח, איז געגרינדעט פון יק"א אין 1902. זי האָט 8447 דונאם באָדען און 129 נפשות וועלכע פּראָדוצירען ווייץ, האָדעווען רינדער און שאָף. דאָ געפינט זיך אַ פּריוואַטע גיפּס־פאַבריק.

גיסר, איז אַ פערמע ניט ווייט פון ברעג ירדן, פון וואַנען זי נעמט וואַסער פאַר באַוואַסערונג. זי האָט 2000 דונאם באָדען אויף וועלכען עס לעבען 18 נפשות, געמישטע ווירטשאַפט.

עין־חרוד, איז איינע פון די גרעסטע אַרבייטער קבוצות און איינער פון די וויכטיגסטע ישובים פון דער הסתדרות. זי איז געגרינדעט אין 1922 און האָט 10,000 דונאם באָדען אויף די באַוואוסטע הרי־הגלבוע. זי איז געגרינדעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף קרן־קימת באָדען. 300 נפשות זיינען דאָ איינגעאָרדענט קאָאָפּעראַטיוו און פּראָדוצירען אויסער תבואה אויך פאַרשידענע פרוכטען. פאַראַן דאָ אַ וואַלד. דאָס רוב איינוואוינער זיצען אין באַראַקען וואו עס זיינען פאַראַן גוט איינגעאָרדענטע טישלערייען, שניידערייען, שמידערייען, שוסטערייען, און אַלגעמיינע קיך וואו עס געפינט זיך אַ סצענע פאַר טעאַטער שפּילען און קאָנצערטען.

קומי, איז אויף די צפון־בערג קעגען די הרי־הגלבוע, אַ נייער ישוב וועלכער האַלט זיך אין איינאָרדנען אויף 6000 דונאם פאַר פלאַנטאַציע, תבואה און גערטנעריי.

(דגניה א' און דגניה ב', ווי אויך תל־יוסף און בית־אלפא און כפר יחזקאל, זיינען ערקלעהרט צווישען אַנדערע קבוצות און מושבי־עובדים).

גבע, איז געגרינדעט אין 1922 און האָט 65 איינוואוינער, וועלכע האַלטען אין איינאָרדענען זיך.

אחוזות בעכו, האָט 2000 דונאם באָדען. וועלכע זיינען ניט לאַנג געקויפט געוואָרען פון בולגאַרישע אידען, נעבען עכו, פאַר אַ מילך־פערמע און פלאַנטאַציע. אין דער אומ־

געגענד בויט זיך איצט א גרויסע וועבעריי מיט'ן נאמען צור־שלום.

## די קאלאניעס פון גליל העליון.

ראש פנה, איז 5 קילאמעטער פון צפת אויפ'ן שאסיי טבריה־דמשק. זי איז געגרינדעט אין 1882 און האט 20,152 דונאם תבואה באדען און אליווען־בוימער. דאס איז איינע פון די עלטסטע גליל־העליון קאלאניעס, האט א גרויסע שולע און א גרויסע שוהל און דא איז דער איינציגער פלאץ וואו עס איז געגרינדעט געווארען פון אידען א געמישטע שולע פון אראבישע און אידישע קינדער, וואו אלע באקומען א גוטע ערציהונג אין העברעאיש. די איינוואוינער, 547 נפשות, האבען אן אייגענע פאסט, א פאליציי אפטיילונג, א טעלעגראף, טעלעפאן, א דאקטאר און א וועטערינאר.

מחנים, איז ביי 4 קילאמעטער אין מזרח פון ראש פנה, געגרינדעט אין 1892 פון גאליציאנער חובבי־ציון און איז אריבער צו יק"א. 75 נפשות באארבייטען א שטח פון 2000 דונאם. תבואות און גרינס און עופות וועלכע ווערען אויסגעבראכט אין צפת.

אילת השחר, איז 7 קילאמעטער אין מזרח־צפון פון ראש פנה און 3 קילאמעטער פון מי־מרום. איז געקויפט נאך אין 1892 פון יק"א פאר די קאלאניסטישע קינדער פון ראש פנה, אבער באזעצט ערשט מיט א פאר יאהר שפעטער. זי האט א גוטען וואסער־קוואל און פרוכטבארען באדען. נעבען איהר זיצט א הסתדרות קבוצה אויף נאציאנאל־פאנד באדען.

משמר הירדן, נעבען מי־מרום, הארט אויפ'ן ברעג ירדן. איז געקויפט געווארען אין 1884 און באזעצט ערשט אין 1890 דורך יק"א. דאס איז די עקסטרעם מזרח קאלאניע פון ארץ ישראל, הארט אין א געגענד פון נאמאדע בעדואינער. זי האט 102 נפשות וועלכע האבען תבואה פעלדער און לעצטענס אויך טאבאק־פלאנטאציע. די קאלאניע האט א שולע און אן אפטייק און א דאקטאר. די ענטוויקלונג פון דער קאלאניע איז אפגעהאלטען געווארען דורך דעם אומגעזונטען מאלאריע קלימאט, וועלכער איז איצט אויסגעבעסערט, און פון בעדואינישע אנפאלען, וועלכע פלעגען קומען פון יענער זייט ירדן.

יסוד המעלה, 12 קילאמעטער אין צפון פון ראש פנה איז געגרינדעט אין 1883 פון בארן ראטשילד, פאר רוסישע אידען. זי צעהלט איצט 168 איינוואוינער און האט א שטח פון 12228 דונאם תבואה און גראז פאר בהמות. זי האט א גוטע שולע, א קינדער גארטען און א דאקטאר.

עין־זיתים, אין צפון פון צפת איז געגרינדעט אין 1890 פון די רוסישע „דורשי־ציון", האט 6000 דונאם, הויפטזעכליך פארווילדעטער באדען, וועלכער ווערט גוט געמאכט פאר פלאנצונגען. 50 נפשות באארבייטען דעם באדען.

מתולה, איז די עקסטרעם צפון קאלאניע, אויפ'ן סירישען גרעניץ, ווייט פון יעדען אידישען ישוב און האט נאר די יונגע און מעכטיגע שכנות כפר גלעדי און תל־חי. אין דער געגענד לעבט א שטארקער שבט וועלכער הייסט מטאלים, מיט א באזונדער מחמד'אנישען גלויבען. די קאלאניע איז געגרינדעט געווארען אין 1896 פון בארן ראטשילד פאר רוסישע אידען און האט 6,730 דונאם מיט 200 איינוואוינער. זיי האבען פיל געליטען פון אנפאלען און מעהרערע מאהל זיך פאראייניגט מיט תל־חי און כפר גלעדי און געקעמפט געגען הארדעס פון נאמאדע אראבער. ווען די טיילונג צווישען סיריע און א"י איז פארגעקומען צווישען ענגלאנד און פראנקרייך, איז נאר א דאנק מתולה ארץ־ישראל ניט פארקלענערט געווארען, ווייל די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט געפאדערט אז די קאלאניע זאל ניט בלייבען אויף יענער זייט פון דער אידישער הוים.

איצט איז אפגעקויפט געווארען צום ערשטען מאל א שטיק באדען אויף יענער זייט ירדן, וואו עס איז נאך ביז איצט קיין אידישער ישוב ניט געווען. די מזרח־זייט פון ירדן וועלכער איז באקענט אונטער די נעמען פון גלעד, בשן און גולן, ווארט אויף דער קאלאניזאציע.

## טייכען און אזיערעס.

דער ירדן, איז א טייך וואס פליסט דורך כמעט די גאנצע לענג פון ארץ־ישראל, פונקט אין מיטען, און טיילט דאס לאנד אין צוויי טיילען: דער מערב־טייל, וועלכער געהט ביז דעם ברעג פונ'ם מיטעללענדישען ים, און דער מזרח טייל וועלכער הייסט „עבר־הירדן". דער ירדן הויבט אן פליסען פון אונטער די לבנון־בערג אין צפון פונ'ם לאנד, און פאראייניגט זיך באלד מיט נאך צוויי טייכלעך און ווערט דורך דעם שטארקער און שטראמענדער.

אין זיין וועג באַגעגענט דער ירדן די אָזיערע (לייק) וועלכע הייסט „מי־מרום”. ער פליסט אין איהר אַריין און שפּאַלט זי אין צווייען און פליסט פון איהר אַרויס און געהט ווייטער זיין וועג, צווישען פעלזען און קוסטעס און ווילדע בלומען, אויף גאַנצע 16 קילאָמעטער, ביז ער קומט צום ים־כנרת. אויך דער ים־כנרת שיידט דעם ירדן און שפּאַלט איהם אין צווייען, מישט זיך ניט אויס מיט זיינע וואַסערען, און געהט אַרויס שטראָמענד און האַסטיג אויף זיין ווייטערדיגען וועג. 144 קילאָמעטער לויפט ער דורך, כמעט אין אַ גלייכער ליניע ביז ער קומט צום ים המלח. דאָ באַקומט ער דאָס אויסזעהן פון אַ געדרוי־טען „ש”, וועלכער פאַלט אַריין מיט זיינע דריי מנורה־קעפּ אינ׳ם ים־המלח. דער ירדן מאַכט פרוכטבאַר די פעלדער, וועלכע ער לויפט דורך.

••

ליטאַניה, איז דער צפון־טייך פון ארץ־ישראל, וואָס פליסט אין דער ברייט פון אונטער די פיס פונ׳ם באַרג לבנון און פאַלט אַריין אין מיטעללענדישען ים. דער טייך איז איצט דער דרום־גרעניץ פון ארץ־ישראל. אויפ׳ן צווייטען ברעג פון טייך איז שוין סיריע.

קישון, איז אַ קליין טייכעל אין גליל־התחתון, וואָס פאַלט אַריין ניט ווייט פון חיפה אין מיטעללענדישען ים. אויפ׳ן קישון האָבען זיך אָפּגעשפּילט גרויסע געשעהעּנישען פון אונזער געשיכטע, דאָ האָט די נביאה דבורה כמעט ענדגילטיג אָפּגעשטעלט יעדע מלחמה צווישען די פיניקייער און יהודה, מיט דעם וואָס זי האָט דאָ צוקלאַפּט און כמעט פאַרניכטעט די פיניקיאַנישע אַרמיי.

ירמוק און יבוק זיינען צוויי טייכלעך, וואָס פאַלען אַריין אין ירדן. דאָס ערשטע ניט ווייט פון כנרת, דאָס צווייטע פונקט אין מיטען דער לענג פונ׳ם ירדן. דיביידע טייכלעך פליסען אין עבר־הירדן.

ירקון, איז אַ טייכעל וואָס פליסט נעבען פתח־תקוה און פאַלט אַריין אין מיטעללענדישען ים.

ארנון, איז אַ טייך, וואָס פליסט אין עבר־הירדן און פאַלט אַריין אין ים־המלח.

עס זיינען פאַראַן נאָך פיל טייכלעך און פלוסען, איבערהויפּט אין גליל־התחתון און גליל־העליון, וועלכע באַלעבען די צוויי פּראָווינצען. אַ סך פון זיי ווערען זומער־צייט אויסגעטריקענט, דערפאַר וואָס עס פעהלען וועלדער אין לאַנד, אָבער וועלדער ווערען איצט אַ סך געפלאַנצט.

מי־מרום, איז אַן אָזיערע, אין צפון פון ארץ־ישראל, אַ 10 קילאָמעטער אין צפון פון דער שטאָדט צפת. די קאָלאָניע יסוד־המעלה ליגט כמעט אויף איהרע ברעגען. דאָ איז אַמאָל געווען דער קראַטער, דאָס מויל פון אַ וואולקאַן וועלכער איז איצט אויסגעלאָשען דאָרט האָבען זיך וואַסערען אָנגעקליבען און פאָרמירען איצט די מי־מרום אָזיערע.

כנרת, איז אויסער דעם ים־המלך, די גרעסטע אָזיערע פון לאַנד. געפינט זיך 16 קילאָמעטער אין דרום פון מי־מרום און איז 21 קילאָמעטער לאַנג, און ביז 12 קילאָמעטער ברייט. זיינע וואַסערען זיינען זיס, האָט זעהר אַ סך פאַרשידענע סאָרטען פיש און אויך מינעראַלען. דאָס איז די שעהנסטע און פרוכטבאַרסטע געגענד פון לאַנד. זיין נאָמען האָט כנרת פון וואָרט „כנור”, האַרפע, ווייל זי האָט די פאָרמע פון אַ האַרפע. די שטאָדט טבריה און די קאָלאָניעס כנרת און דגניה ליגען האַרט אויף די ברעגען פונ׳ם כנרת.

ים־המלח, געפינט זיך אין רעכטען דרום פון ארץ־ישראל. ער הייסט ים־המלח, ווייל ער פאַרמאָגט מעהר זאַלץ ווי וועלכער ניט איז אַנדערער ים אין דער וועלט. ער האָט ביז 26 פּראָצענט זאַלץ אין דער צייט ווען יעדער ים האָט ניט מעהר פון 13 פּראָצענט. דערפאַר קענען אין זיינע וואַסערען ניט לעבען קיין פיש און קיין לעבעדיגע באַשעפעניש, און אויך דערום רופט מען איהם אַמאָל „ים המות” דאָס הייסט דער טויטער ים. ער פאַרמאָגט אָבער אַ סך וויכטיגע מינעראַלען, איבערהויפּט אַספאַלט. די ברעגען פון ים־המלח באַדעקען זיך זומער מיט אַ שיכט זאַלץ וועלכע איז גוט פאַר אַ זאַלץ־פּראָדוקציע, אָבער דאָס מאַכט אונמעגליך וועלכע ניט איז געוויקסען אויף זיינע ברעגען. זיין לענג איז 76 קילאָמעטער און זיין ברייט 17. די גאַנצע שטרעקע פון זיין מערב ברעג טראָגט דעם נאָמען פון „מדבר יהודה”, די וויסטע פון יהודה.

## טאָהלען.

דריי הויפּט טאָהלען זיינען די מעהר באַוואוסטע אין דער געשיכטע. זיי זיינען:

השפלה, אין דרום פון תל־אביב, ציט זיך פון לוד ביז׳ן רעכטן ענד פון לאַנד אין דרום.

במעט אַלע דרום קאָלאָניעס ליגען אין איהר שוים, אויפ'ן ברעג ים. זי איז זעהר פּרוכטבאַר אין צפון און זאַמדיג אין דרום.

עמק־השרון, איז מעהר באַוואוסט. ער ווערט באַזונגען אין שיר־השירים און איז באַוואוסט מיט זיינע שעהנע בלומען. דער עמק־השרון ליגט אויפ'ן ברעג ים און ציהט זיך פון תל־אביב אין דעם גאַנצער לענג פון שומרון ביז די פיס פונ'ם באַרג כרמל. ער איז מעהר פרוכטבאַר פון „שפלה" און האָט די וויכטיגסטע שומרון קאָלאָניעס אין זיין שוים.

עמק־יזרעאל, איז אָבער דער פרוכטבאַרסטער און דער קלענסטער פון די ערשטע צוויי. ער האָט אַ פּנים פון אַ ריכטיגען דריי־קאַנטיגען ווינקעל, און איז איצט דער צענטער פון אונזער קאָלאָניזאַציע. דאָ האָט די אַרבייטערשאַפט איהרע וויכטיגסטע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים, דאָ בויט זיך אין סאַמען האַרץ פונ'ם עמק די נייע שטאָדט עפולה. דער עמק ליגט אין גליל־התחתון צווישען די הרי־הגלבוע, באַוואוסט מיט קעניג שאול'ס לעצטער מלחמה און זיין טראַגישען און העלדישען טויט, און צווישען דעם כרמל־באַרג אין מערב פון איהם און דעם שעהנעם באַרג תבור אין צפון־מזרח פון איהם. פאַרשידענע פלוסען און טייכען באַוואַסערען זיינע פעלדער, צווישען זיי דער נחל קישון. די חיפה'ר אַייזענבאַהן פאַרבינדט איהם מיט די איבעריגע טיילען פון לאַנד און מיט ירושלים דורך שכם.

פאַראַן נאָך קלענערע טאָהלען ווי דער עמק־זבולון וועלכער ליגט צווישען חיפה און דעם ים־כנרת און די בקעת־הירדן, וועלכע מיינט די גאַנצע פלעכע פונ'ם ירדן.

## בערג.

חרמון. דער באַרג חרמון ליגט אין צפון־מזרח ארץ־ישראל און טראָגט דעם נאָמען „זיידע פון די בערג" — אפשר דערפאַר, ווייל זיין קאָפּ איז ווייס פון דעם שנעע וואָס ליגט אויף איהם שטענדיג. חרמון איז דער באַרג, וועגען וועלכען אַ פּאָעט האָט געזאָגט, אַז ער טראָגט אייביגען ווינטער אויפ'ן קאָפּ, אייביגען פריהלינג אויף די פּלייצעס און אייביגען זומער אויף די פיס. ער איז איינער פון די העכסטע בערג אין לאַנד און איז פּאַקטיש אַ צווילינג־ברודער פון די לבנון־בערג. זיין העכסטער שפּיץ איז 9050 פוס. דער חרמון איז טיילווייז באַדעקט מיט ווילדע ביימער און געוויקסען, צווישען וועלכע עס לעבען ווילדע חיות. לייבען באַגעגענט מען זעלטען, אָבער די סירישע בערען און פאַנטערען באַגעגענט מען יאָ. די היענע, אָדער „דעבא", ווי די אַראַבער רופען זי, וועלף און איבערהויפּט פוקסען און שאַקאַלען זיינען דאָ ביי זיך אין דער היים. אין צפון־מזרח זייט פונ'ם חרמון ליגט דמשק און פון זיין צווייטער זייט, אין מערב־דרום ליגען די קאָלאָניעס תל־חי און מתולה.

תבור. ליגט צווישען כנרת אין זיין דרום־זייט, דער ירדן איז זיין מזרח זייט און דער עמק יזרעאל אין זיין מערב־זייט. ער איז עהנליך אויף אַ קיילעכדיגער איבערגעקערטער שיסעל, באַוואָקסען מיט גרינס און פאַרגאָסען פון שטראַהלען. ער איז אינגאַנצען 1843 פוס הויך, אָבער פון זיין שפּיץ זעהט מען אַ שטרעקע לאַנד אַרום אויף צעהנדליגער קילאָמעטער. אויף דעם באַרג האָט די נביאה דבורה געהאַט איהר רעזידענץ, וואוהין עס פלעגען קומען צו איר טייטעל בוימער גאָרטען די איינוואוינער אין די גרויסע טעג פון נאַציאָנאַלע געשעהענישען. צווישען די געוויקסען פונ'ם תבור געפינען זיך נאָר קליינע היה'לעך וועלכע זיינען אָפט שעדליך פאַר די פעלדער, אָבער ניט געפעהרליך פאַר מענשען.

הרי הגלבוע. זיינען צוזאַמענגעקניפּטע בערג, וואָס ליגען צווישען דער „בקעת־הירדן" און דער דרום־זייט פונ'ם עמק־יזרעאל. זיי זיינען פון דער זעלבער הויך ווי דער תבור און שטעלען מיט זיך פאָר דעם רעכטען צענטער פון ארץ ישראל. די בערג זיינען באַוואוסט מיט דעם העראָאישען קאַמף פון דעם ערשטען קעניג שאול און זיין זוהן יהונתן, וועלכע זיינען דאָ טראַגיש אומגעקומען.

כרמל. דער כרמל ליגט צווישען נחל קישון אויף זיין מזרח־זייט, דעם ים אויף זיין מערב־זייט; די שטאָדט חיפה ליגט צו זיינע פיס אין צפון. דער באַרג איז באַליבט פון רעכטען אָנפאַנג פון אונזער געשיכטע. ער איז באַוואוסט מיט דער לעגענדאַרער רעזידענץ פון אליהו הנביא אין זיין לאַנג יאָהריגען קאַמף געגען די פאַלשע נביאים און דעם אומרעכט פון קעניג אחאב'ס הויז. ער איז 1400 פוס הויך און ווערט איצט דער באַליבטער פלאַץ פון דער נייער אידישער קאָלאָניזאַציע.

הרי־יהודה. די יהודה'ר בערג זיינען פאַרקייטעלט איינער אין צווייטען אויף אַ גאַנץ ווייטער שטרעקע אין מזרח פון ירושלים און דערגעהען אָפט ביז'ן ירדן. ירושלים אַליין שטעהט אויף איינעם פון זיינע אַקסלען. אין ירושלים גופא געפינען זיך די בערגלעך „ציון", „הר־הזיתים", „הר־הצופים", אויף וועלכען עס שטעהט דער אוניווערסיטעט און דער רעגירונגס פּאַלאַץ. אַ שוועסטער פון הר־ציון איז הר־המוריה, אויף וועלכען דער בית־המקדש איז געשטאַנען. דער העכסטער שפּיץ פון די הרי־יהודה דערגרייכט 3316 פוס.

הר סיני. געפינט זיך איצט אויסער דער מאַנדאַטאָרישער טעריטאָריע, אין סאַמע דרום פון ארץ־ישראל, האַרט ביים רויטען ים. אַרום איהם הערשט נאָך אַ וויסטע מיט צואוואָרפענע אָאַזיסען.

## בוכטעס.

די בעסטע און מעהר באַוואוסטע בוכטע איז „מפרץ־עכו", וועלכע ציהט זיך צווישען עכו און חיפה, אין מיטעללענדישען ים. זי איז אַרום 8 קילאָמעטער לאַנג און איז פון 1 ביז 5 קילאָמעטער טיף. דאָס איז אַ פון דער נאַטור געשאַפענער שוץ פאַר שיפען און דאָ הייבט זיך אָן בויען דער חיפה'ר פּאָרט. עס זיינען פאַראַן נאָך בוכטעס, אָבער קלענערע. אַ טיפע בוכטע איז פאַראַן אין דער מזרח־זייט פון ים־המלח, וועלכער ווערט נאָך גאָר ווייניג אויסגענוצט, און אַ היסטאָרישע בוכטע, געבויט אין שלמה המלך'ס צייטען פון אידען, האָט אַמאָל געדינט פאַר פאַרשידענע צוועקען. איז עציון־גבר, די היינטיגע שטאָדט עקבה, אויפ'ן ברעג פון רויטען־ים.

## היסטאָרישע פּלעצער.

כותל־מערבי, איז די מערב־וואַנט פון דעם אויסערליכען הויף פון בית־המקדש. זי איז זעהר אימפּאָזאַנט מיט איהרע ריזיגע שטיינער און מיט דער וואונדערבאַרער אַטמאָספערע, וואָס שאַפט זיך נעבען דער וואַנט. פאָעטען אין יעדען דור האָבען איהר געווידמעט עלעגיעס. דער באָדען נעבען איהר און זי אַליין, באַלאַנגען נאָך ניט צו אידען.

מגדל דוד, איז אן איבערבלייבעניש פון דער אַלטער ירושלים'ער פעסטונג. ווי מען דענקט, איז זי געבויט נאָך אין דוד המלך'ס צייטען.

אין ירושלים געפינט זיך אויך די „מערת־צדקיהו"; חצר־המטרה, דאָס איז דער אַסטראָג וואו ירמיהו הנביא און אַנדערע „פּאָליטישע" זיינען געזעסען. יד־אבשלום איז אן אָריגינעלע געביידע וועלכע אבשלום האָט פאַר זיך אויסגעבויט ביי זיין לעבען. די מצבה אויפ'ן קבר פון זכריה הנביא איז אַ פיר־קאַנטיגע פּיראַמידע. מערת־כלבא שבוע איז אַ צוויי שטאָקיגע געביידע אונטער דער ערד, וועלכע האַט אַמאָל געדינט פאַר פאַרשידענע צוועקען.

קבר רחל. געפינט זיך אויפ'ן וועג צווישען ירושלים און בית־לחם. דאָס איז אַ קליינע לאַנגליכע פיר־קאַנטיגע געביידע מיט אַ קופּאל. אינוועניג ליגט אַ ריזיגער שטיין, דאָרטען קלייבען זיך צונויף אידען און דאַווענען. דער פּלאַץ באַלאַנגט צו אידען.

מערת־המכפלה, איז אין חברון. געפינט זיך אין די הענט פון מוסולמאַנער. אידען און קריסטען ווערען אַהין ניט אַריינגעלאָזען.

אין דער שטאָדט קסריה אויפ'ן ברעג ים ווי אויך אויפ'ן באַרג תבור און דער אומגעגענד פון ירושלים און איבער'ן גאַנצען לאַנד זיינען פאַראַן קאַנאַלען און איבערבלייבענישען פון פּאַלאַצען און פעסטונגען פון די אַלטע צייטען. די פעסטונג מסדה און די פעסטונג עין־גדי אויף דעם מערב־זייט פונ'ם ים־המלח זיינען גרויסע מאנומענטען פון אונזער פאַרגאַנגענהייט.

# די פּועלי־ציון לאַנד־פּאַרטייען

(איבערבליק פון דער פאַרבאַנד־ביוראָ פאַר'ן יאָהר 1926)

## ארץ־ישראל

אונזער לאַנד־פּאַרטיי אין ארץ ישראל „אחדות־העבודה" איז, ווי שטענדיג, אויך אין דעם יאָהר געווען די פּאַרטיי, וועלכע האָט געזאַמעלט ארום זיך די מעהרהייט פון דער אַרבייטערשאַפט אין לאַנד. דאָס האָבען אַם בולטסטען באַוויזען די וואַלען צו די שטאָדטישע אַרבייטער־ראַטען סוף 1925, ביי וועלכע אחדות־העבודה האָט געהאַט אַ גרויסען נצחון געגען רעכטס און לינקס. ווי פריהער, טראָגט אויך איצט אחדות־העבודה די הויפּט לאַסט פון דער אחריות פאַר דער אָנפיהרונג און דער פּאָליטיק פון דער הסתדרות. די דאָזיגע ראָלע איז אין אַ צייט פון קריזיס און אַרבייטסלאָזיגקייט, ווי די איצטיגע, באַזונדערס שווער. אויב די א"י'דיגע אַרבייטערשאַפט האָט אין דער דאָזיגער צייט אַרויסגעוויזען אַזאַ הויכע מאָס פון דיסציפּלינירטקייט און געטריישקייט צו איהרע אידעאַלען און צו איהר היסטאָרישער שליחות אין לאַנד; אויב דוקא אויס דער טראַגישער ראַנגלעניש מיט'ן קריזיס זיינען אַרויסגעוואַקסען, אחוץ ליידען און דחקות, אויך פּאָזיטיווע רעזולטאַטען: דאָס אַריינדרינגען פון טויזענטער נייע אידישע אַרבייטער אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס, די שאַפונג פון קאָאָפּעראַטיווען אַרבייטער אינסטיטוט פאַר קאָלעקטיוון איבערנעמען פון לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבייט (אַ מין לאַנדווירטשאַפטליכער סולל־בונה), דער אָנהויב פון נייער אַרבייטער קאָלאָניזאַציע אין עמק א. אַ. וו. — איז דאָס אַלץ אין דער ערשטער ליניע צו פאַרדאַנקען דעם גרויסען מאָראַלישען כח פון אחדות־העבודה, איהר שטענדיגער אידעאישער און פּאָליטישער ערציהונגס־אַרבייט, דער זעלבסטלאָזער איבערגעגעבענער טעטיגקייט פון איהרע חברים־שליחים אין דער אָנפיהרונג פון דער הסתדרות און אַלע איהרע אינסטיטוציעס.

דעריבער איז די פינפטע קאָנפערענץ פון אח"הע (סוף אָקטאָבער, 1926) ווידער געווען אַ געשעהעניש פון דער גרעסטער באַדייטונג.

ניט נאָר פאַר דער פּאַרטיי און דעם וועלט־פאַרבאַנד, נאָר אויך פאַר'ן גאַנצען ישוב; יאָ, פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער וועלט. פון איהר איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען ניט נאָר דער אמת וועגען דעם איצטיגען מצב אין לאַנד, דער קרעכץ פון דער ליידענדיגער אַרבייטערשאַפט און דער רוף צו אַ גרויסער אָנשטרענגונג פאַר דער ליקווידירונג פונ'ם קריזיס, נאָר אויך דער אויפמונטערנדיגער און וואַרענענדיגער רוף, צו זוכען נייע וועגען פאַר דער מאָביליזירונג פון אַלע פאָלקס־כחות צו באַנייען די גרויסע איינוואַנדערונג און רעאַליזירען דעם ציוניזם אין אַ פאַרגיכערטען טעמפּ. אחדות־העבודה איז ניט נאָר די אָנפיהרערין פון דער א"י'דיגער אַרבייטערשאַפט אויף איהר קאַמף און אויפבוי־פראָנט, נאָר דער געטרייסטער אויסדרוק פון איהר אומגעדולד און שאַפונגס־דראַנג.

עס איז קיין ספק ניט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט די נאָרמאַליזירונג פון דער לאַגע אין דער וועלט־באַוועגונג דורך דער פּאַראַיי־ניגונג געשטאַרקט דעם אינערליכען כח פון אחדות־העבודה און זי פעהיג געמאַכט פאַר איהר וויכטיגער ראָלע אין דעם איצטיגען מאָמענט.

עס געדענקט זיך, צו וועלכע אומנאָרמאַלקייטען און קאָנפליקטען עס האָט יאָהרענלאַנג געפיהרט די אומנאַטירליכע פּאָזיציע פון אחדות־העבודה אַלס דער פּאַרטיי פונ'ם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון און גלייכצייטיג דעם פאַרבינדעטען פונ'ם צ. ס. פאַרבאַנד, וועלכער האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַן אייגענער לאַנד־פּאַרטיי און געשיקט זיינע טויזענטער חברים־עולים אין אחדות־העבודה, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר זיין אייגענער פּאַרטיי. אָרגאַניזאַטאָרישע קאָנפליקטען מיט פּועלי־ציון, אומצופרידענקייט און תרעומות מצד צ. ס. און — דער עיקר — אינערליכע רייבונגען און פראַקציאָנירונגס־טענדענצען אויפ'ן יסוד פון דער געטרייקייט פון חברים צו איינער פון די צוויי באַוועגונגען, פון וועלכער זיי זיינען געקומען אין אחדות־העבודה — דער דאָזיגער

מצב האָט ניט געקענט זיך ניט אָברופען צום שלעכטען אויף דער אַקציאָנס־פעהיגקייט און פּראָדוקטיווקייט פון דער אחריות־טראָגענדיגער פּאַרטיי פונ׳ם אידישען אַרבייטער־קלאַס אין ארץ ישראל.

די דאָזיגע לאגע איז עס דאָך קודם כל געוועזן, וואָס האָט דעם ערשטען שטויס געגעבען צו דער פאַראייניגונג, וואָס האָט באַהערשט אַלע יאָהרענלאַנגע ראַנגלענישען אַרום איהר און האָט סוף כל סוף זיי דורכגעזעצט, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס ניט אַלע חלוקי דעות זיינען שוין געוועזן אויסגעגלייכט, ניט אַלע ספקות באַרוהיגט.

דורך דער פאַראייניגונג איז אחדות־העבודה באַפרייט געוואָרען פון דעם דאָזיגען מצב. צום ערשטען מאָל זייט איהר גרינדונג האָט זיך די א״י׳דיגע פּאַרטיי געקענט דערפילען אין גאַנצען אין דער היים אין איהר וועלט־פאַרבאַנד, צום ערשטען מאָל האָט אויפגעהערט פאַר אַ סך חברים אין דער פּאַרטיי דער קאָנפליקט צווישען זייערע פליכטען צו דער פּאַרטיי און דער געטרייקייט צו דעם אָדער יענעם וועלט־פאַרבאַנד. דאָס האָט געשאַפען די באַדינגונגען פאַר אַ האַרמאָנישערען צוזאַמענאַרבייטען אין דער פּאַרטיי. דאָס האָט פאַר אַ סך חברים ערשט געשאַפען די פּאָרויסזעצונג פאַר אַקטיווער באַטייליגונג אין דער פּאַרטיי־אַרבייט.

מען קען זאָגען, אַז אחדות־העבודה האָט ערשט דורך דער פאַראייניגונג געוואונען איהר פולען האַרץ־קאָנטאַקט מיט דער וועלט־באַוועגונג און איהר אייגענע אינערליכע גאַנצקייט. היינט קענען שוין חלוקי דעות און מיינונגס־קאַמפען אין אחדות־העבודה אַרויסוואַקסען, דער עיקר, אויסען א״י׳דיגען לעבען, אויס די קאַמף־ און שאַפונגס־אויפגאַבען פון דעם אַרבייטענדען א״י, אויס די פּאָליטישע און טאַקטישע פּראָבלעמען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג אין לאַנד, און העכסטענס ערשט אין דער צווייטער ליניע אויס פאַרשידענקייטען אַן דער אויפפאַסונג פון גלות־פּראָבלעמען.

די דאָזיגע פאַרנאַטירליכונג און נאָרמאַליזירונג פונ׳ם אינערליכען מצב האָט בלי ספק געהויבען די אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט אין דעם זעלבסט־צוטרוי פון אחדות־העבודה, מיטגעהאָלפען אין אַ הויכער מאָס צו איהרע פּאָליטישע ערפאָלגען און געשטאַרקט איהר כח אינ׳ם אויספיהרען די שווערע שליחות, וואָס ליגט אויף איהר דוקא אינ׳ם איצטיגען שווערען קריזיס־פּעריאָד.

## רוסלאַנד

פאַר׳ן אַלטען פּועלי־ציון טייל פון דער באַוועגונג האָט די פאַראייניגונג, אחוץ איהר אַלגעמיינער באַדייטונג, געהאַט אַ באַזונדערען ווערט דורך דעם, וואָס מיט איהר האָט זיך געענדיגט דער אומנאָרמאַלער און שמאַרצפולער מצב פון אָבגעריסענקייט פון דעם גרויסען אידישען קבוץ אין רוסלאַנד און אוקריינע, וואָס איז איינגעטראָטען דורך דער אָפּרייסונג פון די רוסישע פּועלי־ציון ביי דער שפּאַלטונג פון 1920. די דאָזיגע שפּאַלטונג איז דאָך נאָר געוועזן דער אויסערליכער סימפּטאָם פון דער אידעאישער אויסלוידיגונג און ליקווידאַציע, וואָס האָט דערפיהרט די עיקר־טיילען פון דער אמאָליגער פּועלי־ציון באַוועגונג אין רוסלאַנד ביז צו דער יעווסעקציע. כמעט אַ האַלבען יאָהרצענט לאַנג האָבען מיר געפיהלט, אַז אונזער באַוועגונג איז אַ צוקאַליעטשעטע, אַז איינע פון די וויכטיגסטע אָרגאַנישע אברים איז פון איהר אַוועקגעריסען און די וואונד איז די גאַנצע צייט געבליבען אָפען און געבלוטיגט. איצט איז די באַוועגונג ווידער געוואָרען אַ גאַנצע. די קייט, וואָס נעהמט אַרום אַלע לענדער, וואו עס לעבען אידישע באַוואוסטזיניגע אַרבייטער, האָט זיך מיט דעם נייעם רינג רוסלאַנד (און לעבען איהם ליטא און לעטלאַנד) ווידער געשלאָסען. מיר זיינען ווידער געוואָרען אַן אמת׳ע וועלט־באַוועגונג.

די צ. ס. פּאַרטיי אין רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר ביי היינטיגען טאָג — לעבען אחדות־העבודה — די העראָאישסטע פּאַרטיי אין דעם וועלט־פאַרבאַנד. זי האָט באַצייטענס איבערגענומען די זינקענדיגע פאָהן פון דעם אידישען סאָציאַליזם, פונ׳ם סאָציאַליסטישען א״י־געדאַנק אין איהר האַנט — און די האַנט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ פעסטע און געטרייע אין די שווערסטע צייטען.

און דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר איז געוועזן דאָס שווערסטע, וואָס די פּאַרטיי האָט ווען עס איז איבערגעלעבט. אויפגעהעצט פון דער יעווסעקציע, וועלכע ציטערט אימת מות פאַר דער פּאָליטישער און מאָראַלישער השפעה פון אונזערע חברים, האָבען די הערשענדיגע קאָמפּאַרטיי און די טשעקאַ אין דעם יאָהר אויסגעלאָזט דעם גאַנצען

גרימצאָרן קודם כל אויף אונזער פּאַרטיי. כוואַליעסווייז האָבען זיך די אַרעסטען, פאַרשיקונגען קיין סיביר, טורקעסטאַן, אוראל, וואָך־איין וואָך־אויס אויסגעגאָסען אויף אונזער פארטיי און אויפ'ן צ. ס.־יוגענט־פארבאנד און אויף אַלע פאָרמאציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער אידישער יוגענט־באַוועגונג, וואָס אָריענטירען זיך אידעאיש אויפ'ן סאָציאַליסטישען א"י און אונזער באַוועגונג, ווי אויפ'ן לעגאַלען החלוץ, דעם השומר א. א. און מיר קענען מיט שטאָלץ און באוואונדערונג פעסטשטעלען, אַז די חברים אין רוסלאַנד האָבען באַוויזען אַ העלדישקייט, וואָס שטעהט ניט אָפּ פאר די הערואָישסטע צייטען פון סאָציאַליסטישען קאמף מיט די נאגייקעס פון דעם צאַריזם.

אָבער מיט רדיפות און מאסען־אַרעסטען קען מען אַ לעבעדיגע מאסען־באַוועגונג ניט אזוי לייכט בייקומען. הונדערטער, יאָ טויזענטער, זיינען אין משך פונ'ם יאָהר אַוועקגעריסען געוואָרען, אָבער די פארטיי און די יוגענט־באַוועגונג זיינען ניט פארניכטעט, נאָר זיי פילען אלץ ווידער אויפס־ניי אָן זייערע שורות מיט די נייע מחנות, וואָס קומען צו זיי און רופען ווייטער די ארבייטענדיגע מאַסען צום קאַמף פאר זייערע אינטערעסען, פאַר זייער זעלבסט־באַשטימונג, פאר'ן ווידער־אויפבוי פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד און פאַר'ן אויפבוי פון דעם אַרבייטענדיגען ארץ ישראל.

דער העראָאישער קאמף פון אונזערע חברים באווייזט אויך גענוג בולט, אַז די רוסלענדישע פּאַרטיי פארבינדט מיט איהר שטאַרקען לעבעדיגען פּאַלעסטיניזם אַ טיפע פאַרוואָרצעלטקייט אין די פּראָבלעמען פון דעם אלגעמיינעם און אידישען לעבען אין דער סאָוועט־רעפּובליק. און דערביי דארף באזונדערס אונטערגעשטראָכען ווערען, אַז אונטער די שווערע קלעפּ פארגעסט זי ניט צו היטען זיך און וואָרענען די חברים מחוץ דער סאָוועט־רעפּובליק פאר דער סכנה פון אידענטיפיצירען סאָוועט־רוסלאַנד מיט דער קאָמוניסטישער פארטיי און פארוואַנדלען דעם קאמף געגען דער לעצטער אין אַ פּאָליטישען אנגריף אויף דער סאָוועט־מלוכה אלס אַזעלכער.

# פּוילען.

ביי דער אָפּשאַצונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער פּאַרטיי אין דעם ערשטען יאָהר נאָך דער פאראייניגונג, מוז מען אין זין האָבען א שורה אביעקטיווע פאקטאָרען, וואָס האָבען געהאַט אַ באַדייטענדע השפעה אויף דער דאָזיגער אַנטוויקלונג. מיר מיינען דאָ קודם כל דעם שווערען עקאָנאָמישען קריזיס אין פּוילען גופא, וואָס האָט זיך קאַטאַסטראָפאל אָפּגערופען אויף דעם פינאנציעלען מצב פון דער פּארטיי און דעם קריזיס אין א"י. מען דארף געדענקען, אַז די פערטע עליה איז געווען קודם כל אַן עליה פון פּוילען און אַז צווישען די ארבייטער עולים און חלוצים האָבען אונזערע חברים פון פּוילען פארנומען אַ זעהר וויכטיגען פּלאַץ. דער קריזיס אין א"י, די פאַרקלענערונג פון דער עליה און קודם כל די צוריקוואַנדערונג פון באַדייטענדע טיילען פון די פערטע־עליה־עלעמענטען קיין פּוילען האָבען דאָרט געשאַפען אַ שטימונג פון ירידה און ליקווידאציע אין ברייטע קרייזען; די פּאָפּולאריטעט פונ'ם ציוניזם איז קיינמאָל אין די לעצטע יאָהרען ניט געווען אזוי קליין ווי אין איצטיגען מאָמענט. פּוילען איז איצט אַ גינסטיגער באָדען פאר אלערליי באָבע־מעשיות, רכילות'ען און איבערטרייבונגען, וואָס געוויסע באַנקראָטירטע צוריקוואנדערער פאַרשפּרייטען וועגען א"י, כדי צו פאַרדעקען זייער אייגענע אומפעהיגקייט זיך צוצופּאַסען צו די באדינגונגען פון לאַנד.

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיגע סיטואַציע האָט געמוזט האָבען אויך אַ געוויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון אונזער פּארטיי אין פּוילען. און עס איז נאָר אַ סימן פון דער אינערליכער שטאַרקייט פון אונזער אידעע און פון דער געזונטער ערציהונג פון אונזערע חברים, ווען מען קען פעסטשטעלען, אַז די דאָזיגע ווירקונג איז אַ מינימאלע. אין אַ הויכער מאָס קומט דאָס דערפון, וואָס דוקא פאר אונזערע חברים איז דער מיסערפאָלג פון דער פערטער עליה ניט געקומען ווי אַן איבערראַשונג, ווייל מיר האָבען שטענדיג אָנגעוויזען אויף איהרע נעגאַטיווע זייטען און געוואָרענט פאר די סכנות, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אַ מאסען־עליה פון עלעמענטען, וואָס ניט זיי קענען ארבייטען, ניט זיי בריינגען אין לאַנד ווירקליכע קאַפּיטאלען.

אלענפאלס קען מען קאָנסטאַטירען, אַז ביים גאַנצען באַוואוסטזיין פון דער ערנסטקייט און שווערקייט פון דער סיטואַציע, איז אין די שורות פון אונזערע חברים אין פּוילען ניטאָ

קיין יאוש־שטימונג, און אודאי ניט קיין ליקווידאַציע־טענדענצען, ווי אין געוויסע קרייזען פונ'ם בירגערליכען ציוניזם. און אַזוי איז קיין חידוש ניש, וואָס אונזער פּאַרטיי האָט, ניט קוקענדיג אויף די שווערע באַדינגונגען, דאָך באַוויזען אויסצואוואקסען אין דעם יאָהר צו אַ גאַנץ באַדייטענדען כח, וואָס איז, בלי ספק, גרעסער ווי דער כח פון ביידע פּאַרטייען צוזאַמען פאַר דער פאַראייניגונג. די פאַראייניגונג האָט פון איין זייט אַריינגעצויגען אין דער פּאַרטיי, אַחוץ די פריהערדיגע מיטגלידער פון די צוויי פּאַרטייען, אויך אַ סך חברים, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געבליבען פּאַסיוו, ניט קוקענדיג אויף זייער אידעאישער נאָהנטקייט צו ביידע פּאַרטייען, אָדער דוקא צוליב איהר. פון דער צווייטער זייט איז אויך דער צוציהונגס־כח אויף אינדיפערענטע און צום טייל אפילו געגנערישע עלעמענטען, אַ דאַנק דער פאַראייניגונג, געוואָקסען. במילא איז די פאַראייניגטע פּאַרטיי געווען בכח צו פאַרנעמען אַ שורה וויכטיגע פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע פּאָזיציעס, צו וועלכע קיינע פון די צוויי פּאַרטייען האָט פאַר דער פאַראייניגונג ניט געקענט דערגרייכען.

קודם כל ווייזט זיך דער אויסגעוואַקסענער כח פון דער פאַראייניגטער פּאַרטיי אויפ'ן אָרגאַניזאַטאָרישען געביט. זי פאַרמאָגט איצט אַ נעץ פון הונדערטער אָרגאַניזאַציעס אויפ'ן גאַנצען שטח פון דער פּוילישער רעפּובליק. עס זיינען פאַראַן גאַנץ באַדייטענדע טיילען פון לאַנד, אין וועלכע אונזער פּאַרטיי איז די איינציגע אידישע אַרבייטער־פּאַרטיי, אין אַנדערע איז זי די שטאַרקסטע. זי קען זיך געוויס נאָך ניט מעסטען מיט'ן „בונד" אין דער השפּעה אויף די אַרבייטער־מאַסען און אויף דער אידישער גאַס בכלל, אָבער זי קען שוין פאַרטראָגען אַזאַ פאַרגלייך מיט איהם בנוגע דער צאָהל פון פעסט־אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־חברים. דעם בונד'ס כח ליגט היינט ווייניגער אין דער גרויסקייט און פעסטקייט פון זיינע אָרגאַניזאַציעס, ווי אין דער טראַדיציע, אינ'ם איינפלוס פון זיינע פיהרער, אין זיינע געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען, אין זיין טראַדיציאָנעלער ראָלע אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אין דער באַהערשונג פון דעם צענטראַלען אַפּאַראַט, און אין דעם, וואָס די פינאַנציעלע הילף, וואָס קומט פון אמעריקא פאַר דער אידישער אַרבייטערשאַפט אין פּוילען הילף פאַר אַרבייטסלאָזע, פאַר דער אַרבייטער־קאָאָפּעראַציע א. א.) געהט דורך אינסטאַנצען, וואָס ווערען באַהערשט פון דעם בונד און באַנוצען זייער מאַכט דירעקט און אינדירעקט לטובת איהם.

אין אַ גאַנצער שורה שטעדט איז אונזער פּאַרטיי שוין היינט גרעסער און איינפלוס־רייכער ווי דער בונד (פּינסק, בריסק, סלאָנים, גראָדנע, בענדין א. א.), פון די לינקע פּועלי־ציון שוין אָפּגערעדט. זיי, וואָס זיי זיינען בעת דער שפּאַלטונג אין יאָהר 1920 געבליבען פאַקטיש פאַר אַ געוויסער צייט די איינציגע פּועלי־ציון פּאַרטיי אין פּוילען, זיינען היינט ווייט אַוועקגערוקט אויפ'ן דריטען פּלאַץ צווישען די אידישע אַרבייטער פּאַרטייען. דאָס באַווייזען קודם כל די רעזולטאַטען פון די וואַהלען צו די שטאַדט־ראַטען. אין משך פון יאָהר זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע וואַהלען אין בענדין, פּיאָטרקאָוו, קאָלאָ, ראַציאָנזש, טשענסטאָכאָוו, זאַמאָסץ, לאָמזשע, אַלעקסאַנדראָוו, קוטנאַ, בריסק, גאָסטינין. אין די דאָזיגע ניין שטעדט האָט אונזער פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַטען. אין 7 פון זיי האָט זי באַקומען 10 מאַנדאַטען (פון פריהער האָט די פּאַרטיי מאַנדאַטען אין גראָדנע, סטאָלפּצע, א. א.) דער בונד האָט קאַנדידירט אין אַכט שטעט און אין 5 שטעדט באַקומען 10 מאַנדאַטען. לינקע פּועלי ציון האָבען קאַנדידירט בלויז אין 5 שטעדט און בלויז אין צוויי פון זיי דורכגעפיהרט 4 מאַנדאַטען. אינטערעסאַנט איז אויך, אַז פון אונזערע 10 מאַנדאַטען זיינען ניט ווייניגער ווי אַכט ניי געוואונענע; בעת די לינקע פּועלי ציון האָבען אַנטקעגן די פריהערדיגע וואַהלען פאַרלאָרען איין מאַנדאַט, דער בונד דריי. מיט אַנדערע ווערטער: אונזער פּאַרטיי איז די איינציגע, ביי וועלכער די שטאָדט־ראַט וואַהלען האָבען געוויזען אַ שטאַרקע טענדענץ פון וואַקסען.

אויך ביי די ריין פּראָלעטאַרישע וואַהלען צו די קראַנקען־קאַסעס אין אַ שורה שטעדט (ווי גראָדנע, קוטנע, לאָמזשע, ריישע) האָט די פּאַרטיי דערגרייכט גוטע רעזולטאַטען אין שטימען און מאַנדאַטען. שווערער קומט איהר אָן דאָס אַריינרייסען זיך אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וועמעס צענטראַלע אינסטאַנצען ווערען באַהערשט פון בונד און קאָמוניסטען און וואו ערטערוויז האָבען אויך די

לינקע פועלי ציון אלטע פאזיציעס. די הער־שענדיגע פארטייען באנוצען זיך מיט אלערליי כשר'ע און ניט־כשר'ע מיטלען, ניט צו דער־לאזען אונזער פארטיי צו א השפעה אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג. אין פוילען איז דאס עפענען אן ארטיגע אפטיילונג פון א צענ־טראלען פראפעסיאנעלען פאראיין פון א גע־וויסען פאך אפהענגיג פון קריגען א סטאטוט פון דער צענטראלע פון דעם פאראיין. דאס גיט דעם „בונדישען קולטור־אמט" — אזוי הייסט די אידישע אפטיילונג פון דער צענט־ראלער קאמיסיע פון דער גאנצער פראפעסיא־נעלער באוועגונג אין פוילען — און די בונ־דישע און רויטע צענטראלען א באקוועמע מעג־ליכקייט פון שיקאנירען, „ניט אנערקענען", „אפלייגען", באשטימען אייגענע פארטרויענס־מענער און עהנליכע מיטלען, וואס ברעכען ניט איינמאל איינגאנצען די ארבייטער־ארגא־ניזאציע, אבי די רעכטע פ"צ־„קראמאלע" זאל ניט שאפען פאר זיך קיין פאזיציע. פונ־דעסטוועגען האט זיך דער פארטיי אין א שורה שטעדט (פינסק, בריסק, סלאנים, בענדין, דאמבראווע, זשיכלין, ביאליסטאק, אסטרא־וועץ, פלאצק, וויסאקע, מעזריטש, טאמאשאוו, ראדאמסק, קשאנאוו, ראוונע, לודמיר און אנ־דערע) איינגעגעבען, צו עראבערען זיך פאזי־ציעס אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג און עס איז קיין ספק ניט, אז ביי א געהעריגער אנפיהרונג פון דעם קאמף מצד דעם צ. ק. וועט די פארטיי אויך אויף דעם דאזיגען געביט ווערען אלץ שטארקער און שטארקער. אויך אין דער שול־ און קולטור־ארבייט, וואס איז קאנצענטרירט ארום דער צענטראלער אידישער שול־ארגאניזאציע (ציש"א) האט די פארטיי געשאפען די ערשטע פאזיציעס, ניט קוקענדיג אויף אלע שוועריגקייטען.

גרויס איז די אחריות פון דער פארטיי אויפ'ן געביט פון דער פראלעטארישער א"י־ארבייט; ווארים ארום איהר איז פון איין זייט קאנצענטרירט די גרויסע מערהייט פון דער החלוץ־באוועגונג אין פוילען, פון וועל־כער עס איז אין די לעצטע יאהרען געקומען דער באדייטענדסטער טייל פון דער חלוצישער עליה און וועלכע איז בארופען צו שפילען די דאזיגע ראלע אויך ווייטער. פון דער אנדע־רער זייט איז פון איהר ארויסגעגאנגען די איניציאטיווע און די רעאליזירונג פון דעם געדאנק פון די ליגעס פאר'ן ארבייטענדען א"י, וואס דארפען פאראייניגען אלע, וועלכע שטעהן אויפ'ן באדען פון דער הסתדרות אין א"י און וועלען מיטהעלפען שאפען מיטלען פאר איהרע אינסטיטוציעס. דוקא אין איצ־טיגען מאמענט פון קריזיס און יאוש־שטי־מונגען איז די דאזיגע אחריות באזונדערס גרויס. און א גרויסער טייל פון די בעסטע כחות פון דער פארטיי שטעהן אין דינסט פון די דערמאנטע צוויי ארגאניזאציעס, סיי אין די אנפיהרענדיגע אינסטאנצען, סיי אין הונדערטער פון זייערע לאקאלע אפטיילונגען.

אחוץ איהר צענטראלען ארגאן „באפריי־אונג־ארבייטער־שטימע" גיט די פארטיי איצט ארויס אן אינפארמאציע בולעטין אויף פוי־ליש און אין דעצעמבער 1926 האט אנגעהוי־בען ערשיינען א וויסענשאפטליכער חודש־זשורנאל „די נייע געזעלשאפט".

דער כח פון דער פארטיי קומט ניט גענוג צום אויסדרוק אין דער עפענטליכקייט מחמת איהר שוואכקייט אין ווארשע און אין עטליכע גרעסערע שטעדט (לאדז, ביאליסטאק, ווילנע). דער דאזיגער פאקט ערקלערט זיך דערמיט, וואס דוקא אין די גרעסטע שטעט איז די אר־בייטערשאפט שוין זעהר לאנג ארגאניזירט געווארען פון די עלטערע פארטייען און דא איז דאריבער דער כח פון טראדיציע און — אפאראט נאך א סך שטארקער, ווי אין דער פראווינץ און דאס מאכט זעהר שווער פאר א יונגער פארטיי, וואס קומט ניט מיט קיין ביליגע ראדיקאלע לאזונגען, צו געווינען השפעה. פונדעסטוועגען איז אויך אין די דאזיגע שטעט אין דער לעצטער צייט געקומען א באדייטענדער שנוי צום בעסערען. בפרט אין לאדז ווייזט די פארטיי ארויס א שטאר־קע אקטיוויטעט. און מען קען רעכענען, אז נאך א געוויסער צייט פון אינטענסיווער אי־נערליך ארגאניזאטארישער און קולטורעלער ארבייט וועט די פארטיי אויך דא קענען דערגרייכען אויך אויסערליכע ערפאלגען.

באזונדער דארף אין צוזאמענהאנג מיט פוילען דערמאנט ווערען מזרח־גאליציע. נאך יאהרען פון א סעפאראטער עקזיסטענץ, וואס האט זיך פון אנהויב אן געשטיצט אויף דער דעמאלט אקטועלער באזונדערער פאליטי־שער סיטואציע אין מזרח־גאליציע, איז אבער אויך שפעטער אויפגעהאלטען געווארען, ווייל דער אנפיהרער פון דער מזרח־גאליצי־שער פארטיי האט געהאלטען, אז מזרח־גאלי־

ציע דאַרף רעפּרעזענטירען אַ באַזונדערע „לינקע" ריכטונג אין אונזער באַוועגונג, איז סוף כל סוף אין אויגוסט, 1926 דורכגעפירט געוואָרען די פאַראייניגונג מיט דער פּוילישער פּאַרטיי. אויך איצט האָט זיך מזרח־גאַליציע רעזערווירט געוויסע באַזונדערע רעכט אויפ'ן געביט פון א"י־ארבייט (ניט אבליגאַטקייט פון דער באַטייליגונג אין ציוניסטישען קאָנגרעס) און קולטור פּאָליטיק. עס וועט זיין די אויפגאַבע פון דער פּוילישער פּאַרטיי, צו פאַראייניהייטליכען דעם פראָנט אויך אין דעם זין און אָנצונעמען די געהעריגע מיטלען, כדי ווידער צו ברענגען די באַוועגונג אין מזרח־גאַליציע צו דער אַמאָליגער הויך. פּאָליטיש און פּראָפעסיאָנעל שפּילט דאָ די פּאַרטיי אויך איצט אַ באַדייטענדע ראָלע אין לעמבערג, סטאַניסלאַוו, קאָלאָמיי, קאָסאָוו, קוטי און אַנדערע שטעדט.

# ליטע.

אין ליטע איז קיין פאַראייניגונג אין לאַנד־מאַסשטאַב ניט פאָרגעקומען, ווייל דאָרט האָט עקזיסטירט בלויז אַ צ. ס. פּאַרטיי, בעת פון דער אַמאָליגער פּועלי־ציון־פּאַרטיי זיינען פאַרבליבען נאָר פאַראיינצעלטע חברים, וועלכע זיינען נאָך דער וועלט־פאַראייניגונג אַריינגעטראָטען אין דער צ. ס. פּאַרטיי.

אונזער פּאַרטיי איז פאַקטיש די איינציגע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין לאַנד. פון „בונד" איז קיין זכר ניטאָ, און די לינקע פּועלי־ציון האָבען זיך שוין לאַנג כמעט אינגאַנצען אַריינגעגאָסען אין דער יעווסעקישער פּיליע אין ליטע.

אונזער פּאַרטיי, וועמעס אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפען איבער צעהנדליגער שטעדט און שטעדטלאַך, האָט אין לעצטען יאָהר אַנטוויקעלט אַ ברייטע פאַרצווייגטע און ערפאָלגרייכע טעטיגקייט סיי אויפ'ן געביט פון א"י־דיגער, סיי פון אָרטיגער פּאָליטישער, קולטורעלער און פּראָפעסיאָנעלער טעטיגקייט.

אויפ'ן א"י־געביט לעגט די פּאַרטיי אַריין איהר הויפּט־ענערגיע אין דער אויפגאַבע, צוצוגרייטען דעם פּאַסיגען מענשען־מאַטעריאַל דורך אַן ענערגישער באַטייליגונג אין „החלוץ", וואו אונזערע חברים זיינען די שטאַרקסטע גרופּירונג און טראָגען דעריבער אויך די גרעסטע אחריות. אָבער אויך אין דער שאַפונג און אָנפיהרונג פונ'ם קאָמיטעט פאַר'ן אַרבייטענדען א"י, אין דער אַרבייט פאַר די אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות (פּאַלעסטינא – אַרבייטער – פאָנד. אַרבייטער־באַנק) פאַרנעמט די פּאַרטיי דעם ערשטען פּלאַץ. זי באַטייליגט זיך ענערגיש אין דער אַרבייט פאַר'ן קרן היסוד און בפרט פונ'ם קרן־קימת.

אויפ'ן געביט פון דער לאַנד־פּאָליטיק איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, צוליב די וואַהלען צום סיים, אין וועלכע אונזער פּאַרטיי האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע. די דאָזיגע וואַהלען האָבען געשטעלט די פּאַרטיי פאַר אַ שווערען פּראָבלעם. דער רעאַקציאָנערער וואַהל־געזעץ איז אַזוי קונציג קאָנסטרואירט, אַז די אויסזיכטען פון די נאַציאָנאַלע מיעוטים ובפרט פון די אידען אויף אַ פאַרטרעטונג זיינען געווען מינימאַלע. דעריבער איז פאַרשטענדליך די נטיה, צו געהן צו די וואַהלען וואָס וועניגער צוברעקעלט, כדי מיט פאַראייניגטע כחות צו דערשלאָגען זיך צו וועלכער ס'איז פאַרטרעטונג אין סיים. פאַר אונזער פּאַרטיי איז ביי די באַדינגונגען ניט געווען קיים שום מעגליכקייט, צו געהן מיט אַן אייגענעם צעטעל צו די וואַהלען. פון דער אַנדערער זייט האָט די פּאַרטיי פון אָנהויב אָן זיך אָפּגעזאָגט, צו געהן אויף אַ וואַהל־קאָמפּראָמיס מיט באַשטימטע ניט־דעמאָקראַטישע און אַרבייטער־פיינדליכע עלעמענטען און האָט, נאַטירליך, אויך בשום אופן ניט געקענט מסכים זיין, צו בינדען זיך אין סיים צו דער דיסציפּלין פונ'ם קומענדיגען אידישען סיים־קלוב. די פּאַרטיי האָט דעריבער באַשלאָסען, ניט צו נעמען קיין אַנטייל אין קיין שום אידישער וואַהל־קאָמבינאַציע, נאָר צו רופען איהרע חברים און די אידישע אַרבייטענדיגע מאַסען בכלל, צו שטימען פאַר'ן צעטעל פון דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט צו די איצטיגע וואַהלען צום ערשטען מאָל אַרויסגעשטעלט בנוגע די מינאָריטעטען דעם לאָזונג פון אַ „ברייטער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעלער אָפּרעכענונג פון די מיטלען אויף די קולטורעלע באַדערפנישען".

די פּאַרטיי איז אין וואַהל־קאַמף אַרויסגעטראָטען זעלבסטשטענדיג און האָט איהם אויסגענוצט פאַר אַ ברייטער אויפקלערונגס־אַרבייט.

די דאָזיגע אויסגעהאַלטענע סאָציאַליסטי־

שע טאַקטיק האָט אַרויסגערופען דעם כעס פון די בירגערליכע גרופּירונגען געגען אונזער פּאַרטיי, געגען וועלכער ס'איז אויפגעהויבען געוואָרען אַ וויסטע דעמאַגאָגישע העצע, אַז זי האָט „פאַרראַטען די אידישע אינטערעסען". וכדומה. די פּאַרטיי האָט אויסגעצייכענט אויסגעהאַלטען דעם דאָזיגען אָנגריף — און דער פּרואוו צו ברעכען איהר אינערליכען פראָנט דורכ'ן אַפּיל צו דער „נאַציאָנאַלער אחריות" פון די פּראָווינץ חברים האָט זיך — מיט פאַרשווינדענדיגע אויסנאַמען — ניט איינגעגעבען. ווי ווייט די פּאָליטיק פון אונזער פּאַרטיי איז אויך פונ'ם ריין נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט געווען ווייטזיכטיגער ווי די פון די פּאַטענטירטע נאַציאָנאַליסטען, באַווייזט דער פאַקט, וואָס באַלד נאָכ'ן נצחון פונ'ם לינקען פליגעל ובפרט פון דער ליטווישער ס. ד. פּאַרטיי איז ניט נאָר געבראָכען געוואָרען דער רעאַקציאָנערער „קריסטליך־דעמאָקראַטישער" רעזשים, נאָר ס'איז אויך אקטועל געוואָרען די פראַגע פון ווידער־אויפלעבען די אידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין ליטע, וועלכע דער פריהעריגער רעזשים האָט אָפּגעשאַפט.

דער געמיינזאַמער וואַהל קאַמף האָט געבראַכט צו אַ דערנעהענטערונג צווישען אונזער פּאַרטיי און דער ליטווישער ס. ד., וועלכער ס'קומט אויך אויס אין אַ שורה שטעט צו פיהרען א געמיינזאמע ארבייט אויפ'ן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וואָס איז פון איין זייט אונטער דער פריהעריגער רעאקציאָנערער רעגירונג געשטערט געוואָרען אין איהר אנטוויקלונג און איז פון דער צווייטער זייט טאַקע אַ דאַנק דער רעאקציע אין לאַנד צום גרויסען טייל ארונטערגעפאלען אונטער קאָמוניסטישע השפּעות. ניט קוקענדיג אויף אלע שוועריגקייטען קען שוין די פּארטיי אָנווייזען אין דער פּראָפעסיאָנעלער ארבייט א שורה וויכטיגע ערפאָלגען. דער לעצטער פּארטיי־ראַט (אָקטאָבער, 1926) האָט אָנגענומען קלאָרע דירעקטיוועןוועגען דער ווייטערער סיסטעמאַטישער ארבייט אויף דעם דאָזיגען געביט.

איינער פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען, וואָס שטעהען איצט פאַר דער פּאַרטיי איז דער פּראָבלעם פון איהר קולטור־אַרבייט—האַבענדיג אַן אייגענע ליניע אין איהר קולטור־פּאָליטיק קען די פּאַרטיי זיך ניט אידענטיפיצירען מיט קיינער פון די עקזיסטירענדיגע קולטור־און שול־אָרגאַניזאַציעס, וואָס איינע פון זיי איז דורכגעדרונגען מיט בירגערליכען און שאָוויניסטישען גייסט (תרבות), די אַנדערע איז ניט מעהר ווי אַ יעווסעקישע פיליע. אויפ'ן לעצטען פּאַרטיי־ראַטה איז קלאָהר געוואָרען, אַז ס'איז נויטיג צו שאַפען צוזאַמען מיט נאָהענט־שטעהענדיגע גרופּען און עלעמענטען אַן אייגענע שול־אָרגאַניזאַציע אין אונזער גייסט, און אַז די נייע פאָלקס־שולען, וועלכע די אָרגאַניזאַציע וועט צוטרעטען שאַפען דאַרפען זיין מיט דער אידישער אונטערריכטס שפּראַך און מיט אַ געהעריגער צאָהל שעה'ן פאַר די העברעאישע למודים.

אין ליטע האָט זיך לעצטענס בערך שטאַרק אַנטוויקעלט דער ספּאָרט צווישען דער אידישער אַרבייטערשאַפט. אונזער פּאַרטיי האָט אויך צו דער דאָזיגער ערשיינונג אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג, רופענדיג איהרע חברים, צו שאַפען און שטיצען ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלען זיך אויפ'ן באָדען פונ'ם אַרבייטענדיגען א"י און שטרעבען אַריינצוטראָגען אין זיי אַ סאָציאַליסטישען גייסט. אין אַ שורה שטעדט זיינען שוין אַנטשטאַנען אַזעלכע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס אונטער'ן נאָמען „הכח", „פריהייט" א. אַ. וו.

## לעטלאַנד.

אין דער דאָזיגער קליינער מדינה איז אונזער פּאַרטיי — די פּ"צ פּאַרטיי — נאָך זעהר אַ יונגע, סך הכל מיט אַ צוויי יאָהר צוריק געשאַפען געוואָרען, נאָך דער שפּאַלטונג פון התאחדות. זי באַגעגענט זיך אין איהר אַנטוויקלונג מיט אַ שורה שווערע מניעות: דעם פאַרביסענעם קאַמף געגען איהר מצד „התאחדות", דער טראַדיציאָנעלער פּאָפּולאַריטעט פונ'ם בונד, דער קאָנקורענץ פון די קאָמוניסטען, וועלכע ווערט פאַרלייכטערט דורך דער רעאַקציע אין לאַנד. און פון דער צווייטער זייט מיט דעם פאַקט, אַז דוקא אין לעטלאַנד איז די רעוויזיאָניסטישע אידעאָלאָגיע געפאַלען אויף אַ פרוכטבאַרען באָדען ביי אַ טייל פון דער יוגענט. און דאָך האָט זיך די פּאַרטיי שוין אַנטוויקעלט צו אַ באַדייטענדען כח. זי האָט אַריינגעטראָגען אַ שטראָם געזעלשאַפטליכען לעבען ביז אין די קלענסטע אָפּגעשטאַנענע ווינקעלעך פונ'ם לאַנד. ס'זיינען פאַראַן שטעדט און שטעדט־

לעד, וואו קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט בכלל ניט. די פּאַרטיי באַטייליגט זיך אין דער אַרבייט פאַר די ציוניסטישע פאָנדען און נאַטירליך, פאַר די אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות און אין החלוץ.

איהר שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע האָט די פּאַרטיי אין דווינסק, וואו זי פירט אָן אַ גרויסע קולטור־אַרבייט, האָט אין האַנט די אָנפיהרונג פונ'ם פּראָפעסיאָנעלען פאַראיין פון די אידישע אַרבייטער און טראָגט אויס — פונקט ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער — די גאַנצע אַרבייט פונ'ם החלוץ. אינ'ם צווייטען וויכטיגסטען צענטער פונ'ם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, אין ריגע האָט דער ברענער־קלוב קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ חוץ אונזערע פּאַרטיי־ און יוגענט־חברים אַלע נאָהענט שטעהענדיגע עלעמענטען (ווי החלוץ, השומר א. א. וו.). די צעהנדליגער לעקציעס, דיספּוטען, חברים־שמועסען, ליטעראַרישע אָוועגטען א. אַז. וו., וואָס דער קלוב האָט איינגעאָרדענט אין משך פון די ווינטער־חדשים, האָבען דערהויבען דעם קלוב צו אַ וויכטיגען ברענפּונקט פונ'ם פּאָליטישען און קולטורעלען לעבען אין שטאָדט.

די פּאַרטיי האַלט נאָך אין וואַקסען. אין עטליכע ערטער האָט זיך איהר איינגעגעבען אַריינצופיהרען איהרע פאַרטרעטער אין די שטאָדט־דומעס. זי האָט שוין ערָאָבערט אַ געוויסע פּאָזיציע אויך אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און איז געווען פאַרטראָטען דורכ'ן איינציגען אידישען דעלעגאַט אויפ'ן לאַנד־צוזאַמענפאָהר פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אויך אין דער ספּאָרט באַוועגונג האָט זי אַ השפּעה.

## רומעניע

דער איינגענטליכער צענטער פון אונזער באַוועגונג אין רומעניע איז די פּראָווינץ בוקאָווינע, וועלכע רומעניע האָט גע'ירשנ'ט פונ'ם אַמאָליגען עסטרייך. אינ'ם אַלטען רומעניע איז זעהר אַ שווערער באָדען פאַר'ן אידישען סאָציאַליסטישען געדאַנק און ביז איצט זיינען פאַראַן אָרגאַניזאַציעס און גרופּען בלויז אין עטליכע שטעדט. נאָך שווערער איז פאַר אַ באַוועגונג ווי אונזערע זיך אַריינצורייסען אין זיבענבירגען, וואו די אידישע באַפעלקערונג איז זעהר קליין און עס איז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבען די אַלטע אונגאַרישע אַסימילאַציע, בעסאַראַביע, ווידער, לעבט אין אַ צושטאַנד פון פּאָליטישער רעכטלאָזיגקייט און אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר, וועלכער מאַכט פּשוט אוממעגליך, צו שאַפען וועלכע ס'איז פּאָליטישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. דאָך איז פאַראַן דאָרט אַ היבשע צאָל חברים, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער פּאַרטיי בעיקר דורך דער פאַרשפּרייטונג פון איהר אָרגאַן, דער טשערנאָוויצער „אַרבייטער־צייטונג”.

אין דער בוקאָווינע איז פאַראַן אַ פּועלי־ציון באַוועגונג שוין זייט צוויי צעהנדליג יאָהר. די פּאַרטיי האָט איהרע אָרגאַניזאַציעס אין די וויכטיגסטע שטעדט פונ'ם לאַנד, אין טשערנאָוויץ, ראַדעוויץ, סוטשאַוואַ, טערעס, וויזשניץ, גוהאַהומאָרא, קימפּאָלונג, דאָרנא־וואַטרא א. א. זי פיהרט אָן אַ ברייטע פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיגקייט. אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבייט ווערט זי שטאַרק געשטערט דורכ'ן „בונד”, וועלכער שטיצט זיך דאָרט אויף זיין אַלטער מאָנאָפּאָל־שטעלונג אַלס דער איינציגער אידישער סעקציע פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע”. דער „בונד” ווענדט אויך אָן אַלע מיטלען, כדי ניט צו דערלאָזען צו אַ פאַרשטענדיגונג צווישען אונזער פּאַרטיי מיט דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי, ובפרט כדי זי ניט אַריינצולאָזען אין דער פעדעראַציע אַלס אַ גלייכבאַרעכטיגטען טייל.

אויף דעם דאָזיגען באָדען איז עס בעת די וואַהלען צו דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג אין טשערנאָוויץ געקומען צו אַן ערנסטען קאָנפליקט צווישען אונזערע חברים און דער ס. ד., וועלכער האָט געפיהרט דערצו, אַז אונזער פּאַרטיי איז געגאַנגען צו די וואַהלען אויף אַן אַנדערער, אָפּאָזיציאָנעלער ליסטע און טאַקע דורכגעפיהרט איהרען אַ ראַטמאַן.

ביי די וואַהלען צום רומענישען פּאַרלאַמענט האָט אונזער פּאַרטיי אונטערשטיצט די קאַנדידאַטען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. אין טשערנאָוויץ איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי בנוגע דער וואַהל־אַקציע.

אונזער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבען אַ רייהע אויפרופען צו דער אידישער אַרבייטענדיגער באַפעלקערונג און אַ ספּעציעלע נומער פון דער „אַרבייטער־צייטונג” אין אידיש און דייטש. זי האָט זיך אויך אָפיציעל באַטייליגט אין די מאַסען־פאַרזאַמלונ־

גען פון דער ס. ד. פארטיי דורך אייגענע רעדנער, וועלכע האבען אויפגעקלערט די שטעלונג פון דער פארטיי.

די פארטיי האט שארף באקעמפט די פאליטיק פון די בירגערליכע ציוניסטען און נאציאנאל־אידען, וועלכע האבען צוליב א מאנדאט געמאכט א בלאק מיט דער פאשיסטישער אווערעסקו־רעגירונג.

ס'איז כדאי באזונדער צו דערמאנען צוויי וויכטיגע אינסטיטוציעס פון דער פארטיי אין טשערנאוויץ: די מלאכה־שול, אין וועלכער הונדערטער יוגענטליכע ארבייטער באקומען זייער פאך־אויסבילדונג ווי אויך אלגעמיינעם און אידישען וויסען און וועלכע איז אנערקענט פון דער רעגירונג און ווערט הויך אפגעשאצט פון דער גאנצער באפעלקערונג, און די פועלי־ציון קיך, אין וועלכער דורכשניטליך 600 פראלעטאריער, על פי רוב לערען־אינגלעך און לערען־מיידלעך ווערען געשפייזט פאר ביליגע פרייזען, צום גרויסען טייל אומזיסט.

לעצטענס זיינען די חברים צוגעטראטען צום אויפבוי פון אן אייגענעם הויז פאר די דאזיגע און אנדערע אינסטיטוציעס.

דער בולט'סטער באוייז פאר'ן כח פון דער פארטיי ליגט אין דעם פאקט, וואס זייט זעקס יאהר איז זי בכח ארויסצוגעבען אהן אן איבעררייס איהר וועכענטליכען ארגאן „ארבייטער צייטונג” וועלכער איז ביי די רומענישע באדינגונגען א העכסט וויכטיגער אינסטרומענט פון אויפקלערונג און פאליטישען קאמף אין א לאנד פון גרויסער קולטור־לאזיגקייט און עם הארצות, וואס האט דערצו די חוצפה'דיגסטע צענזור און לאזט אפילו ניט ארויין פריי קיין געדרוקט אידיש ווארט פון דרויסען. אין דער דאזיגער אטמאספערע איז די „ארבייטער־צייטונג” אן אמת'ער קולטור־פאקטאר.

## ענגלאנד.

דער מאנגעל אין אנפיהרענדיגע חברים האט אין לעצטען יאהר געשטערט די אנטוויקלונג פון דער פארטיי. אקטיווע פועלי־ציון־גרופען זיינען פאראן אין לאנדאן, מאנטשעסטער, לידז גלאזגאו, ליווערפול א. אז. וו. אין לעצטען יאהר איז צוגעקומען די ערשטע פועלי־ציון גרופע אין אירלאנד (דובלין). עטליכע מאל איז אויסגענוצט געווארען די אנוועזענהייט פון אנפיהרענדיגע חברים פון דער וועלט־באוועגונג און פון א"י פאר עפענטליכע ארויסטרעטונגען. א וויכטיגען טייל פון דער ארבייט ווידמעט דער צ. ק. דער אינפארמירונג פון דער לייבאר פארטיי און פון דער ענגלישער פרעסע איבער די ענינים פון דער ארץ־ישראל־ארבייטערשאפט און די פאליטישע פראגען פון א"י.

ס'זיינען דורכגעפיהרט געווארען מיט ערפאלג זאמלונגען פאר'ן פ. א. פ.

## דייטשלאנד.

די פועלי־ציון ארגאניזאציע אין דייטשלאנד, וועמעס אנהויבען ס'פיהרען צוריק אין דער פאר־מלחמה־צייט, איז זיך שטארק פאנאנדערגעוואקסען בעת און בפרט באלד נאך דער מלחמה, ווען אין דייטשלאנד האט זיך געפונען א גרויסע צאהל אידישע ארבייטער פון מזרח־איראפא, צום טייל אומפרייוויליג געבראכטע צו דער ארבייט אין די קוילען גרובען און פאבריקען בעת דער מלחמה, צום טייל שפעטער איינגעוואנדערטע. אין דער דאזיגער גאנצער צייט איז די פועלי־ציון־ארגאניזאציע באשטאנען כמעט אויסשליסליך פון מזרח־איראפעאישע חברים. ס'האט זיך איהר אין א זעהר קליינער מאס איינגעגעבען צוצוציהען חברים אוים דער דייטש־געבוירענער ארבייטערשאפט און יוגענט. זי האט געפיהרט איהר גאנצע ארבייט אין אידיש, האט אפילו געשאפען אן אייגענעם ארגאן און אן ארבייטער־בוכהאנדלונג, וואס האבען ביידע בשעתם אויסגעפירט א וויכטיגע קולטור־מיסיע צווישען דער איינגעוואנדערטער אידישער ארבייטערשאפט.

אין די לעצטע צוויי יאהר האט זיך די סיטואציע גרינדליך געביטען. דער גרעסטער טייל פון די מזרח־אידישע ארבייטער האט נאך דער אקופאציע פונ'ם רור־געביט און דער שפעטערער סטאביליזירונג פון דער וואלוטע פארלאזט דייטשלאנד. פון דער אנדערער זייט האט דער פועלי־ציון־געדאנק דאך אנגעהויבען ארוינדרינגען אין די קרייזען פון דער רעוואלוציאנער־זוכענדיגער דייטש־אידישער יוגענט, וועלכע האט צום טייל אנגעהויבען אריינטרעטען אין דער ארגאניזאציע. אין א סך א גרעסערער מאס. אבער דריקט זיך אוים די נייע סיטואציע אין דער באדייטענדער אידעאישער השפעה פון אונזערע חברים אין דייטשען החלוץ און אין דער יוגענט ארגאניזאציע „יונג־אידי־

שער וואַנדערבונד״, וועלכער שטעהט אויף אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישען באָדען און צעהלט עטליכע טויזענט חברים.

אין דער דייטשער פּאָליטיק באַטראַכטען זיך ניט די דייטשע פּועלי־ציון פאַר אַ זעלבסט־שטענדיגער פּאַרטיי, נאָר זיי שטיצען ביי אַלע וואַהלען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין וועלכער אַ גרויסער טייל פון אונזערע חברים זיינען אויך אָנגעשלאָסען אַלס חברים. דאַגעגען נעמען פּועלי־ציון אַנטייל אין ריין אידישע וואַהלען; אין די וואַהלען צו דער בערלינער קהילה האָבען זיי באַקומען בערך 2200 שטימען, ס'האָט געפעלט איין שטימע צו אַ מאַנדאַט. אין די וואַהלען צום לאַנד־פאַרבאַנד פון די קהילות אין פּרייסען האָט די פּאַרטיי באַקומען 2 מאַנדאַטען (דר. אָסקאַר קאָהן און אַלפרעד בערגער).

די באַציהונגען מיט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען על פּי רוב זעהר גוטע. צו די פּועלי־ציון־קאָנפערענצען זיינען אין די לעצטע יאָהרען שטענדיג געקומען פאַר־טרעטער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָנפיהרענדיגע אינסטאַנצען און די ס. ד. פּרעסע האָט זיי געשענקט אַ סך אויפ־מערקזאַמקייט. אַ גרויסע צאָהל סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען האָבען אין לעצ־טען יאָהר געבראַכט אַרטיקלען וועגען ח. באָראָכאָוו, דעם פּאַלעסטינא־אַרבייטער־פאָנד, דער הסתדרות א. אַז. וו. פון אַ באַזונדערען ווערט זיינען די אָפטע אַרויסטרעטונגען פאַר'ן אַרבייטענדען א״י מצד עדואַרד בערנ־שטיין, דעם פּרעזידענט פונ'ם דייטשען פאַר־לאַמענט פויל לעבע, דעם באַקאַנטען רעוואָ־לוציאָנערען זשורנאַליסט פעליקס פערענבאַך (וועלכער איז אגב געוואָרען אַן אָפיציעלער פּועלי־ציון) א. א.

די דייטשע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע שטעהט פאַר'ן אָרגאַניזאַטאָרישען פּראָבלעם, ווי אַזוי אַריינצוציהען אין איהרע שורות אַלע יענע, וואָס זיינען פאַקטיש אידעאיש שוין מיט אונז. אַ חוץ אַ גרויסער צאָהל יונגע חברים פונ'ם „יונג־אידישען וואַנדערבונד״ און „החלוץ״, זיינען נאָך דאָ ניט וועניג אידען־סאָציאַליסטען, צום טייל אין אַן אָנפיהרענדער שטעלונג, וועלכע זיינען אויך ציוניסטען און אַלס אַזעלכע אָרגאַניזירט און טעטיג אין דער אַלגעמיינער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד. אַ סך פון זיי קענען זיך ניט אַנטשליסען, אַרויסצו־טרעטען פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיי באַטראַכטען פאַר אַן איבער־קלאַ־סען־אָרגאַניזאַציע און אין וועלכער זיי זע־הען פאַר זיך אַ ברייטער פעלד פון אַרבייט.

מיט דעם דאָזיגען פּראָבלעם, ווי אויסצו־גלייכען די אָרגאַניזאַטאָרישע גרעניצען פון דער באַוועגונג מיט איהר אידעאישער השפּעה, וועט זיך ערנסט באַשעפטיגען די נאָהענטסטע קאָנפערענץ פון די דייטשע פּועלי־ציון.

## עסטרייך.

דאָ עקזיסטירט אַ פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע בלויז אין ווין, דער איינציגער שטאָדט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג און אַ שטאַרקער מזרח־אידישער קאָלאָניע. בעת פון די אַמאָל אַזוי שטאַרקע און האַפערדיגע לינקע פּועלי־ציון איז שוין קיין שריד ופליט ניט געבליבען, איז אונזער אָרגאַניזאַ־ציע לעבעדיג און אַקטיוו אויף אַלע געביטען. זי פיהרט אָן אַ ריהרעוודיגע קולטור־אַרבייט, העלפט מיט דער אַרבייט פון „החלוץ״, האָט געגעבען די איניציאַטיווע צו דער אָרגאַני־זירונג פון אַ „געזעלשאַפט פון פריינד פונ'ם אַרבייטענדען א״י״, צו וועלכער זי האָט צו־געצויגען אַ ברייטערען קרייז פון מענשען, אויך פון די דייטש־אידישע סאָציאַליסטען; זי מישט זיך אַריין אין לעבען פון דער גרויסער אידישער קהילה אין ווין, און ס'האָט זיך איהר איינגעגעבען צו פאַראינטע־רעסירען מיט'ן קהילה־לעבען אַ סך וויינער אידען־סאָציאַליסטען, וואָס האָבען ביז דע־מאָלט מיט'ן אידישען לעבען קיום שום שיכות ניט געהאַט. צו דעם צוועק האָט די פּאַרטיי אָרגאַניזירט אַ „פאַראיין פאַר סאָציאַלער טע־טיגקייט אין דער קהילה״, וועלכער האָט ביי די וואַהלען דורכגעפיהרט פינף ראַטמענער אין דער קהילה (געגען 10 בירגערליכע ציוני־סטען). די סאָציאַליסטישע פראַקציע האָט ביי איהר אַריינטריט אין דער קהילה אָפּגע־געבען אַ דעקלאראַציע פון סימפּאַטיע פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ ישראל. זי האָט מיטגע־האָלפען אויסקעמפען סובווענציעס פון דער קהילה פאַר'ן קרן־היסוד און קרן־קימת און דורכגעפיהרט אויך אַ סובווענציע פאַר'ן פּאַלעסטינא־אַרבייטער־פאָנד.

די ווינער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס אַן אייגענעם האַלב־חודש־אָרגאַן „אונ־זער טריבונע״ אין דער דייטשער שפּראַך. דער

אָרגאַן פאַרשפּרייט ניט נאָר אויפקלערונג און אינפאָרמאַציעס איבער דעם אַרבייטענדיגען א"י און אונזער באַוועגונג, נאָר ער פיהרט אויך אַ שאַרפען קאַמף געגען דער ווירטשאַפט פון די אַלטע קהילה־מושלים און געגען דער רעאַקציאָנערער און אַנטי־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק פון דער ווינער ציוניסטישער פּאַרטיי.

בנוגע דער ריין עסטרייכישער פּאָליטיק באַטראַכטען זיך די ווינער פּועלי־ציון פאַר חברים פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. „אונזער טריבונע" טרעט אָבער אָפען און שאַרף אַרויס יעדעס מאָל, ווען ס'ווייזען זיך נעגאַטיווע ערשיינונגען אין דער באַציהונג צו אידישע פראַגען אין דער ס. ד. פּאַרטיי און איהר אָרגאַן, דער ווינער „אַרבייטער־צייטונג".

# אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

אָרגאַניזאַציעס און גרופּען פון אונזער וועלט־פאַרבאַנד זיינען נאָך פאַראַן אין בעלגיע, פראַנקרייך, שווייץ, האָלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, דאַנציג, טערקיי. אַם אַקטיווסטען זיינען די אָרגאַניזאַציעס אין בעלגיע און פראַנקרייך, וואו ס'זיינען פאַראַן איצט גרויסע צאָהלען אידישע אַרבייטער אויס מזרח־אייראָפּא. אונזערע חברים אין פראַנקרייך האָבען אין נאָוועמבער אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַן אייגענעם צוויי־וואָכען־זשורנאַל „אַרבייטער וועלט".

# אַרגענטינע.

די אַרגענטינער פּועלי־ציון־פּאַרטיי ציילט איהר אָנהענגערשאַפט אַ תוך בוענאָס־איירעס און אַנדערע שטעדט בעיקר צווישען דער יוגענט פון די אידישע קאָלאָניעס.

די פּאַרטיי איז אין לעצטען יאָהר אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך די פינאַנציעלע שוועריגקייטען, וואָס האָבען אוממעגליך געמאַכט דאָס ווייטערע אַרויסגעבען דעם אייגענעם פּאַרטיי־אָרגאַן „די נייע צייט", וואָס איז דער וויכטיגסטער פאַרבינדונגס־מיטעל צווישען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפען איבער'ן גרויסען שטח פון דער רעפּובליק. פונדעסטוועגען איז אָנגעפירט געוואָרען אַ בערך אינטענסיווע אַרבייט, די וויכטיגסטע אָרגאַניזאַציעס זיינען באַזוכט געוואָרען פון מיטגלידער פונ'ם צ"ק און ס'איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַן ערפאָלגרייכע אַקציע פאַר'ן פּאַלעסטינא־אַרבייטער־פאָנד. אינטערעסאַנט איז, אַז אין עטליכע קאָלאָניעס האָבען די חברים פאַרזייט געוויסע שטחים מיט תבואה און דעם אײנטראָג פונ'ם שניט באַשטימט פאַר'ן פּאַלעסטינא־אַרבייטער־פאָנד. אין אַלע וויכטיגע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, ווי קרן־היסוד, קרן־קימת און אין דער הילפס־אַרבייט נעמט די פּאַרטיי אַן ענערגישען אַנטייל. ביי די וואַהלען צו די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען און צום פּאַרלאַמענט שטיצט די פּאַרטיי מיט אַלע כחות די קאַנדידאַטורען פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

# בראַזיליע.

אין לעצטען יאָהר איז אין פּאָרטאָ־אַלעגראָ אַנטשטאַנען אַ פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע, „ב. באָראָכאָוו", וועלכע האָט אויך גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע, צו פאַרשפּרייטען די אַרבייט איבער'ן לאַנד. די צענטראַל־ביוראָ פון דער פּאַרטיי פיהרט אָן אַ זעהר ענערגישע אַרבייט. אין פּאָרטאָ־אַלעגרע איז געשאַפען געוואָרען אַ אידישע שול און אַ קולטור־ליגע. די חברים טרעטען אויך שוין צו אַרויסצוגעבען אַ חודש־זשורנאַל „דאָס נייע וואָרט", וואָס וועט אָבער צוליב די באַזונדערע באַדינגונגען פונ'ם לאַנד טראָגען אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער.

# קובא.

סוף 1925 איז אין האַוואַנאַ געשאַפען געוואָרען אַ פּועלי־ציון־גרופּע, וועלכע שטעהט אין פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי.

# אונזער יוגענט־באַוועגונג

יוגענט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָפיציעל פאַרבונדען מיט אונזערע פּאַרטייען, עקזיסטירען אין א"י, אַמעריקא, ליטע, לעטלאַנד, עסטרייך, פּוילען, רומעניע און רוסלאַנד.

ווי די סאָציאַליסטישע קלאַסען־באַוועגונג פון דער יוגענט בכלל איז אויך אונזער יוגענט־באַוועגונג אַרויסגעוואָקסען אויס דער עקאָנאָמישער און מאָראַלישער נויט פונ'ם יונגען אַרבייטער־דור אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אויס דער נויטווענדיגקייט פון קאַמף פאַר יוגענט־שוץ און בילדונגס־מעגליכקייטען און אויס דער באַדערפע־

נויש צוצוגרייטען זיך באַצייטענס צום אַריינטריט אין די קעמפענדיגע שורות פונ'ם דערוואַקסענעם אַרבייטער־קלאַס. ביי אונזער יוגענט איז נאָך צוגעקומען דער חלוצישער עלעמענט, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שטרעבען פון גרויסע מאַסען פון נאָך ניט פּראָלעטאַרישער יוגענט, איבערצוגעהן צו אַ לעבען פון אַרבייט אין א"י און צוצוגרייטען זיך דערצו שוין אין די איצטיגע וואוין־לענדער.

## ארץ ישראל.

די „בחרות סוציאַליסטית“ איז געשאַפען געוואָרען ערשט אין אַפּריל 1926. אָבער שוין פריהער האָט עקזיסטירט ביי דער הסתדרות הכללית די „הסתדרות הנוער העובד בא"י“, אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע אַרבייטענדיגע יוגענט אינ'ם עלטער פון 13־17 יאָהר, וואָס קעמפט פאַר בעסערע אַרבייטס באַדינגונגען און פיהרט אָן אַן ערציהערישע אַרבייט אין גייסט פון דער חברת־העובדים און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־באַוועגונג.

די „בחרות סוציאַליסטית“ איז געשאַפען געוואָרען ניט אַלס קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע פון „הנוער העובד“, נאָר אַלס איהר פּאָליטישע דערגענצונג. זי נעמט אַריין יוגענטליכע אַרבייטער און לערן־יוגענט אינ'ם עלטער פון 17—23 יאָהר, ד. ה. זי קאָנקורירט בשום אופן ניט מיט'ן „הנוער העובד“ אין אָרגאַניזאַציאָנאַלען זין.

אַ חוץ די אַלגעמיינע טעמים, וואָס פיהרען אומעטום צו דער שאַפונג פון סאָציאַליסטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַר דער גרינדונג פון דער „בחרות“ נאָך צוגעקומען אַ שורה ספּעציעלע מאָמענטען, וואָס וואַקסען אַרויס אויסען אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אין לאַנד. ס'איז נויטיג אַ ציל־באַוואוסטע סאָציאַליסטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל באַוואוסטזיניג און פּלאַנמעסיג אָנפיהרען דעם פּראָצעס פון איינוואָרצלונג און פאַראיינהייטליכונג פון די פילפאַרביגע יוגענט־עלעמענטען, וואָס קומען מיט דער עליה פון די פאַרשידענסטע לענדער, אויס צום טייל זעהר פאַרשידענאַרטיגע סביבות, לעבענס־באַדינגונגען, טראַדיציעס און ערציהונג. מאַכען פון די דאָזיגע אַלע יוגענט־עלעמענטען איין איינהייטליכען אַרבייטער־קלאַס, פאַרליכטערען פאַר זיי דאָס אַריינוואַקסען אינ'ם א"י'דיגען לעבען און קאַמף און גלייכציי־טיג פאַרשמעלצען מיט זיי אויך די אַרבייטענדיגע און לערען־יוגענט פון די פאַרשידענע מזרח־עדות, משפיע זיין אין סאָציאַליסטישען גייסט אויך די אַרבייט פון „הנוער העובד“ און צוגרייטען אַזוי די נייע מחנות פאַר „אחדות העבודה“, דאָס איז די אויפגאַבע פון בחרות סוציאַליסטית, וועלכע האָט אין דער דערפילונג פון דער אויפגאַבע שוין געמאַכט די ערשטע ערפאָלגרייכע שריט.

## ליטע.

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגענט־פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרען אין יוני 1925. צו דער צווייטער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען חול המועד סוכות תרפ"ז, האָט די אָרגאַניזאַציע געצעהלט העכער 400 חברים אין 21 פונקטען. 60 פּראָצענט פון די חברים זיינען אַרבייטער, 20 פּראָצענט שילער און דער רעשט אָהן באַשעפטיגונג. די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט אויך אַ סך סאַמפּאַטיזירער אין „החלוץ“, „השומר הצעיר“ און אין דער אומפּאַרטייאישער יוגענט, אַזוי אַז די ווירקונג געהט ווייט אַריבער איהרע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען.

די עיקר־אַרבייט פון דער יוגענט־אָרגאַניזאַציע ליגט אויפ'ן קולטורעלען געביט. אין פינף שטעדט זיינען אָרגאַניזירט אָווענטשולען פאַר יוגענטליכע אַרבייטער, אין וועלכע ס'ווערט געלערענט אידיש, העברעאיש, ליטוויש, חשבון, געשיכטע, געאָגראַפיע, נאַטורוויסענשאַפטען און ס'ווערען געהאַלטען לעקציעס איבער אידישע און אַרבייטער־פראַגען. ביים צ. ק. עקזיסטירט אַ וואַנדער־ביבליאָטעק, וועלכע באַזאָרגט די פּראָווינץ מיט בראָשורען און ביכער. דער צ. ק. האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ בולעטין און אַ גאַנצע שורה פון דיספּאָזיציעס פאַר רעפעראַטען איבער סאָציאַליזם, אַרבייטער־באַוועגונג, אַלגעמיין אידישע און א"י־פּראָבלעמען.

צו דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיגקייט האָט די יוגענט געקענט צוטרעטען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק, נאָכדעם ווי אַ דאַנק דעם אויסגאַנג פון די סיים־וואַהלען האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ פרייער ווינט אינ'ם פּאָליטישען לעבען פון ליטע. וואָרים די פריהעריגע רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט מיט אַלע כחות געשטערט יעדען פּרואוו פון אַרבייט אויף דעם געביט. אין איניגע ערטע־

זיינען שוין געשאַפן געוואָרען יוגענט־סעקציעס פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס.

## לעטלאַנד.

די צ. ס. יוגענט־באַוועגונג איז נאָך יונג. איהר טעטיגקייט איז קודם כל אַ קולטורעלע. דורך עפענטליכע לעקציעס, אָוונט־קורסען, ביבליאָטעקען א. אַז. וו. די חברים באַמיהען זיך משפּיע צו זיין די יונגע ספּאָרט־באַוועגונג, אין וועלכער ס'געהען אויך אַריין אַרבייטער עלעמענטען, אין גייסט פון סאָציאַליזם און דעם אַרבייטענדען א"י.

## עסטרייך.

דער פאַרבאַנד פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־יוגענט איז געגרינדעט געוואָרען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק. ער פיהרט אָן אַן אינטענסיווע אויפקלעהרונגס־און קולטור־אַרבייט דורך פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטען און קורסען און גיט אַרויס אַ אייגענעם אינפאָרמאַציע־בולעטין. אין אַלגעמיינע פראַגען (יוגענט־שוץ, פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען) אַרבייט ער האַנט אין האַנט מיט'ן עסטרייכישען סאָציאַליסטישען יוגענט־פאַרבאַנד.

## פּוילען.

דער „סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון דער אידישער אַרבייטער־יוגענט „פרייהייט" איז אַנטשטאַנען אויס דער פאַראייניגונג פון דער „אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־יוגענט" (פּועלי־ציון־יוגענט) און דער צ. ס. יוגענט. די אָרגאַניזאַציע צעהלט איבער 3000 חברים און איז איינע פון די שטאַרקסטע פּאָליטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילען. די אָרגאַניזאַציע פיהרט אָן אַ ברייטע און רייך פאַרצווייגטע טעטיגקייט. אויפ'ן געביט פון קולטורעלער אַרבייט האָט די גרעסטע באַדייטונג דער אָפיציעלער חודש־זשורנאַל „פרייהייט" און דער פאַרלאַג, וועלכער גיט אַרויס פּאָפּולערע בראָשורען (ביז איצט ערשינען: האַקמאַן'ס אַריינפיר אין סאָציאַליזם, אָטאָ בויער: סאָציאַליזם און יוגענט). איבער'ן לאַנד עקזיסטירען צעהנדליגער ביבליאָטעקען און יוגענט־קורסען. דער צ. ק. שיקט אַרויס רעפערענטען און גיט אַרויס צירקולאַרען מיט רעפעראַטען־דיספּאָזיציעס.

אויפ'ן געביט פון א"י אַרבייט איז צו פאַרצייכענען די גרויסע השפּעה פון „פרייהייט" אינ'ם „החלוץ הצעיר" און איהר שטאַרקע באַטייליגונג אין דער אַרבייט פאַר'ן נאַציאָנאַל־פאָנד און פּאַלעסטינא־אַרבייטער־פאָנד. אינערליך ווערט געפיהרט אַ שטענדיגע ערציהונגס־אַרבייט אינ'ם גייסט פונ'ם פּועלי־ציוניזם און פונ'ם אַרבייטענדען א"י.

די יוגענט־אָרגאַניזאַציע פאַרנעמט אויך אַ באַדייטענדען פּלאַץ אין דער יוגענטליכער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. איהר באַשטאַנד איז אין אַ זעהר הויכער מאָס אַ פּראָלעטאַרישער.

אינאיינעם מיט די ניט־אידישע סאָציאַליסטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אין דעם יוגענט־אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך די „פרייהייט" אָנגעשלאָסען אין דער פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילען. זי געפינט זיך אויף דעם אופן אין אַ שטענדיג פריינדליכען קאָנטאַקט מיט די ברודער־אָרגאַניזאַציעס, בפרט מיט דער פּוילישער און דייטשער.

## רומעניע.

די פּועלי־ציון־יוגענט איז, פּונקט ווי די פּאַרטיי, דער עיקר אָרגאַניזירט אין בוקאָווינע. זי פיהרט אָן אַ קולטורעל־ערציהערישע אַרבייט אינ'ם גייסט פון אונזער באַוועגונג און זאָרגט אויך פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבייטער־יוגענט. איהר צוואוואוקס רעקרוטירט זיך צום גרויסען טייל אויס די שורות פון די תלמידים פון דער טשערנאָוויצער מלאכה־שול.

אונזער יוגענט־אָרגאַניזאַציע איז אָנגעשלאָסען אין דער „אַלרומענישער פעדעראַציע פון סאָציאַליסטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס".

## רוסלאַנד.

דער צ. ס. יוגענט פאַרבאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין יאָהר 1923 און נעמט אַרום ביי 5000 חברים, דערפון בערך 80 פּראָצענט אַרבייטס־יוגענט. ער איז אַן אויסגעשפּראָכען פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אָריענטירט זיך אויף דער צ. ס. פּאַרטיי און באַטייליגט זיך אין אַלע צווייגען פון איהר אַרבייט און קאַמף. אין די פּראָפעסיאָנעלע יוגענט־סעקציעס, אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך, בפרט אין אוקריינע, אין די אַלטע און נייע קאָלאָניעס, אומעטום, וואו ס'שלאָגט נאָר אַן אָדער פון אַרבעט און געזעלשאַפטליכקייט, געפינט מען דעם צ. ס. י. פ.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז גלייך מיט דער פאַרטיי ווערט אויך דער יוגענט־פאַרבאַנד גערודפ׳ט פון דער יעווסעקציע מיט דער גרעסטער אכזריות. אָבער פונקט ווי די פאַרטיי פיהרט אויך דער יוגענט־פאַרבאַנד זיין אַרבייט ווייטער, ניט קוקענדיג אויפ׳ן טעראָר, אויף אַלע אַרעסטען און פאַרשיקונגען.

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערען דער לינקער „השומר הצעיר“, וועלכער אַנערקענט זיך דערהוויל נאָר אַלס ערציהערישע אָרגאַניזאַציע פאַר ארץ ישראל, וועלכער אַנטוויקעלט זיך אָבער אין דער לעצטער צייט אַלץ מעהר צו אַן אויסגעשפּראָכענער קלאַסען־אָרגאַניזאַציע, מיט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און מיט אַ שטאַרקער טענדענץ, צו ווערען פּאָליטיש אַקטיוו אויך אין רוסלאַנד.

## די פראַגע וועגן יוגנט־וועלט־פאַרבאַנד.

די פאַרשטאַרקונג פון אונזער יוגענטבאַוועגונג און איהר פאַרשפּרייטונג איבער פאַרשידענע לענדער האָבען געמאַכט אַקטועל די פראַגע וועגן אַ פערמאַנענטער פאַרבינדונג צווישען די יוגענט אָרגאַניזאַציעס אויף דער גאַנצער וועלט צוליב דער דורכפיהרונג פון די געמיינזאַמע אויפגאַבען אויפ׳ן געביט פון קולטור־ אַרבייט, באַטייליגונג אין פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און באַוועגונגען, פאַרטרעטונג אין אינטערנאַציאָנאַל א. אַז. וו.

אַן ערשטער שריט אין דער דאָזיגער ריכטונג איז געמאַכט געוואָרען דורך דער באַראַטונג פון די פאָרשטעהער פון די יוגענט אָרגאַניזאַציעס אין וויען, בעת דער פאַראייניגונגס־וועלט־קאָנפערענץ, וועלכע האָט אין פּרינציפּ באַשלאָסען, צו שאַפען אַן „אַלוועלטליכע אידישע סאָציאַליסטישע יוגענט־פאַראייניגונג“. מיט עטליכע חדשים צוריק האָבען אָנפיהרענדיגע חברים אויס די פאַרשידענע לענדער מיט דער מיטווירקונג פון דער א״י ביוראָ פון אונזער וועלט־פאַרבאַנד געשאַפען אין א״י אַ דערווייליגע „אָרגאַניזאַציאָנס־ביוראָ“ פון דער פאַראייניגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אינפאָרמאַטיווע און צוגרייטענדיגע אויפגאַבען ביז צו אַ רעגולערער אַלוועלטליכער יוגענט־ קאָנפערענץ, וואָס וועט מסתם אָפּגעהאַלטען ווערען אין דער צייט פון דער נאָהענטסטער וועלט־קאָנפערענץ.

## פאַרטרעטונג אין אינטערנאַציאָנאַל.

פון אַלע אונזערע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס איז ביז איצט נאָר די פּוילישע אָפיציעל געווען אָנגעשלאָסען אין דעם סאָציאַליסטישען יוגענט־אינטערנאַציאָנאַל. אויפ׳ן קאָנגרעס פונ׳ם יוגענט־אינטערנאַציאָנאַל אין מאַי 1926 איז אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע וועגן אָנשלוס פון אַ שורה אַנדערע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און ס׳איז צושטאַנד־געקומען אַ דערווייליגער אָפּמאַך, אַז ביז צו דער ענדגילטיגער ערלעדיגונג פון דער פראַגע וועגן דעם פּראָיעקטירטען וועלט־פאַרבאַנד פון אונזער יוגענט זאָלען די יוגענט־אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרשידענע לענדער בילדען אַן „אַרבייטס־געמיינשאַפט פון די אידישע סאָציאַליסטישע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס“ מיט׳ן צוועק פון קאָלעקטיווען אָנשלוס צום יוגענט אינטערנאַציאָנאַל. די מעהרהייט פון די יוגענט אָרגאַניזאַציעס האָט שוין געגעבען דערויף איהר הסכמה און דערמיט זיך אָנגעשלאָסען אין דעם יוגענט אינטערנאַציאָנאַל.

# דער איצטיגער מצב פון דער פועלי ציון פארטיי אין אמעריקא

פון א. העמלין

ביים אנאליזירען דעם איצטיגען מצב פון דער אמעריקאנער פועלי ציון פארטיי מוז מען דערביי נעמען אין בעטראכט די פארשידענארטיגע מאמענטען וואס יעדע פאליטישע ארבייטער־פארטיי מוז דורכמאכען אויף דעם וועג פון איהר ענטוויקלונג און טעטיגקייט. יעדע פארטיי האט מאמענטען פון העכסטען ארויפשטייג, ווי אויך צייטען פון שווערע מפלות; מאמענטען, ווען די מאסען לויפען אין איהרע רייהען און שענקען איהר דעם גרעסטען צוטרויען, און אויך מאמענטען ווען די מאסען פארלאזען זי און עס בלייבען אין איהר נאר די געטרייע און אויסגעפרובירטע סאלדאטען. אויב דאס איז גילטיג פאר אנדערע סאציאליסטישע פארטייען, אפשיטא שוין טרעפען אזעלכע מאמענטען אין לעבען פון א אידישער ארבייטער־פארטיי. אין אונזער אידישען לעבען, וואס איז געווען אזוי שטורעמדיג אין די לעצטע 20-25 יאהר זיינען פארטייען אויפגעשטאנען און זיינען אונטערגעגאנגען. דער אידישער רעוואלוציאנערער כאראקטער, די נשמה־אומרוה, די גרויסע אומגעדולד, דאס פעהלען פון טראדיציאנעלער צוגעבונדענהייט צו איין פארטיי— דאס אלץ האט געווארפען דעם פארטיי־עולם אין די ארעמס פון יעדער נייער אוואנטורע, וועלכע איז געווען גרייט מבטל צו מאכען און צושטערען דאס פריהער געשאפענע און אויפגעבויטע. אונטער אזעלכע אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען איז אויסגעקומען, און קומט אויך איצט אויס, דער פועלי ציון פארטיי צו ארבייטען און טראגען איהר אידעע אין דער אידישער ארבייטער־גאס.

מיר מוזען זיך נאך אפשטעלען אויף דער ספעציעלער לאגע אין אמעריקא גופא: דאס לאנד וואו מיר לעבען און שאפען איז, ליידער, ניט מסוגל פאר אידעאליסטישע מאסען־פארטייען; דער גרעסטער טייל פון די אידישע ארבייטער זיינען ארגאניזירט אין קערפערשאפטען, וועלכע האבען הינטער זיך א מאטעריעלען הינטערגרונד. אזוי זעהען מיר, אז די ארדענס פאר געגענזייטיגער הילף און די טרייד יוניאנס זיינען געווארען די יעניגע, וועלכע קאנצענטרירען אין זיך צעהנדליגער און הונדערטער טויזענטער מיטגלידער, בעת די צאהלען פון די אידישע סאציאליסטישע פארטייען זיינען זעהר באגרעניצט, און זייער טאג־טעגליכער קאמף איז פארבונדען מיט אונגעהויערע שוועריגקייטען. דער כוח פון א פארטיי ווערט הויפטזעכליך געמאסטען לויט דעם געזעלשאפטליכען איינפלוס, וואס זי איז ביכולת אויסצואיבען אויף דער ארומיגער סביבה, אויף ווי ווייט זי קען אין אנטשפרעכענדע מאמענטען געבען דעם פאלק א לאזונג און אן אידעע און אנצינדען אין איהם דעם פייער און גלויבען אין אייגענער באפרייאונג און אין קאמף פאר א שעהנער און הערליכער צוקונפט.

אט די פראבע האבען די פועלי ציון גלענצענד אויסגעהאלטען במשך פון די לעצטע 22 יאהר פון זייער עקזיסטענץ און ביז היינטיגען טאג זיינען זיי א געזעלשאפטליכער פאקטאר אין יעדער שטאדט און שטעדטעל פון אמעריקא. יעדע שעהנע טאט, וועלכע ווערט דורכגעפיהרט אין דער אידישער גאס אויף דעם געביט פון אידישען סאציאליזם, פון קולטורעלער שאפונג פון נאציאנאלען באפרייאונגס קאמף, ווערט אינספירירט, אנגעפיהרט און דורכגעטראגען אויף די פלייצעס פון די פועלי ציון. דער כח פון דער פועלי ציון פארטיי אין איצטיגען מאמענט באשטייט ניט אזוי אין דער גרויסער צאהל פון איהרע מיטגלידער; נאר אין דעם באוואוסטזיין פון איהרע חברים, אין דעם מאראלישען איינפלוס, וועלכען זי איבט אויס אין דער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט און וועלכע האט א היסטארישע באדייטונג ניט בלויז פאר איהרע אייגענע קרייזען אליין, נאר פאר די ברייטע מאסען פון אידישען פאלק.

## אונזער ארגאניזאציע.

אונזער פארטיי פארמאגט 71 ארגאניזאציעס און גרופען, וועלכע געפינען זיך אין די וויכטיגסטע שטעדט און שטעדטלאך פון

אמעריקא. דערצו געפינען זיך אין פילע קלענערע פונקטען איינצעלנע טוער, וועלכע שטעהען מיט אונז אין יעדער גרויסער אקציע, וועלכע די פארטיי פיהרט דורך. די מיטגלידערשאפט פון דער פארטיי ווערט איצט גערעכענט אויף דעם סמך פון דער נייער רעגיסטראציאנס־סיסטעם, וועלכע די 14טע קאנווענשאן אין ניו יארק האט אנגענומען. ביי היינטיגען טאג זיינען אין דער פארטיי רעגיסטרירט קרוב צו 1500 חברים, אויסער א באדייטענדער צאהל פון אונזער מיטגלידערשאפט, וועלכע מיר האבען נאך ניט באוויזען צו דערגרייכען, באזונדערס אין די זידליכע שטאטען און אין די שטאטען ביים פאסיפישען אקעאן. צורעכענענדיג אויך יענע גרופען, פארמאגען מיר ארום 2,000 חברים, וועלכע דינען אלס פארפאסטען פון דער פארטיי און פון יעדער געזעלשאפטליכער ארבייט, וועלכע זי אונטערנעמט.

## די פועלי ציון יוגענט.

א וויכטיגער צווייג פון אונזער פארטיי איז די פועלי ציון יוגענט־באוועגונג, וועלכע האט אנגענומען איהר קאנסטיטוציע ביי דער ערשטער גרינדונגס־קאנפערענץ אין פיטסבורג אין יאהר 1920. במשך פון די לעצטע פיר־פינף יאהר האט זי זיך קריסטאליזירט אין א סאלידער ארגאניזאציע, און האט זיך ערווארבען וויכטיגע פארדינסטען פאר אונזער באוועגונג. זי איז געווארען א שולע, וואו די יונגע חברים ווערען ערצויגען אין נאציאנאל־סאציאליסטישען גייסט, און פאר דעם צוועק פיהרט זי א ברייטע קולטורעלע און זעלבסט בילדונג ארבייט. עס פונקציאנירען ביי איהר אייניגע פארטיי־שולען, קורסען, קלאסען, זעלבסט־בילדונג־קרייזען, דראמאטישע קרייזען, כארען, ביבליאטעקען און אייניגע ספארט־גרופען. אין דערזעלבער צייט איז די יוגענט־ארגאניזאציע געווארען א כח, וואס לייסטעט פיל פאר די וויכטיגע אקציאנען, וועלכע די פארטיי אונטערנעמט, באזונדערס פאר דעם פאלעסטינא ארבייטער פאנד און פאר אלע אינסטיטוציעס פון דער אידישער ארבייטערשאפט בכלל. דאן דינט שוין איצט די יוגענט אלס רעזערוואואר, פון וואנען עס קומען אריין צעהנדליגע נייע מיטגלידער אין אונזער פארטיי. אין די לעצטע צוויי יאהר זיינען אריינגעקומען אין דער פארטיי 7 יוגענט־קלובען און ביי היינטיגען טאג געפינען זיך שוין נאך אייניגע קלובען, וועלכע זיינען פארטיג אריינצוטרעטען אין אונזערע רייהען און פארנעמען וויכטיגע פאסטענס אין דער פארטיי־ארבייט.

די יוגענט־באוועגונג פארמאגט איצט 33 ארגאניזירטע קלובען, וועלכע געפינען זיך אין 22 שטעדט און 12 שטאטען אויסער קענעדע. פון זיי זיינען העלפט ענגליש ריידענדע. די מיטגלידערשאפט אין דער יוגענט־באוועגונג באשטעהט פון 1,200 חברות און חברים אין א דורכשניט־עלטער פון 16 ביז 21 יאהר. זיי גיבען ארויס זייער זשורנאל „יוגענט" אין אידיש און אין ענגליש, דער זשורנאל ווערט רעדאגירט פון א קאלעגיום פון די חברים ה. סילווער, א. ראזענבערג און ב. קאדער. זיי האבען לעצטען סעפטעמבער אפגעהאלטען זייער פינפטען צוזאמענפאהר אין אלבאני. די ארבייט ווערט געלייטעט פון א צענטראלען יוגענט־קאמיטעט, וועלכער באשטעהט פון די חברים: י. שניידער, ה. מאקסאן, מ. רודי, ה. סילווער, מ. לעפקאוויטש, מ. ראזענבערג, פאגעלפאנגער, מ. כהן, חבר ב. קאדער, אלס סעקרעטאר, און פון די חברים א. העמלין און ש. באנטשעק אלס פארטרעטער פון צ. ק. פועלי ציון.

## די פיאנערען־פרויען־ארגאניזאציע.

ביים 14טען צוזאמענפאהר פון דער פועלי ציון פארטיי אין ניו יארק, ענדע 1924, איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע בעאויפטראגענדיג דעם צענטראל קאמיטעט צו ארגאניזירען פרויען־קלובען אין אמעריקא אלס א טייל פון דער פועלי ציון באוועגונג, וועלכע זאלען האבען אלס זייער הויפט ציל צו פארשטארקערן די פאזיציעס פון דער ארבייטענדער פרוי אין ארץ ישראל.

דער באשלוס האט געפונען א ברייטען אפקלאנג און הארציגע סימפאטיע אין אלע קרייזען פון אונזער באוועגונג און באזונדערס צווישען די באוואוסטזיניגע פראגרעסיווע פרויען. צו יענער צייט האבען עקזיסטירט סך הכל צוויי קלובען, איינער אין ניו יארק און א צווייטער אין שיקאגא, און ביי היינטיגען טאג צעהלט שוין די פרויען־ארגאניזאציע 27 קלובען מיט א מיטגלידערשאפט פון 1,000 ארגאניזירטע חברות.

אין פארלויף פון לעצטען יאהר האט די פרויען־ארגאניזאציע שוין דורכגעפיהרט א אינטענסיווע אקציע פאר די פרויען־קבוצות

אין ארץ ישראל און האט באוויזען צונויפצוזאמלען ארום 10,000 דאלאר, דורך וועלכע עס זיינען פיל פארשטארקט געווארען די פרויען־ווירטשאפטען. אויסער דעם האט זיך די פרויען־ארגאניזאציע באטייליגט אין א רייהע אנדערע ארץ ישראל און קולטור־טעטיגקייטען.

די פרויען ארגאניזאציע האט לעצטען אקטאבער אפגעהאלטען איהר ערשטען גרינדונגס־צוזאמענפאהר אין ניו יארק. ביים צוזאמענפאהר האט זי פעסטגעשטעלט איהר קאנסטיטוציע און פראגראם, לויט וועלכער זי שטעלט זיך אלס הויפט־אויפגאבע צו באפעסטיגען די פאזיציעס פון דער ארבייטער־פרוי אין ארץ ישראל, פארבעסערען איהר עקאנאמישע און סאציאלע לאגע און דערמעגליכען איהר פולען אנטייל אין דעם אויפבוי פון דעם אידישען היימלאנד אין ארץ ישראל. די פרויען־ארגאניזאציע נעמט אויך אנטייל אין אלע יענע אקטיוויטעטען, וועלכע פארשטארקערען דעם ארבייטער־כח אין ציוניזם און דערמעגליכען איהם דורכצופיהרען זיין היסטארישער מיסיע.

ביי דעם זעלביגען צוזאמענפאהר איז אויך באשלאסען געווארען, אז די פרויען־ארגאניזאציע גיט זיך אפ מיט אלגעמיינער אויפקלערונגס און פראפאגאנדע־ארבייט, וועגען סאציאלע, נאציאנאלע און קולטורעלע פראבלעמען פון די אידישע פאלקס־מאסען בכלל און פון דער אידישער פרוי בפרט. די ארגאניזאציע אנערקענט אויך די וויכטיגקייט פון דערציהען דעם יונגען אידישען דור אויף נאציאנאל־פראגרעסיווע יסודות, און פאר דעם צוועק נעמט זי אנטייל אין דער אויפהאלטונג פון די עקזיסטירענדע אידישע פאלקס־שולען און באטייליגט זיך אין יענע ארבייטען, וועלכע פיהרען צו דער פארשטארקונג און פארצווייגונג פון פראגרעסיווע שול־וועזען אין אמעריקא.

די ארגאניזאציע ווערט אנגעפיהרט פון א עקזעקוטיוו קאמיטעט וועלכער באשטעהט פון די חברות: בערג, אפעלבוים, עהרענרייך, ד־ר. ס. קאמענעצקי, סיגעל, סאניא לעהר, לאה בראון, טרעזשורערין, לאה ביסקין, סעקרעטארין און חבר א. העמלין אלס פארטרעטער פון צ. ק. פועלי ציון. די ארגאניזאציע האט אנגעהויבען ארויסגעבען א פעריאדישען זשורנאל, „די פיאנערין", אין אידיש און ענגליש, וועלכער ערשיינט דערווייל איין מאל אין דריי חדשים און וועלכער וועט גאר קירצליך פארוואנדעלט ווע־ען אין א חודש'ליכען. די פרויען־ארגאניזאציע האט געפונען א העכסט סימפאטישען אפרוף אין פילע קרייזען און ס'איז אהן ספק אז אין דער נאהענטער צוקונפט וועט זי ווערען א וויכטיגער כח פאר ארץ ישראל און פאר דער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג.

## פרעסע און פארטיי־ליטעראטור.

די פארטיי גיט איצט ארויס איהר פארטיי־ארגאן „דער אידישער ארבייטער", וועלכער ערשיינט איינמאל אין צוויי וואכען אונטער דער רעדאקציע פון א קאלעגיום, באשטעהענד פון די חברים: יואל ענטין, א. העמלין און פ. קרוזא, דער לעצטער אלס סעקרעטאר און אנפיהרער פון דער רעדאקציע. דער „אידישער ארבייטער" ענטהאלט פילע ארטיקלען און אפהאנדלונגען איבער אידישע געזעלשאפטליכע און ארבייטער פראבלעמען וועלכע האבען א שייכות מיט דעם פועלי ציוניזם. אויסער דעם איז ער רייך אין אינפארמאציע וועגען ארץ ישראל און היגען פארטיי לעבען.

אויסער דעם „אידישען ארבייטער" ערשיינט אויך דער „יוגענט זשורנאל", וועגען וועלכען מיר האבען שוין דערמאנט און וועלכער ווערט פארשפרייט צווישען דער נאציאנאל־סאציאליסטישער יוגענט, און „די פיאנערין", דער פרויען זשורנאל וועלכער ווערט פארשפרייט צווישען די חברות. עס דארף דערצו אויך צוגערעכענט ווערען דער חודש זשורנאל „די שטימע", דער ארגאן פון אונזער שוועסטער־ארגאניזאציע, דעם נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, וועלכער דינט אלס געטרייער אויפקלערונגס־מיטעל פאר נאציאנאל־סאציאליסטישע אידעען.

אויף דעם געביט פון ליטעראטור־אויסגאבען זיינען במשך פון די לעצטע 20 יאהר ארויסגעגאנגען א מאסע בראשורען, צייטונגען, פלוג־בלעטער און ביכער. פון די וויכטיגסטע ביכער, וועלכע זיינען ביז איצט פארשפרייט, זיינען די שריפטען פון ב. בארוכאוו. „יזכור", און דער ארץ ישראל בוך. הייגטיגס יאהר זיינען אויך ערשינען צוויי ווערטפולע ביכער, די שריפטען פון אונזער פארשטארבענעם גרויסען פיהרער, דר. נחמן סירקין. עס ווערט איצט אויך פראיעקטירט די ארויסגאבע פון צוויי גרויסע ווערק, איינעם וועגען דער געשיכטע פון פועלי ציוניזם אין אידיש,

און אַ צווייטען בוך וועגען פּועלי ציוניזם אין ענגליש. צו דער ליטעראַרישער אַרבייט פון דער פּאַרטיי דאַרף אויך צוגערעכענט ווערען דער איצטיגער יאָהר־בוך און אַלמאַנאַך, וועלכער וועט האָפענטליך פאַרבלייבען אַ שטענדיגע אינסטיטוציע אין דער פּועלי ציון באַוועגונג.

## שולען און קולטור אַנשטאַלטען.

פאַר אָט דער טעטיגקייט האָט אונזער פּאַרטיי אַוועקגעגעבען זעהר פיל כחות און ענערגיע. אין דעם איצטיגען מאָמענט געפינט זיך די שולען־באַוועגונג אין אַ סטאַדיום פון פאַרשטאַרקטען וואוקס און אַנטוויקלונג. אַ באַנייטער אינטערעס האָט זיך דערוועקט אין די קרייזען פון דער אידישער אינטעליגענץ און באַוואוסטזיניגער אַרבייטערשאַפט פאַר אַ פּראָגרעסיווער אידישער ערציהונג. אין 1909, ווען אונזער קאָנווענשאָן איז מאָנטרעאָל האָט פּראָקלאַמירט די דאָזיגע אידעע, זיינען מיר געווען איינזאַם און שוואַך. איצט ווערט אָנגעפיהרט אַ ברייטע און פאַרצווייגטע ערציהונגס־טעטיגקייט פון אונזער פּאַרטיי, צוזאַמען מיט אונזער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע, דעם נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד, אויסער די שלום עליכם פאָלקס שולען, ווי אויך פון אַרבייטער רינג. ביי היינטיגען טאָג פאַרמאָגען מיר שוין איבער 40 פון אונזערע פאָלקס שולען וועלכע שטעהען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער גלייכבאַרעכטיגונג פון ביידע שפּראַכען, העברעאיש און אידיש און אין וועלכע עס קריגען אונטערריכט קרוב צו 6000 קינדער. זייער ערציהונג ווערט אָנגעפיהרט אין אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווען גייסט און אין אַ פּאָזיטיווער באַציהונג צו די העכסטע אידעאַלען פון אַרבייטער־קלאַס און פון אידישען פאָלק.

צו די שולען דאַרף אויך צוגערעכענט ווערען דער אידישער לעהרער סעמינאַר, וועלכער האָט איצט דערגרייכט די שטופע פון פּאָפּולאַריטעט און ליבע צווישען דער אידישער אינטעליגענץ און די שולען־טוער. דער לעהרער־סעמינאַר האָט שוין ביז איצט גראַדואירט 40 לעהרער און לעהרערינס, וועלכע פאַרנעהמען וויכטיגע פּאָסטענס אין פילע פון אונזערע פאָלקס שולעס. ביי היינטיגען טאָג געפינען זיך אין דעם לעהרער־סעמינאַר אַ גרויסע צאָהל סטודענטען, וועלכע קריגען אַן אַלזייטיגע בילדונג און וויסען און וועלכע ווערען פאַרבערייטעט צו זיין לעהרער און ערציהער פון דעם יונגען אידישען דור אין אַמעריקא.

## אונזער ארץ ישראל אַקטיוויטעט.

די פּועלי ציון פּאַרטיי האָט פון דעם ערשטען טאָג פון איהר גרינדונג אַנטייל גענומען אויף דעם אַקטיווסטען אופן אין אַלע יענע אַרבייטען, וועלכע האָבען באַצוועקט צו פאַרשנעלערען דעם פּראָצעס פון דעם ארץ ישראל אויפבוי אויף קאָאָפּעראַטיווע און אויף אַרבייטער־יסודות. די פּאַרטיי האָט 15 יאָהר אָהן אונטערברעכונג אָנגעפיהרט די טעטיגקייט פאַר דעם פּאַלעסטינע אַרבייטער פאָנד און האָט צוגעשטעלט די הויפּט מיטלען צו דעם פאָנד פאַר זיינע קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטען און אונטערנעהמונגען אין ארץ ישראל. די פּאַרטיי האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט דורך איהרע באַדייטענדע און גרויסע ארץ ישראל אַקציאָנען. זי האָט דורכגעפיהרט דעם גרויסען געצייג קאַמפּיין אין יאָהר 1920, אַ דאַנק וועלכען עס זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען טראַקטאָרס, מאַשינען און געצייג פאַר די אַרבייטער קאָאָפּעראַטיווען און אינסטיטוציעס. זי האָט אין 1921 אָנגעהויבען די גרויסע אַקציע פאַר דער אַרבייטער באַנק און עס זיינען אין אַמעריקא פאַרשפּרייט געוואָרען קרוב צו 20,000 שערס. דורך דעם איז געגעבען געוואָרען די מעגליכקייט פאַר דער אַרבייטער־באַנק צו באַפעסטיגען זיך און זיך פאַרנעמען מיט אַ וואונדערבאַרער און קאָנסטרוקטיווער טעטיגקייט. אין 1923 איז די פּאַרטיי געווען אינסטרומענטאַל און האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפען אין דער דורכפיהרונג פון ערשטען געווערקשאַפטען קאַמפּיין אין וועלכען עס איז געזאַמעלט געוואָרען איבער 53,000 דאָלאַר, אין צווייטען געווערקשאַפטען קאַמפּיין פון יאָהר 1926, אין וועלכען ס'איז געזאַמעלט געוואָרען די סומע פון 111,000 דאָלאַר, אויסער דער געוואַלדיגער פּראָפּאַגאַנדע וועלכע איז דורכגעפיהרט געוואָרען צווישען דער אידישער אַרבייטערשאַפט אין אַמעריקא און וועלכע האָט זי באַדייטענד דערנעהענטערט צו דער אַרבייטערשאַפט פון ארץ ישראל. אין איצטיגען מאָמענט שטעהט די פּאַרטיי גרייט צו דער גרעסטער אָנשטרענגונג, וועלכע מיר האָבען ווען עס איז געמאַכט און דאָס איז צו דער גרויסער אַקציע, וועלכע דער ניי־פאָרמירטער נאַציאָנאַלער אַרבייטער קאָמיטעט פאַר ארץ

ישראל האָט איצט אונטערנומען, צונויפצאַמלען אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר אין יאָהר 1927 פאַר די אינסטיטוציעס פון אַרבייטער ישוב אין ארץ ישראל.

אויסער דער זעלבסטשטענדיגער אַרבייט, בעטייליגען זיך אונזערע חברים אין דער אַרבייט פון קרן היסוד און פון אידישען נאַציאָנאַל פאָנד. די פאַרטיי איז פאַרטראָטען אין דעם דירעקטאָריום פון קרן היסוד דורך די חברים מאיר בראון און א. העמלין, און אין דעם דירעקטאָריום פון אידישען נאַציאָנאַל פאָנד דורך די חברים ס. באָנטשעק, פּ. קרוזאָ, י. זאַר, דוד פינסקי און מאיר בראון. אין דיזע קערפערשאַפטען ווירקען אונזערע חברים אין גייסט פון אונזער פאַרטיי און זוכען צוזאַמען מיט אַנדערע עלעמענטען צו פאַרגרעסערען די אַקטיוויטעט פאַר דיזע פאָנדען און פאַרשטאַרקערען דערמיט דעם אַלגעמיינעם אויפבוי פון ארץ ישראל.

## דער צענטראַל קאָמיטעט.

די לייטונג פון דער פאַרטיי באַשטעהט איצט פון די פאָלגענדע חברים: דר. י. אַפּעלבוים, מאיר בראון, ס. באָנטשעק, י. בערקענבליטה, פּ. קרוזאָ, ה. עהרענרייך, יואל ענטין, פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, ש. גאָלדשטיין, ל. סיגאַל, ס. סיגעל, וו. שוואַרץ, י. זאַר, ב. צוקערמאַן, מ. גודמאַן, א. מייעראָוויטש, א. העמלין, די חברים מ. קאָדער און א כהן פון דעם יוגענדליכען צ. ק. און חברה לאה ביסקין פון דער פּיאָנערען־פרויען־אָרגאַניזאַציע.

## שלום־וואָרט.

אין דער אידעען־וועלט, וועלכע האָט באַהערשט די מוחות פון דעם באַוואוסטזיניגען אידישען אַרבייטער במשך פון די לעצטע 25 יאָהר, איז נאָך קיין איין אידעע און קיין געדאַנק ניט אַרויסגעגאַנגען אַזוי זיגרייך ווי דער פועלי ציוניזם. די צייטען, ווען מיר זיינען געשטאַנען איינזאַם, זיינען פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט געוואָרען, זיינען שוין לאַנג פאַראיבער. דער געדאַנק פון ציוניזם אין סאָציאַליזם, דער געדאַנק, אַז דער אידישער אַרבייטער־קלאַס איז מחויב צו שטעלען זיך אָן דער שפּיצע פון דעם אידישען באַפרייאונגס־קאַמף, איז שוין איצט פאַרשטענדליך און איז נאָהענט צום האַרצען פון אַ גרויסער צאָהל פון אונזערע אַמאָליגע געגנער. ביי היינטיגען טאָג קענען מיר קאָנסטאַטירען אַז אין גרויסע קרייזען פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט ווערט אַרויסגעוויזען פאַרשטענדניש און אַ וואַרימער אינטערעס צו אַלץ, וואָס אונזער באַוועגונג שאַפט, דאָ אין אַמעריקא און באַזונדערס אין ארץ ישראל. דאָס אַלץ דערנעהענטערט דעם זיג פון דער שעפערישער אידעע פאַר וועלכער מיר האָבען געלעבט און געאַרבייט במשך פון די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען.

# דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד

פון ל. סיגאַל

די געשיכטע פון פאַרבאַנד איז אַ געשיכטע פון פאַרזוכען, פון געהן אויף אַ נייעם וועג, פון דעמאָנסטרירען זיין אייגענאַרטיגקייט, פון שאַפען אַ נייע אידישע אַרבייטער קערפערשאַפט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט נייע לאָזונגען אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבייטער־גאַס. דער פאַרבאַנד איז געוועזען דער פּיאָנער פון דער אידיש־קולטורעלער אויפלעבונג אין אַמעריקא. די ערשטע אָרגאַניזאַציע אַרויסצוגעבען קינדער ליטעראַטור מיט אַ מאָדערנעם אינהאַלט, האָט מוטיג געקעמפט פאַר איינפיהרען אידישע און העברעאישע אָפּטיילונגען אין די פאָלקס ביבליאָטעקען, האָט געגרינדעט די ערשטע אידישע פאָלקס־שול אין אמעריקא, וואָס איז דאַן געוועזען די ערשטע שול אין דער וועלט; האָט געהאָלפען גרינדען און אויסהאַלטען דעם אידישען לעהרער סעמינאַר, וואַס האָט זיך איצט אַנטוויקעלט אין איינער פון די וויכטיגסטע אידישע קולטור־אינסטיטוציעס. האָט געשטיצט אַרבייטער־קעמפע און איז אַלע מאָל געוועזען אין די ערשטע רייהען ביי יעדער טעטיגקייט פון אַ פאָלקס־כאַראַקטער.

דער פֿאַרבאַנד האָט הינטער זיך אַ רייכע געשיכטע פֿון אידיש־געזעלשאַפֿטליכער און קולטורעלער טעטיגקייט. אָפֿט אַלס איניציאַטאָר פֿון גרויסע פֿאָלקס־טעטיגקייטען און פֿיל מאָל אַלס אַ שטאַרקער מיטהעלפֿער און מיטקעמפֿער פֿאַר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אידעען. אין אידישען קאָנגרעס, אין דער הילפֿס־ארבייט, אין דעם ארבייטער־קאָנגרעס פֿאַר א״י, אין ארבייטער־סטרייקס, אין גרעסערע אַקציעס פֿאַר דער ארץ ישראל אַרבייטערשאַפֿט, האָט דער פאַרבאַנד געשפּילט אַן אָנפֿיהרענדע ראָלע. אין די לעצטע יאָהרען האָט ער דורכגעפֿיהרט אַן אייגענע אַקציע, דורך וועלכער עס איז געשאַפֿען געוואָרען 20 טויזענט דאָלאַר פֿאַר׳ן ערשטען אידישען אַרבייטער־סאַנאַטאָריום אין ארץ ישראל. און לעצטענס פֿיהרען די פֿרויען קלובען אַן אַן אַקציע פֿאַר אַ פֿרויען און קינדער אָפּטיילונג אין דעם אַרבייטער סאַנאַטאַריום, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון אונזער פֿאַרשטאָרבענעם חבר ב. באָראָכאָוו. אין די אַלע טעטיגקייטען און אין פֿילע, פֿילע אַנדערע האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבייטער־פֿאַרבאַנד זיך געלאָזט פֿיהלען און געטאָן די אַרבייט מיט געטריישאַפֿט, מיט איבערגעבענהייט און מיט ליבע.

דער פֿאַרבאַנד פֿאַרמאָגט 120 ברענטשעס אין פֿאַרשידענע טיילען פֿון לאַנד און 35 פֿרויען קלובען. דער פֿאַרבאַנד ווערט אין דער פֿאַרזיכערונגס־וועלט באַטראַכט פֿאַר דער פֿינאַנציעל זיכערסטען אידישען אַרבייטער־אָרדען. די פֿאַרזיכערונגס־פּריווילעגיעס אין פֿאַרבאַנד קענען פֿאַרגליכען ווערען מיט די גרעסטע פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿטען אין אַמעריקא. דעם פֿאַרבאַנדס פֿאַרמעגען אין די פֿאַרזיכערונגס־פֿאָנדען באַטרעפֿט אַרום דריי הונדערט טויזענט דאָלאַר. דער פֿאַרבאַנד האָט פֿאַר דער צייט פֿון זיין עקזיסטענץ שוין אויסגעצאָהלט צו זיינע מיטגלידער אין פֿאַרשידענע בענעפֿיטען אַרום 275 טויזענט דאָלאַר.

זייענדיג אַ קאָאָפּעראַטיווע אידישע אַרבייטער־קערפּערשאַפֿט, שאַפֿט דער פֿאַרבאַנד פֿאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, וועלכע דינען די אינטערעסען פֿון די מיטגלידער.

וואָס זיינען די אינסטיטוציעס וואָס דער פֿאַרבאַנד שאַפֿט ?

## קאָאָפּעראַטיווע ליי־קאַסעס.

אין צעהנדליגע שטעדט האָבען די פֿאַרבאַנד־ברענטשעס אָרגאַניזירט שפּאַר־און־ליי־קאַסעס, וואו די מיטגלידער קענען שפּאָרען און לייען געלד אויף זעהר לייכטע באַדינגונגען. דער פֿאַרמעגען פֿון די קאַסעס באַטרעפֿט עטליכע הונדערט טויזענט דאָלאַר. די פֿאַרדינסטען פֿון די קאַסעס ווערען צוטיילט צווישען די מיטגלידער אויף אַ קאָאָפּעראַטיווען אופֿן און יעדען יאָהר ווערען פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציעס געהאָלפֿען פֿון די פֿאַרדינסטען, וואָס די קאַסעס ברענגען אַריין.

אין ניו יאָרק איז אין 1923 אָרגאַניזירט געוואָרען די פֿאַרבאַנד קרעדיט יוניאָן, וואָס איז געטשאַרטערט פֿון ניו יאָרק שטאַט בענקינג דעפּאַרטמענט און אָפּערירט מיט אַ קאַפּיטאַל פֿון אַרום הונדערט טויזענט דאָלאַר. די געשעפֿטען פֿון דער קרעדיט יוניאָן באַטרעפֿען אַרום צוויי הונדערט טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר. אַ טייל פֿון די פֿאַרדינסטען ווערען צוטיילט פֿאַר שולען און פֿאַר אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס. אַ פֿאַרזוך ווערט איצט געמאַכט צו פֿאַרוואַנדלען די קרעדיט יוניאָן אין אַ גרויסען קאָאָפּעראַטיווען פֿינאַנץ־אינסטיטוט.

## „אונזער קעמפּ" און „קינדערוועלט".

אין 1924 האָבען די ניו יאָרקער חברים אָרגאַניזירט אַן אינסטיטוציע צו בויען אַ פֿאַרבאַנד הויז אין ניו יאָרק. די אינסטיטוציע איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אונטער די געזעצען פֿון שטאַט ניו יאָרק און האָט אויך איינגעשלאָסען אין איהר פּראָגראַם פֿון טעטיגקייט די אָרגאַניזירונג פֿון אַ זומער־היים פֿאַר די פֿאַרבאַנד־חברים און פֿאַר זייערע קינדער. אין היילענד מילס, ניו יאָרק איז אין יוני 1926 געעפֿענט געוואָרען אַ פּראַכטפֿולער זומער פּלאַץ אונטער׳ן נאָמען „אונזער קעמפּ". טויזענטער חברים פֿון ניו יאָרק און פֿון אַלע טיילען פֿון אַמעריקא האָבען פֿאַרבראַכט זייער זומער־וואַקאַציע אין „אונזער קעמפּ" און אין פֿאַרלויף פֿון זומער איז געשאַפֿען געוואָרען אין „אונזער קעמפּ" אַ גייסטיגע אַטמאָספֿערע און אַ צענטער וואו אַלע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען זאָלען פֿאַרברענגען אין אַן אמת־חבר׳ישער סביבה.

אַ וויכטיגע אָפּטיילונג אין „אונזער קעמפּ" איז די „קינדערוועלט". דאָס איז אַ

וועלט פאר די קליינע קינדער, וועלכע דארפען ערצויגען ווערען אין דעם נאציאנאל־סאציאליסטישען גייסט און דארפען זיין די יורשים פון אונזערע אידעען. אין „קינדער־וועלט” זיינען 120 קינדער דעם ערשטען סעזאן ערצויגען געווארען גייסטיג און פיזיש. גייסטיג וויול זיי האבען דארט געלערענט די למודים פון אונזערע אידישע פאלקשולען, פיזיש, וויול זיי האבען די מעהרסטע פון זייער צייט פארבראכט אויף דער פרייער לופט אין א פלאץ, וואו די נאטור איז אויסערגעוועהנליך שעהן.

סיי „אונזער קעמפ” און סיי „קינדער־וועלט” זיינען איצט דערוויול נאך אין פראצעס פון אנטוויקלונג און וועלען מיט דער צייט אויסוואקסען גרויסע און וויכטיגע אינסטיטוציעס פאר די נוצען פון די פארבאנד־חברים, פאר זייערע קינדער און פאר דער גאנצער נאציאנאל־סאציאליסטישער באוועגונג. ענליכע אינסטיטוציעס ווערען איצט ארגאניזירט אין באסטאן, שיקאגא, קליוולאנד און אין אנדערע גרעסערע צענטרען.

## קאאפעראטיווע הייזער.

אין די לעצטע יאהרען איז די אידעע פון בויען קאאפעראטיווע הייזער פאר אידישע ארבייטער געווארען פאפולער. די הייזער ווערען געבויט אזוי, אז עס זאל געשאפען ווערען א קולטורעלע סביבה פאר די איינוואוינער און דאס דירה־געלט זאל באדייטענד רעדוצירט ווערען.

ברענטש 57 פון פארבאנד אין ניו יארק האט לעצטענס אויסגעבויט צוויי קאאפעראטיווע הייזער פאר 125 פאמיליעס. די הייזער באטרעפען נאהענט צו דריי־פערטעל מיליאן דאלאר. ענליכע קאאפעראטיווען ווערען איצט פון די פארבאנד־חברים ארגאניזירט אין בראנזוויל, ווי אויך אין אנדערע טיילען פון ניו יארק און אין אנדערע טיילען פון אמעריקא. אין פארבינדונג מיט די קאאפעראטיווע הייזער ווערען געשאפען אנדערע באדייטענדע קאאפעראטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע האבען גרויסע מעגליכקייטען פאר אנטוויקלונג.

## כארען, ארקעסטערס און דראמאטישע סעקציעס.

א באזונדערען ארט צווישען אונזערע קולטורעלע אינסטיטוציעס פארנעהמען די פארבאנד־כארען, מאנדאלין־ארקעסטערס און דראמאטישע סעקציעס.

דער כאר אין ניו יארק איז ארגאניזירט געווארען אין 1922 און האט געוואונען גרויסע אנערקענונג אין דער מוזיקאלישער וועלט ווי אויך אין די אידישע קולטורעלע קרייזען. דער דיריגענט פון כאר, לעא ליאוו, איז איינער פון די פיאנערען אויפ'ן געביט פון ארגאניזירען אידישע ארבייטער־כארען. אין כאר זיינען איינגעשלאסען ארום 150 יונגע־לייט און מיידלאך, וועלכע קומען נאך זייערע ארבייטס־שטונדען לערנען אידישע פאלקסלידער און קלאסישע מוזיק.

דער פארבאנד־מאנדאלין־ארקעסטער אין ניו יארק איז אינגאנצען אלט ארום 2 יאהר. דער ארקעסטער ווערט דיריגירט פון א. ווילסאן. אין ארקעסטער לערנען די מיטגלידער שפילען אויף מוזיקאלישע אינסטרומענטען און קריגען צו פארשטעהן מוזיק בכלל.

א דראמאטישע סעקציע איז אויך אין ניו יארק ארגאניזירט געווארען אין חודש אקטאבער, 1926, און ווערט געלייטעט פון דעם ארטיסט טייטעלבוים. די סעקציע האט זיך געשטעלט די אויפגאבע פון צייט צו צייט אויפצוטרעטען אין ליטערארישע שאפונגען, ווי אויך געבען די מיטגלידער א דערציהונג אין קונסט, דראמע און ליטעראטור.

כארען, ארקעסטערס און דראמאטישע סעקציעס זיינען אין די לעצטע יאהרען פון די פארבאנד־ברענטשעס און פרויען־קלובען געשאפען געווארען אין פארשידענע טיילען פון די פאראייניגטע שטאטען און קענעדע. אין די פראווינץ־שטעדט אויף א קלענערען מאסשטאב.

## די פרויען־קלובען פון פארבאנד.

מיט איניגע יאהר צוריק האט דער פארבאנד אנגעהויבען ארגאניזירען פרויען־קלובען, ניט קיין „אקזילערים”, ווי ביי אנדערע ארגאניזאציעס, נאר זעלבסטשטענדיגע קלובען מיט זעלבסטשטענדיגע טעטיגקייטען. דער הויפט־געדאנק פאר דער ארגאניזירונג פון פרויען־קלובען איז געוועזען צו געווינען די אידישע פרוי פאר אונזער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט און צו דערוועקען ביי דער פרוי דאס באוואוסטזיין, אז אלס א גלייכער מיטגליד פון דער געזעלשאפט, טראגט זי אויך גלייכע פליכטען צו דער געזעלשאפט און דארף פון איהר געניסען גלייכע רעכט. אין די הויפט־טעטיגקייטען פון די פארבאנד־קלובען זיינען איינגעשלאסען זעלבס־בילדונג און דערציאונג.

די קלובען פיהרען אָן זייער טעטיגקייט אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב און פיהרען אָפט דורך פאָרלעזונגען, לעקציעס, וויסענשאַפטליכע שמועסען, באַקענען די חברים מיט דער אידישער געשיכטע, סאָציאַליזם, ארץ־ישראל, פ ר א ג ע ן, קינדער־דערציאונג, ארבייטער־פראַגען, צייט־פראַגען, געזונדהייטס־פראַגען, הויז־ווירטשאַפט, הויז־היגיענע. די קלובען זיינען באַזונדערס טעטיג אין אַלע טיילען פון לאַנד אין דער גרינדונג און אויפהאַלטונג פון אונזערע אידישע פאָלקס־שולען.

לעצטענס פיהרען די קלובען אָן אַן אַקציע פאַר אַ פרויען־ און קינדער־אָפטיילונג אין דעם ארבייטער־סאַנאַטאָריום אין ארץ־ישראל, וואָס ווערט איצט געבויט אויפ'ן כרמל. פאַר דעם צוועק האָבען זיי זיך אונטערגענומען צו שאַפען די סומע פון 15 טויזענט דאלאר.

## פאָלק־שולען און קולטורעלע טעטיגקייטען.

אַ זעהר וויכטיגער טייל פון פארבאנד'ס טעטיגקייט איז אַלעמאָל געווען די אידיש־קולטורעלע טעטיגקייט און באַזונדערס די דערציאונג פון דעם אידישען קינד. אין די פאַרשידענע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע ווערען פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס און פרויען־קלובען, מיט דער מיטהילף פון די פועלי־ציון פאַראיינען, אויפגעהאַלטען אַרום פופציג אידישע פאָלק־שולען, אין וועלכע אַרום זעקס טויזענט קינדער קריגען אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע אידישע דערציאונג. פון די צאָלונגען פון יעדען חבר ווערט אַ באַדייטענדער טייל באַשטימט פאַר די שולען. באַדייטענדע סומען ווערען פאַר די שולען ספּעציעל געשאַפען.

דער פאַרבאַנד פיהרט אויך אָן אַ אַ סיסטעמאַטישע בילדונגס־טעטיגקייט אין די ברענטשעס און פרויען־קלובען, איינאָרדנענדיג אָפטע לעקציעס, קאָנצערטען, פאַרווילונגען און אַזוי ווייטער.

אַ וויכטיגען אָרט אין דער קולטורעלער טעטיגקייט פון אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבייטער־פאַרבאַנד פאַרנעמט אויך די טעטיגקייט פאַר'ן אידישען לערער־סעמינאַר.

כאָטש דער אידישער לערער־סעמינאַר ווערט געפיהרט און פאַרוואַלטעט ניט בלויז פון אידיש־נאַציאָנאַלען אַרבייטער־פאַרבאַנד, ווערט ער אָבער באַטראַכט פאַר אַן אינסטיטוציע, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געהאָלפען גרינדען און העלפט אין איהר פאַרוואַלטונג און אָנפיהרונג. יעדען יאָהר ווערען פון דער צענטראַלער לייטונג פון פאַרבאַנד, פון די ברענטשעס און פון פילע חברים בייגעשטייערט פאַר'ן סעמינאַר באַדייטענדע סומען.

## שטיצע פאַר סטרייקס.

די ברענטשעס און קלובען פון פאַרבאַנד רופען זיך אַלעמאָל האַרציג אָפּ צו העלפען די אַרבייטער אין זייערע פאַרשידענע קעמפע. לעצטענס זיינען באַדייטענדע סומען געשאַפען געוואָרען צו העלפען די ענגלישע מיינערס, די פּאַסייקער סטרייקער, די פאָריער סטרייקער און באַזונדערס די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק. אין פילע שטעדט האָבען די ברענטשעס און קלובען אויך געגעבען זייער מיטהילף די יוניאָנס צו אָרגאַניזירען זייערע פאַכען, וועלכע האָבען זיך אין די שטעדט אַנטוויקעלט. אָפטמאָל זיינען אין פאַרשידענע שטעדט דורך דער איניציאַטיווע פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס גערופען געוואָרען קאָנפערענצען צו שאַפען ראַדיקאַלע קערפערשאַפטען צו שאַפען הילף פאַר סטרייקענדע ארבייטער.

